STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04070

# FUN REBE'NS HOYF

D. L. Mekler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון רבי'נס הויף

(פון טשערנאָביל ביז טאַלנע)

געזאַמלטע חסידישע מעשה'לעך

פון

ד. ל. מעקלער

ניו יאָרק, 1931.

Copyright, 1931,
By
Louis Gerson and David L. Mekler.

Published By
THE JEWISH BOOK PUBLISHING COMPANY
77 Bowery New York, N. Y.

ערשטער באַנד

# טשערנאָביל

403101

געדרוקט אין דער אַסטאָריא פּרעס
480
ניו יאָרק, נ. י.

# אינהאַלט


זייט

פון טשערנאָביל ביז טאַלנע (איינלייטונג) — — — — — — 7

ר׳ אדם בעל שם — — — — — — — — — — — — 11

די דרויי ר׳ נחום׳ס — — — — — — — — — — 18

די בלינדע כלה — — — — — — — — — — — 24

רבי און תלמיד — — — — — — — — — — — — 29

ר׳ נחום אין טשערנאָביל — — — — — — — — 35

מסירת נפש — — — — — — — — — — — — 43

די גאולה — — — — — — — — — — — — — 49

אַ מופת — — — — — — — — — — — — — — 55

די עקרה — — — — — — — — — — — — — 61

דעם שטנ׳ס מפלה — — — — — — — — — — 67

רוח הקודש — — — — — — — — — — — — 75

דער קרבן — — — — — — — — — — — — — 81

די חסידישע מלוכה — — — — — — — — — — 88

דער שידוך — — — — — — — — — — — — — 96

דעם רבי׳נס הויף — — — — — — — — — — 103

גליענדיגע קוילן — — — — — — — — — — 109

דער גלגול — — — — — — — — — — — — 116

די שפּאָקולן — — — — — — — — — — — 122

דעם למד־וואָווניק׳ס סדר — — — — — — — — 128

דער כח פון אַ מעשה׳לע — — — — — — — — 135

די גנבה — — — — — — — — — — — — — 141

זכות אבות — — — — — — — — — — — — 148

דעם רבי׳נס דרשה־געשאַנק — — — — — — — 154

די חסידישע בת מלכה — — — — — — — — 160

די יאַרמולקע — — — — — — — — — — — 166

די חסידישע מלחמה — — — — — — — — — 173

דער שידוך — — — — — — — — — — — — 180

דער אלף בית — — — — — — — — — — — 186

רות — — — — — — — — — — — — — — 193

| | |
|---|---|
| זייט | |
| דעם רבי׳נס פערד | 201 |
| די לודמירער מויד | 209 |
| די ליבע | 215 |
| חתן־כלה | 222 |
| דער חלום | 228 |
| די „הייליגע בתולה“ | 234 |
| די לודמירער מויד און דער טשערנאָבילער מגיד | 240 |
| דער פּדיון | 246 |
| אַ סוכה אין וואַלד | 252 |
| די אָפּגעשלאָגענע הושענא | 260 |
| שמחת תורה | 267 |
| דער בלינדער מלאך | 273 |
| די צעטיילטע מלוכה | 278 |


## בילדער:

| | |
|---|---|
| דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש | 5 |
| ר׳ אהרן טשערנאָבילער | 95 |
| ר׳ יוחנן ראַחמאַסטריווקער | 159 |



דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש, רבי און חבר פון ר׳ נחום טשערנאָבילער.

לזכרון מיין טאטן
ר׳ שלמה ברב יחיאל

געבוירן — תר״ז;
געשטאָרבן — כ״ט ניסן, תרע״ה

# פון טשערנאָביל ביז טאַלנע

(איינלייטונג)

טשערנאָביל! טאַלנע!

אַ הייליגער ציטער גייט דורך דעם חסיד.

אַלטע זכרונות שווימען אויף; האַלב־פאַרגעסענע מעשה׳לעך ווערן אָפּגעפרישט.

די צוויי אוקראַינישע שטעט זיינען פאַראייביגט אין דער געשיכטע פון חסידיזם. די חסידישע געשיכטע פון טשערנאָביל און טאַלנע — דער אויפגאַנג און דער אונטערגאַנג פון די רבי׳אישע הויפן אין די דאָזיגע צוויי שטעט — איז די געשיכטע פון גאַנצן חסידיזם „בזעיר אנפין", אין מיניאַטור.

טשערנאָביל האָט געזען דעם סאַמע אָנפאַנג פון חסידיזם, ממש די חבלי לידה פון דער נייער תורה, וועלכע האָט שפּעטער איינגענומען אַ האַלבע אידישע וועלט און צעטיילט די אידן אין צוויי — און פאַר אַ צייט פיינטלעכע — מחנות.

טשערנאָביל האָט געזען, און אַליין דורכגעמאַכט, גרויסע און ביטערע מלחמות, פריער מיט דער מתנגדישער וועלט און שפּעטער מיט אייגענע חסידים — געגנערישע און קאָנקורירנדיגע רבי׳אישע דינאַסטיעס. זי האָט אָבער אויך געזען דעם גרויסן טריאומף פון חסידיזם, זיין גלאַנץ, זיין גדולה און זיין מאַכט.

אין טשערנאָביל האָט זיך אָנגעפאַנגען האָמערן די גאָלדענע קייט פון אַ גרויסער חסידישער גזע — אַ קייט וועלכע איז נאָך עד היום ניט איבער־געריסן געוואָרן. די זריעה וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין טשערנאָביל מיט גענויע צוויי הונדערט יאָר צוריק איז זיך צעוואַקסן אין דער הויך, אין דער ברייט און אין דער טיף. טשערנאָביל איז אַזוי פאַרצווייגט גע־וואָרן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט בלויז מיט איין רבי׳אישן הויף נאָר מיט אַ רייע הויפן — גאַנצע אַכט אין צאָל — פון וועלכע יעדער איינער האָט פיל ביינעטראָגן צום חסידיזם.

טאַלנע איז געווען טשערנאָביל׳ס שענסטע פּרי. זי האָט מיט איר פּראַכט און גלאַנץ שפּעטער אינגאַנצן פאַרטונקלט טשערנאָביל. די יונגע

טאַכטער האָט פאַרשיינט דער אַלטער, און שוין אָפּגעשוואַכטער מאַמען. טאַלנע האָט אויפגעשטראַלט ווען טשערנאָביל האָט אָנגעהויבן ציינגן סימנים פון אָפּשוואַכונג.

טשערנאָביל איז אָבער תמיד געבליבן די מאַמע פון אַ גרויסער רבי׳־אישער גזע, וואָס איז געבליבן מעכטיג ביז היינטיגען טאָג און וואָס פרוּ־בירט איצט, ווען דער חסידיזם, ווי דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער אידענ־טום, מאַכט דורך זיין שווערסטן קריזיס, שלאָגן וואָרצלען און זיך איינ־פעסטיגן אין דער נייער וועלט — אין אַמעריקע, וואו אין די לעצטע יאָרן, ספּעציעל זינט נאָך דער וועלט־מלחמה, זיינען אַ גרויסע צאָל חסידישע רביים און רבי׳אישע אייניקלעך, פון דער טשערנאָבילער גזע, ווי פון אַנ־דערע גזע׳ס, געקומען זוכן אַ מקום מנוחה.

חסידים ריידן וועגן טשערנאָביל ווי וועגן אַ מנורה, וואָס צעשפּרייט זיך מיט אירע אַכט רערן — האָבענדיג אַרויסגעגעבן פון זיך אַכט באַזונ־דערע, גרויסע און באַרימטע רבי׳אישע הויפן, פון וועלכע דער טאַלנער הויף האָט אין זיין גדולה און השפּעה זיך אויפגעהויבן איבער זיי אַלעמען און ממש איבערגעוואַקסן זיין שטאַם — טשערנאָביל.

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער׳ס אַכט זין האָבן געהאַט עראָבערט אַ גרויסן טייל, אויב ניט דעם גרעסטן, פון דער חסידישער וועלט. יעדער פון זיינע זין איז זיך געוואָרן אַ „מלך״ פאַר זיך. די טאַלנער „מלוכה״ איז אָבער געוועזן די גרעסטע און שטאַרקסטע און מען האָט אויף איר געקוקט ווי אויף די אמת׳ע יורש׳טע פון טשערנאָביל׳ס גדולה, — כאָטש טשער־נאָביל אַליין איז קיינמאָל ניט אָפּגעווישט געוואָרן און די גאָלדענע קייט פון אירע אייגענע רביים איז קיינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן.

ר׳ נחום, דער גרינדער פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, איז גע־ווען פון די סאַמע ערשטע חסידישע לערער, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן די חסידישע תורה צווישן פאָלק. ער אַליין האָט דעם חסידיזם געלערנט פון סאַמע מקור, צו־ערשט פון בעל שם טוב און נאָכדעם פון דעם בעל־שם׳ס תלמיד מובהק און ממלא מקום, דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש.

ר׳ נחום, אָדער ווי מען האָט אים גערופן דער טשערנאָבילער מגיד, איז געוועזן דער אמת׳ער פאַרשפּרייטער פון חסידיזם. ער האָט דעם חסידיזם געבראַכט צו די ברייטע מאַסן. מיט דעם האָט ער אויף זיך געהאַט גענומען אַ שליחות, וואָס כמעט קיין אַנדערער פון דעם בעל שם׳ס אָדער דעם מעזעריטשער מגיד׳ס תלמידים, האָט ווען דורכגעפירט מיט מער שלמות און מער פייער ווי ער.

פאַר דעם האָט ר׳ נחום טייער באַצאָלט. ער האָט זיך ממש געמוטשט

מוסר־נפש זיין, ווי דאָס איז צו זען פון די מעשה׳לעך וואָס ווערן וועגן אים דערציילט. דאָס האָט אים געמאַכט פאַרן אמת׳ן לערער פון חסידיזם. וואָרים כאָטש ער אַליין האָט וועניג מחדש געווען, האַלטענדיג זיך שטרענג ביי דער לערע פון בעל שם, האָט ער אָבער די דאָזיגע לערע געבראַכט צום פאָלק און פאַרזייט די קערנדלעך פון חסידיזם, וואָס זיינען שפּעטער, אין די צייטן פון זיין זון ר׳ מאָטעלע, זיך צעוואַקסן אין אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג און געמאַכט דעם חסידיזם פאַר דאָס וואָס מיר קענען אים פון זיין נאָנטער פאַרגאַנגענהייט.

טשערנאָביל, דורך ר׳ נחום׳ן און דערהויפּט דורך ר׳ מאָטעלע׳ן, איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון דער טיפּישער חסידישער „מלוכה״, און שפּעטער זיך צעוואַקסן אין אַ רייע אַנדערע „מלוכות״, וועלכע האָבן זיך אויך געקנעפּלט און געצווייגט פאַקטיש מיט אַלע אַנדערע עקזיסטירנדיגע חסידישע דינאַסטיעס.

די טשערנאָבילער גזע איז אפשר נאָך היינט צו טאָג די גרעסטע און שטאַרקסטע פון אַלע אַנדערע חסידישע גזע׳ס.

עס איז אָבער מערקווירדיג וואָס טשערנאָביל איז ניט געוואָרן אַזוי מפורסם, וואָס אַנבעלאַנגט דער חסידישער ליטעראַטור, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַנדערע חסידישע הויפן.

פון ר׳ נחום׳ן איז וועניגער געשריבן געוואָרן ווי פון די אַנדערע גרויסע לערער פון חסידיזם. „דער קליינער בעל שם״, ווי מען האָט אים גערופן, איז כמעט פאַרשוויגן געוואָרן, כאָטש די חסידישע אגדה האָט פיל צו דערציילן פון אים און די חסידישע געשיכטע מוז אים אָפּגעבן זייער אַ חשוב׳ן פּלאַץ.

דאָס איינענע איז אויך מיט זיין ממלא־מקום ר׳ מאָטעלע, כאָטש ער איז געווען דער יעניגער, וואָס האָט דעם חסידיזם געמאַכט פאַר אַן אמת׳ע פאָלקס־באַוועגונג און איהם דערהויבן צו זיין גרויסער מאַכט.

די ראָל פון ר׳ דוד׳ל טאַלנער און זיין הויף וואָס ער האָט אויפגעבויט, זיינען אויך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. דער חסידיזם איז נאָך בכלל ניט געהעריג אויסגעפאָרשט און אָפּגעשאַצט געוואָרן.

עס איז ניט מיין צוועק און אויך ניט מיין אויפגאַבע דאָ צו שרייבן די געשיכטע פון טשערנאָביל און טאַלנע. איך האָב בלויז געזאַמלט די מעשה׳לעך פון די דאָזיגע צוויי באַרימטע הויפן, ווי זיי ווערן דערציילט פון די רביים פון יענע הויפן און זייערע חסידים און גיב זיי איבער ממש אין זייער אָריגינאַל.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אַז דאָזיגן קוואַל פון פאָלקלאָר כמעט צו־

פעליג און האָב ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון זיך מיט אים ניט צו באַנוצן.

איך האָב זיך באַמיט, אַז די מעשה׳לעך וואָס איך גיב איבער, זאָלן אויף ווי ווייט מעגליך, און אויף ווי ווייט זיי ענטהאַלטן אַ היסטאָרישן הינ־טערגרונט, אויך קענען דינען אַלס אַ מין היסטאָרישער מאַטעריאַל און זאָ־לען צוזאַמען, כמעט כראָנאָלאָגיש און אין זייער כאַראַקטער איבערגעבן אַ שטיקל געשיכטע. דערהויפּט אַ חסידיש־לעגענדאַרישע געשיכטע, פון טשער־נאָביל און טאַלנע.

דער עיקר האָב איך זיך באַמיט צו זאַמלען די מעשה׳לעך פאַר זייער פאָלקלאָריסטישן און קולטור־היסטאָרישן ווערט און מאַן ניט קיין אנדער אנערקענונג ווי אַלס איבערדערציילער פון חסידישע פאָלקס־מעשה׳לעך, פון וועלכע די מערסטע זיינען ביז איצט געווען אינגאַנצן אַ תורה שבעל־פה.

איך גיב זיי איבער בלויז אַלס מעשה׳לעך, וועלכע איך האָב געהערט און איבערדערציילט, געבנדיג אַנערקענונג פאַרן מאַטעריאַל צו דעם טאַל־נער־וויזניצער רבי, ר׳ מאָטעלע כאַדאָראָוו, פון די בראָנקס, אַז אייניקל פון ר׳ דוד׳ל טאַלנער: דער טאַלנער רבי׳ן פון ניו יאָרק, ר׳ דוד מרדכי טווערסקי: דעם טאָמאַשפּאָליער רבי פון ברוקלין, ר׳ משה׳לע שניאורסאָן־טווערסקי: דעם טשערנאָבילער רבי, ר׳ שלמה בן ציון טווערסקי, וועלכער איז געווען אויף אַ לענגערן באַזוך אין אַמעריקע, ווי אויך זייערע גבאים און מקורבים, ספּעציעל דעם טאַלנער רבי׳נס גבאי ר׳ אברהם סאַרקעס און אַ סך אַנדערע חסידים. אַנערקענונג קומט אויך דעם חסידישן משכיל און מלומד צ. ה. הערצבערג פון באַלטימאָר און מיין פריינט און קאָלעגע יוסף מאַרגאָשעס, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ סך מאַטעריאַל, ספּעציעל וועגן טאַלנער׳ס באַזוך אין גאַליציען.

די מעשה׳לעך זיינען צו־ערשט געווען געדרוקט אין "אַמעריקאַנער„ און זיינען רעדאַקטירט און אין מאַנכע פאַלן איבערגעשריבן געוואָרן איי־דער זיי זיינען פאַרפאַרטיגט געוואָרן פאַר בוך־פאָרם, און פאַר באַקוועמ־לעכקייט זיי צעטיילט אין צוויי בענד — איינער וועגן טשערנאָביל און דער צווייטער וועגן טאַלנע.

אַנערקענונג זאָל דאָ אויך געגעבן ווערן ל. גערסאָן, דעם ארויסגעבער פון "אַמעריקאַנער„, ערשטנס, פאַר דערמוטיגן דאָס זאַמלען פון דעם מאַ־טעריאַל און צווייטנס, פאַר דערמעגליכן, אַז די מעשה׳לעך זאָלן איצט ארויס אין בוך־פאָרם.

ניו יאָרק, תרצ״א.

ד. ל. מעקלער.

א.

# ר׳ אדם בעל שם

די אַנטדעקונג פון די געהיימע כתבים. — די טראַדיציאָנעלע אָפּשטאַמונג פון ר׳ נחום טשערנאָבילער. — די וואונדער פון ר׳ אדם בעל שם. — די קעניגלעכע סעודה. — דער אָפּשניט פון אַ צורר היהודים.

חסידים האָבן אַ סך צו דערציילן וועגן רביים און סתם גוטע אידן, וואָס זיינען פּלוצים נתגלה און באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלע זייערע פריערדיקע יאָרן אָפּגעלעבט אַלס נסתרים און זיינען פון עולם באַטראַכט געוואָרן אַלס פּשוט׳ע עם הארצים.

ר׳ ישראל בעל שם־טוב, דער גרינדער פון חסידיזם, איז אַליין געוועזן איינער וואָס איז נתגלה געוואָרן, נאָכדעם ווי ער איז פאַר יאָרן לאַנג געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ פּשוט׳ן בשר־ודם. דאָס איינענע איז אויך געוועזן מיט דעם בעל שם׳ס ממלא מקום, דער רבי ר׳ בער, אָדער ווי ער איז אויך באַקאַנט אַלס דער מעזעריטשער מגיד.

אַנדערש איז אָבער געוועזן מיט׳ן טשערנאָבילער מגיד, ר׳ נחום, דער גרינדער פון דער פיל־פאַרצווייגטער טשערנאָבילער דינאַסטיע, און איינער פון די הויפּט־באַפעסטיגער און פאַרשפרייטער פון דעם בעל־שם׳ס חסידישע לערע.

ר׳ נחום האָט ניט אָנגעפאַנגען זיין פאַרבנרייכע חסידישע קאַריערע אין פאַרבאָרגעניש און געדאַרפט וואַרטן אויף אַ צופאַל נתגלה צו ווערן. זיין ליכט האָט ניט אויפגעשיינט אויפן חסידישן הימל פּלוצים און אומדערוואַרט.

ריידן חסידים מיט גרויס התפעלות, וועגן דעם ווי דער טשערנאָבילער מגיד האָט זיך לאַנגזאַם אָבער מיט תמיד־וואַקסנדיגער קראַפט, אויפגעהויבן אויפן חסידישן הימל, ווי די אויפגייענדיגע זון, וועלכע באַווייזט זיך צו־ערשט פון הינטער די בערג און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער אויפן האָריזאָנט ביז וואַנען זי בלענדעט די אויגן מיט איר ליכט און פילט אָן אַלע ווינקעלעך מיט אירע גאָלדענע שטראַלן.

נאָך אַלס קינד, דערציילט די חסידישע אגדה, האָט שוין ר׳ נחום אָנגעהויבן שם׳ן פאַר זיין לומדות, פאַר זיין צדקות, פאַר די גרויסע פאַרבאָרגענע כחות, וואָס ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסצייגן און פאַר זיין גדלות אין נגלה און אין נסתר. נאָך אַלס חדר־אינגל האָט מען שוין געהאַט אַנטפּלעקט, אַז עס וואַקסט פון אים אַ כלי.

און ר׳ נחום האָט זיך געהאַט אין וועמען איינצוגעבן. ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון גרויסע גאונים, צדיקים און בעלי־מקובל.

לויט דער טראַדיציע פון דער טשערנאָבילער גזע, שטאַמט ר׳ נחום פון ניט קיין אַנדערן ווי פון דעם מיסטעריעזן און אין געהיימנים־איינגעוויקלטן ר׳ אדם בעל שם.

דער דאָזיגער ר׳ אדם בעל שם איז אַ זעלטענע פיגור אין דער חסידישער אגדה. זיין עקזיסטענץ איז אפשר אַליין ניט מער ווי אַן אגדה. ער איז אָבער באַפליגלט און באַפּוצט געוואָרן מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיגע וואונדער־מעשה׳לעך און ס׳איז אים צוגעשריבן געוואָרן צו האָבן געווען דער ענטדעקער פון די געהיימניספולע כתבים, פון וועלכע דער בעל שם האָט שפּעטער געשעפּט זיין גרויסע חסידישע לערע און פון וועלכע ער האָט געקראָגן זיינע גרויסע כחות.

דער דאָזיגער ר׳ אדם בעל שם, לויטעט די טראַדיציע, זאָל עס האָבן געווען ר׳ נחום טשערנאָבילער׳ס עלטער־זיידע.

ווי אין די מערסטע וואונדער־מעשה׳לעך, ווערט ניט אָנגעגעבן גענוי דאָס פּלאַץ און די צייט, וואו און ווען ר׳ אדם בעל שם האָט געלעבט. אַזוי ווי די אגדה וויל האָבן, אַז ער האָט די ענטדעקטע געהיימע כתבים שפּעטער איבערגעשיקט דורך זיין זון צום בעל שם, וועלכער איז דאַמאָלט נאָך געווען אַ אינגל פון פערצן יאָר און האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אָקופּ, דאַרף עס הייסן, אַז ר׳ אדם בעל שם האָט געלעבט מיט אַ דור פריער פאַרן בעל שם.

די כתבים, ווערט דערציילט, האָט ר׳ אדם בעל שם געפונען אין אַ הייל אונטער אַ שטיין, וואו זיי זיינען געווען באַהאַלטן פאַר דורות־לאַנג און זיינען שוין אין פאַרוים געווען באַשטימט פאַרן בעל שם טוב.

די דאָזיגע כתבים האָבן ענטהאַלטן אַלע סודות פון דער תורה. כאָטש זיי זיינען געווען באַשטימט פאַר אימיצן אַנדערש און עס איז געווען זיין אויפגאַבע זיי איבערצוגעבן צו דעם, פאַר וועמען זיי זיינען באַשטימט, האָט ר׳ אדם בעל שם דערווייל אַליין געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין די דאָזיגע כתבים און ער האָט דורכדעם באַקומען דעם כח צו ווייזן די גרעסטע וואונדער.

ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

דער קיסר פון דער מדינה, וואו ר׳ אדם האָט געלעבט, האָט געהאַט אַ מיניסטער, אַ גרויסן שונא ישראל, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אין העצן געגן אידן.

האָט ר׳ אדם געוואָלט דעם דאָזיגן מיניסטער אָנלערנען און צומאַכן אים ס׳מויל, ער זאָל מער ניט ריידן קיין רשעות אויף אידן. אָבער ווי אַזוי טוט מען עס? איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה.

ער איז געקומען צום קיסר און אים מיט זיין גאַנצער סוויטע, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן דעם אידן־פיינטלעכן מיניסטער, פאַרבעטן צו זיך אויף אַ סעודה.

איז עס געווען אַ פּלא. ער, ר׳ אדם, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער אביון און וועלכער האָט געלעבט אין אַ קליין, האַלב־איינגעפאַלן הייזקע, זאָל פאַרבעטן צו זיך דעם קיסר אויף אַ סעודה! איז עס חוצפה אָדער נאַרישקייט?

דער צורר־היהודים׳דיגער מיניסטער, אַז ער האָט געהערט פון דער איינלאַדונג איז ער געוואָרן שטאַרק בייז און האָט אָנגערעדט דעם קיסר, אַז ער זאָל דעם חוצפה׳דיגן אידן באַשטראָפן. ווי האָט ער דען געוואַגט בעטן צו זיך אַ קיסר, ווען ער קען דעם קיסר ניט אויפנעמען מיט דעם גע־העריגן כבוד?

דער קיסר איז אָבער ר׳ אדם׳ס איינלאַדונג גראַד געפעלן געוואָרן און האָט זי אָנגענומען, באַשטימענדיג דעם טאָג ווען ער וועט קומען צו ר׳ אדם׳ס סעודה.

„אויב ער האָט מיר געלאַדן צו זיך, האָט ער מסתמא די מעגלעכקייט מיר אויפצונעמען ווי עס פּאַסט פאַר מיין כבוד", האָט דער קיסר גערעדט מיט פולן צוטרויען אין דעם אידן.

דער מיניסטער האָט אָבער געשטורמט.

„איך האָב געקראָגן געוויסע ידיעות", האָט ער דעם קיסר איבערגע־געבן, „אַז ער האָט ניט די מעגלעכקייט. ער איז אַ גרויסער אָרימאַן. קענסט זיך אַליין איבערצייגן אין דעם".

דער קיסר האָט געשיקט מענטשן אויסצוגעפינען, אויב דאָס וואָס דער מיניסטער האָט געזאָגט איז אמת. די מענטשן האָבן באַשטעטיגט זיינע רייד. ר׳ אדם בעל שם האָט געוואוינט ערגעץ אין אַן אָרים און שמוציג געסל אין אידישן קוואַרטל און אין הויז האָט געפייפט דער דלות פון אַלע ווינקעלעך.

דאָס האָט אָבער אויפן קיסר געהאַט די ווירקונג, אַז זיין נייגעריגקייט

זאָל ווערן גרעסער. וואָס אַזוינס איז ר׳ אדם געווען אויסן מיט זיין איינלאַדונג?

ווען דער טאָג פון דער סעודה איז געקומען, האָט דער אידן־פיינטלע־כער מיניסטער ווידער פּרובירט איבערריידן דעם קיסר זיך אָפּצוזאָגן פון ר׳ אדם׳ס איינלאַדונג, ווייל ער וועט האָבן נאָר בושה, אויב ער וועט קומען צו דער סעודה. ער האָט אויך גע׳עצה׳ט, אַז ר׳ אדם זאָל פאַר זיין חוצפה באַשטראָפט ווערן.

„מיר וועלן פאָרן צו דער סעודה אין דער באַשטימטער צייט", האָט דער קיסר זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן. „געוויס האָט דער איד עפּעס אַן איבערראַשונג פאַר אונז".

„פאַר ניט איידער דו איבערצייגסט זיך ניט, אַז דער איד האָט די מיטלען דיר אויפצונעמען מיט כבוד", איז דער מיניסטער באַשטאַנען.

דער קיסר האָט ווידער געשיקט שלוחים אויסצוגעפינען וואָס עס קומט פאָר ביי ר׳ אדם׳ן אין הויז און זיי זיינען געקומען מיט׳ן ענטפער, אַז אין הויז איז קיין סימן ניטאָ פון וועלכע עס איז פאַרבאַרייטונגען פאַר אַזאַ וויכטיגן גאַסט ווי דער קיסר.

פון דעסטוועגן האָט דער קיסר נאָך אַלץ ניט געוואָלט אויפגעבן זיין באַשלוס צו קומען צו דער סעודה.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער קיסר מיט זיינע באַגלייטער צו־געפאָרן צו ר׳ אדם׳ס הויז און גרויס איז געווען זיין איבערראַשונג ווען אַנשטאָט אַן אָרים, האַלב־איינגעפאַלן הייזקע, האָט ער פאַר זיך געזען אַ פּרעכטיגן פּאַלאַץ, מיט אַ שיינעם גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים.

אוניפאָרמירטע דינער האָבן פאָרן קיסר געעפנט דעם טויער, צוגענו־מען די פערד און אים באַגלייט אויף די מאַרמאָרענע טרעפּן, וואָס האָבן געפירט אינווייניג אין פּאַלאַץ אַריין.

דער קיסר האָט זיך געריבן די אויגן און דאָס אייגענע אויך זיינע באַגלייטער, איינשליסנדיג דעם אידן־פיינטלעכן מיניסטער.

אַריינקומענדיג אין גרויסן פאָדער־זאַל איז דעם קיסר׳ס אויג פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער וואונדערלעכער שיינקייט און דעם פיינעם געשמאַק, מיט וואָס אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט. עס האָט געבלאַנקט מיט גאָלד און מיט זילבער. עס האָט שעמערירט מיט קרישטאָל און עס האָט געשמעקט מיט פריש־געשניטענע בלומען און די טייערסטע פאַרפומען און בשמים.

אין צענטער איז געווען אַ באַסיין פון שניי־ווייסן מאַרמאָר, אָנגע־פילט מיט וואַסער, אין וועלכן עס האָבן אַרומגעשוואומען אַלערליי פיש.

ר׳ אדם בעל שם, אָנגעטאָן אין זיינע שבת׳דיגע מלבושים, אָבער אויף

קיין האָר ניט געענדערט, איז דעם קיסר געקומען אַנטקעגן און אים און זיינע באַגלייטער אַריינגעפירט אין אַ צווייטן זאַל, וועלכער איז געווען נאָך שענער און נאָך רייכער איינגעאָרדנט ווי דער ערשטער.

דאָרט זיינען טישן געווען געגרייט פאַר דער סעודה.

און וואָס פאַרא סעודה דאָס איז געווען! נאָר די עשירות פון אַ מלך האָבן געקענט אַזוינס באַווייזן. די בעסטע מאכלים, די זעלטנסטע געטראַנקען, די טייערסטע כלים. און דינער אָן אַ שיר. פאַר יעדער קליינקייט אַן אַנדער דינער.

איז דער קיסר געווען פאַרגאַפט.

„פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַזאַ עשירות און ווי אַזוי האָסטו עס געקענט אַלץ צוגרייטן אין אַזאַ קורצער צייט?" האָט ער געפרעגט ר' אדם בעל שם. „אַט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק האָט מען מיר געהאַט איבערגעגעבן, אַז דאָ איז געשטאַנען דיין אַלט הייזל."

"אדוני המלך, פרעג מיר ניט ווי אַזוי און זיי ניט צו נייגעריג צו וויסען", האָט אים ר' אדם בעל שם געענטפערט. "איך בעט דיר און דיינע באַגלייטער צו עסן און צו טרינקען און זיך לאָזן וואויל באַקומען."

דער קיסר האָט מער ניט געוואָגט פרעגן זיין בעל הבית, פילנדיג, אַז דאָס איז עפּעס ניט קיין נאַטירלעכע זאַך. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון די דינער, דערוואַרטנדיג עפּעס ביי אים אויסצוגעפינען. אָבער יענער האָט אים ניט געענטפערט. ער איז געווען שטום. שטום זיינען אויך געווען אַלע אַנדערע דינער אין פּאַלאַץ...

„עסט און טרינקט ווי אייער האַרץ געלוסט", האָט ר' אדם געבעטן זיינע געסט. „זאָל זיך אָבער אייך ניט געלוסטן אַוועקצונעמען וועלכן עס איז חפץ וואָס איר האָט פאַר זיך. אויב עפּעס גלוסט זיך אייך צו האָבן, דאַן שטעקט בלויז אַריין די האַנט אין קעשענע און איר וועט דאָרט געפינען וואָס איר האָט געוואונטשן..."

דער קיסר איז געווען דער ערשטער צו פּרובירן, זייענדיג הויפּטזעכלעך נייגעריג צו זען אויב דער וואונדער וועט טאַקע געשען.

„איך וויל האָבן אַ גאָלדענעם בעכער", האָט ער געזאָגט. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער דאָרט געפונען וואָס ער האָט געוואָלט...

זיינע באַגלייטער האָבן אים נאָכגעטאָן. יעדער האָט פון קעשענע אַרויסגעצויגן דעם חפץ וואָס ער האָט געוואָלט.

עס איז געקומען צום מיניסטער, דעם שונא ישראל. ער האָט אויך אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין קעשענע, אָבער ער האָט דאָרט גאָרניט גע־

פונעז. ווען ער האט די האנט צוריק ארויסגענומען איז זי געווען פאר־שמירט מיט עפעס א שווארצלעכן פארב וואס האט פון זיך ארויסגעגעבן א שרעקלעכן ריח.

דער ריח האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן זאל און אלע האבן זיך געמוזט כאפן פאר די נעזער.

דער מיניסטער איז געבליבן א פארשעמטער. ער האט מיט א סער־וועטקע פרובירט אפווישן דעם פארב אבער דאס איז ניט ארונטער. ער האט אנגעהויבן וואשן מיט וואסער און עס האט אויך ניט געהאלפן.

מיט א פנים, פלאמנדיג פון בושה, איז ער ארויס פון זאל, ווארים קיינער האט ניט געקענט אויסהאלטן דעם שלעכטן גערוך, וואס האט זיך געטראגן פון זיין פארשמוצטער האנט.

דער מיניסטער האט זיך איצט געווענדעט צו ר' אדם בעל שם.

„העלף מיר לייז ווערן פון דעם שמוץ!" האט ער זיך ביי אים גע־בעטען.

„זאג צו, אז דו וועסט מער ניט העצן געגן אידן און דיין האנט וועט ווערן צוריק ריין". האט ר' אדם אים געשטעלט א באדינג.

דער מיניסטער איז אויף דעם איינגעגאנגען און דער פארב איז פאר־שוואונדן פון זיין האנט און ער האט זיך צוריק געקענט זעצן ביים קיי־זערלעכן טיש.

פארענדיגנדיג די סעודה האט דעם קיסר זיך פארגלוסט נעמען מיט זיך א פאר גאלדענע לעפל פון טיש. דאס איז געווען ניט אזוי צוליב דער שיינקייט און דעם ווערט פון די חפצים ווי צוליב דעם, וואס אים האט זיך געוואלט אוועקנעמען עפעס פון דעם וואונדערלעכן פאלאץ, כאטש ר' אדם בעל שם האט אנגעזאגט, אז מען זאל עס ניט טאן.

„אפשר איז דאס אלץ ניט מער ווי א כשוף, אויגן פארבלענדניש" האט זיך דער קיסר געטראכט. „אזוי שנעל ווי איך וועל אהיים קומען וועלן די לעפל פארשווינדן פון מיינע הענט".

דער קיסר איז געקומען אהיים אבער די לעפל זיינען ניט פארשוואונ־דען. אלץ איז געווען א ווירקלעכקייט. איז דער וואונדער ביי אים געווען נאך גרעסער.

אין א קורצער צייט ארום האט דער קיסר געהערט דערציילנדיג א זעלטענע פאסירונג.

דער מלך פון א צווייטער מדינה האט געהאט צוגעגרייט א גרויסע סעודה פאר א קעניגלעכן גאסט וואס האט צו אים געדארפט קומען. ער

האָט פאַר דעם צוועק געבויט אַ ספּעציעלן פּאַלאַץ, וועלכער איז אויסגע־שטאַט געוואָרן מיט די זעלטנסטע מעבל און געשיר.

אין דעם טאָג פון דער סעודה האָט דער מלך אַליין געפירט זיין גאַסט צום פּאַלאַץ, וועלכן ער האָט ספּעציעל געבויט פאַר אים. צו זיין גרויסער איבעראַשונג האָט ער אויסגעפונען, אַז דער פּאַלאַץ איז פאַר־שוואונדן, ווי ער וואָלט איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד...

האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַן אויגן־פאַרבלענדניש און האָט דערווייל מיט זיין גאַסט שפּאַצירט אין גאָרטן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער דערזען, אַז דער פּאַלאַץ איז ווידער אויף זיין אָרט און ער איז געווען זיכער, אַז ס'האָט גאָרניט פּאַסירט, אויסער וואָס ער האָט פאַר דער צייט געהאַט געליטן פון אויגן־פאַרבלענדניש.

ווען ער האָט זיין גאַסט אַריינגעפירט אין פּאַלאַץ איז ער אָבער ווי־דער פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דער מאָלצייט וואָס איז געווען געגרייט, איז אויפגעגעסן געוואָרן און אַז עס פעלן צוויי גאָל־דענע לעפל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן ביי די דינער, אָבער קיי־נער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זיי זיינען געווען ווי פאַר'שיכור'ט.

ווען דער קיסר האָט וועגן דעם געהערט, האָט ער געמאַכט אַ ספּע־ציעלע נסיעה אין יענער מדינה און האָט זיך מיטן מלך פאַרנאַנדערגע־רעדט וועגן יענער פּאַסירונג.

„זיינען דאָס די לעפל וואָס האָבן דיר געפעלט?" האָט דער קיסר גע־פרעגט דעם מלך, דערלאַנגענדיג אים די לעפל, וואָס ער האָט אַוועקגענו־מען פון פּאַלאַץ, ווען ער איז געווען ר' אדם בעל שם'ס גאַסט.

דער מלך האָט זיי דערקענט. דאָס זיינען געווען זיינע לעפל...

זיי האָבן זיך דאַן ביידע איבערצייגט, אַז דער פּאַלאַץ, וואָס ר' אדם בעל שם האָט געהאַט גרייט פאַר זיין קייזערלעכן גאַסט איז געווען דער זעלביגער, וואָס דער מלך האָט געהאַט געבויט פאַר זיין גאַסט. ר' אדם בעל שם האָט דעם פּאַלאַץ בלויז געהאַט „אויסגעבאָרגט" פאַר אַ קורצער צייט און אים איבערגעטראָגן פון איין אָרט אין דעם צווייטן און דאַן צו־ריק, מיט'ן כח וואָס ער האָט באַקומען דורך די געהיימע כתבים...

## ב.

# די דריי ר׳ נחום׳ס

**ווי אַזוי ר׳ נחום „שאסטיק" האָט פאַרלוירן אַן אויג אַרייַנ־קוקנדיג אין די געהיימע כתבים. — וואָס ר׳ נחום טשערנאָבי־לער האָט געלערנט פון זיין פעטער. — א יתום׳ס צער. — די תפילה און דער נס.**

ניט יעדער איז געווען ראוי צו באַנוצן זיך מיט די געהיימע כתבים, וועלכע ר׳ אדם בעל שם האָט געדאַרפט האַלטן ביז וואַנען זיי זיינען אי־בערגעגעבן געוואָרן צום בעל שם טוב, פאַר וועמען זיי זיינען געווען באַ־שטימט.

ר׳ אדם בעל שם האָט די דאָזיגע כתבים איבערגעלאָזט צו זיינע קינ־דער מיטן אָנזאָג, אַז זיי זאָלן זיי שטאַרק אָפּהיטן ביז וואַנען זיי וועלן גרייכן איינעם מיטן נאָמען ר׳ ישראל בן אליעזר אין שטעטל אָקופּ.

די כתבים זיינען שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן צו ר׳ ישראל׳ן פון ר׳ אדם בעל שם׳ס אַ זון.

ר׳ אדם בעל שם האָט געהאַט עטלעכע זין. איינער פון זיי, וויל די חסידישע אגדה האָבן, איז געווען ר׳ נחום גאון, דער זיידע פון ר׳ נחום טשערנאָבילער.

ר׳ נחום גאון האָט געהאַט דריי זין: ר׳ לייב, ר׳ הירש און ר׳ נחום. דער לעצטער איז געבוירן געוואָרן אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זיין טאַטע איז שוין געווען אויפן עולם האמת. מ׳האָט אים דעריבער אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין טאַטן.

ר׳ נחום טשערנאָבילער איז געווען דער זון פון ר׳ הירש. ער איז גע־באָרן געוואָרן אין גאָרינסק, וואָלינער גובערניע, אין יאָר ת"ץ, איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק.

ווען ער איז געווען אַ קליין קינד איז ער געבליבן אַ יתום. ר׳ הירש איז נפטר געוואָרן אין זיינע יונגע יאָרן. דער יונגער ר׳ נחום איז דאַן גענו־מען געוואָרן צו זיין פעטער, ר׳ נחום׳ן, אין הויז אויפגעהאָדעוועט צו ווערן.

און דער יונגער ר׳ נחום האָט פון דעם עלטערן ר׳ נחום אַ סך גע־לערנט. וואָרים דער פעטער ר׳ נחום איז געווען אַ גרויסער בעל מקובל.

דער פעטער ר׳ נחום איז אין דער חסידישער וועלט באַקאַנט אַלס ר׳ נחום „שאַסטיק" (נעמענדיג זיך פון רוסישן וואָרט „שעסט"—זעקס, דער־פאַר וואָס ער האָט געהאַט זעקס פינגער אויף איין האַנט).

מען האָט אים אויך גערופן דער „בלינדער ר׳ נחום", ווייל ער איז געווען בלינד אויף איין אויג.

וועגן דעם ווי אַזוי ר׳ נחום האָט פאַרלוירן די ראיה פון אַן אויג, ווערט דערציילט אַזאַ מעשה׳לע:

דאָס איז נאָך געווען דעמאָלט ווען די הייליגע כתבים, וואָס ר׳ אדם בעל שם האָט געפונען, זיינען געווען ביי דער פאַמיליע. מען האָט נאָך גע־דאַרפט וואַרטן, אַז דער קינפטיגער ר׳ ישראל בעל שם טוב זאָל אויסוואַק־סען, כדי מ׳זאָל אים קענען איבערגעבן דעם גרויסן אוצר פון חכמה און סתרי־תורה.

די כתבים זיינען פון דער פאַמיליע אָפּגעהיט געוואָרן ווי אַ גרויסער שאַץ און כאָטש יעדער פון דער פאַמיליע האָט געוואוסט וועגן זיי איז אָבער געווען שטרענגט אָנגעזאָגט פון ר׳ אדם בעל שם, אַז קיינער זאָל אין זיי ניט אַריינקוקן.

פון ר׳ אדם בעל שם ביז ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט קיינער זיך ניט געטאָרט באַנוצן מיט די כתבים.

ר׳ נחום „שאַסטיק" איז נאָך דאַמאָלט גאָר יונג געווען, אָבער ער איז שוין געווען אַ גרויסער למדן און האָט געקענט אַ סך קבלה. האָט זיך אים פאַרגלוסט אַריינקוקן אין די געהיימע כתבים, וועלכע זיינען געווען פאַר־פּאַקט אין אַ קאַסטן אויפן בוידים.

זיין חשק צו די געהיימע כתבים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם שטרענגן אָנזאָג זיך צו זיי ניט צו־צורירן.

אַרויפקלעטערנדיג אויפן בוידים, האָט ער אויפגעעפנט דעם קאַסטן און אַרויסגענומען די האַלב־פאַרשטויבטע און פאַרגעלטע בלעטער, וועלכע זיי־נען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט רש"י־כתב און מיט פאַרשידענע קבלה׳יס־טישע צייכנונגען.

ר׳ נחום האָט זיך מיט גרויס חשק צוגעכאַפּט צו די כתבים און האָט אין זיי אָנגעהויבן אַריינקוקן.

ער האָט אָבער בלויז אַ בליק געטאָן אויפן געהיימניספולן כתב־יד און עס איז איהם אַרויסגעשפּרונגען אַן אויג...

ר׳ נחום איז געבליבן בלינד זיין גאַנצן לעבן. מער האָט שוין קיינער ניט געוואַגט אַריינצוקוקן אין די כתבים ביז וואַנען זיי זיינען ניט איבער־

געגעבן געוואָרן צום בעל שם טוב, וועלכער איז געווען באַקאַנט צו ר' נחום טשערנאָבילער'ס פאַמיליע נאָך איידער ער איז נתגלה געוואָרן פאַר דער וועלט.

ר' לייב, ר' נחום טשערנאָבילער'ס פעטער, איז געווען דעם בעל שם'ס אַ חבר־מובהק וואָס מיינט עפּעס מער ווי אַ תּלמיד. וואָס דער טשערנאָבילער מגיד איז געווען.

כאָטש ר' נחום „שאַסטיק" האָט געהאַט אַזאַ אַפּשניט, האָט ער אָבער ניט אויפגעהערט לערנען קבלה פון אַנדערע קוואַלן און ער איז געוואָרן אַ גרויסער בעל־מקובל.

פאַרשטייט זיך, אַז האַרעוונדיג זיך ביי אים אין הויז, האָט דער יונגער ר' נחום פון אים אַ סך געגאָסן. האָט מען טאַקע פון דעם יונגען ר' נחום'ן געזען וואונדער ווען ער איז נאָך גאָר אַ אינגל געווען.

איינע פון די מעשה'לעך וואָס מ'דערציילט פון ר' נחום טשערנאָבילער'ס אינגלשע יאָרן איז אויף אַזאַ אופן:

ר' נחום „שאַסטיק" האָט אַמאָל געמאַכט אַ נסיעה און צוריקומענדיג אַהיים האָט ער געבראַכט פאַר זיינע קינדער מעסערלעך. פאַר זיין פּלימעניק, דעם יתום, האָט ער קיין מעסערל ניט געבראַכט.

עס גייט ניט אַוועק קיין טאָג און ר' נחום באַמערקט, אַז זיין פּלימעניק שפּילט זיך אויך מיט אַ מעסערל, פּונקט ווי די וואָס ער האָט געבראַכט פאַר זיינע קינדער.

האָט דער יונגער ר' נחום דאָס מעסערל אַוועקגענומען פון איינעם פון זיין פעטער'ס קינדער? דער פעטער האָט עס געוואָלט אויסגעפינען. האָט ער אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי זיינע קינדער. יעדער האָט געהאַט זיין מעסערל.

ווי קומט דאָן אַ מעסערל צום יונגען ר' נחום'ן? האָט ער, אויס קנאה צו די אַנדערע קינדער, זיך אַליין איינגעקויפט אַ מעסערל? וואו האָט ער דען גענומען געלט? זאָל ער רחמנא לצלן ניט האָבן געקענט ביי־שטיין דעם נסיון און ערגעץ גע'גנב'עט געלט, אָדער גע'גנב'עט דאָס מעסערל גופא?

דעם פעטער האָט שוין אָנגעהויבן מעהר פאַרדריסן אויף זיך, וואָס ער האָט זיין פּלימעניקל געבראַכט צו אַזאַ נסיון איידער אויף דעם יונגען ר' נחום'ן, וועלכער האָט דעם נסיון ניט געקענטביישטיין.

דער ענין האָט אָבער געמוזט אויסגעפאָרשט ווערן.

האָט דער פעטער גערופן צו זיך דעם פּלימעניק.

„איך האָב באַמערקט, אַז דו שפּילסט זיך אַרום מיט אַ מעסערל".

האָט דער פעטער זיך צו אים געווענדעט. „וואו האָסטו עס גענומען?"

דער יונגער ר' נחום האָט אָנגעקוקט זיין פעטער מיט אַ מינע פון איי־נעם, וואָס וואָלט ניט געוואָלט ריידן וועגן אַזוינע זאַכן. דאָס האָט ר' נחום „שאַסטיק'ן" געמאַכט נאָך נייגעריגער.

„דערציייל מיר אַלץ! באַהאַלט גאָרניט!" האָט דער פעטער געמאָנט.

„דער טאַטע האָט עס מיר געגעבן", איז געווען דעם יתום'ס ענטפער.

דאָס האָט שוין דעם פעטער ארויסגעבראַכט פון געדולד.

„וואָס רעדסטו אַזוינע רייד? דיין טאַטע איז דאָך טויט און דו מיינסט דאָך מיר ניט צו זאָגן, אַז דיין טאַטע פון יענער וועלט האָט דיר געבראַכט דאָס מעסערל?" ר' נחום האָט אָנגעקוקט זיין פּלימעניק מיט אַ פאַרשנדיגן בליק.

„ניט דער טאַטע פון יענער וועלט האָט מיר געגעבן דאָס מעסערל נאָר דער אייבערשטער, וועלכער איז אונזער אַלעמעס טאַטע", האָט דער יונ־גער ר' נחום אָפּגעענטפערט.

עפּעס איז דעם פעטער אריין אין נאָז. ער איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען צופרידן.

„מיינסטו מיר צו זאָגן, אַז דאָס מעסערל איז דיר אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן פון הימל?" האָט ער געפרעגט.

„געוויס", איז געווען דער ענטפער. „האָט מיר דען אַ מלאך ניט אַרונטערגעוואָרפן מטבעות לערנענדיג אין חדר? איהר האָט דאָך דאָס אַליין געזעהן, פעטער".

„דאַמאָלט האָב איך אַליין דיר די מטבעות אונטערגעוואָרפן", האָט איהר דער פעטער פּרובירט אויפקלערן. „ווער האָט דיר אָבער איצט אונ־טערגעוואָרפן דאָס מעסערל? איך האָב עס זיכער ניט געטאָן און קיין אַנ־דערער האָט עס אויך ניט געטאָן".

„אויב דאַמאָלט איז עס ניט געווען קיין מלאך נאָר איהר, פעטער, איז אָבער דאָס מאָל געווען ניט קיין אַנדערער ווי אַ מלאך. ווען איר האָט גע־בראַכט מעסערלעך פאַר אייערע קינדער און ניט פאַר מיר, האָט מיר שטאַרק פאַרקלעמט ביים הארצן. איך האָב תפילה געטאָן צום רבונו של עולם און אים געבעטן: הארציגער פאָטער, איך האָב ניט קיין טאַטן וואָס זאָל מיר ברייננגען אַ מעסערל. דו בינסט דאָך אָבער אַלעמעס טאַטע און איך בעט דיך מיר געבן אַזאַ מעסערל ווי מיין פעטער'ס קינדער האָבן. און דאָס מעסערל איז מיר באַלד אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן..."

ר' נחום „שאַסטיק" איז געווען אויסער זיך. האָט דאָס אינגל גערעט פון שלאָף, אָדער האָט אַזוינס טאַקע פּאַסירט?

„קענסטו עס מיר ציינן נאך אמאל ?" האט דער פעטער געוואלט וויסן.

„פארוואס ניט ? עס איז אזוי לייכט", איז געווען דעם אינגל'ס אומ־שולדיגער ענטפער.

„אט וועל איך אויסטיילן מיינע קינדער רענדלעך", האט ר' נחום געזאגט. „צייג מיר, אז דו קענסט קריגן אזא רענדל פון א מלאך!"

דער קליינער ר' נחום איז א מאמענט געבליבן שטיין א פארטראכ־טער. ער איז דאן צוגעגאנגען צום טיש, אויפגעעפנט א' ספר און צוזאמענ־לייגנדיג זיינע הענטלעך ווי אין א געבעט, האט ער אויפגעהויבן זיינע אוי־געלעך אויף ארויף און מיט א קול'כל וואס האט געקלונגען ווי א תפילה האט ער אנגעפאנגען :

„בארמהארציגער פאטער ! זע וואס פאר א גוטער אינגל איך בין. איך פאלג אויס אלע דיינע געבאטן. איך פאלג און ליב מיין פעטער, אפילו ווען ער גיט מיר ניט די זאכן וואס ער גיט זיינע אייגענע קינדער. איך לערן דיין תורה מיט גרויס חשק. פארזע מיך ניט און פארשעם מיך ניט. לאז מיר אויך האבן א רענדל ווי מיינע שוועסטער־קינדער און איך וועל דיר אייביג דאנקבאר זיין און דיר לויבן פאר דיין גענאד, אמן סלה..."

דער קינפּטיגער חסידישער מנהיג איז נאך א ווײלע געבליבן אין דער פאזע וואס ער האט אנגענומען, און וואונדער איבער וואונדער. באלד האט אויפ'ן טיש א קלונג געטאן א גאלדענע מטבעה...

דאס אינגל האט ברייט צעעפנט די אויגן. פאר אים איז אויפן טיש געלעגן א שיינענדיגער, גאלדענער רענדל...

ער האט מיט פרייד א כאפ געטאן דעם רענדל.

„פעטער, אט איז עס !" האט ער אויסגערופן מיט א הילכיגער, קינ־דישער פרייד.

ר' נחום „שאסטיק" האט קוים זיינע אויגן געוואלט גלויבן. עס האט אבער מער ביי אים קיין ספק ניט געקענט זיין.

דאס הארציג געבעט פון דעם קינפטיגן בארימטן צדיק האט געהאט די ווירקונג. און אויב ר' נחום „שאסטיק" האט געפילט גרויס חרטה פאר דעם וואס ער האט דעם יתום ניט באהאנדלט ווי זיינע אייגענע קינדער, האט ער אבער שוין איינגעזען וואס פאר א כח עס שטעקט אין זיין יונ־גען פלימעניק און וואס מ'קען פון אים דערווארטן.

ער האט פון דאמאלט אן און ווייטער אים שטארק מקרב געווען און האט מיט אים אנגעהויבן לערנען קבלה און אנטפלעקט פאר אים גרויסע סודות.

ר' נחום „שאסטיק" האט אבער באשלאסן, אז איידער זיין פלימעניק

ווערט אריינגעפירט אין די טיפענישן פון דער קבלה, זאָל ער צו־ערשט ווערן גרויס אין נגלה, און צו פארפאלקאָמענען זיך אין נגלה האָט ער אים געשיקט אין אַ ישיבה אין ליטע, וועלכע איז דאַמאָלט, אַזוי גוט ווי אין די שפּעטערדיגע יאָרן, געווען באַרימט אַלס צענטער פון תורה.

עס איז צוליב דעם, וואָס ר' נחום טשערנאָבילער האָט פארבראַכט יאָרן לאַנג אין דער ליטע, לערנענדיג דאָרט תורה, וואָס מאַנכע האָבן אים שפּעטער געהאַט גערופן „דער ליטוואַק", — דער איינציגער ליטוואַק צווי־שען דעם בעל שם'ס תלמידים. וואָרים די אַנדערע „ליטוואַקעס" צווישן די חסידישע מנהיגים, דאַרונטער דער באַרימטער ר' שניאור זלמן פון לאַדי, דער באַגרינדער פון חב"ד, זיינען געקומען שפּעטער און זיינען געווען תלמידים פון דעם בעל שם'ס ממלא מקום, דעם מעזעריטשער מגיד.

ג.

# די בלינדע כלה

די צוויי שוועסטער פון וועלכע ר׳ נחום האָט אויסגעקליבן זיין כלה. — זיין דרך נאָך דער חתונה. — דער חלום. — דער אָנבאָט פון אַ מלאך. — ר׳ נחום׳ס הכנות צו פאָרן צום בעל שם.

אין דער ליטווישער ישיבה האָט ר׳ נחום פאַרבראַכט פיל יאָר. זיין גרויסע התמדה, זיין בקיאות און חריפות האָבן באַלד צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט און מען האָט שוין געזען, אַז פון אים וואַקסט אַ גדול בישראל.

אָבער אין דער טרוקענער, פאַר׳פּלפּול׳טער ליטע האָט מען זיך אודאי ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז פון דעם יונגען ר׳ נחום׳ן זאָל אויסוואַקסן דאָס וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן, איינער פון די הויפּט זיילן פון חסידיזם; איינער פון די שענסטע און בעסטע אויסטייטשער און פאַרשפּרייטער פון בעל שם׳ס תורה.

ווער האָט זיך דאַמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער עילוי פון וואָלין, וואָס איז געקומען שעפּן תורה דאָרט וואו באַרימטע גאונים האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה, וועט גאָר שפּעטער זיין אין מיטן פון אַ ברויזנדיגן קאַמף מיט דער מתנגדישער ליטע?

ר׳ נחום האָט געמוזט זיין אַרום 18 יאָר אַלט, ווען די וואָס האָבן תמיד געזוכט עילוי׳אישע יונגעלייט פאַר איידעמס האָבן אויף אים געוואָרפן אַן אויג.

ווי דער שטייגער איז דאַמאָלט געווען, האָט מען זיך אין אַזוינע פאַלען צו־ערשט געהאַט געווענדעט צום ראש ישיבה. ווער נאָך האָט געקענט אַזוי די ישיבה־בחורים ווי ער?

און ווען עס האָט זיך צום ראש־ישיבה געווענדעט אַ באַוואוסטער למדן און מיוחס, האָט ער באַלד אָנגעוויזן אויף ר׳ נחום׳ן.

ר׳ נחום איז געבראַכט געוואָרן צו זיין קינפטיגן שווער אין הויז. אַ יתום, און זיינע אַנדערע קרובים ווייט אַוועק, האָט מען מיט אים אַליין געדאַרפט מקבל־קנין זיין און מיט אים אַליין זיך דורכריידן וועגן די תנאים.

פאַראײנס האָבן שוין חתן־כּלה אויך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אָנ־צוקוקן איינע די אַנדערע.

געווען זיינען אין הויז צוויי מיידלעך. די עלטערע, וועלכע האָט געזאָלט זיין די כּלה, אַ גאַנץ שיינע און געראָטענע. די צווייטע, אָבער, אַ האַלב־בלינדע.

ר׳ נחום׳ן איז די כּלה באַלד געפעלן געוואָרן. ער איז אָבער דער כּלה ניט געפעלן געוואָרן.

אודאי איז זי געווען צו באַגרענעצט אין אירע השגות, צו קענען אָפּ־שאַצן די גרויסע מעלות פון דעם קינפטיגן גדול־הדור.

אירע השגות זיינען געווען צופיל פאַר׳גשמיות׳דיגט און זי האָט מסתמא געפונען חסרונות אין ר׳ נחום׳ס לומדיש־חלוש׳דיגן אויסזען, אין זיין שטענדיגער פאַר׳דבקה׳טקייט און פאַרטיפטקייט, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט אויפן עולם התחתון.

האָט זי זיך פאַר׳עקשנ׳ט און געלאָזט וויסן דעם טאַטן, אַז זי וויל ניט דעם חתן און איז אפילו געווען העזה׳דיג גענוג צו דערקלערן, אַז זי וועט בשום אופן מיט אים ניט גיין צו דער חופּה.

אַזוינע ווידערשפּעניגע רייד פון אַ מיידל האָבן דעם טאַטן שטאַרק אויפגעבראַכט. וואו האָט מען עס געהערט, אַ אידישע טאָכטער זאָל אַזוי ריידן? דער טאַטע האָט אויסגעקליבן אַ חתן פאַר דער טאָכטער, ווער האָט איר דען געקענט זאָגן, אַז ער האָט ניט אויסגעקליבן דעם ריכטיגן זיווג?

און ווי וואַגט עס אַ מיידל אין גאַנצן אויסצובראַקירן אַזאַ עלוי ווי דער יונגער ר׳ נחום?

וואָלט אין הויז אודאי אויסגעבראָכן אַ קריג און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט.

האָט אָבער ר׳ נחום זיך פון דעם דערוואוסט און ער אַליין איז באַלד געקומען צו זיין קינפטיגן שווער מיט אַ פאָרשלאָג.

„צי וואָס זיך נעמען אַזוינע זאַכן צום האַרצן?", האָט ר׳ נחום גע־זאָגט. „אייער עלטערע טאָכטער וויל מיך ניט, האָט זי אודאי אַ גוטן טעם פאַר דעם. געוויס האָט זי אין מיר געזען חסרונות וואָס איר אַליין באַ־מערקט ניט. דער אייבערשטער וועט איר שוין צושיקן איר ריכטיגן זיווג. איר האָט דאָך אָבער אַ צווייטע טאָכטער. פרעגט זי, אפשר וועט זי מיר יאָ וועלן".

„אָבער מיין צווייטע טאָכטער איז דאָך אַ בלינדע?" האָט דער איד אים געשטעלט אַ פראַגע, ניט וועלנדיג, אַז דאָ זאָל אַרויסקומען אַ מיס־פאַרשטענדניס.

„איך וויים", האָט ר' נחום דערקלערט. „איך האָב אָבער געזען אין גרויס הארץ און ריינע נשמה. זי איז מיין אמת'ער זיווג."

געהערט אַזוינע רייד, איז דער קינפטיגער שווער געוואָרן מלא שמחה. אויב ר' נחום איז געווען מרוצה חתונה צו האָבן מיט זיין בלינדער טאָכ־טער, האָט ער זיך מער ניט געדאַרפט אַרומקריגן מיט זיין עלטערער טאָכ־טער. מיט יענער וועט ער שוין גאַנץ ווייניג זאָרג האָבן זי צו פאַרשלייערן.

און אַזוי האָט ר' נחום חתונה געהאַט מיט דעם בלינדן מיידל. און ר' נחום האָט טאַקע אין איר קיין טעות ניט געמאַכט. זי איז געווען אַ גרויסע צדקת, ווי עס פּאַסט פאַר'ן ווייב פון אַזאַ צדיק ווי ער.

נאָך דער חתונה איז ר' נחום ווייטער פאַרבליבן אין דער ליטע, אָפּ־געבנדיג זיך מיט מלמדות מפרנס צו זיין זיין ווייב.

דערווייל האָט ער אַליין געלערנט מיט גרויס התמדה, אַרונטערלאָזנ־דיג זיך צו דער סאַמע טיפעניש פון דעם ים פון תורה.

ר' נחום האָט שוין געהאַט געלערנט ש"ס און פוסקים און אַנדערע לימודים, מיט וועלכע מען האָט זיך אָפּגעגעבן אין דער ליטע, אַז ער זאָל זיך אָנהויבן אָפּגעבן אַלץ מער מיט קבלה.

די טרוקנקייט פון די ליטווישע לימודים איז ר' נחום'ן קיינמאָל ניט געווען צום הארצן. ער האָט געלעכצט נאָך עפּעס מער, נאָך עפּעס האַר־ציגער, נשמה'דיגער, און דאָס האָט ער געפונען אין דער קבלה, וואָס ער האָט געלערנט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

אָבער לערנען אַליין איז ניט געווען גענוג. ר' נחום האָט געהאַלטן פון עבודה און פון מעשים טובים פונקט אַזוי ווי פון לערנען.

האָבנדיג נאָכגעפאָלגט דעם דרך הקבלה פון האר"י, האָט ר' נחום אין גאַנצן ניט געוואָלט הנאה האָבן פון עולם הזה. ער האָט געפאַסט תעניתים און זיך אָפּגעגעבן מיט סגופים (פייניגן זיך דעם קערפּער).

עסן און שלאָפן זיינען ביי אים געווען זאַכן, פון וועלכע מען האָט זיך געדאַרפט אַלץ מער אָפּגעוואוינען.

ער האָט שפּעטער אָנגעציינגט דעם וועג ווי מען זאָל זיך פירן און האָט אַליין געציינגט דעםביישפּיל.

יעדע נאַכט האָט ער געפּראַוועט חצות, איינגעוויקלט אין אַ זאַק, מיט אַש אויפן קאָפּ און אין זאָקן ווי אַ אָבל. שעה'ן לאַנג פלעגט ער אַזוי זי־צען און וויינען מיט ביטערע טרערן אויף גלות־השכינה און אויפן ביטערן גורל פון פאָלק ישראל.

אין דער זעלביגער צייט האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע פיזישע

און גייסטיגע כחות טיפער אַריינצודרינגען אין די געהיימניספולע „היכלות" פון דער קבלה.

ביי אים איז עס געווען אַ פראַגע פון דערגרייכן פולשטענדיגע שלמות — פאַלקאָמענהייט — און די פאַלקאָמענהייט וואָס ער האָט גע־זוכט איז געווען, וואָס דער גוף זאָל אין גאַנצן באַהערשט ווערן פון דער נשמה.

ווערט דערציילט צווישן חסידים, אַז ר' נחום, איז איינמאָל, נאָך אַ נאַכט פון פראַווען חצות און פון שעה'ן לאַנג לערנען דעם „זוהר" און אַנ־דערע קבלה־ספרים, אַריינגעפאַלן אין אַ זיסן דרעמל.

און מיטאַמאָל באַווייזט זיך צו אים אַ מלאך.

„איך ווייס ווי גרויס עס איז דיין אָנשטרענגונג צו דערגיין אַלע סודות פון דער תורה", האָט דער מלאך צו אים געזאָגט. „דער וועג איז אַ ווייַ־טער און פירט איבער הויכע בערג און טיפע טאָלן, דורך גערדיכטע און קוים־דורכדרינגעדיגע וועלדער און אומענדליכע מדבריות. לאָמיך מיט דיר לער־נען. לאָמיך דיר שפּאָרן צייט און מיה. אַ רחמנות אויף דיינע יונגע כחות."

דאָס וואָלט אָבער ניט געווען ר' נחום'ס דרך. ר' נחום האָט געדאַרפט זיינס דערגרייכן מיט אייגענע כחות.

האָט ער זיך אָנטזאָגט פון דעם מלאך'ס אָנבאָט.

„איך וויל אַליין בראָדזשען דעם ים פון גאָט'ס תורה", האָט ער דעם מלאך געענטפערט. „איך וויל מיט מיינע אייגענע כחות פּרובירן דערגיין די טיפע סודות פון דער וועלט. דאָס איז דער וועג וואָס פירט צו אמת'ע שלמות".

און ר' נחום האָט ווייטער געלערנט אַליין, הויבנדיג זיך אַלץ העכער אויפן לייטער פון שלמות.

ר' נחום האָט שפּעטער דאָך געזוכט מער אויפקלערונג און אַ קוואַל פון נייער באַגייסטערונג און וויסן ערגעץ אַנדערש. דאָס איז געווען דאַ־מאָלט, ווען ער איז אַוועק צום בעל שם און איז געוואָרן זיינער אַ תלמיד.

דאָס איז אָבער געווען נאָכדעם ווי ער אַליין האָט שוין אין זיך דער־קענט זיינע פולע כחות און האָט אַליין געוואוסט דעם וועג, אויף וועלכן ער דאַרף גיין — דער וועג פון חסידות.

ר' נחום איז דאַמאָלט אַריינגעטראָטן אין אַ נייער ראָל — די ראָל פון אַ פאַרשפּרייטער פון חסידות, אַ באַגרינדער און אויפקלערער פון דעם בעל שם'ס לערע.

ער איז געוואָרן דער „בעל־שם הקטן", די פּאַקטישע צווייטע האַנט פון בעל שם און ער וואָלט אפשר שפּעטער געוואָרן דעם בעל שם'ס ממלא־

מקום אויך, אויב ניט פאר זיין עניוות און טאקע אויך פעסטע איבערצייר גונג, אז זיין אויפגאבע אין לעבען איז א גאנץ אנדערע ווי צו זיין א מנהיג.

ער איז אבער טראץ דעם געווארן א מנהיג און איינער פון די הויפט־זיילן פון חסידות, לייגנדיג דעם יסוד פאר איינע פון די שטארקסטע רבי־אישע גזע׳ס אין דער חסידישער וועלט.

די חסידישע וועלט האט שפעטער, פאר דורות לאנג, געהאט צו דער ציילן וועגן זיין גרויסקייט און וועגן זיינע וואונדער.

פאר ר׳ נחום׳ן אליין איז אבער די פארקערפערונג פון אמת׳ע גרויס־קייט געווען נאר דער בעל־שם. ר׳ נחום האט אמאל געזאגט, אז ביז משיח וועט קומען וועט ניט זיין קיינער וואס זאל זיך קענען פארגלייכן מיטן בעל־שם.

ר׳ נחום האט שוין געהערט פון בעל־שם נאך איידער זיין נאמען איז געווארן באקאנט צו דער וועלט. ער האט זיך אבער מיט אים ניט באגע־גענט ביז וואנען דער בעל־שם איז שוין ניט געווען באוואוסט איבער דער גאנצער אידישער וועלט.

ער האט צוערשט געוואלט זיין „ראוי" צו ווערן דעם בעל שם׳ס א תלמיד און דאס האט געמיינט אנזאפן זיך מער מיט תורה און אנלאדן זיך מער מיט מעשים טובים.

צום בעל־שם האט מען געמוזט קומען מיט א געהעריגן „באגאזש". ווארים נאך איידער מען איז זיין שוועל אריבערגעטראטן און איידער מען האט נאך געהאט די געלעגנהייט אים מקבל פנים צו זיין, האט ער שוין געוואוסט ווער עס קומט צו אים און וואס יענער שטעלט מיט זיך פאר.

דער בעל־שם האט געזען זאכן אין מרחקים און האט געקענט מענטשן נאך איידער זיי האבן זיך פאר אים געצייגט...

און האט זיך אימיצער פאר אים געצייגט האט ער יענעם אריינגע־קוקט אין דער סאמע טיפעניש פון דער נשמה, האט ער יענעם געזען פון זיין סאמע שורש און האט געוואוסט וואס מיט אים וועט פאסירן ביזן וויפילטן דור...

איז ר׳ נחום דערפאר געווען דורכגענומען מיט א הייליגער אימה, איי־דער ער איז געפארן צום בעל־שם און די הכנות וואס ער האט געמאכט, זיינען געווען לאנגע און פיינלעכע.

תעניתים, סגופים, נעכט אן שלאף, טעג פארבראכט אין התבודדות.

ענדלעך איז געקומען דער טאג, ווען ר׳ נחום האט זיך געפילט גרייט צו קומען צום בעל־שם און ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין.

ד.

# רבי און תלמיד

ר' נחום'ס באַזוך ביים בעל־שם. — דער בעל־שם הייסט זיין רבי'צן זיך היטן פאַר ר' נחום'ן ווייל ער איז א „גנב". — ר' נחום'ס צעריסענע קאַפּאָטע און וואָס דער בעל שם האָט וועגן איר געהאַט צו זאָגן. — ר' נחום'ס באַציאונג צום בעל שם.

דער וועג קיין מעזעבוזש, וואו דער בעל־שם האָט זיך געפונען, איז געווען אַ ווייטער און ר' נחום, אַ גרויסער אָרימאַן, פאַר קיין אידן געדאַכט, האָט ניט געהאַט קיין הוצאת הדרך.

איז עס אָבער פאַר אים קיין אָפּהאַלט ניט געווען, און ווען ער האָט זיך ניט געקענט דינגען קיין פור, איז ער געגאַנגען צופוס.

איז ער מיט אַ קלומיק אויפן פּלייצע געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל, ניט דערעסנדיג און ניט דערשלאָפנדיג, וואַלגערנדיג זיך מיט אַנדערע אָרי־מעלייט אין די קרעטשמעס און הקדשים, וואו מען האָט געהאַט אַ געלע־גענהייט זיך אָפּצושטעלן פאַר אַ ביסל רו.

אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן די אַלע זאַכן, ווען די תשוקה איז גרויס צו זען דעם הייליגן בעל־שם און ווען דער דורשט איז גרויס צו הערן זיינס אַ וואָרט!

גייענדיג צופוס אַזאַ לאַנגען וועג, אין רעגן און אין שניי, אין היץ און אין קעלט, אין שטויב און אין בלאָטע, ווערן די שטיוול אָפּגעטראָגן און עס העלפט אפילו ניט קיין פאַריכטן. די קאַפּאָטע ווערט צעריסן און מען פּרו־בירט זי האַלטן גאַנץ דורך לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

בלויז דער אויבעראָק בלייבט גאַנץ. ר' נחום שאַנעוועט אים זייער שטאַרק. מען קען דאָך ניט קומען צום בעל שם קרועה, בלועה. האַלט ער דעם גאַנצן וועג דעם אויבעראָק אין זיין פּעקל און ווען ער קומט אָן קיין מעזעבוזש פרייט אים דאָס האַרץ וואָס ער וועט ניט דאַרפן קומען צום בעל־שם אינגאַנצן אָן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער.

קיין מעזעבוזש קומט ר' נחום אָן ערב שבת. ער וואונדערט זיך, וואָס פאַר אַ אויפנאַם דער בעל־שם וועט אים געבן. ווי וועט ער זיך פאַר אים פאָרשטעלן?

אים פאלט גארניט איין, אז דער בעל־שם וויים שוין פון אים נאך איידער ער איז ביי אים געווען.

ווארים דער בעל־שם, דערציילן חסידים, האט נאך דאנערשטאג גע־זאגט צו זיין רביצין:

„גרייט עפעס צו א פיינעם שבת דאסמאל. אן אורח קומט. אבער היט זיך פאר אים", האט ער פארענדיגט מיט א ווארנונג. „ער איז א גרוי־סער גנב"...

האט עס די רביצין, פארשטייט זיך, שטארק געוואונדערט וואס פאר אן אורח דאס איז וואס דער בעל־שם הייסט זיך פאר אים גרייטן, אבער אויך פאר אים היטן.

אויב ער איז טאקע א גנב, ווי איר מאן האט געזאגט — און דער בעל שם וועט דאך ניט אויסטראכטן קיין שקר־בלבול אויף אימיצן — היינט ווי קומט איינגאנצן אזא פארשוין אויפגענומען צו ווערן?

אבער אזא צדקת ווי דעם בעל־שם'ס פלונית'טע, פרעגט ניט קיין שאלות און האט אין זינען אלץ וואס דער מאן האט איר אנגעזאגט.

און דער אורח וואס קומט אן אויף יענעם שבת איז ניט קיין אנדע־רער ווי ר' נחום. דעם גאנצן ערב־שבת קוקט זיך דער בעל־שם אויף אים ניט אום. סיי דער בעל־שם און סיי ר' נחום זיינען פארנומען צוגרייטנדיג זיך פארן הייליגן שבת.

די רביצין האלט אן אויג אויפן אורח. האט מען דאך איר אנגעזאגט, אז זי זאל זיך פאר אים היטן!...

אבער מאדנע, זי קען עס ניט פארשטיין. אזא איידעלער מענש ווי ר' נחום זעט אוים צו זיין, און דערצו אזא פרומער. אזא פאר'מח'טער זאל גאר זיין א גנב?

עס קען ניט זיין! זי איז איבערצייגט אין דעם, אפילו ווען איר מאן האט. יא געזאגט, אז ער איז א גנב. אפילו איר מאן קען מאכן א טעות!

ביי דער ערשטער געלעגנהייט קומט זי אריין צום בעל־שם אין חדר און האט צו אים א טענה:

„דו האסט אויסגעטראכט א שקר־בלבול אויף א מענטשן", זאגט זי צו אים מיט א פארוואורף. „ווי פאלט דיר איין צו זאגן, אז דער אורח אונזערער איז א גנב און אז מען דארף זיך פאר אים היטן? קוק אים אן! די שכינה רוט דאך ביי אים אויפן פנים"...

אויפן בעל־שם'ס פנים צעשפרייט זיך א זאנפטער שמייכעלע.

„יא, ער איז א גנב, דער דאזיגער ר' נחום", רופט זיך אפ דער בעל שם. „ער וויל מיט זיין תורה און מעשים טובים אוועקנעמען דעם גאנצן

גן־עדן. מען מוז זיך פאַר אים היטן. עס קען נאָך פאַר אַנדערע גאָרניט בלייבן"...

די רביצין פאַרשטייט שוין די הלצה און שמייכלט אויך. איצט איז אַלץ קלאָר. דער בעל־שם ווייס אין פאָרויס, וועד עס זיינען די מענטשן וואָס קומען צו אים...

דעם גאַנצן ערב־שבת רעט דער בעל־שם קיין וואָרט ניט אויס צום אורח. פרייטאָג־צונאַכט, אַז מען קומט פון בית־מדרש, קוקט זיך דער בעל־שם כמעט ניט אום אויף ר' נחום'ן.

ר' נחום טראָגט זיין אויבערראָק. אונטן האָט ער זיין צעריסענע קאַפּאָטע. אין בית־מדרש האָט ער געדאַוונט אין אויבערראָק. ער האָט קיינעם ניט געדאַרפט צייגן זיינע לאַטעס אונטן.

איצט, אַז ער איז שוין אין הויז, וועט ער אָבער מוזן אויסטאָן דעם אויבערראָק. ער וועט זיך דאָך ניט קענען זעצן צום טיש אין אויבערראָק. וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן פאַרן בעל־שם?

זיין מח איז פאַרנומען מיט דעם און ער פילט זיך שטאַרק אומבאַקוועם. ער דערפילט אָבער באַלד גרויס נחת־רוח, דערזעענדיג, אַז דער בעל־שם טוט ניט אויס זיין אויבערראָק פאַר קידוש, נאָר מאַכט קידוש אָנגעטאָן אין מאַנטל.

די דאָזיגע הנהגה, זאָגן חסידים, האָט דער בעל־שם איבערגענומען פון זיין תּלמיד ר' פּנחס קאָריצער.

אויב אַזוי, וועט ר' נחום אויך קענען בלייבן אין אויבערראָק. דער אורח דאַרף דאָך בלויז נאָכטאָן דעם בעל־הבית.

טוט ר' נחום נאָך דעם בעל־שם און מאַכט קידוש אָנגעטאָן אין אויבערראָק.

פאַרטיג מיטן קידוש, קוקט דער בעל־שם אַז זיין אורח און אין אַ שטרענגן טאָן גיט ער צו אים אַ זאָג:

„נאָך וואָס בינסטו דאָ אַהער געקומען, מיר אין אַלץ נאָכמאַכן? טו שוין אויס דיין אויבערראָק!".

געהערט אַזוינע ווערטער, האָט ר' נחום תּיכף ומיד אויסגעטאָן זיין אויבערראָק און איז געבליבן אין זיין אַלטער, פאַרשטויבטער און צעריסענער קאַפּאָטע.

די רביצין האָט איצט דערפילט גרויס מיטלייד מיטן אורח. זי האָט שוין געוואוסט, אַז דער בעל־שם האָט געטריבן שפּאַס ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גנב. איצט האָט ער אָבער אים אַזויפיל יסורים פאַר־

שאפט מיט דעם וואס ער האט אים געצוואונגען זיצן אין זיין אלטער קאפאטע.

„פארוואס האסטו געטאן אזא זאך?" האט זי זיך געווענדעט צו איר מאן. „פארוואס פארשאפן אים אומזיסט און אומנישט עגמת־נפש?"

„האב ניט קיין זארג", האט דער בעל־שם געענטפערט. „ר׳ נחום איז ניט פון די וואס האבן צער פון טראגן אלטע, צעריסענע בגדים. ער האט מיט דעם נאר געוואלט ציינן זיין הכנעה צו מיר. ער האט געמיינט, אז צוליב מיר דארף ער זיך אויספיינען. ער האט אויך געמיינט, אז ער דארף מיר ציינן, אז ער טוט מיר אין אלץ נאך. איך וויל עס ניט. זאל ער טאקע גיין אין מיין דרך. ער קען אבער אליין אויך עפעס מחדש זיין. ער האט דעם כח"...

ר׳ נחום איז פון דאמאלט אן געווארן דעם בעל־שם׳ס תלמיד און איינער פון זיינע איבערגעבנסטע און פייאיגסטע תלמידים. דעם בעל־שם׳ס דרך איז געווארן זיין דרך און דער איינציגער דרך פאר אים. ער האט אבער אויך געהאט וואס מחדש צו זיין, און דאס מחדש זיין איז הויפטזעכלעך באשטאנען אין דעם, וואס ר׳ נחום האט דעם דרך החסידות אריינגעבראכט צווישן פאלק. ער איז געווארן דער פארשפרייטער פון חסידות צווישן די אידישע מאסן.

באזיצנדיג גרויס טאלאנט אלס בעל־דרשן, האט ער זיינע בעסטע יא־רען אפגעגעבן ארומפארנדיג איבער אידישע שטעט און שטעטלעך, דרשנ׳ענדיג וועגן חסידות.

און ר׳ נחום האט זיך ניט געקימערט, צי ער האט א שיינעם אוי־בערראק אדער ניט. ער האט געקענט גיין אין די ארימסטע מלבושים, לעבן נאר אויף ברויט און וואסער און שלאפן אויף דער ערד.

ביי ר׳ נחום׳ן איז דאס „פת במלח תאכל, מים במשורה תשתה" גע־ווארן דער געוויינלעכער דרך פון זיין טאג־טעגלעכן לעבן.

ווארים די גאנצע וועלט איז פאר אים געווען נאר פול מיט געטלעכ־קייט. ער פלעגט זאגן, אז די געטלעכקייט קען געזען און געפילט ווערן אין אלע ווינקלעך, אז וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך, קען מען הערן גאט׳ס שטים. אפילו אין דעם פשוטן און דעם גשמיות׳דיגן קען מען זען „אלקות" (געטלעכקייט). ווייל קיין אנדער זאך אויסער געטלעכקייט איז גארניטא אויף דער וועלט...

„גאט געפינט זיך אין יעדער לעבעדיגער באשעפעניש", האט ר׳ נחום געזאגט. „דאס לעבן פון יעדע באשעפעניש איז די געטלעכקייט"...

„אויב גאט האט זיך מצמצם (באשריינקט) געווען מיט דעם וואס ער

האָט זיך באַגרענעצט אין אַ מענטשלעכן וועזן, איז עס דערפֿאַר וואָס דער מענטש איז באַגרענעצט", האָט ר' נחום באַגרינדעט זיין פֿילאָזאָפֿישן בליק אויף וועלט און מענטש. „די געטלעכקייט ווערט אָבער ניט געמינערט אין איר גרויס און פֿאַרנעם דורך דער באַגרענעצונג פֿון דעם מענטשן"...

ר' נחום האָט געהאַלטן, אַז אַפֿילו דאָס גשמיות'דיקע פֿון דעם מענטשן איז אַ טייל פֿון דער געטלעכקייט. וואָרים דאָס גשמיות'דיקע איז דער אופֿן ווי גאָט אַנטפּלעקט זיך צו אונז און ר' נחום האָט עס מסביר געווען אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופֿן:

„אַלע זאַכן וואָס זיינען פֿאַראַן אויף דער וועלט, דאָס גייסטיקע ווי דאָס מאַטעריעלע, זיינען ניט מער ווי אַ משל... כדי פֿון דעם צו פֿאַרשטיין דעם נמשל — די געטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט דורך די אַלע דערשיינונגען. וואָרים דורכדעם איז גאָט פֿול אומעטום. (מלא כל הארץ כבודו). דאָס איז פּונקט ווי אַ רבי, וואָס וויל געבן צו פֿאַרשטיין זיין תלמיד אַ געוויסן עניין, וואָס דער תלמיד קען ניט משיג זיין. דער רבי ני־דערט אַרונטער און באַקליידט זיינע געדאַנקען אַזוי, אַז דער תלמיד הויבט אָן פֿאַרשטיין דעם נמשל. דאָס אייגענע האָט געטאָן דער אייבערשטער. ער האָט זיך געזוכט צו פֿאַרשטענדיקן דורך די פּשוט'ע און מאַטעריעלע דער־שיינונגען אין לעבן..."

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען ר' נחום האָט אין אַלץ געזען געטלעכקייט און האָט דאָס גשמיות'דיקע אָנגענומען בלויז אַלס „משל" פֿאַר דאָס רוחניות'דיקע, האָט ער וואָס ווייניקער זיך אָפּגעגעבן מיט גשמיות'דיקע זאַכן און האָט געלעבט נאָר אין אַ וועלט פֿון רוחניות.

חסידים זאָגן, אַז ר' נחום איז בלויז געווען צוויי מאָל ביים בעל־שם. מען דרינגט עס דערפֿון וואָס אין זיין ספֿר, „מאור עינים", דערמאָנט ער דעם בעל־שם בלויז צוויי מאָל אַלס „רבי ומורי"...

אָבער וויפֿיל מאָל ער זאָל ניט האָבן געווען ביים בעל־שם, ר' נחום איז צום בעל־שם געוואָרן צוגעבונדן בלב ונפש.

נאָך דעם בעל שם'ס הסתלקות איז ר' נחום געוואָרן צוגעבונדן צום בעל־שם'ס ממלא־מקום דער רבי ר' בער פֿון מעזעריטש.

ער איז געוואָרן אַ אָפֿטער באַזוכער ביים רבי'ן ר' בער און האָט אַ סך פֿון זיינע דרשות געבויט אויף דער תורה, וואָס ער האָט געהערט פֿון דעם רבי'ן ר' בער.

ר' נחום איז שוין אָבער געווען זעלבשטענדיק און האָט אַליין גע־האָט אַ גרויסע נאָכפֿאָלגערשאַפֿט.

ער האָט שוין געמאַכט טשערנאָביל פֿאַר זיין מקום־מנוחה, באַשטי־

מענדיג די דאָזיגע שטאָט צו ווערן אייביג באַרימט אין דער חסידישער געשיכטע.

ר' נחום איז אין טשערנאָביל אויפגענומען געוואָרן אַלס שטאָט־מגיד און עס איז צוליב דעם, ווי אויך דערפאַר וואָס די חסידישע מנהיגים אין יענער צייט האָבן זיך אַזוי טיטולירט, דאָס ער איז באַקאַנט געוואָרן אַלס טשערנאָבילער מגיד — אַ טיטל, וואָס אויך זיין זון ר' מאָטעלע, זיין ממלא־מקום, האָט געטראָגן.

ח.

# ר׳ נחום אין טשערנאָביל

זיין הנהגה.—זיין ליבע צו אָרימע און שנאה צו רייכע.—דער „מסחר" מיט ר׳ נחום׳ס עולם הבא. — די הנהגה פון זיינע זין. — דעם צדיק׳ס אַ וואָרט. — זיין חוש־הריח און הסכמה אויף אַ נייעם דרך אין חסידות.

ר׳ נחום איז געקומען געוואָרן אין טשערנאָביל אַלס שטאָט־מגיד, שוין נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן שם׳ן איבער דער וועלט. און אָנגעהויבן שם׳ן האָט ער ניט נאָר צוליב זיין גרויסע צדקות, נאָר אויך צוליב זיין גרויסען טאַלאַנט אַלס בעל־דרשן.

מיט זיין באַזעצן זיך אין טשערנאָביל פאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון חסידות. ר׳ נחום ווערט דער פאַרשפּרייטער פון דער חסידישער תורה צווישן פאָלק.

דאָס ענדערט אָבער ניט זיין אַרט לעבן. ער לעבט נאָך אַלץ אין גרויס אָרימקייט און נויט און אָנטזאָגט זיך הנאה צו האָבן פון גשמיות־דיגע זאַכן. דאָס ביסל וואָס ער האָט גיט ער אַוועק אָרימעלייט.

ר׳ נחום איז שוין באַקאַנט און חסידים קומען צו אים פון אַרומיגע שטעט און שטעטלעך. ער וויל אָבער פון קיינעם ניט נעמען קיין פּדיונות. ער וויל בכלל פון קיינעם און פון גאָרניט נהנה זיין. פון אָרימעלייט וועט ער דאָך זיכער גאָרניט נעמען. ער רוקט זיי נאָך עפּעס אַריין אין האַנט. און פון רייכע אָנטזאָגט ער זיך צו נעמען. ער הייסט זיי פאַרטיילען די פּדיונות צווישן אָרימעלייט און ר׳ נחום אַליין ציינט זיי שוין אָן אויף נויטבאַדערפטיגע.

און אויב דאָס איז ניט גענוג, לאָזט ער זיך אַליין קלייבן נדבות פאַר אָרימע און נויטליידנדע. אויב אין טשערנאָביל גופא איז שוין ניטאָ ביי וועמען צו נעמען, פאָרט ער אַרום איבער די אַרומיגע שטעטלעך. ער האָט אַ דאָפּלטע אויפגאַבע. ער האַלט דרשות, רופנדיג דעם עולם צו תשובה, אויפקלערנדיג דעם נייעם דרך פון חסידות און ער זאַמלט דערוויל נדבות פאַר פּדיון־שבוים, פאַר הכנסת־כלה און פאַר טויזנט אַנדערע אי־

דישע באַדערפעניש. דאָס וואָס מען גיט אים פאַר זיינע דרשות גיט ער אויך אַוועק אויף צדקה.

נצרכים צווישן אידן זיינען תמיד פאַראַן און ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי ר׳ נחום וועגן דעם „מרובים צרכי עמך“ (די גרוים פון די אידישע נויטן) ?

קליינע נדבות איז אָבער ניט קיין לייכטע אויפגאַבע, אפילו פאַר אַזוי־נעם ווי ר׳ נחום.

אידן האָבן תירוצים. אַנדערע אַנטזאָגן זיך סתם צו געבן. און דאָס טרעפט גראָד מיט רייכע אידן. עשירים האָבן תמיד חוצפה. זיינען זיי גרייט אפילו אָפּצוזאָגן אַ ר׳ נחום׳ן.

ר׳ נחום לאָזט אָבער ניט אָפּ. עס האַנדלט זיך דאָך ניט נאָר וועגן די פאַר וועמען די נדבות ווערן געקליבן, נאָר אויך וועגן די וואָס דאַרפן די נדבות געבן. זיי האָבן דאָך מיט דעם די געלעגנהייט זיך איינצוהאַנדלען עולם־הבא.

האָט ר׳ נחום אַלערליי המצאות, ווי אַזוי ביי האַרט־לייביגע אידן אַרויסצוקריגן אַ נדבה.

ווערט דערציילט, אַז ר׳ נחום איז אַמאָל געקומען פאַר אַ נדבה צו אַ רייכן אידן, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער קמצן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ וויכטיגן ענין. דער קמצן וויל אָבער פון גאָרניט הערן. ער וויל קיין פּרוטה ניט געבן.

„ווייסט איר גאָר וואָס ?“ זאָגט ר׳ נחום צו אים. „לאָמיר מאַכן מסחר“.

„מסחר“ ? וואונדערט זיך יענער איד.

„יאָ, מסחר“, דערקלערט ר׳ נחום. „איך וועל אייך פאַרקויפן מיין חלק עולם־הבא“...

דערהערט, אַז ער קען אַריינקריגן ר׳ נחום׳ס חלק עולם־הבא, האָט זיך דעם קמצנ׳ס האַרץ אַביסל צעוואַרעמט. אַזאַ מציאה קריגט מען ניט יעדן טאָג און ער האָט געשלאָסן מיט ר׳ נחום׳ן דעם מסחר, געבנדיג אַ באַ־שטימטע סומע אין אויסבייט פאַר ר׳ נחום׳ס עולם־הבא...

האָט דער עולם געהערט פון דער געשיכטע און זיך ניט געקענט אָפּ־וואונדערן. סטייטש, ווי פאַרקויפט עס אַזאַ צדיק ווי ר׳ נחום זיין חלק עולם־הבא, און פאַר וואָס ? — פאַר אַ נדבה פון אַ קמצן !

זיינע חסידים זיינען צו אים צוגעשטאַנען פאַר אַ דערקלערונג און ר׳ נחום האָט זיי געזאָגט בזה הלשון :

„די תורה הייסט דינען גאָט בכל לבבך ובכל מאדך, מיט׳ן גאַנצן

הארצן און מיטן גאַנצן פארמעגן. מיטן גאַנצן הארצן קען איך דינען גאָט. אָבער ווי קען איך דינען גאָט מיטן גאַנצן פארמעגן, ווען איך האָב דאָ אויף דער וועלט גאָרניט און האָלט, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט האָט קיין ווערט? איך זאָג דאָך אָבער צוויי מאָל אַ טאָג, אַז איך דין אַזוי גאָט. זאָל איך, רחמנא לצלן, בלייבן אַ ליגנער? האָב איך מיין גאַנצן פארמעגן אויפן עולם־האמת אוועקגעגעבן פאַר אַ מצוה און ערשט איצט פיל איך, אַז איך האָב מקיים געווען וואָס די תורה הייסט..."

וואָס איז שייך געבן פון דער אייגענער קעשענע, האָט ר' נחום ממש זיך געטיילט דעם לעצטן ביסן פון מויל.

עס ווערט דערציילט ווי אַזוי צו ר' נחום'ן איז אַמאָל געקומען אַ איד, אַן אָרימאַן, און האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט אַ טאָכטער פאַר וועל־כער עס איז צייט חתונה צו האָבן אָבער ער האָט פאַר איר ניט קיין נדן און קיין אויסשטייער. האָט דער צדיק אים אוועקגעגעבן גאָר דאָס געלט וואָס ער האָט אין הויז געהאַט און אויך זיין אַטלעסענע זשופּעצע.

דער איד האָט ליב געהאַט אַ שנעפּסל און אַריינקריגנדיג אַזאַ מטבע מיט אַן אַטלעסענע זשופּעצע דערצו, איז ער אוועק אין שיינק און פאַר־שיכור'ט אַ טייל פון ר' נחום'ס געלט. ווען דעם צדיק'ס חסידים האָבן עס געזען האָבן זיי פון שיכור אוועקגענומען דאָס איבעריגע געלט און די זשו־פּעצע און עס צוריקגעבראַכט צו ר' נחום'ן.

„דער איד איז אַ טויגניכטס, אַ שיכור, ער פאַרדינט ניט אייער הילף, רבי", האָבן אים די חסידים געזאָגט.

ר' נחום איז געוואָרן ברוגז.

„איך האָב אין הימל געהערט ווי מען רופט אויס, אַז נחום פון טשערנאָביל פאָלגט נאָך די מדות פון גאָט ברוך הוא. גאָט איז אַ טוב והמטיב לטובים ולרעים — טוט גוטעס צו די גוטע און צו די שלעכטע, — און נחום טוט אויך דאָס זעלביגע, און איר ווילט מיר איצט באַרויבן פון אָט־דער גרויסער מדה. גיט שנעל אָפּ דאָס געלט און די זשופּעצע צום אידן. מיר אַרט ניט וואָס ער איז און ווער ער איז. איך העלף יעדן, צי ער פאַרדינט עס צי ניט..."

ניט אומזיסט האָט דער באַרימטער ר' יעקב יוסף געהאַט געזאָגט אויף ר' נחום'ן:

„די וועלט מיינט, אַז ר' נחום איז איין צדיק. ער איז אָבער צען צדיקים צוזאַמענגענומען. יעדער אַנדער צדיק האָט זיך זיין באַשטימטן און איינציגן דרך. דער איז אַ צדיק אין תורה, אַ צווייטער אַ צדיק אין תפלה, אַ דריטער—אין צדקה, לויט זיין שורש אין די עשרה ספירות... ר' נחום

איז אָבער אַ צדיק אין אַלץ, אין אַלע דרכים און אין אַלע מדות...״

איז זיין צדקות געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אינגאַנצן זיך ניט געקימערט וועגן זיינע קערפּערליכע באַדערפֿנישן. אים האָט דער ענין פון פּרנסה אינגאַנצן ניט געאַרט. איז ער תמיד געווען אַ גרויסער אביון, ממש אַ מחוסר לחם.

אין דעם פּנקס פון דער חברה משניות פון טשערנאָביל ווערט דערציילט, אַז ר׳ נחום האָט געמוזט געבן זיינעם אַ ספר אַלס משכון פאַר אַ רובל, וואָס ער האָט דער חברה געקומט פאַר „וואָכער״ און האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן. אין זעלביגן פּנקס ווערט אויך אָנגעזאָגט, אַז ווען ר׳ נחום וועט באַצאָלן דעם רובל זאָל מען אים צוריקערן דעם ספר...

ווי אַזוי דאָס איז געקומען צו דעם איז ניט קלאָר. מעגלעך, אַז ר׳ נחום אַליין האָט אַנדערש ניט געוואָלט, אַז מען זאָל ביי אים נעמען דעם משכון. אַ חוב איז אַ חוב און ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין יוצא מן הכלל. ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן, האָט ער דאָס טייערסטע וואָס ער האָט געהאַט אַוועקגעגעבן — אַ ספר...

אַליין האָט ר׳ נחום אַ צורת מטבע ניט געוואוסט און ליב געהאַט די וואָס האָבן ניט און רעכענען זיך ניט מיט קיין געלט. עשירים האָט ער פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן.

ווען אַן אָרימער חסיד פלעגט צו אים קומען, פלעגט ר׳ נחום אים אויפנעמען מיט גרויס פרייד, אים אויספרעגן אַלע פּרטים און מיט אים פאַרברייינגען אין זיין חדר אַ לייַנגערע צייט. ווען אַן עושר פלעגט צו אים קומען, האָט ער אַלץ געמאַכט בקיצור, בלויז עטלעכע ווערטער גערעדט מיט אים און אים באַלד משלח געווען.

זיינע חסידים האָבן אים אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער פירט זיך ניט אויף ווי רבינו הקדוש, אויף וועמען עס ווערט געזאָגט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן כבוד עשירים — „רבי מכבד עשירים״.

„פאַרוואָס זאָל איך בעסער ניט נאָכטאָן גאָט ברוך־הוא אַליין, וועלכער זאָגט אויף זיך אני אשכון את דכא ושפל רוח — איך גיב רו צום צעבראָכענעם און דערנידעריגטן, און אויף וועמען עס ווערט געזאָגט, כי הוא יעמוד לימין אביון — אַז ער שטייט אימער ביי דער רעכטער זייט פון אָרימאַן?״, איז געווען ר׳ נחום׳ס ענטפער.

ער פלעגט אויך זאָגן, אַז דער זעלביגער רבינו הקדוש זאָגט אויף זיך, אַז ער האָט קיינמאָל ניט הנאה געהאַט פון דער וועלט אפילו ניט מיט זיין קליינעם פינגערל און ער וויל זיין אין דעם פּרט גלייך מיט רבינו הקדוש.

ר׳ נחום פלעגט אָנווייזן אויפן רמב״ם, וועלכער זאָגט, אַז מיט דער

וועלט דאַרף מען זיך גט'ן אָבער מיט יענער וועלט דאַרף מען חתונה האָבן...
אַז אַנדערטמאָל האָט אים אַ חסיד געפרעגט:
„סטייטש, רבי, עס שטייט דאָך, אַז די שכינה רוט נאָר אויף אַ חכם, אַ גבור און אַן עושר, איז דאָך אַ באַווייז, אַז גאָט אַליין האַלט שטאַרק פון עשירים?"
ר' נחום האָט זיך צעלאַכט.
„קינד וואָס דו ביזט", האָט ער דעם חסיד געזאָגט, „דענקסטו דען, אַז גאָט וועט זיך רעכענען מיט אַזוינס, וואָס איז ניט אין מענטשן נאָר אויסער אים?" און ער האָט אים דעם ענין אויפגעקלערט אויף אַזאַ אופן: „עס שטייט אין פרקי אבות, איזהו חכם, ווער איז אַ חכם? דער וואָס לערנט פון יעדן איינעם; ווער איז אַ גיבור? דער וואָס באַהערשט זיך אַליין; ווער איז אַן עושר? דער וואָס איז צופרידן מיט וויפיל ער האָט, ווי אין פסוק שטייט, אַז ווען דו לעבסט פון דער אַרבעט פון דיינע הענט איז דיר וואויל אויף דער וועלט און וואויל אויף יענער וועלט... אַט אַזוינע עשירים האָט דער אייבערשטער ליב", האָט ר' נחום פאַרענדיגט...
און ר' נחום האָט זיך טאַקע געפילט וואויל אויף דער וועלט, טראָץ די גרויסע אָרעמקייט, אין וועלכע ער האָט געלעבט.
עס ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:
חסידים האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען די אָרעמקייט, אין וועלכע ר' נחום לעבט. עס איז גאָרניט מעשה חסיד, האָבן זיי געזאָגט. אַ חסיד דאַרף אויך נהנה זיין פון דער וועלט, אַ רבי דאַרף זיך פירן מיט הרחבה.
„רבי, מיר וועלן אייך אויסבויען אַ גרויס הויז, אייך קויפן שיינע מעבל און אייך לאָזן נייען פיינע מלבושים", האָבן זיי זיך ביי אים גע־בעטן. און צו פועל'ן ביי אים, אַז ער זאָל זיי ניט אָנטזאָגן, האָבן זיי אים דערמאָנט אָן דעם מאמר חז"ל, אַז „דריי זאַכן דערהויבן דעם מענטשנ'ס געמיט: אַ שיין הויז, שיינע מעבל און אַ שיינע פרוי"...
ר' נחום האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט הערן און ניט זען.
„איר ווילט מיר מאַכן אַ אוּים חסיד", האָט ער די חסידים געענטפערט קורץ און שאַרף.
„אוים חסיד?" האָבן זיי זיך געוואונדערט. זיי האָבן געוואָלט וויסן די כונה וואָס ר' נחום האָט דערביי געהאַט. איז דאָך זיין דרך גאָרניט גע־ווען אין איינקלאַנג מיט דער חסידישער לערע, האָבן זיי זיך געטראַכט. גע־ווים ליגט אין ר' נחום'ס ווערטער סודות, און זיי האָבן די דאָזיגע סודות געוואָלט וויסן.
„פאַרוויקלט ניט מיינע ווערטער אין סודות, זוכט אין זיי ניט קיין

רזין דרזין", האָט ר׳ נחום זיי שפּעטער מסביר געווען. „עס איז פּשוט און פאַרשטענדלעך. איך פאַרלאָז זיך אויף דער גמרא וואָס זאָגט „האי מאן דבעי חסידא לקיים מילי דאבות", — אַז דער וואָס וויל זיין אַ חסיד, זאָל זיך האַלטן ביי דעם וואָס די אבות האָבן געזאָגט. און די אבות זאָגן: „כך היא דרכה של תורה: פת במלח תאכל, מים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל", — אַז דאָס איז דער וועג פון דער תורה: זאָלסט עסן ברויט מיט זאַלץ, טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס, שלאָפן אויף דער ערד, לעבן אין צער און זיך מאַטערן אין דער תורה..."

און ר׳ נחום האָט זיך געהאַלטן אַזוי פעסט ביי זיין דרך, ניט הנאה צו האָבן פון דער וועלט ביז׳ן סאַמע סוף פון זיין לעבן.

זיינע קינדער, ר׳ מאָטעלע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער ממלא מקומו, און ר׳ משה׳לע, האָבן שוין אָבער ניט געוואָלט גיין אין טאַטנ׳ס דרכים און האָבן נאָך פאַר ר׳ נחום׳ס לעבן זיך אָנגעהויבן פירן בהרחבה. זיי האָבן עס אָבער געמוזט טאָן בשתיקה, דער טאַטע זאָל ניט וויסן.

איינמאָל האָט זיך ר׳ נחום דערוואוסט, אַז ביי ר׳ מאָטעלען אין הויז האָט מען אין אַ מיטן דערוואָכעדיגן טאָג געקאָכט פיש. דאָס האָט אים שטאַרק איבעראַשט. סטייטש, ווי פאַרגינט מען עס זיך אין אַ מיטן דער וואָך פיש!

ר׳ נחום האָט זיך אָנגעטאָן די שבת׳דיגע זשופּעצע און שטריימל און איז אַוועק צו ר׳ מאָטעלען אין הויז.

„אַ גוטער שבת דיר, מיין זון", האָט ער געזאָגט צו ר׳ מאָטעלען, וועלכער איז אים אַנטקעגן געקומען.

ער האָט זיין טאַטן אָנגעקוקט.

„גוט שבת, זאָגסטו, טאַטע? וואָס איז געשען?"

„מען קאָכט דאָך ביי דיר פיש, הער איך", האָט ר׳ נחום געענטפערט ביי זיך.

ר׳ מאָטעלע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעצייכנט אויף אַ נייער הנהגה אין חסידות — אַ הנהגה פון ברייטקייט און גרויס עשירות. פאַרן טאַטנ׳ס לעבן האָט ער אָבער געמוזט זיין איינגעהאַלטן, טאָקע אַ דאַנק דעם וואָס ר׳ נחום איז געווען שטאַרק דאַגעגן.

דערפאַר האָט ר׳ נחום׳ס צווייטער זון, ר׳ משה׳לע, אָפּגעשניטן פיל ערגער.

ר׳ משה׳לע, ווערט דערציילט, האָט זיך אָנגעהויבן פירן ברייטלעך, און טאָקע נאָך ברייטלעכער און עולם-הזה׳דיגער ווי ר׳ מאָטעלע. ער האָט געהאַט אַ פייעטאָן מיט צוויי פייערדיגע סוסים און האָט ליב געהאַט גוט

צו עסן און טראָגן שיינע מלבושים. ווען חסידים האָבן עס דערזען, האָבן זיי וועגן דעם אָפּדערציילט דעם טאַטן. גאָר ניט אין ר׳ נחום׳ס דרכים געגאַנגען.

ר׳ נחום האָט פון דעם גרויס צער געהאַט, און איינמאָל האָט ער זיך אַ בייז וואָרט אויסגערעדט — אַ בייז וואָרט געגן ר׳ משה׳לע, און ר׳ משה׳לע איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן... דערזען וואָס עס איז געשען מיט ר׳ משה׳לען, האָבן חסידים זיך געהיט שוין ניט צו זאָגן קיין וואָרט וועגן ר׳ מאָטעלע׳ן פאַרקערט, זיי האָבן אים נאָך געהאָלפן פאַרבאַהאַלטן זאַכן פון טאַטן. גיי פאַנג זיך אָן מיט אַזוינעם, וועמעס וואָרט איז פלאַם-פייער!

פונדעסטוועגן האָט אָבער ר׳ נחום אַליין אין זיינע לעצטע טעג אָנגעהויבן איינזען, אַז ר׳ מאָטעלע׳ס דרך פון פירן זיך ברייטלעך איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטער. ער האָט אָנגעהויבן איינזען ר׳ מאָטעלע׳ס טיפע כוונות דערביי...

געקומען איז עס אויף אַזאַ אופן:

ר׳ נחום האָט זיינע לעצטע טעג פאַרבראַכט אין גרויס יסורים.

עס ווערט דערציילט. אַז אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגליק. זייענדיג אין דרויסן איז אָנגעלאָפן אַ פערד און האָט דעם צדיק אומגעוואָרפן און אים צוקאַליעטשעט. ער איז שוין מער פון בעט ניט אַרונטער.

ר׳ נחום האָט די יסורים מקבל באהבה געווען, ווי אַ גרויסער צדיק דאַרף עס טאָן.

פאַר איין זאַך האָט ער זיך מצער געווען, און דאָס איז געווען פאַר די חובות וואָס ער האָט געקומען. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ר׳ נחום זיך געפילט געצוואונגען צו בעטן הילף ביי חסידים. עס איז געווען דעמאָלט, ווען זיין ידיד, ר׳ שניאור זלמן, דער ליאָדיער צדיק, דער גרינדער פון די „חבד׳ניקעס“, האָט אַרויסגעשיקט אַ וואַרימען קול קורא, בעטנדיג הילף פאַרן טשערנאָבילער מגיד וואָס איז אין גרויס נויט געווען.

ליגנדיג אויפן בעט האָבן זיינע חסידים באַשלאָסן צו נעמען דעם צדיק קיין קיעוו צו אַ פּראָפעסאָר.

דער וועג קיין קיעוו איז געווען אַ ווייטער און מען האָט דעם צדיק ניט געקענט פירן אין אַבי וועלכער פור. מען האָט געמוזט האָבן אַ פּייעטאָן, אַ קאַרעטע, אין וועלכער דער צדיק זאָל זיך פילן באַקוועם.

ר׳ מאָטעלע האָט געהאַט אַזאַ פּייעטאָן. ער האָט עס געהאַט בשתיקה, דער טאַטע זאָל ניט וויסן. איצט, אַז דער צדיק האָט געדאַרפט גענומען

ווערן קיין קיעוו, האט מען באשלאסן נעמען ר' מאטעלע'ס פייעטאן. אבער מען האט בשום אופן ניט געוואלט, אז ר' נחום זאל זיך דערוויסן צו וועמען די קארעטע געהערט.

דער צדיק וואלט געוויס געהאט צער דערפון, און ווי קען מען עס דערלאזן, אז דער חולה זאל זיך אויפרעגן, און ווער־ווייסט־וואס טאן צו ר' מאטעלע'ן!

האט מען באשלאסן זאגן ר' נחום'ען, אז דאס האט מען געקראגן צו לייען ביי א דערבייאיגן פריץ.

צוליב שלום ווענן, און טאקע אויך פיקוח נפש, מעג מען דעם צדיק אפנארן, האבן חסידים געטראכט.

האט מען דעם קראנקן צדיק אריינגעזעצט אין דער קארעטע.

אבער ר' נחום דערפילט באלד א מאדנע אומרואיגקייט. ער הויבט אן שמעקן, זיך ארומקוקן, ער פילט אז דער פייעטאן איז ניט קיין פריץ'ישער.

„דער פייעטאן געהערט ניט צו קיין פריץ", גיט ער א זאג מיט א זיכערן טאן צו די חסידים ארום אים. „איר האט מיר אפגענארט"...

די חסידים ווערן פארציטערטע. זיי וואגן ניט א ווארט צו זאגן.

„וואס שווייגט איר?" פאדערט ביי זיי ר' נחום. „איך וויל וויסן דעם אמת!"

און די חסידים האבן קיין ברירה ניט, און דערציילן דעם אמת.

„איך האב גלייך דערפילט, אז דער פייעטאן געהערט צו א צדיק", האט ר' נחום געזאגט. „נאך אלעם דעם הויב איך אן איינזען, אז אין דעם דרך איז אויך עפעס פאראן..."

און ר' נחום האט צום ערשטן מאל געגעבן זיין הסכמה אויף ר' מאטעלע'ס הרחבה'דיגע הנהגה. צום ערשטן מאל האט ער איינגעזען, אז מען דארף זיך דוקא ניט אפזאגן פון אלע תענוגים פון דער וועלט און פארן אין א פויערשן וועגעלע, ווי ער האט כל ימיו געטאן. דער טשערנאבילער הויף האט פאר זיין זון ר' מאטעלע א נייע ווענדונג אין דער הנהגה גענומען, און כאטש ר' נחום איז ביזן סוף געבליבן ביי זיין אלטן דרך, האט ער שוין אבער געוואוסט, אז זיין זון, דער ממלא מקומו, וועט עפעס מחדש זיין, וועט דעם חסידיזם א נייעם פנים געבן...

ו.

# מסירת נפש.

וואָס ר׳ נחום האָט געדאַרפט אויסשטיין אין ליטווישע שטעט און שטעטלעך, וואו ער איז געקומען האַלטן דרשות וועגן חסידות. — דעם ליטוואַק׳ס שטיין. — ר׳ נחום אין תפיסה.

ר׳ נחום וואָלט אודאי געקענט זיצן אין טשערנאָביל אין מנוחה. די שטאָט האָט אים געהאַלטן אין כבוד און חסידים זיינען צו אים געקומען פון נאָענט און פון ווייט.

האָבן מנוחה איז אָבער ניט געווען ר׳ נחום׳ס דרך, אַפילו ניט דעמאָלט ווען דאָס וואָלט פאַר אים געמיינט זיצן אומגעשטערט און עוסק זיין אין תורה, פאַסטן תעניתים און נעמען אויף זיך סגופים און טאָן אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיג.

אין זיין הארצן האָט געברענט אַ פייער — דער פייער פון חסידות, און ער האָט ניט געקענט רוען ביז וואַנען דער דאָזיגער פייער וועט אויך ניט אויפגעבלאָזן ווערן אין די הערצער פון טויזנטע און טויזנטע אַנדערע אידן, וועלכע זיינען נאָך געווען צו־פאַרגליווערט צו קענען פילן די וואַרים־קייט פון חסידות און צו בלינד צו קענען זען דעם נייעם דרך פון בעל שם.

ר׳ נחום איז געווען באַשאָנקען מיט אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט. מיט זיינע דרשות האָט ער געקענט רירן אַפילו פאַרשטיינערטע הערצער. האָט דער טשערנאָבילער מגיד דערפיגט, אַז עס איז זיין הייליגער חוב ניט צו זיצן אויף איין אָרט און וואַרטן, אַז מען זאָל קומען צו אים הערן די נייע חסידישע תורה, נאָר אַז ער מוז די נייע תורה ברענגען צום פאָלק, וואו ער זאָל ניט זיין און וואָס פאַר שוועריגקייטן ער זאָל דערביי ניט האָבן.

איז ר׳ נחום אַרויסגעפאָרן איבער „דער וועלט“, און געפאָרן איז ער אויף זיין אייגענעם שטייגער — אין אַ קליין אָרים וועגעלע, געשפאַנט צו אַ קליין אויסגעדאַרט פערדל, ניט געקוקט אויף קיין היץ אָדער קעלט, און זיך ניט געקימערט פאַר קיין רעגן אָדער שניי.

עס איז ניט געווען קיין שטעטל צו קליין, וואו ער זאָל זיך ניט אָפּשטעלן האַלטן אַ דרשה. וואו נאָר עס זיינען געווען אידן און זיין פערדל

האָט אים געקענט דערפירן, איז ר׳ נחום געקומען. און אויב דאָס פערדל איז צוגעשטאַנען, און אויב די רעדער האָבן זיך פאַרהאַקט אין בלאָטע, איז ער געגאַנגען צופוס.

ר׳ נחום האָט געהאַט אַ הייליגע שליחות און קיין זאַך האָט אים ניט געקענט שטיין אין וועג די דאָזיגע שליחות אויסצופירן.

האָט אים אַפילו ניט געקימערט ווען זיינע דרשות זיינען אָפטמאָל אויפגענומען געוואָרן פון מתנגדים מיט שימפערייען און ער איז געוואָרן דער קרבן פון רדיפות. עס איז געווען אַ פראַגע פון פאַרשפּרייטן אַ נייע לערע, און ר׳ נחום איז געווען גרייט פאַר דעם אַפילו זיך מוסר נפש צו זיין.

און אָפט האָט עס טאַקע געהאַלטן ביי מסירת נפש.

וואָרים ר׳ נחום האָט גראָד געוואָלט באַקערן צום חסידיזם די ביטערסטע געגנער זיינע. האָבנדיג פאַרבראַכט פיל יאָר אין אַ ליטווישער ישיבה, האָט ער געוואָלט געווינען די ליטוואַקעס צום חסידיזם, און דערום אַפילו געוואַגט „אריינצודרינגען״ אין ליטווישע שטעטלעך.

דאָס האָט געשמעקט מיט געפאַר, און דער טשערנאָבילער מגיד איז ניט איינמאָל געווען אין סכנה ממש מיט זיין לעבן.

אין מאַנכע שטעטלעך האָט מען אים אַרונטערגעשלעפּט פון דער בימה און אַרויסגעטריבן פון בית־מדרש, און דאָן פון שטעטל; אין אַנדערע האָט מען אים אויך ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, וואָס ר׳ נחום האָט שטענדיג מקבל באהבה געווען.

אין איין שטעטל, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז דאָס זאָל זיך ענדיגן נאָך ערגער. ר׳ נחום איז ממש געווען אין סכנה מיטן לעבן.

אַ ליטוויש שטעטל איז עס געווען, מיט פאַרביטערטע, פאַר׳עקשנ׳טע מתנגדים, וואָס זיינען געווען להרוג ולאבד געגן די חסידים.

האָט ר׳ נחום געוואוסט, אַז קומען דאָרט אין שטעטל איז סכנת נפשות, און האָט דאָס שטעטל אַ לאַנגע צייט אויסגעמידן. אויפטאָן דאָרט, האָט ער געוואוסט, וועט ער גאָר ניט מיט די פאַר׳עקשנ׳טע ליטוואַקעס, און גורם זיין אידן צו אַן עבירה דורך דעם וואָס ער זאָל זיי מיט זיין קומען אויפשטורמען, האָט ער ניט געוואָלט.

איינמאָל האָט דער צדיק געדאַרפט מאַכן אַ נסיעה, און דער מאַרשרוט איז געווען דורך יענעם שטעטל. קיין אַנדער וועג איז ניט געווען. אויס־מיידן דאָס שטעטל איז געווען אוממעגלעך.

געפאָרן איז ר׳ נחום דעמאָלט אין אַ וועגל מיט אַ ביידל, האָט ער געהאָפט אַז דורכפאָרנדיג דאָס שטעטל וועט אים קיינער ניט דערקענען. דערצו האָט ער אָנגעזאָגט דעם בעל עגלה, אַז ווען ער וועט קומען צום

שטעטל זאָל ער די פערד אַ שמייס טאָן מיט אַלע כחות און זיי לאָזן לויפן מיטן גאַנצן אימפּעט, כדי וואָס שנעלער דורכצופאָרן דאָס שטעטל.

און כך הוה. ווען די בויד איז אָנגעקומען צום אָנפאַנג שטעטל האָט דער בעל עגלה אָנגעהויבן שטאַרק שמייסן די פערד און זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ.

ליטוואַקעס זיינען אָבער ביטערע יונגען. מען קען זיי לייכט ניט אָפּנאַרן. אויסבאַהאַלטן זיך פון זיי איז אויך שווער. האָבן עטלעכע שאַרפע אויגן באַמערקט ר׳ נחום׳ען און אים באַלד דערקענט.

שימף־ווערטער האָבן אָנגעהויבן פליען. דראָענדיגע פויסטן האָבן אָנ־געהויבן זיך באַוועגן אין דער לופט. דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפן און געליאַרעמט און געפילדערט, געזידלט און באַליידיגט דעם גרויסן צדיק.

דער בעל עגלה האָט נאָך שטאַרקער געשמיסן די פערד, אָבער די געבראַטענע ליטוואַקעס, די פאַרביסענע מתנגדים, זיינען נאָכגעלאָפן נאָך דער בויד און ניט אָפּגעלאָזט דעם צדיק.

האָט איינער פון די ליטוואַקעס אויפגעהויבן אַ שטיין פון דער ערד און געצילט גלייך צום צדיק׳ס קאָפּ. נאָך איין ווײַלע און דער שטיין וואָלט אַ פּלי געטאָן און דעם צדיק אוועקגעלייגט אַ טויטן. ר׳ נחום האָט עס באַמערקט און געזאָגט צום בעל עגלה:

„שמייס די פערד נאָך שטאַרקער. עס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט, און זאָל אונז גאָט מצליח זיין“.

האָט דער בעל עגלה מיט זיין גאַנצן כח אָנגעהויבן שמייסן די פערד, און די פיר־פיסיגע ברואים, ווי זיי וואָלטן דערפילט די גרויסע סכנה וואָס שוועבט איבער דעם באַרימטן צדיק, האָבן אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע כחות און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פייל אויסן בויגן.

דער ליטוואַק האָט זיין שטיין געוואָרפן, אָבער ניט געטראָפן אין ציל, און דער צדיק איז שוין געווען ווייט־ווייט, באַלד אויסערן שטעטל. געזען אַז די בויד איז ווייט, איז דער עולם זיך צעגאַנגען, און דעם ליטוואַק, וואָס האָט דעם שטיין געוואָרפן, האָט מסתמא פאַרדראָסן וואָס ער האָט דעם צדיק ניט געטראָפן. אַזוי פאַרביסן איז מען דאָרט געווען געגן דעם חסיד׳ישן מנהיג.

ווען די בויד איז שוין געווען אויפן צווייטן זייט שטעטל און דער בעל עגלה האָט אָפּגעשטעלט די סוסים זיי צו לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך אַליין דעם שווייס פון שטערן אָפּווישן, האָט ער זיך צום צדיק אומ־געדרייט און באַמערקט:

„אמת'ע מערדער, די ליטוואַקעס. ערגער פון וואַלד־גזלנים. זאָלן זיי אין כף הקלע גיין, די משומדים!"

„רייד ניט אויף קיין כשר'ע אידן", האָט דער צדיק געזאָגט. „אַלע אידן זיינען ליב דעם אייבערשטן, אַלע זיינען זיינע קינדער"...

„דער ליטוואַק האָט דאָך אָבער אייך געוואָלט טויטן?" האָט דער בעל עגלה זיך געוואונדערט וואָס דער צדיק איז אַזוי גלייכגילטיג און אַזוי אומבאַקימערט און וואָס ער האָט גאָר קיין שלעכט וואָרט ניט פאַר יענעם, וואָס האָט אים שיער ניט דער'הרג'עט.

„געוויס האָט ער געוואָלט", האָט ר' נחום געזאָגט. „און וואָלטן מיר ניט אַנטלאָפן, וואָלט דער שטיין מיר געפלויגן אין קאָפּ, און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען. אָבער מיר האָט ניט געאַרט פאַר מיין לעבן. ווען עס וועט זיין גאָט'ס רצון, אַז איך זאָל פון דער וועלט אַוועק, וועל איך אויף דעם זיין גרייט, ווי דער טויט זאָל ניט קומען און פון וועמעס האַנט. אָבער איך האָב ניט געוואָלט, אַז דער מתנגד זאָל מיר מיטן שטיין אין קאָפּ טרעפן און נאָך דערפאַר עולם הבא האָבן. וואָרום ער האָט דאָך גאַנץ ערנסט געמיינט, אַז ער טוט עס פון גאָט'ס וועגן, אַז ער גייט דאָ אויף קידוש השם, און אים וואָלט אויפן עולם האמת קיין שטראָף ניט געקומט. דאָס האָב איך שוין ניט געוואָלט דערלאָזן, און אַ דאַנק גאָט עס איז צו דעם ניט געקומען..."

די רדיפות פון די מתנגדים האָבן אָבער אויך דערגרייכט ר' נחום אין טשערנאָביל גופא. און חסידים דערציילן ווי אַזוי דער צדיק איז דורך אַ מסירה פון זיינע געגנער אַרעסטירט געוואָרן און איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער תפיסה.

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש צווישן חסידים. ר' נחום האָט אָבער אַלץ מקבל באהבה געווען און האָט געהאַלטן, אַז מסתמא קומט עס אים. וואָרים ווען דאָס זאָל אים ניט האָבן געקומט, וואָלט דאָך דער רבונו של עולם ניט דערלאָזט, אַז ער זאָל זיין פאַרשפאַרט אין תפיסה.

זיין איינציגע זאָרג איז געווען, אַז זיין זיצן אין תפיסה זאָל אים ניט שטערן אין עבודת הבורא, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן ווען אויף דער שתדלנות פון זיינעם אַן איינפלוסרייכן חסיד, דער באַוואוסטער ר' זאב זשיטאָמירער, האָט מען אים געגעבן די דערלויבעניש יעדן טאָג צו גיין אין בית מדרש דאַוונען בציבור, דאָרט לערנען אַ פאַר שעה און האַלטן זיינע דרשות אומגעשטערט.

פון בית מדרש פלעגט ר' נחום צוריקקערן אין תפיסה. ווי געווינלעך פלעגן אים באַגלייטן אַ סך פון זיינע חסידים, און פיל טרערן פלעגט

פאַרגאַסן ווערן פאַרן צדיק, וואָס האָט נעבעך געדאַרפט שמאַכטן אין געפענגנים צוליב אַ שקר בלבול.

דאָס האָט אָבער פאָליציי ניט געשמעקט, און מען האָט דעם צדיק פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון געפענגנים. האָט ר׳ זאב אויסגעוווירקט דאָס ער און איינינע אַנדערע פון זיינע חסידים זאָלן אים קענען באַזוכן אין געפענגנים, דאָרט מיט אים עוסק צו זיין אין תורה.

דערציילן חסידים, אַז איינמאָל איז צו ר׳ נחום׳ען אין געפענגנים געקומען איינער וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ „דייטש" און דעם צדיק דערציילט, אַז מאָרגן איז אַ יאַריד אין שטאָט און דאַרום זאָל ר׳ נחום זיך משתדל זיין אַז מען זאָל אים פאַרן טאָג אַרויסלאָזן, כדי ער זאָל קענען גיין קלייבן נדבות צווישן די צוזאַמענגעפאָרענע סוחרים און דאָס אָפּגעבן דעם „דייטש", וואָס איז אַ גרויסער נצרך.

ר׳ נחום האָט זיך געווענדעט צו ר׳ זאב׳ן און אים געבעטן ער זאָל פאַר אים אויסווירקן פרייהייט פאַרן מאָרגנדיגן טאָג.

פאַר דעם האָט מען די עלטסטע פון דער געפענגנים געמוזט אונטער־רוקן אַ מתנת יד, און די סומע האָט באַטראָפן גאַנצע הונדערט קערבלעך.

אויף מאָרגן איז ר׳ נחום אַרוים אין מאַרק און האָט צוזאַמענגעקליבן אַ הונדערטער און עס אָפּגעגעבן דעם „דייטש".

ווען ר׳ זאב האָט עס געהערט האָט ער ר׳ נחום׳ען געפרעגט:

„רבי, האָט זיך עס דען געלוינט? די שתדלנות האָט דאָך אָפּגעקאָסט אַ הונדערטער, און דערצו נאָך איז אייער גאַנצע מי אַוועק פאַר אַ „דייטשל", אַ פושע ישראל, רחמנא לצלן."

אויף דעם האָט ר׳ נחום געענטפערט:

„פאַרשטייט איר מיר, איך האָב שוין לאַנג געהאַט צוגעזאָגט אַז אָרימען אידן אים צו באַזאָרגן מיט נענוג געלט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער. אָבער זיצנדיג אין תפיסה האָב איך מיין וואָרט ניט געקענט האַלטן. איך בין שיער ניט נכשל געוואָרן אין „מוצא שפתיך תשמור". איז געוואָרן אַ רעש אין הימל. וואָרום דאָס איז צום ערשטן מאָל וואָס מיר האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט. די מלאכי השלום האָבן געוויינט אויס צער. די מלאכי רע האָבן זיך געפרייט. האָט זיך איינער פון די מלאכי שלום פאַרשטעלט אַלס „דייטש" און איז מיר געקומען דערמאַנען וואָס איך דאַרף מאָרגן טאָן, און אַזוי בין איך ניצול געוואָרן פון אַ מכשול (שטרויכ־לונג)"..

אין איינינע טעג שפּעטער איז אין געפענגנים געקומען אַ פרוי אַנ־געטאָן אין זיידנס און באַהאַנגען מיט טייערע צירונג.

„זו תורה וזו שכרה — איז דאָס די באַלוינונג פאַר אַ צדיק?“ האָט זי געפרעגט ר' נחום'ען.

„יאָ, זו תורה וזו שכרה — דאָס איז די באַלוינונג פאַר אַ צדיק“, האָט ר' נחום געענטפערט געלאַסן.

ווען די פרוי איז אַוועק, האָבן די חסידים, וואָס זיינען דערביי געווען, געפרעגט ר' נחום'ען, ווער זי איז געווען. ר' נחום האָט זיי דאַן אַנטפּלעקט, אַז די פרוי איז געווען ניט קיין אַנדערע ווי אונזער מוטער שׂרה... איר פראַגע איז געווען: סטייטש, דו וואָס האָסט זיך אָפּגעגעבן מיט פּדיון שבוים, זאָלסט גאָר אַליין זיין אין תפיסה? אויף דעם איז געווען ר' נחום'ס תשובה, אַז גראַד דערפאַר וואָס ער גיט זיך אַזוי אָפּ מיט פּדיון שבוים, איז גוט, אַז ער זאָל זיין אין געפענגנים, זאָל אַליין פילן דעם טעם פון געפאַנגענשאַפט. ער וועט דערפאַר בעסער קענען מיט־פילן מיט די וואָס זיינען אין אַ צרה...

אויף זיין אייגענעם גורל האָט ר' נחום ניט געהאַט וואָס מתרעם צו זיין. צו אַזאַ מדרגה האָבן ווייניג צדיקים דערגרייכט...

ז.

# די גאולה.

ווי ר׳ נחום האָט מיטן כח פון בעל שם׳ס לערע געוואָלט ברענגען די גאולה. — דעם בעל שם׳ס בריף און ר׳ נחום׳ס דרשות. — בייזע צינגער ריידן אויף אים אָן פאַרן מעזעריטשער מגיד. — פאַרוואָס מען האָט ר׳ נחום׳ען גערופן „דער בעל שם הקטן“.

אויב ר׳ נחום טשערנאָבילער האָט זיך מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה אריינגעוואָרפן אין דער הייליגער ארבעט צו פאַרשפּרייטן דעם בעל שם׳ס לערע צווישן פאָלק און האָט ניט געקוקט אויף קיין געפאַר כדי זיינס צו דערגרייכן, איז עס געווען צוליב אַ פיל העכערע כוונה ווי בלויז צו דערפילן אַ באַגער צו באַקערן אַלע אידן, באַזונדערס די פאַר־עקשנ׳טע ליטוואַקעס, צום חסידיזם.

ר׳ נחום האָט אין זיין שליחות געזען דעם גרויסן תיקון פאַר דער וועלט, די מעגלעכקייט ארונטערצוברענגען משיח׳ן.

יאָ, ר׳ נחום טשערנאָבילער האָט זיך אונטערנומען צו דערגרייכן ניט קיין קלענערע זאַך ווי צוצואיילן דעם „קץ“.

דער וועג צו דער גאולה איז פאַר ר׳ נחום׳ען געווען אַ קלאָרער און באַשטימטער...

פיל צדיקים, גרויסע בעלי מקובל, האָבן אויף פאַרשידענע אופנים געוואָלט טאָן וואָס ר׳ נחום. אָבער ר׳ נחום האָט זיך אויף אַ גאַנץ נייעם דרך גענומען, האָט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיגן אופן זיך פאַרמאָסטן כחות מיט דער סטרא אחרא, רחמנא לצלן, וואָס איז דוחה דעם „קץ“.

פאַר ר׳ נחום׳ען איז עס געווען אַ גאַנץ פּשוט׳ער ענין. דער סוד ווי ארונטערצוברענגען משיח׳ן איז שוין פאַר אים געווען אַן אנטפּלעקטער. דער וועג צו דער גאולה איז געווען אַן אָנגעוויזענער.

דער בעל שם האָט אנטפּלעקט דעם סוד און אָנגעוויזן דעם וועג. ער האָט עס געטאָן אין זיין באַרימטן בריוו צו זיין שוואָגער ר׳ אברהם גרשון קוטיווער.

דער דאָזיגער בריוו איז געווען גוט באַוואוסט צו חסידים און איז אין דער אמת׳ן געווען דער רוף צו אַלע „אנשי שלומינו“, אַז זיי זאָלן

אנגורטן די לענדן און געווינען אלע אידן פאר דער לערע פון בעל שם טוב.

דער צדיק פון ניסכיזש, צום ביישפיל, פלעגט דעם בעל שם'ס בריוו לערנען יעדן טאג ווי מען לערנט א שיעור גמרא, און האט עס געהאלטן פאר אזא חוב ווי צו לעגען תפילין...

אינם בריוו דערציילט דער בעל שם פון א גרויסן וואונדער — ווי אזוי ער האט געהאט „עלית נשמה", איז לעבעדיגערהייט ארויף אויפן הימל און געזען וואס דארט קומט פאר.

זיין וועג־ווייזער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי „אחיה השילוני", וועלכער ווערט אין דער חסידישער וועלט באטראכט אלס דעם בעל שם'ס רבי פון יענער וועלט. דער דאזיגער אחיה השילוני האט פארן בעל שם אנטפלעקט די סודות פון אלע וועלטן, האט אים דורכגעפירט אלע עולמות העליונים און אים אריינגענומען אין אלע „היכלות" און ענדלעך אויך אין דעם „היכל" פון משיח'ן.

אט וואס דער בעל שם דערציילט אין זיין בריוו:

„איך האב דאן געפרעגט משיח'ן:

„ווען וועסטו קומען, מיין הער?

„און ער האט מיר געענטפערט:

„אויף אזא אופן וועסטו עס וויסן: ווען דיין לערע וועט פארשפרייט ווערן און אנטפלעקט ווערן אויף דער וועלט און דיינע געדאנקען וועלן פארשטאנען ווערן פון אנדערע און דאס וואס איך האב דיר געלערנט וועסטו פארנעמען, און ווען אויך אנדערע וועלן קענען מאכן יחודים און האבן עלית נשמה ווי דו — דאן וועלן זיך ענדיגן אלע קליפות און עס וועט זיין אן עת רצון און ישועה"...

דער בעל שם אליין שרייבט אין זיין בריוו, אז ער האט זיך אויף דעם שטארק מצער געווען, דערפאר וואס ער האט אין דעם געזען א לאנגען — א צו־לאנגען וועג.

ר' נחום, משמעות, האט אבער געגלויבט אין זיינע גרויסע כחות, אז ער קען באוויזן צו פארשפרייטן דעם בעל שם'ס לערע און מאכן אלע אידן פאר ריכטיגע נאכפאלגער פון דעם וואונדער־מענטש פון מעזעבוזש.

אז דורך דער פארשפרייטונג פון בעל שם'ס לערע וועט געבראכט ווערן די גאולה, האבן דעם בעל שם'ס תלמידים געפונען א רמז (אנדייטונג) אויך אין דער תורה.

אין דער תורה שטייט: „ובני ישראל יצאו ביד רמה". (די אידן זיינען ארויס אין דער אפן). עס רעדט זיך וועגן די אידן וואס זיינען ארויס פון מצרים. תרגום אונקלס פארטייטשט „ביד רמה" „בריש גלי".

זאָגן חסידים אַז „ריש“ איז ראשי תיבות פאַר רבי ישראל בעל שם טוב און דאָס מיינט, אַז ווען דעם בעל שם טוב׳ס לערע וועט פאַרשפּרייט ווערן וועלן אידן אַרויס פון גלות...

האָט זיך ר׳ נחום מיט פייער און ברען אַריינגעוואָרפן אין דער הייליגער אַרבעט. וואָס מער חסידים ער געווינט אַלץ נענטער ווערט עס צו דער גאולה...

און אַז ר׳ נחום האָט געגלויבט אין זיין גרויסן כח ציינט דער פאָלגנדער אויסצוג פון זיינער אַ דרשה:

„איך בין ווי דער קאַראַבעלניק וואָס גייט אום מיט זיין פּאַק סחורה אויף דער פּלייצע פון שטאָט צו שטאָט און פון הויז צו הויז“, האָט ער געזאָגט. „איך האָב נאָדלען און פאַרשידענע מינים בשמים. ווער עס וויל בשמים דער קען עס קריגן ביי מיר. דער וואָס וויל נאָדלען האָב איך די קראַפּט אים צו שטעכן. איך קען אויך זיין אַ רופא חולים, מפקד זיין עקרות, צוריקקערן פאַרווירטע נשמות, אַרויסרופן מלחמות און פאַרניכטן קעניגרייכן, ברענגען זעטיגקייט אויף דער וועלט און אָפּשטעלן מלחמות. איך קען ברענגען שמחה אויף דער וועלט — די שמחה פון פאַרליבטע; מאַכן פלאַנצן צו וואַקסן, געבן אַ בענטשונג און מבטל מאַכן גזירות, ציינן חכמה און צו זאָגן דרשות מיט אימער נייע חידושים, ווי אַ קוואַל וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס“.

און ר׳ נחום האָט עס געזאָגט ניט פון גאוה, רחמנא לצלן. ער האָט עס ניט געזאָגט זיך צו רימען; עס איז געווען דאָס וואָרט פון דעם ריז וואָס ווייסט זיין כח...

אַז ר׳ נחום׳ס דרשות האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף זיינע צוהערער און געוואונען טויזנטע חסידים, איז צו זען פון דעם וואָס דער גרויסער רבי ר׳ בער, דער מגיד פון מעזעריטש, האָט, הערנדיג פון ר׳ נחום׳ס וואונדערלעכע דרשות, דערפילט אַ מין קנאה.

געקומען איז עס דורך בייזע צינגער. נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן מגיד האָבן ניט געקענט צוזען ר׳ נחום׳ס דערפאָלג, דעם גרויסן פּרסום וואָס ער האָט געקראָגן, און זיי זיינען געקומען צום רבי׳ן ר׳ בער און אים געזאָגט, אַז זיין תלמיד האָט צוגענומען זיין „קרוין“, ציט דעם גאַנצן עולם אַוועק צו זיך.

ווער ווייסט וואָס די בייזע צינגער וואָלטן נאָך אָנגעמאַכט. ווער ווייט אויב דער רבי ר׳ בער וואָלט, רחמנא לצלן, ניט נכשל געוואָרן אין פילן קנאה צו זיין תלמיד און סתם אויסהערן רכילות און לשון הרע. אָבער עפּעס איז געשען, וואָס האָט די רכילות־טרייבער פאַרמאַכט די מיילער.

ר' נחום האָט געהאַלטן אין מיטן פון אַ דרשה ווייט פון מעזעריטש, ווען בייזע צינגער האָבן געהאַלטן אין אָנריידן אויף אים פאַרן רבי'ן ר' בער. ר' נחום איז פּלוצלונג מבולבל געוואָרן און האָט ניט געקענט פאַר־ענדיקן די דרשה.

„איך ווייס, אַז פאַלשע מענטשן האָבן מיר באַרעדט פאַרן רבי'ן ר' בער", האָט ר' נחום געזאָגט און איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין מעזעריטש צום רבי'ן.

„מען דערציילט מיר, אַז דו ביסט גאָר אַ פיינער בעל דרשן", האָט דער רבי ר' בער צו אים געזאָגט מיט אַ שטיקל פאַרוואורף.

„איך דרשן דען עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס איך האָב ביים בעל שם און ביי אייך, רבי, געלערנט?" האָט ר' נחום געענטפערט מיט יראת הכבוד. „איך בין גאָר ניט מחדש. איך פאַרשפּרייט בלויז אייער תורה", האָט ער מוסיף געווען.

דער רבי ר' בער האָט דאַן אָפּגעשפּיליעט ר' נחום'ס העמד און אַנט־בלויזט זיין ברוסט. ער האָט מיטן מויל אויף זיין ברוסט אַ בלאָז געטאָן און דערביי געזאָגט:

„גיי דיר ווייטער אין דיין דרך, דרשן. גיי און דרשן ווי דו קענסט"...

און פון דעמאָלט אָן און ווייטער האָט ר' נחום נאָך שענער און נאָך טיפזיניגער גע'דרשנ'ט, און האָט נאָך אַ שטאַרקערן איינפלוס אויף זיינע צוהערער געקראָגן. צו זיין אייגענעם כח האָט ער אויך צוגעקראָגן דעם כח פון דעם מגיד פון מעזעריטש.

אָבער אַפילו מיט זיינע פאַרשטאַרקטע כחות האָט ר' נחום שפּעטער, אויפן קראַנקען־בעט, איינגעזען אַז ער קען ניט ברענגען די גאולה. טאַקע געוואונען אַ סך חסידים, מרעיש עולם געווען, אָבער די גרויסע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן דעם בעל שם'ס לערע איז נאָך ניט געווען פאַרענדיגט. די צייט איז נאָך ניט געווען ראוי אַז משיח זאָל קומען. ר' נחום האָט די גרויסע אַרבעט געמוזט איבערלאָזן פאַר זיינע קינדער און אייניקלעך...

די האָפנונג האָט ער אָבער ניט געהאַט אויפגעגעבן ביזן לעצטן מאָ־מענט. ליגנדיג אַ קראַנקער אין גרויס יסורים, איז ער מער באַקימערט גע־ווען איבער דעם וואָס ער קען זיין הייליגע אַרבעט ניט פאָרטזעצן ווי אי־בער דעם וואָס ער האָט יסורים.

„דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט", פלעגט ער אָפט אַרויסקרעכצן. „און איז דוחה דעם קץ"...

אַז אַנדערט מאָל האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ: „דער שטן האָט אויף מיין מויל אַ שלאָס אויפגעהאָנגען, איך זאָל דעם קץ ניט מגלה זיין"...

ווען ניט פאַר זיין קראַנקהייט איז ר׳ נחום געווען בטוח אַז ער וואָלט די גאולה געבראַכט, אָם וויינינגסטנס איר מקרב געווען. וואָרים ר׳ נחום פלעגט זאָגן, אַז ניט נאָר ליגט אין כח פון זיין מויל צו פאַרשפּרייטן די לערע פון בעל שם נאָר אויך, אַז מיט דעם וואָס ער גיט איבער „דבר בשם אומרו", זאָגט אַלץ איבער אין נאָמען פון בעל שם און דעם רבי ר׳ בער פון מעזעריטש, איז ער מקרב די גאולה. וואָרים ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ע גמרא, אַז ווען מען טוט עס ברייינגט מען די גאולה...

און טאַקע דערפאַר האָט זיך ר׳ נחום געהיט פון מחדש זיין אויף די לערן פון דעם בעל שם און דעם רבי ר׳ בער פון מעזעריטש. ער האָט גי־בער געוואָלט, אַז די לערע פון זיינע רביים זאָלן פאַרשפּרייט ווערן ווי זיי־נע אייגענע חידושי תורה.

דערפאַר, ווען ר׳ נחום איז שוין געווען קראַנק און האָט מער ניט גע־קענט אַרומפאָרן און מרביץ תורה ברבים זיין, האָט ער איינגעוויליגט, אַז זיינע תלמידים זאָלן זיינע דרשות אָפּדרוקן אין אַ ספר.

אויב דער שטן האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל און דערלאָזט ניט, אַז ער זאָל פאַרשפּרייטן דעם בעל שם׳ס לערע און מיט דעם ברייינגען משיח׳ן. דאַן זאָלן זיינע דרשות פאַרשפּרייט ווערן איבער דער וועלט אין אַ ספר. זיין הייליגע אַרבעט וועט דורכדעם פאַרגעזעצט ווערן. ר׳ נחום׳ס האָפנונ־גען זיינען אויף דאָס ניי אויפגעשוואוּמען.

אָבער ר׳ נחום האָט אפילו ניט געהאַט דעם עונג רוחני צו זען זיין ספר אַרויס פון דרוק. ווען דער ספר איז געווען אין דרוק איז דער טשער־נאָבילער מגיד נסתלק געוואָרן.

צו פאַרשטיין געגוי ר׳ נחום׳ס שייכות מיט׳ן בעל שם דאַרף דאָ אויך איבערגעגעבן ווערן די פאַלגענדע עובדה וואָס חסידים דערציילן און וואָס דערקלערט ווארום מען האָט דעם טשערנאָבילער מגיד גערופן „דער בעל שם הקטן", אָדער „דער צווייטער בעל שם".

דער בעל שם איז אַמאָל דורכגעפאָרן אַ שטעטל און האָט דאָרט גע־זאָגט תורה. די תורה איז געווען טיף און פול מיט סודות. קיינער פון די צוהערער האָט די תורה ניט געקענט משיג זיין. דער בעל שם האָט פאַר־ענדיגט מיט די ווערטער:

„ווען איינער וועט דאָ אַמאָל קומען און געבן אַ פירוש אויף מיינע ווערטער זאָל ער גערופן ווערן דער בעל שם הקטן".

דער רב פון יענעם שטעטל איז געווען איינער פון דעם בעל שם׳ס תלמידים. ער האָט די ווערטער גוט אַריינגענומען אין זינען און האָט זיך איינגע׳חזר׳ט די תורה וואָס דער בעל שם האָט געזאָגט.

פיל יאָר זיינען אַוועק. דער בעל שם איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת, אָבער עס האָט זיך קיינער ניט געפונען וואָס זאָל אַנטפּלעקן די סודות פון זיין תורה. דער רב פון שטעטל האָט געזען אַז זיינע אייגע־נע טעג זיינען געציילטע און ער האָט גערופן זיין זון צו זיך און האָט אים איבערגעגעבן דעם בעל שם'ס תורה און האָט אים געהייסן האַלטן אַן אויג און אַכטונג געבן אויב עס וועט ווען ניט איז אימיצער קומען און זאָגן דעם פּירוש אויף דעם.

„דאָס וועט זיין דער בעל שם הקטן און ער דאַרף פאַר דער וועלט נתגלה ווערן", האָט דער רב אויף זיין גסיסה־בעט אָנגעזאָגט זיין זון, „און זאָל דער בעל שם הקטן דורך דיר נתגלה ווערן און זיין זכות זאָל אונז אַלעמען ביישטיין".

דער רב איז נפטר געוואָרן און דער זון זיינער איז געזעסן אויפן כסא הרבנות פון יענעם שטעטל. ווידער זיינען פיל יאָר אַוועק און קיינער איז ניט געקומען.

ענדליך איז אין שטעטל אַרונטערגעקומען ר' נחום טשערנאָבילער. ר' נחום האָט זיין דרוש געהאַלטן און האָט אין זיין דרוש איבערגעזאָגט די תורה פון בעל שם אָבער האָט אויך אויף דעם געגעבן אַ פּירוש.

דער עולם האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס דאָ איז געשען. דער רב האָט אָבער יאָ געוואוסט, און אויפשפרינגענדיג האָט ער מיט גרויס יראת־הכבוד און התפעלות אויסגעשריען:

„אידן, דאָ איז איצט פאַר אייך נתגלה געוואָרן דער בעל שם הקטן".

און זינט דאַן האָט מען ר' נחום'ן גערופן דער „בעל שם הקטן" און אים געהאַלטן פאַרן אמתן נאָכפאָלגער פון דעם בעל שם טוב.

ח.

# אַ מופת

וויַ ר׳ נחום האָט זיך געראַטעוועט פון טויט און ווי ער האָט געראַטעוועט זיינע חסידים פון סכנה. — דער כח פון ר׳ נחום׳ס אַ מנחה. — ווי אַ טויטער איז לעבעדיג געוואָרן.

ר׳ נחום טשערנאָבילער איז געווען באַרימט פאַר זיינע מופתים אַזוי גוט ווי פאַר זיין צדקות. חסידים דערציילן פון אים גרויס וואונדער. ער האָט געהאַט דעם כח אפילו מחיה מתים צו זיין. און אין וואָס מיינט איר איז זיין כח געלעגן? אין אַ מנחה!

דער טשערנאָבילער מגיד האָט שטאַרק געהאַלטן פון תפילה. תפילה איז די העכסטע מדרגה פון עבודת הבורא, פלעגט ער זאָגן. זיינע אַ תפלה, האָט מען געזאָגט, פלעגט אַנמאַכן אַ רעש אין הימל. אַזאַ התלהבות, אַזאַ התרוממות פלעגט ער אין זיינע תפילות אַרויסווייזן. און אַז ר׳ נחום האָט מתפלל געווען האָט מען זיך צו אים צוגעהערט. זיין רצון איז גלייך געטאָן געוואָרן.

ר׳ נחום האָט אָבער זעלטן מתפלל געווען פאַר זיך. תמיד נאָר געהאַט אַנדערע אין זינען.

דורך תפילה, פלעגט ר׳ נחום זאָגן, ווירקט מען, אַז די השפעה פון גאָט ברוך הוא, זאָל קומען פון איר ערשטן מקור. יעדעס וואָרט דאַרף מען דערפאַר מכוון זיין, ווייל דורך יעדעס וואָרט קען מען עפּעס מתקן זיין.

אָבער אויך די תפילות פון אַ צדיק זיינען פאַרשידן. זיינען אפילו אין ר׳ נחום׳ס תפילות געווען פאַרשידענע מדרגות. וואָרום עס איז געווען ידוע אַז דעם גרעסטן רעש פלעגט אין הימל מאַכן ר׳ נחום׳ס אַ מנחה.

ווי גרויס עס איז געווען דער כח פון ר׳ נחום׳ס אַ מנחה דאַרף ציינן די פאָלגענדע מעשה וואָס זאָל האָבן געקומען פון ר׳ נחום׳ס אייגענער מויל:

דער צדיק איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ נסיעה — געפאָרן פון איין שטעטל צו דער צווייטער, ווי זיין שטייגער, מעורר צו זיין אידן און זיי ברייננגען אויפן ריכטיגן דרך פון עבודת הבורא. געפאָרן איז ער ווי תמיד,

אין אַן אָרים װעגעלע, געשלעפּט פון אַ שקאַפּע. ר' נחום איז געװען אַזױ אָרים, אַז ער האָט זיך קײן בעסערס ניט געקענט פאַרגינען. אפילו קײן אײגענעם בעל עגלה ניט געהאַט. געפאָרן אַמאָל מיט דעם, אַמאָל מיט יענעם.

דענסטמאָל איז ער געפאָרן מיט אַ פּויער, אַן אָרימער פּויער מיט זײַן אָרימען שליטן און מיט זײַן נאָך אָרימערער שקאַפּע.

עס איז געװען אין מיטן װינטער און די קעלט איז געװען גרױס. די פעלדער פאַרװאָרפן מיט בערג שניי, די װעלדער אײַנגעהילט אין װײַסן װי מחנות מתים װאָלטן אַרױסגעקראָכן פון זײערע קברים.

שױן געװען אין מיטן װעג װען אַ גרױסע זאַװערוכע האָט אױסגעבראָכן. דער װינט האָט געשניטן ביז'ן בײן. דער פראָסט האָט פאַרגליװערט דאָס בלוט. עס איז פאַרגאַנגען אונטער די נעגל און אונטערן האַרצן, ממש דעם אָטעם ניט אָפּצוכאַפּן.

ר' נחום האָט זיך אײַנגענורעט אין זײַנע ניט צו־װאָרימע בגדים און פּעקלעך און, זײַענדיג פאַרטראָגן אין עולמות, האָט ער ניט געפילט די קעלט און דעם שטורם.

דער פּויער, אין זײַן אָפּגעקראָכענעם פּעלצל און אין די אַלטע װאַלי־קעס, האָט זיך געקאָרטשעט פון קעלט און קוים געקענט דעם אָטעם אָפּציען.

צו אַ קרעטשמע איז געװען װײַט, קײן דאָרף האָט זיך אין ערגעץ ניט געזען. אַ מורא'דיגע װײַטע װײַסקײט מיט הימל און ערד אין אַ געװירבל.

אַן אָרימער און אױסגעמאָגערטער פּויערל, האָט אים פאַרכאַפּט דאָס האַרץ און ער איז געבליבן זיצן אױפן שליטל אַ פאַרגליװערטער — טױט.

װער װײסט װי לאַנג עס האָט גענומען אײדער דער פאַרטיפטער און פאַרטראַכטער ר' נחום האָט עס באַמערקט. דערזען, אַז דער אָנטרײַבער איז טױט האָט ר' נחום גענומען די לײצעס אין זײַנע הענט און די שקאַפּע אָנגעטריבן װײַטער ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צו אַ קרעטשמע. דער שטורם איז שױן געװען פאַריבער. די קרעטשמע איז געװען פול מיט פּויערים, די מערסטע פון זײ שכור. דערזען אַז אַ איד איז אָנגעקומען מיט אַ טױטן גױ אױפן שליטן, האָבן די פּויערים אָנגעהױבן מורמלען און טײַטלען מיט די פינגער.

„דער איד האָט אים דערמאָרדעט", האָט אײנער אַ זאָג געטאָן.

„אודאי געדאַרפט האָבן זײַן בלוט אויף פּסח", האָט אַ צװײטער אונ־טערגעכאַפּט.

„אידן זײַנען אַלע מערדער און בלוט־זױגער. זײ מאָרדן אונזערע

קריסטלעכע ברידער. לאָמיר אין דעם אידן זיך נוקם זיין", האָט אַ דריטער געזאָגט און דער עולם איז געוואָרן שטורמדיג און דראָענד און זיך אָנ־געהויבן לאָזן צום צדיק.

דער קרעטשמער האָט פּרובירט זיך אַריינמישן, געוואָלט דעם עולם איינשטילן, אָבער ער איז צוריקגעשטויסן געוואָרן פון דער מענגע אויפגע־בראַכטע פּויערים.

ר' נחום איז געווען אין געפאַר. די פּויערים האָבן זיך אַרום אים פאַר־קליבן גרייט אים צו טויטן אויפן אָרט.

עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג און ר' נחום האָט נאָך ניט געהאַט גע־דאַוונט קיין מנחה. זעענדיג אַז ער איז שוין נאָענט פון טויט, האָט ער גע־וואָלט ער זאָל כאָטש ניט אַוועק פון דער וועלט אָן מנחה. האָט ער ביי די גוים זיך אָנגעהויבן בעטן, אַז זיי זאָלן אים לאָזן דאַוונען פאַרן טויט. דאָס האָבן זיי אים דערלויבט.

ר' נחום האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה און דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ מנחה. דאָס גאַנצע האַרץ און די גאַנצע נשמה אַריינגעטאָן אין דער תפילה. יעדעס וואָרט איז געווען פלאַם־פייער, יעדער אות האָט באַקו־מען פליגל און זיך געהויבן הויך אין די הימלען, אַזש צום כסא הכבוד.

אין הימל האָט מען שוין געוואוסט פון ר' נחום'ס תפילות, אָבער אַזאַ תפילה איז נאָך דאָרט פון אים ניט געהערט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַ רעש. מלאכים האָבן זיך מחנות־ווייז פאַרקליבן הערן ר' נחום'ס מנחה.

און נאָך איידער ר' נחום האָט פאַרענדיגט „עלינו" האָט אַ וואונדער פּאַסירט. דער פאַרפראָרענער גוי אין שליטן האָט זיך אָנגעהויבן רירן און האָט זיך באַלד אויפגעזעצט· ער איז צוריק לעבעדיג געוואָרן...

„דער פּאַסאַזשיר מיינער איז אַ איד אַ צדיק", האָט דער פּויער הויך און קלאָר אַרויסגערעדט. „ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט מיין טויט. איך בין אַ דערפראָרענער, געשטאָרבן פון קעלט. לאָזט דעם אידן אָפּ און זאָלן אייע־רע הענט ניט פאַרגיסן קיין אומשולדיג בלוט"...

ווען דער פּויער האָט פאַרענדיגט זיינע ווערטער איז ער צוריקגעפאַלן אין שליטן טויט. די פּויערים אַרום זיינען פאַר אַ ווײַלע געבליבן ווי פאַר־גליווערט פון שרעק און ווען זיי זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי ר' נחום'ן געפאַלן צו די פיס און פון אים מחילה געבעטן.

זינט דאַמאָלט האָט ר' נחום געדאַוונט מנחה נאָך מיט מער כוונה און דבקות. ער האָט שטענדיג געהאַט אין זינען דעם גרויסן חסד וואָס עס איז מיט אים געטאָן געוואָרן, ווען ער איז דורך זיין תפילה ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אַן אַנדער מופת ווערט פון ר׳ נחום׳ן דערציילט אויף אַזאַ אופן:
חסידים פון אַ געווויסן שטעטל האָבן זיך געהאַט אַרויסגעלאָזט קיין טשערנאָביל צו זייער רבי׳ן.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער, עטליכע מעת לעת גאַנג. אָבער וואָס ווייטער דער וועג, אַלץ גרעסער די מצווה, אַלץ גרעסער די תשוקה ביי געטרייע חסידים צו זען דעם רבינ׳ס לויכטנדיגן פּנים, צו הערן פון זיין מויל תורה.

שטייט דאָך עפּעס אין די הייליגע ספרים, אַז פאַר אַ מצווה קריגט מען שכר פאַר „כל פּסיעה ופּסיעה" — פאַר יעדן טראַט וואָס מען גיט מיטן פוס. וואָס מער טריט, אַלץ מער שכר...

זיינען דעריבער די חסידים מיט גרויס שמחה געגאַנגען דעם לאַנגען וועג קיין טשערנאָביל און וואָס נענטער זיי זיינען געקומען צו טשערנאָביל אַלץ גרעסער איז געוואָרן זייער בענקשאַפט צום הייליגן צדיק.

ווי געוויינלעך, האָט מען זיך ביינאַכט אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין אַ קרעטשמע. אָבער חסידים קענען ניט רוהען. עס ווילט זיך וואָס שנעלער זיין ביים רבי׳ן און מען שטעלט זיך ניט אָפּ אפילו ביינאַכט.

דער וועג שליינגלט זיך דורך טאָלן און איבער בערג און שנייט דורך אַ געדיכטן וואַלד. די נאַכט איז אַ פינסטערע. דער הימל איז באַצויגן מיט שווערע וואָלקנס. מען זעט ניט קיין לבנה און קיין שטערן. עס איז שווער צו זען וואו מען גייט. פאַרקריכט מען טיף אין וואַלד ביז מען זעט זיך אַרום, אַז מען האָט פאַרבלאָנדזשעט.

פאַרבלאָנדזשעט? ווערט אונהיימלעך אויפן האַרצן. אַ פרעמדע געגענד. ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן?

מען טאַפּט אַהין און מען טאַפּט אַהער, מען קוקט אויף אַלע זייטן, עס איז „וימש חושך", אַנצוטאַפּן די פינסטערנעש מיטן האַנט.

קריכט מען ווייטער און מען האָט מורא אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן וואָס מען פילט אין האַרצן. צי וואָס אָנזאָגן אַ שרעק אויף די אַנדערע?

דערזעט מען מיט אַמאָל פון ווייטן פינקלען אַ ליכט און עס ווערט פריילעכער אויפן האַרצן. אַ הויז. וועט מען אַהין דערקריכן און אויסגעפינען וואו ווייטער צו גיין.

ניט לייכט קומט עס אָן צו גרייכן דאָס הויז. ענדלעך איז מען ביים טיר און מען שטייט שוין אינווייניג.

מען טרעט אָבער נאָר אַריבער די שוועל און די שמחה ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טרויער. עס איז אַ הויז פון גזלנים.

Worcester Free Public Library

די גזלנים קומען אַנטקעגן מיט מעסערס און שפּיזן אין די הענט פאַר־טיג זיך אויף זיי אַרויפצואוואַרפן.

די חסידים ווילן זיך צוריק לאָזן צום טיר, אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן.

„בלייבט שטיין אויף אַ ארט!" דונערט אויס דער עלטסטער פון די גזלנים. „יעדער איינער פון אייך וואָס וועט פּרובירן פון דאַנען אַנטלויפן וועט גלייך געטויטעט ווערן".

זעען זיי איין, אַז עס וועט זיי גאָר ניט העלפן און זיי בלייבן אויף זייערע ערטער ווי צוגעשמידט.

„ווער זיינט איר?" פרעגט זיי דער עלטסטער פון די גזלנים.

„חסידים אויפן וועג צו אונזער רבי'ן", ענטפערן זיי.

דעם עלטסטענ'ס פּנים ווערט פּלוצים פאַרענדערט. די רציחה פאַר־שווינדט און די אויגן נעמען אַן אַ מילדן אויסדרוק. זיינע הענט לאָזן זיך אַרונטער און ער בלייבט שטיין פאַר די פאַרוואונדערטע חסידים אין הכנעה.

„חסידים!" חזר'עט ער איבער נאָך אַמאָל. „איר מעגט דאַנקען גאָט. איר זייט געראַטעוועט".

די חסידים קוקן אים אָן און גלויבן ניט זייערע אייגענע אויערן.

דער גזלן בעט די חסידים זיך זעצן און הויבט זיי אָן דערציילן אַ מעשה פּלא:

„מיט פינף יאָר צוריק האָט עס פּאַסירט. צוויי חסידים זיינען געווען אויפן וועג קיין טשערנאָביל, ווי איר איצט, און איך מיט מיין באַנדע זיינען זיי באַפאַלן און געווען גרייט זיי צו טויטן און זייער געלט אַוועק־צונעמען.

„מיר זיינען שוין געשטאַנען פאַרטיג מיט אונזערע כלי־זיין.

„פּלוצים דערזע איך פאַר מיר שטייענדיג אַ מאַן, וועמעס פּנים האָט געלויכטן ווי ביי אַ מלאך, — פּלוצים ווי פון דער ערד איז ער אַרויסגע־וואַקסן.

„זאָלן דיינע הענט ניט אָנרירן די דאָזיגע צוויי אידן!" זאָגט ער צו מיר אין אַ באַפעל. „אויב דו רירסט זיי אָן וועסטו בלייבן טויט אויפן ארט".

„זיינע ווערטער האָבן אויף מיר אָנגעיאָגט אַ פּחד, אָבער איך האָב זיך געמאַכט מוט און האָב מיט מיין מעסער זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים געוואָלט דער'הרג'ענען. אָבער מיט אַמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך בלייב שוואַך ווי אַ קליין קינד, קען ממש מיט קיין אבר ניט רירן, קען די האַנט ניט אויפהויבן ווי זי וואָלט געווען געליימט.

—„הרג׳ע מיך!“ — זאָגט ער צו מיר, ווי ער וואָלט זיך מיט מיר געוואָלט רייצן, „וואָס וואַרטסטו?“

„אָבער איך קען פון אָרט זיך ניט רירן.

„איך האָב זיך ביי אים אָנגעהויבן בעטן ער זאָל מיר מוחל זיין. איך האָב שוין מער ניט געצווייפלט, אַז ער איז אַ געטלעכער מענטש.

—„גיב מיר צוריק מיינע כחות“, האָב איך זיך ביי אים געבעטן.

„דו וועסט דיינע כחות צוריק באַקומען, אָבער איך וויל מיט דיר אויסנעמען אַ תנאי, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן ניט טאָן קיין שלעכטס קיינעם וואָס וועט זיך אָנגעבן פאַר אַ חסיד...

„ער האָט מיר געזאָגט ווער ער איז, דער טשערנאָבילער מגיד, ר׳ נחום.

„איך האָב עס אים צוגעזאָגט, געגעבן מיין שבועה, און זינט דאַמאָלט ריר איך קיינעם ניט אַז וואָס גיט זיך אָן פאַר אַ חסיד“.

דער גזלן האָט פאַרענדיגט זיין געשיכטע און האָט די חסידים געבעטן זיך מאַכן היימיש פאַר דער נאַכט. ער האָט זיי גוטע און וואַרימע געלעגערס געגעבן און אין דער פרי זיי געבראַכט אויפן ריכטיגן וועג, מיט וועלכן זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין טשערנאָביל.

ווען זיי זיינען אין צדיק׳ס הויז אריין און ר׳ נחום האָט זיי שלום־עליכם געגעבן האָט ער צו זיי מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„נו, האָבן אייך עפּעס די גזלנים וואָס געטאָן?“

דעם צדיק׳ס פראַגע איז פאַר די חסידים געווען נאָך אַ גרעסערער וואונדער ווי די מעשה וואָס דער גזלן האָט זיי דערציילט. זיי האָבן קלאָר געזען אויף ווי וויים דעם צדיק׳ס אויג גרייכט...

## ט.

# די עקרה

ווי אַזוי אַ פרוי האָט געצוואונגען ר׳ נחום׳ן איר צוצוזאָגן קינדער. — דער זכות אויפן טשערנאָבילער מגיד. — די גנבה ביי אים אין הויז

כאָטש די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט, אַז ר׳ נחום איז אַ גרויסער בעל מופת און אַז ער האָט אין הימל אַ גרויסע דעה, איז ער אָבער געווען אַזאַ עניו אַז ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט אין זיינע אייגענע כחות. און אפשר האָט ער זיך גאָר מיט זיי ניט געוואָלט באַנוצן. ווארים, ער האָט תמיד געהאַלטן מער פון מדות טובות, פון צייגן אַנדערע אַ ביישפּיל פון עבודת הבורא, ווי פון מרעיש עולם זיין מיט פּלא פּלאים׳דיגע עובדות.

און ר׳ נחום איז געווען מער ווי אַן עניו. ער האָט זיך ממש מבטל געווען. ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ גרויסע עבירה פון זיך צו האַלטן.

„דער וואָס האַלט פון זיך, דער ווערט פאַרהאַסט פונם רבונו של עולם", פלעגט ער זאָגן. „און אויב דער אייבערשטער טוט אַמאָל זיין רצון, האַלט ער אָבער זיין פּנים פון אַזאַ מענטשן אָפּגעקערט"...

ר׳ נחום פלעגט אויך זאָגן: „אַז ווי באַלד אַ מענטש באַטראַכט זיך פאַר עפּעס, אַזוי ווערט ער באַגרענעצט, און די שכינה קען אויף אים ניט רוען, דערפאַר וואָס גאָט ברוך הוא איז אומבאַגרענעצט (אין סוף). ווען דער מענטש באַטראַכט זיך אָבער פאַר גאָרניט איז ער אין דער בחינה פון גאָר־ניט (אין) און גאָט, וועלכער איז אַן „אין סוף" קאָן אין אים געפינען פּלאַץ"...

דערפאַר פלעגט מען ר׳ נחום׳ן אָפט פשוט מוזן צווינגען צו צייגן גרויסע זאַכן...

אַזוי איז עס אַמאָל געשען מיט אַן עקרה וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

די מעשה׳לע וועגן דער דאָזיגער עקרה איז אין די שפּעטערדיגע יאָרן דערציילט געוואָרן פון ר׳ נחום׳ס זון און ממלא מקום, ר׳ מאָטעלע.

און דערציילט די מעשה׳לע האָט ר׳ מאָטעלע אויף אַזאַ אופן:

ער איז געזעסן ביים טיש מיט חסידים ארום אים, אויפכאַפנדיג יעדעם וואָרט זיינס און הנאה האָבנדיג פון אָנקוקן זיין לויכטנדיגן פנים.

מיט אַמאָל פאַרמאַכט ר' מאָטעלע די אויגן, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און בלייבט זיצן ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

וואונדערן זיך חסידים, וואָס אַזוינס עס איז געשען און וואַרטן ביז דער צדיק וועט זיך אויפכאַפּן.

עטליכע מינוטן פאַרגייען, ר' מאָטעלע הויבט צוריק אויף דעם קאָפּ און עפנט די אויגן. ער קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט.

„איך בין איצט אויפן הימל געוועזן", הויבט ער אָן דערציילן, „און איך האָב דאָרט בייגעוואוינט אַ משפּט פון דער פמליא של מעלה איבער מיין הייליגן טאַטן, זכותו יגן עלינו".

און ר' מאָטעלע דערציילט צוליב וואָס דער משפּט איז פאָרגעקומען.

מיט יאָרן צוריק איז צו ר' נחום'ן געקומען אַ פרוי, אַן עקרה, און געבעטן דעם צדיק ער זאָל זי בענטשן צו האָבן קינדער.

„אויב דו האָסט ניט קיין קינדער איז עס דאָך גאָט'ס רצון", האָט איר ר' נחום געענטפערט„ און איך וועל גאָר ניט טאָן וואָס איז ניט דעם אייבערשטן לרצון."

די פרוי האָט זיך מיטן צדיק'ס ענטפער ניט צופרידנגעשטעלט. זי איז געקומען צו אים אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, אָבער ר' נחום איז געבליבן ביי דאָס זייניגע, אַז ער קען איר גאָר ניט העלפן.

די אידענע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און פלעגט ממש אָפּקלאַפּן זיין טיר. דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפן.

איז זי אָבער געוועזן אַ ביטער ווייבל און ווען זי האָט געזען, אַז זי קען ביים צדיק גאָר ניט פּועל'ן מיט גוטן האָט זי באַשלאָסן אים פשוט צו צווינגען, אַז ער זאָל איר צוזאָגן קינדער.

ווי צווינגט מען אָבער אַזאַ צדיק ווי ר' נחום'ן? די אידענע האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיגן פּלאַן און האָט בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט דעם פּלאַן דורכצופירן.

זי האָט אָפּגעוואַרט ווען ר' נחום'ס בני בית זיינען פון הויז אַוועק און בלויז דער צדיק איז געבליבן ביי זיך אין חדר, פאַרטיפט אין זיינע ספרים.

די אידענע איז דאַן צוגעקומען צום פענסטער פון ר' נחום'ס חדר.

„רבי, איר מוזט מיר איצט צוזאָגן אַז איך וועל האָבן קינדער", האָט זי צו אים געזאָגט מיט אַ טאָן וואָס האָט געקלונגען ווי אַ באַפעל.

„וואָס עפּעס איצט מער ווי אַלע מאָל?“, האָט דער אומשולדיגער ר׳ נחום ניט פאַרשטאַנען וואָס זי איז אויסן מיט דעם.

„ווייל איצט קען איך אייך דערצו צווינגען“, האָט זי געענטפערט אַנטשלאָסן. „אויב איר זאָגט עס מיר ניט צו מיט גוטן, קום איך גלייך אַריין אין אייער חדר און אַזוי ווי קיינער איז אין הויז ניטאָ, וועט איהר דאָך ניט וועלן זיין מיט אַ פרעמדער אשה אונטער איין דאַך אַליין“...

און די אידענע איז געווען גרייט צו האַלטן וואָרט און זיך אַריינכאַפּן צום צדיק אין חדר...

געהערט אַזוינע דיבורים, האָט ר׳ נחום זיך דערשראָקן. סטייטש, יחוד, די אידענע וועט אים נאָך ברענגען צו אַן עבירה...

„שטיי, וואו דו ביסט!“ האָט דער צדיק זיך אָנגעהויבן בעטן אַ פּאַר־לאָרענער. „ איך וועל טאָן דיין רצון און פאַר דיר מתפלל זיין, אַז דו זאָלסט האָבן קינדער“...

די אידענע איז אַ צופרידענע אַוועק אַהיים און עס איז ניט פאַריבער קיין יאָר און זי האָט געהאַט אַ קינד.

אויפן עולם האמת איז אָבער געוואָרן אַ טומל. סטייטש, ווי קומט די עקרה צו האָבן קינדער? עס איז געווען אַ גזר, אַז זי זאָל קיין קינדער ניט האָבן. צום סוף איז נאָר געקומען ר׳ נחום און בטל געמאַכט דעם גזר.

אַז ר׳ נחום איז שפּעטער געקומען אויפן עולם האמת, האָט מען אים געבראַכט פאַרן הימלישן בית דין און געפאָדערט דין וחשבון.

צו קענען טאָן אַזאַ זאַך האָט מען געדאַרפט האָבן גרויסע זכיות און מען האָט אָנגעהויבן זוכן אויב ר׳ נחום האָט אַ זכות, אויף וועלכן חשבון דאָס זאָל קענען פאַררעכנט ווערן.

האָט מען געפונען אויף ר׳ נחום׳ס חשבון פאַרשריבן אַזאַ עובדה:

ר׳ נחום איז געווען פון יענע צדיקים, וואָס זיינען מקיים די תורה „בכל פרטיה ודקדוקיה“. קיין מצוה ניט אויסגעלאָזט. פאַרשטייט זיך, אַז הכנסת אורחים איז ביי אים געשטאַנען זייער הויך און ווען אַן אורח איז צו אים געקומען, האָט ער אים פאַרזאָרגט מיט דאָס שענסטע און בעסטע און האָט אים אפילו אַליין באַדינט.

אָבער ניט אַלעמאָל מאַכט זיך אַז „אורח הגון“, אַ שיינער און איידע־לער מענטש. פּאַסירט אַמאָל, אַז צו ר׳ נחום׳ן אין הויז קומט אַ מגיד, וואָס דערגייט דעם צדיק די יאָרן.

מען גיט אים עסן פון דאָס בעסטע, אָבער ער קרימט זיך און האָט די העזה אויסצובראַקירן דאָס עסן און פאַרלאַנגען אַנדערע מאכלים. מען

מאכט אים א געלעגער, פארלאנגט ער מער קישנס און מער קאלדרעס און מאכט דעם צדיק און רביצין אן טרחה אן א שיר.

ר' נחום נעמט אבער אלץ אן פאר גוט און פרובירט נאכקומען דעם מגיד'ס יעדן פארלאנג.

געקומען שבת, זאגט דער מגיד, אז ער וויל האבן דעם צדיק'ס אט־לעסענע זשופיצע. גיט ר' נחום נאך אויך דעם דאזיגען פארלאנג זיינעם. נאך שבת פארלאנגט ער, דער צדיק זאל אליין גיין קלייבן פאר אים געלט איבערן שטאט. האט ר' נחום אויך פון דעם זיך ניט אפגעזאגט.

איינמאל נאך האלבע נאכט, ווען די בני־בית האבן שוין אלע געשלא־פען, און ר' נחום איז ווי תמיד געזעסן אין זיין חדר און אפגעריכט חצות, איז דער אורח ארונטער פון געלעגער, זיך אנגעטאן, גענומען א זאק און אנגעהויבן אריינפאקן דארט אלע ווערטפולע חפצים, וואס ער האט גע־קענט געפינען אין שטוב, גרייט מיט דעם באלד זיך אפצוטראגן.

ר' נחום'ס זון, ר' מאטעלע, נאך גאר א יונגער בחור'ל, האט אבער נאך ניט געהאט געשלאפן און האט געזען אלץ וואס דער אורח האט גע־טאן. איז ער שטילערהייט אריין צום טאטן אין חדר און אים דערציילט וואס עס איז געשען.

„דער אורח האט אונז בא'גנב'עט!" האט ער זיך באקלאגט. „גיי ארויס און לאז אים ניט אוועקגיין ביז ער וועט ניט צוריק געבן אלע אונ־זערע חפצים".

ר' נחום האט אים אנגעקוקט.

„וואס פאלן דיר איין אזוינע זאכן!" האט ער געזאגט מיט א פאר־וואורף. „דער אורח האט ניט גענומען קיין זאך וואס איז ניט זיינס".

„וואס איז ניט זיינס?" האט דער יונגער ר' מאטעלע פארוואונדערט איבערגע'חזר'ט. „ער האט דאך אוועקגענומען אלץ וואס מיר האבן געהאט?"

„עס איז אבער אלץ זיינס", האט ר' נחום געלאסן געענטפערט. „איך האב עס אים אוועקגעשיינקט גלייך ווי ער האט זיך פארגלוסט די זאכן צו האבן, כדי ער זאל חס וחלילה ניט עובר זיין אויף לא תגנוב. אלץ וואס ער האט אין זאק איז דעריבער זיינס און ער מעג מיט דעם גיין געזונ־טערהייט"...

ר' מאטעלע איז אנטשוויגן געווארן.

„און איצט גיי און לייג זיך שלאפן, און מאך דיך ווי דו וואלסט גאר ניט געזען און גאר ניט געוואוסט און זאל דער אורח ניט מבויש ווערן", האט דער צדיק מוסיף געווען.

ווען דאָס איז פאַרגעלייענט געוואָרן פאַר דעם הימלישן בית דין האָבן אַלע פּה אחד אויסגערופן, אַז דאָס וועגט אַריבער אַלץ וואָס האָט גע־קענט געשטעלט ווערן געגן דעם צדיק.

„און דער טאַטע איז אַרויס דער גערעכטער", האָט ר' מאָטעלע פאַר־ענדיגט פאַר זיינע חסידים...

און אַז ר' נחום האָט געקענט פאַרבויגן זיינס, איז אויך צו זען פון אַ צווייטער מעשה'לע וואָס ווערט דערציילט וועגן אים.

אויף זיינע נסיעות איבער אידישע שטעט און שטעטלעך, צו האַלטן דרשות וועגן חסידות, האָט דער טשערנאָבילער מגיד אָפט געהאַט אויסצו־שטיין, ווי מיר ווייסן שוין, גרויסע רדיפות מצד די מתנגדים, אפילו קלעפּ אַריינגעכאַפּט, שוין ניט ריידנדיג פון חרפּות און ביושים.

עס האָבן פּאַסירט פאַלן, וואָס ר' נחום איז פון די מתנגדים ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן אין בית מדרש אָדער פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן. עס איז געווען די צייט ווען מתנגדים און חסידים האָבן געפירט אַן אמת'ע מלחמה צווישן זיך — אַ מלחמה ניט נאָר פון חרמות און זלזולים, נאָר טאַקע אויך פון קלעפּ. ר' נחום פלעגט אָבער אַלץ אָננעמען פאַר גוט און האָט קיינמאָל קיין תרעומות ניט געהאַט אויף די מתנגדים, וואָס פלעגן אים מבזה זיין און אפילו שלאָגן.

„זיי מיינען דאָך ערנסט די מתנגדים", פלעגט דער צדיק זאָגן. „זיי האַלטן, אַז זיי גייען דאָ אויף קידוש־השם און ווען אידן גייען אויף קידוש־השם דאַרף זיי אַלץ פאַרגעבן ווערן"...

אַמאָל איז אים אויסגעקומען צו זיין שבת אין אַ שטעטל, פול מיט מתנגדים, און ווען ער האָט זיך געשטעלט האַלטן זיין דרוש אין בית־מדרש האָבן די מתנגדים געמאַכט אַ טומל און אַ געשלעג. ר' נחום איז אַרונטערגעשלעפּט געוואָרן פון דער בימה און איז געשלאָגן געוואָרן מכת רצח.

דער צדיק האָט אָבער אַלץ אָנגענומען פאַר גוט און איז שטילערהייט אַוועק אין אַ צווייטן בית־מדרש און דאָרט געהאַלטן זיין דרוש, ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט.

עטלעכע יאָר שפּעטער איז איינער פון די מתנגדים, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם טומל און געשלעג, געוואָרן אַ גרויסער יורד און האָט באַשלאָסן צו פאָרן צו ר' נחום'ן אים בעטן מחילה.

„דו דאַרפסט מיך גאָר ניט בעטן מחילה", האָט אים ר' נחום געזאָגט, „ווייל איך האָב געגן דיר און געגן אַלע אַנדערע, וואָס האָבן מיך גע־רודף'ט און געשלאָגן, קיינמאָל קיין תרעומות ניט געהאַט".

דער מתנגד איז געוואָרן מלא שמחה.

„אויב אַזוי זייט מתפּלל, אַז איך זאָל צוריק אויפגעריכט ווערן“, האָט ער געבעטן ר' נחום'ען.

„איך וועל עס טאָן“. האָט אים דער צדיק פאַרשפּראָכן, און ר' נחום האָט מתפּלל געווען פאַרן מתנגד. אָבער דער מתנגד איז געבליבן דער זעלביגער אָרימאַן וואָס פריער.

איז דער מתנגד ווידער צו אים געקומען: „סטייטש, רבי, זאָל עס הייסן, אַז אייער תּפילה העלפט ניט, אָדער אַז אייער תּפילה איז ניט געווען מיט'ן גאַנצן האַרצן?“

„איך האָב דיר פאַרגעבן מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער עס זעט אויס, אַז דער אייבערשטער וויל עס דיר ניט פאַרגעבן, ווייל דער אייבערשטער וויל ניט פאַרגעבן וועז מען איז אַן ערליכן אידן פּוגע בכבוד. אָבער כדי עס זאָל ניט אויסזען, אַז איך בין די אורזאַך, בין איך דיר מבטיח, אַז איך וועל שוין זען צו פּועל'ן, אַז מען זאָל דיר אַלץ פאַרגעבן און דו וועסט אם ירצה השם אויפגעריכט ווערן“.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ר' נחום האָט אויסגעפירט. מען האָט דעם מתנגד מוחל געווען און דאָס רעדל פון הצלחה האָט זיך פאַר אים ווידער אַ דריי געטאָן...

י.

# דעם שטן׳ס מפּלה

ווי ר׳ נחום האָט באַזיגט דעם שטן. —ער גיט ארויס אַ פּסק און אין הימל רעכנט מען זיך מיט דעם. — חסידישע עצבות און חדוה. — אַ טרייסט־וואָרט פאַר חסידים.

שווער איז דער גורל פון דער אידישער אומה: אַרומגערינגלט פון שונאים אויף דער ערד און מיט אַ ביטערן שונא אויבן אין הימל — דער שטן.

אונטן אויף דער ערד, ווערן אידן גע׳רודף׳ט פון אַלע זייטן, און אויבן אין דער הויך האַלט דער שטן, רחמנא לצלן, כסדר אין מקטרג זיין אויף זיי.

אידן האָבן אָבער אונטן און אויבן מליצי־יושר. אויבן זיינען עס די אבות, די גרויסע צדיקים, וועלכע זיינען שוין לאַנג אויפן עולם האמת, אָבער וועלכע פאַרגעסן קיינמאָל ניט אַז דער „שה פּזורה ישראל״, די פאַר־בלאָנדזשעטע אידישע שעפעלע. אונטן, אויף דער ערד זיינען עס די צדיקים וואָס זיינען נאָך צווישן די לעבעדיגע, אָבער וועמעס כח גרייכט אַזש אין די הימלען.

אפילו די גזירות פון גאָט ברוך הוא ווערן בטל ווען דער צדיק וויל, אַ פּשיטא שוין, אַז די אַלע פלענער פון דעם שטן, להבדיל, קענען קיין ממשות ניט האָבן, ווען עס איז נאָר דאָ דער ריכטיגער צדיק וואָס שטעלט זיך קעגן אים.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזאַ צדיק ווי ר׳ נחום האָט זיך געדאַרפט פאַרמעסטן כחות מיטן שטן, איז דער לעצטער אַרויס אַ גע׳ניזוק׳טער. וואָרים אויב ר׳ נחום האָט געהאַט אַזאַ דעה ביי דער פמליא של מעלה, אַז מען האָט אָנגענומען זיין פּסק דין אין גאָר גרויסע ענינים, האָט דאָך דער שטן אודאי אָנטקעגן אים קיין באַטרעף ניט געקענט האָבן.

וועגן דעם פּסק דין וואָס ר׳ נחום האָט אַרויסגעגעבן און מען האָט אין הימל אָנגענומען, פלעגט דערציילן זיין אייגענער זון, ר׳ מאָטעלע, דער ממלא מקומו.

ר׳ נחום, פלעגט ר׳ מאָטעלע דערציילן, האָט זיך שטאַרק מצער גע־ווען וואָס אידן זיינען אַזוי זינדיג און זיינען נאָך ווייט פון אמת׳ער

תשובה. אים האָט זיך געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיין „כלו זכאי״, אין גאַנצן ריין פון זינד. דאָס וואָלט ניט נאָר געמיינט, אַז די גאולה וואָלט באַלד גע־קומען, נאָר וואָלט אויך געמיינט די העכסטע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט צו וועלכע ער האָט אידן געוואָלט ברענגען.

אָבער ניט אַלץ וואָס עס ווילט זיך געשעט. אפילו מיט זיינע גרויסע כחות אַלס דרשן, האָט ר׳ נחום ניט געקענט מעורר זיין אַלע אידן צו טאָן תשובה.

דערזען, אַז ער קען גאָר ניט מאַכן מיט די אידן גופא, האָט ער זיך גענומען צום אייבערשטן. גאָט איז דאָך אַ רחום וחנון, אַ מוחל וסולח, מוז מען פועל׳ן, ער זאָל פאַרקוקן וואָס אידן טוען און זאָל זיי אַלע זייערע זינד פאַרגעבן.

אגב, איז דאָך דאָ אַזאַ גרויסער טאָג ווי יום כפור, אויף וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „יום הכיפורים מכפר אף על שאינם שבים״, אַז עס ווע־רען דאַמאָלט פאַרגעבן אפילו די וואָס טוען ניט קיין תשובה. איז עס דאָך אין דער אמת׳ן אַ וואוילע זאַך. מען דאַרף שוין גאָר ניט וואַרטן ביז אידן וועלן חרטה האָבן אויף זייערע זינד. יום כפור ווערן זייערע זינד אָפּגע־ווישט, צי זיי ווערן בעלי תשובה, צי ניט...

און אַז עס איז געקומען דער הייליגער טאָג יום כפור, האָט זיך ר׳ נחום אוועקגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן צום רבונו של עולם:

„פאָטער אין הימל, איך וויל אַז דו זאָלסט טאָן וואָס די גמרא זאָגט, זאָלסט פאַרגעבן די זינד פון אַלע אידן, אפילו פון די וואָס טוען ניט קיין תשובה״...

און ר׳ נחום איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס זיין. ווי וועט מען אין הימל גיין געגן אַ בפירוש׳ע גמרא!...

האָט מען אָבער פון אויבן באַלד געלאָזט וויסן ר׳ נחום׳ן, אַז עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער גמרא, אַז יום כפור ווערן פאַרגעבן נאָר די זינד וואָס דער מענטש באַגייט געגן גאָט. די זינד וואָס ער באַגייט געגן מענטשן ווערן ניט פאַרגעבן, סיידן ער מאַכט גוט די פעלערן וואָס ער איז באַגאַנ־גען. (יומא פ״ח.)

האָט אָבער ר׳ נחום ניט געוואָלט נאָכגעבן און האָט מיט תקיפות אַ זאָג געטאָן:

„אָבער איך פסק׳ן, אַז אפילו די זינד אויף וועלכע תשובה העלפט ניט, זאָלן פאַרגעבן ווערן יום כפור!״

עס איז געווען אַ פסק פון אַ גרויסן צדיק און אַ כרוז — אַן אויסרוף — איז באַלד אַרויס פון הימל: „הלכה כרבי נחום״, — דער דין בלייבט ווי

ר׳ נחום האָט גע׳פסק׳נט... ר׳ נחום האָט זיינס אויסגעפירט...

האָט זיך די נייס באַלד צעטראָגן איבער אַלע הימלען און עס איז געוואָרן אַ רעש. אויב אַזוי, דאַרף דאָך באַלד קומען די גאולה. אידן זיינען דאָך עפּעס ריין פון זינד און מען קען זיי מער ניט האַלטן אין גלות...

האָבן שוין די מלאכי שלום אָנגעהויבן זינגען שירים ותשבחות פאַר׳ן רבונו של עולם. דער שופר של משיח האָט באַלד שוין געזאָלט געהערט ווערן.

די מלאכי חבלה, דאַגעגן, זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ טויט־שרעק. עס האָט געמיינט דער סוף פון זייער ממשלה.

האָט דער שטן זיך אָנגעגורט די לענדן און האָט באַלד געפונען אַ גע־לעגנהייט פאַר אַן אַנדער קטרוג געגן אידן.

גוט, מען האָט זיי פאַרגעבן זייערע עבירות. אָבער וואָס איז מכח זייערע מצוות? זיינען זיי דען מקיים די אַלע מצוות פון דער תורה?

און אויב אידן טוען שוין יאָ אַ מצווה האָט עס דען אַ טעם? זיי טוען עס אויס געוואוינהייט. זיי דאַוונען אויס געוואוינהייט און וואַשן זיך צום עסן אויס געוואוינהייט און טוען אַלע אַנדערע זאַכן אויס געוואוינהייט. זיי צייגן ניט קיין פרייד ביים טאָן אַ מצווה. די נשמה, דאָס האַרץ, איז דערביי ניטאָ...

אידן גיבן צדקה, אָבער דאָס איז נאָר זיך אויסצופּיינען, האָט דער שטן גע׳טענה׳ט; זיי קויפן זיך „פעטע" עליות אָבער דאָס איז נאָר פון זייער אייגענער הנאה וועגן... זיי קומען צו שמחות אָבער נאָר צו זעטיגן דעם גוף...

האָבן די דאָזיגע רייד אָנגעמאַכט אַ רושם אין הימל און מען האָט באַשלאָסן, אַז אפילו נאָכדעם ווי ר׳ נחום האָט שוין אויסגעפירט, אַז זיין פסק זאָל אָנגענומען ווערן, איז נאָך אַלץ ניט די צייט ראוי, אַז משיח זאָל קומען.

האָט זיך ר׳ נחום שטאַרק מצער געווען איבער דעם. שוין געהאַט אַזוי ווייט דערגרייכט און דאָך ניט דערפירט ביזן סאַמע סוף.

אויפן שטן האָט ר׳ נחום איצט געהאַט אַ האַרץ. ער מוז אים צייגן, אַז ער האָט אויף אידן אויסגעטראַכט אַ שקר בלבול. אידן ווייסן יאָ דעם טעם פון אַ מצווה און אידן האָבן יאָ הנאה פון אַ מצווה און טאָקע אַ גאָר גרויסע הנאה, אַם וויניגסטנס איז עס אַזוי מיט חסידים.

און די געלעגנהייט זיך אויסצופירן מיטן שטן האָט ר׳ נחום געהאַט ביי אַ ברית־מילה.

אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון טשערנאָביל האָט געוואוינט אַ ישוב׳ניק, אַ איד, אַן אָרימאַן, אַ שטענדיג פאַרהאָרעוועטער און פאַרהאָוועטער.

ליגט זיך דאָס ווייב אין קימפּעט און געבוירט אַ אינגל. ניט דאָס ערשטע קינד געווען און אפילו ניט דאָס ערשטע אינגל. אַ איד, אַן אָרימאַן — מאַכט מען פון אַ נייעם נפש'ל אַ גאַנץ קליינעם וועזן, און ווען עס קומט אויפן אַכטן טאָג, קומט דער ישובניק אַרונטער קיין טשערנאָביל, זוכט דאָרט אויס אַ מוהל און נעמט אים מיט זיך אַ היים מל צו זיין דאָס קינד. אפילו פאַר אַ מנין זיך ניט געזאָרגט און ווער רעדט שוין פון מאַכן אַ סעודה צום ברית.

זיצט ר' נחום יענעם פרימאָרגן ביי זיך אין חדר און דער שטערן איז ביי אים פאַרקנייטשט. ער וויסט פון אַלץ, און דער ענין גיט אים ניט קיין רו.

ער האָט שוין אָבער ביי זיך אָפּגעמאַכט וואָס צו טאָן. נאָכן דאַוונען גיט ער אַ זאָג צו „אנשי שלומינו":

„מיר פאָרן באַלד צו אַ שמחת־מצוה", און ער הייסט מיטנעמען משקה און פאַרבייסנס.

לאָזט מען זיך אין וועג אַרייז, און חסידים וואונדערן זיך וואוהין ר' נחום נעמט זיי. עס נעמט אָבער ניט לאַנג און זיי זיינען ביים ישוב'ניק אין הויז. זיי זיינען אין צייט. דער מוהל מאַכט זיך נאָך ערשט גרייט.

דערזען אַזוינע געהויבענע געסט, ווערט אין הויז אַ גרויסע שמחה.

„רבי, איך בין אייך מכבד מיט סנדק!" זאָגט דער בעל־הברית.

און אַז ר' נחום איז סנדק ווערן שוין „צעצוקערט" די אַלע אַנדערע כבודים. דער ברית ווערט דורכגעפירט מיט גרויס פייערלעכקייט.

פאַרטיג מיטן מל זיין דאָס קינד, איז דער עולם אין אַ געהויבענער שטימונג און מען זעצט זיך צום טיש עפּעס נעמען אין מויל.

יעדער האָט עפּעס געהאַט מיטגעבראַכט אייגנס. אין הויז געפינט מען אויך עפּעס צוצוגעבן, און באַלד איז דער טיש פול מיט משקה און צובייסנס. דער עולם עסט און טרינקט און איז זיך משמח.

און די שמחה וואַקסט. איינער הויבט אָן זינגען אַ זמר'ל. דער עולם כאַפּט אונטער און באַלד לאָזט מען זיך אַוועק אין אַ פריילעכן רקוד'ל. דאָס זמר'ל ווערט פריילעכער און דאָס רקוד'ל פייערדיגער. מען זינגט און מען טאַנצט ממש עד כלות הנפש...

אַזוי הוליעט מען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, און ווען מען פאָרט צוריק אַהיים איז ר' נחום אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג.

„איי האָב איך אים אָפּגעטאָן!" זאָגט ער ווי צו זיך אַליין.

חסידים הערן וואָס דער רבי זאָגט און ווילן וויסן וועמען ער מיינט. פאַרשטייט זיך, אַז ר' נחום מיינט דעם שטן.

איצט האָט ער שוין געצייגט דעם שטן, אַז ער האָט אידן אומזיסט אַ שלעכטן נאָמען געמאַכט.

אידן ווייסן יאָ דעם טעם פון אַ מצווה און האָבן יאָ הנאה פון אַ מצווה. אָט האָט ער עס אַליין געהאַט באַוויזן...

„און דאָס", איז ר' נחום מסביר זיינע חסידים, „איז טאַקע דער עניז פון חסידישער חדוה. עס איז די שטראַלנדיגע פרייד וואָס דער חסיד צייגט ביים טאָן אַ מצווה. אַ חסיד האָט פון אַ מצווה אמת'ע הנאה"...

דערפאַר איז ר' נחום געווען אַ געגנער פון עצבות, און ווען נאָר חסידים זיינען צו אים געקומען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, פאַר'דאגה'טע און פאַראומערטע, האָט ער זיי באַלד אויפגעמונטערט און זיי אַ נייעם חיות אַריינגעגעבן.

איז דען ר' נחום אין זיין גאַנצער פירונג ניט געווען קיין קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר זיינע חסידים?

פּרנסה? ר' נחום האָט קיינמאָל זיך ניט געזאָרגט וועגן דעם. הנאה פון דער וועלט? ער האָט קיינמאָל ניט געגאַרט צו געניסן וועלכע עס איז עולם־הזה'דיגע פאַרגעניגנס.

כבוד? גדולה? ר' נחום האָט עס מבטל געווען.

דער עיקר איז געווען עבודת הבורא, מעשים טובים, און מיט דעם האָט ער דאָך אָנגעצייכנט אַ וועג פאַר יעדן איינעם.

פונדעסטוועגן פלעגן פאָרט קומען צו ר' נחום'ען חסידים מיט שווערע הערצער.

ווערט דערציילט, ווי עס זיינען אַמאָל צו אים געקומען חסידים און האָבן מיט טרערן אין די אויגן פאַרן צדיק אויסגעגאָסן אַזאַ פּזמון:

„רבי טייערער, איר מוזט אונז געבן אַ טרייסט פאַר אונזערע פאַר־וואונדעטע און צעווייטאָגטע הערצער". האָבן זיי זיך באַקלאָגט. „גרויס עצבות איז אונז באַפאַלן. אַ טיפע מרה־שחורה האָט אונז אַרומגענומען. מיר זיינען אַזוי דערשלאָגן, אַזוי מוטלאָז, אַז מיר קענען שוין מער זיך ניט פאַרטיפן אין דער תורה, קענען ניט תפילה־טאָן מיט געהעריגער כוונה. און פיל פון אונז זיינען פשוט געפאַלן קראַנק און קענען פון בעט ניט אַרונטער"...

ר' נחום הערט זיי אויס מיט גרויס סימפּאַטיע. ער הויבט זיי אָן געגוי אויספרעגן. ער וויל ווייסן אויב דאָס זיינען ניט סתם פאַרטרויערטע געמיטער, אידן בעלי־בכי, וואָס האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין עצבות, זיינען געוואָרן מרה־שחורה'דיג צוליב דעם, וואָס עס פעלט אויף דער פּרנסה.

ער דערקונדיגט זיך, אַז דאָס זיינען גאָר אַנדערע אידן — אידן וואָס

זיינען זיך מצער אויף גלות השכינה, וואָס פאַלן אַריין אין עצבות דערפאַר וואָס דער כלל ישראל ליידט: אידן וואָס מאַטערן זיך צו דערגרייכן די גרויסע סודות פון דער תורה און ווילן זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה.

זיי האָבן אויף זיך גענומען סגופים, געפאַסט תעניתים און זיך אָפּ־געזאָגט פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט. זיי זיינען אָבער געבליבן אין מיטן, ניט געקענט גיין ווייטער, און געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זיי זיינען געוואָרן אמת'ע חלאים.

אָבער וואָס שוואַכער זיי זיינען געוואָרן, אַלץ מער עגמת־נפש האָבן זיי געהאַט, אַלץ מער האָט עס זיי געקרענקט.

„מיינע טייערע קינדער", האָט ר' נחום זיי אָנגעהויבן טרייסטן. „איר זאָלט פון אייער צושטאַנד, אין וועלכן איר געפינט זיך, קיין עגמת־נפש ניט האָבן. איר זייט אין אַ צושטאַנד וואָס איז אין דער בחינה פון שלאָף (דור מיטה). איידער מען דערגרייכט צו דאָס הימלישע, דאָס געטלעכע, מוז מען זיך אין גאַנצן אויסטאָן פון דאָס ערדישע און דאָס מענטשלעכע. מען מוז זיך אויסטאָן פון דער גאַנצער וועלט, אַרויסהויבן זיך פון גוף. דאָס איז שווער. דאָס קומט אָן מיט גרויס יסורים, מיט גרויס מאַטערניש. דערגרייכט מען שוין יענע הויכע מדרגה, דאַן איז גוט. דאַן האָט מען בלויז תענוג. די נשמה קוועלט, הויבט זיך, שטאַרקט זיך, צעוואַקסט זיך".

און ר' נחום האָט זיי מגלה געווען סודות און זיי געוויזן די דרכים אויף וועלכע זיי דאַרפן גיין.

„האָט קיין מורא ניט פאַר די סימנים פון אייער קערפּערלעכער שוואַכקייט", האָט צו זיי ר' נחום ווייטער געזאָגט. „עס איז בלויז אַן איבערגאַנג צו גייסטיגער שטאַרקייט, דער בריק וואָס פירט פון ערד צו הימל"...

דערהערט אַזוינע דבורים, זיינען די חסידים געוואָרן פרייליכער. אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זייערע אויגן. זייערע הערצער און נשמות זיינען דערקוויקט געוואָרן. זיי האָבן דערפילט יענע גייסטיגע פרייד, וואָס חסידים רופן חדוה...

„רבי, איר האָט אונז מחיה געווען", האָבן די חסידים אויסגעשריען מיט גרויס באַגייסטערונג. „איר האָט אונז אויף אַ נייעם דרך אַרויפ־געפירט".

פונדעסטוועגן האָבן חסידים צו פאַרצייכענען אַ פאַל, ווען ר' נחום האָט אַליין געצייגט גרויס עצבות, און גראַד אויף אַ שמחה — זיינע אַן אייגענע שמחה — די חתונה פון זיין אייניקל ר' אריה ליב.

האַלטן עס חסידים טאַקע פאַר אַ גרויס פּלא, וואָס איז עד היום נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן.

דער שידוך איז געווען גאָר אַ וואַזשנער, אַ מיוחס'דיגער. ר' נחום'ס אַן אייניקל וועט ניט חתונה האָבן מיט אַבי וועמען. איז טאַקע די כּלה געווען אַן אייניקל פון ר' אפרים'ען, וועלכער איז באַקאַנט אַלס דער „דגל אפרים", אַן אייניקל פון דעם בעל שם.

ווען אַזוינע צוויי גרויסע משפּחות זיינען זיך משדך איז עס ביי „אנשי שלומינו" אַ גרויסער יום־טוב. לאָזן זיך חסידים צו דער חתונה, געבעטענע און ניט־געבעטענע, פון אַלע זייטן. פאָרן חסידים אין פורן, גייען חסידים צופוס, צענדליגע מיילן ווייט.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין סעדילקאָוו, וואו ר' אפרים האָט געהאַט זיין הויף. און דאָס שטעטל איז נאָך פיל טעג פאַר דער חתונה איבער־פלייצט געוואָרן מיט חסידים פון נאָענט און פון ווייט.

שוחטים שטייען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט יאַרמולקעס פאַר־רוקט אויף די פּאַטילניצעס און שעכטן עופות, דקות און גסות; בעקער זיינען פאַרנומען טאָג און נאַכט, באַקנדיג קוילעטשן, ברויטן און לעקער. קעכנס זיינען פאַרשמאַיעט, באַקנדיג און פּרעגלענדיג. סעדילקאָוו איז יום־טוב'דיג.

און די אכסניות ווערן פון טאָג מער אָנגעפּאַקט; די שטיבלעך ווערן באַלאַגערט מיט די אָנגעקומענע חסידים.

ענדלעך איז שוין ערב דער חתונה. עס דאַרף אָנקומען דער חתן מיט אַלע מחותנים פון זיין צד.

דער עולם וואַרט געשפּאַנט אויף דעם גרויסן ר' נחום'ען, פון וועמען אַלע האָבן אַזוי פיל געהערט, אָבער וועמען ניט אַלע האָבן נאָך געהאַט די זכיה צו זען.

און די גרויסע שעה קומט. דער חתן איז שוין דאָ מיט אַלע מחותנים. כלי־זמר שפּילן. דער בדחן רייניגט שוין זיין האַלז צו באַזעצן די כּלה. מנגנים גרייטן זיך צו מיט נגונים. מען דאַרף שוין באַלד פירן דעם חתן צו באַדעקן די כּלה.

אָרום חתן זיינען אויסגעזעצט די חסידישע פּני. אָבער וואו איז ר' נחום? אַלע זוכן אים אָרום. מען זעט אים ניט.

ר' נחום איז פאַרשפּאַרט אין זיין חדר, מיט אַ זאַק אָרום זיינע לענדן, מיט אַש אויפן קאָפּ, זיצט אויף דער ערד און וויינט „בדמעות שליש"...

די נייעס דערטראָגט זיך צו די מחותנים פון ביידע צדדים. עס דער־הערן וועגן דעם חסידים אָרום. דער עולם איז פאַרוואונדערט.

עפּעס מוז עס באַדייטן. ר' נחום וועט ניט זיצן סתּם אין דער וועלט אַריין אין אַ זאַק, מיט אַש אויפן קאָפּ און פאַרגיסן ביטערע טרערן.

איז דען חס וחלילה פאַראַן אַ גזירה, וואָס מען דאַרף בטל מאַכן? איז ר' נחום ניט צופרידן מיטן שידוך?

דערווייל פאַרגייען די שעה'ן. עס ווערט שפּעט.

ווענדט מען זיך צום „דגל". עפּעס איז ער דאָך אויך ניט אַבי־ווער. זאָל ער זען, וואָס מען קען און וואָס מען דאַרף דאָ טאָן.

הערט דער „דגל" די נייעס, שיקט ער אַ שליח צו ר' נחום'ען, ער זאָל באַלד קומען צו דער חתונה, און זאָל די שמחה ניט פאַרשטערט ווערן.

טוט דער שליח, וואָס מען הייסט אים, און גיט איבער דעם צדיק דעם „דגל'ס" פאַרלאַנג.

הויבט זיך ר' נחום אויף פון דער ערד, וואַרפט אַרונטער די אַש פון זיין קאָפּ. ער בלייבט אָבער מיטן זאַק אַרום זיך און אַזוי לאָזט ער זיך צו דער חתונה.

די מענטשן אַרום שטוינען, זיינען מבולבל: אַזוי גייט דער צדיק צו דער חתונה פון זיין אייניקל?

די נייעס פאַרשפּרייט זיך צווישן די מחותנים אויף דער חתונה. עס ווערט דערטראָגן צום „דגל".

ר' נחום קומט באַלד אַריין איינגעוויקלט אין זאַק, צווישן די מחותנים וואָס זיצן אין זיידענע און אַטלעסענע זשופּיצעס מיט שטריימלעך פון טייערן פוטער!

דערהערט דער „דגל" וואָס עס איז געשען, שיקט ער דעם שליח נאָך אַמאָל צו ר' נחום'ען.

„איך פאַרשווער דיר אין נאָמען פון מיין גרויסן זיידן", לאָזט ער אים וויסן דורכן שליח, „אַז דו זאָלסט אויסטאָן דעם זאַק."

אויסגעהערט דעם שליח, האָט ר' נחום אויסגעטאָן דעם זאַק און זיך אָנגעטאָן יום־טוב'דיג.

די חתונה פון זיין אייניקל איז ניט פאַרשטערט געוואָרן. אָבער קיי־נער ווייס ניט עד היום דעם גרויסן סוד פון ר' נחום'ס אבילות ביי דער דאָזיגער שמחה.

## יא.

# „רוח הקודש“.

ווי ר׳ נחום האָט געמאַכט אַ מתנגד פאַר אַ חסיד. — דער משל און דער נמשל. — אַ מעשה פון אַלטן ירושלים וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ זינדיגן אַרענדאַר.

ר׳ נחום האָט געהאַט אַ סך וועגן ווי צו געווינען מתנגדים צום חסידיזם. אויב אימיצער איז ניט גערירט געוואָרן פון זיינע האַרציגע דרשות, האָט ער אים געוואונען דורך צייגן זיינע גרויסע כחות. אין אַזאַ פאַל, זעט אויס, האָט ר׳ נחום געפילט, איז עס ניט קיין צייכן פון גדלות אויף זיין זייט, נאָר אַ מיטל צו ברענגען אַ פאַרבלאָנדזשעטע אידישע נשמה אויפן דרך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן איינציגן, אויף וועלכן אידן דאַרפן גיין.

ר׳ נחום האָט דאַמאָלט, זאָגן חסידים, אָפן געצייגט דעם כח פון רוח הקודש, מיט וואָס ער האָט געקענט אַריינקוקן טיף אין אַ מענטשנ׳ס נשמה און פאַרלייענען פאַר אים זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין צוקונפט, ווי פון אַן אָפענעם בוך.

דערציילן חסידים אַזאַ מעשה:

ערגעץ אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַן אַרענדאַר, אַ איד אַ יודע ספר און אויך אַ ידען אין מילי דעלמא.

פרנסה איז געווען בשפע, און אַז מען האָט אַ שיינע און געראָטענע טאָכטער, נעמט מען זיך אַן איידעם, וואָס איז אַ טאַטנ׳ס אַ קינד, אַ וואויל־לערנער, אַ מושלם — אַן אמת׳ע צאַצקע: אַ מענטש צו גאָט און צו לייט.

זיצט זיך דער איידעם ביים שווער אויף קעסט, און עס פעלט אים ניט פון קיין פויגל־מילך. דער שווער און די שוויגער און דאָס גלייכן דאָס ווייבל קלייבן נחת.

ווערט דער איידעם מיטאַמאָל אַ פאַרברענטער חסיד און הויבט אָן פאָרן צום טשערנאָבילער מגיד, צו זיצן ביי זיין טיש און הערן פון אים תורה. און מיט יעדן באַזוך, וואָס ער מאַכט ביי ר׳ נחום׳ען, אַלץ מער צוגעבונדן ווערט ער צו אים, אַלץ אין גרעסערע התפעלות גייט ער אַריין פאַר זיין רבי׳ן.

דער שוועער איז כל ימיו א מתנגד און קוקט אויף חסידים ווי אויף „נאראנים" און אויף רביים ווי אויף „פארפירער". פארדריסט אים שטארק, וואס זיין איידעם איז מיטאמאל אזוי „פארפירט" געווארן.

שטראפט ער דעם איידעם, וואס ער איז אזוי „פארבלענדט" און גייט אריין, ווי ער רופט עס אויף זיין מתנגד'ישן לשון, אין „קעלבערנע" התפעלות פאר ר' נחום'ען.

„דו ביסט דאך עפעס א בר דעת, א מענטש ניט פון די, וואס מען קויפט צוויי פאר א דרייער", טענה'ט דער ארענדאר צו זיין איידעם, „שוין־זשע זעסטו ניט איין, אז חסידות איז א פארפירעניש, און אז פארן צום רבי'ן איז פשוט אן אויסברעננגעריי און א פאר'בטלן פון צייט?"

דער איידעם הערט אים אויס, אבער ענטפערט אויף דעם, אז אויב ער, דער שוועער, רעדט אזוי, איז ער פשוט ניט מסוגל משיג צו זיין די הויכע דרכים פון חסידות, און איז ניט דערוואקסן צו זען די גרויסקייט פון דעם טשערנאבילער מגיד.

„איר האט געדארפט בלויז איינמאל זיצן ביי זיין טיש, שוועער־לעבן", זאגט דער איידעם, און זיינע אויגן ברענען, „און איר װאלט געוואוסט, וואס עס מיינט התרוממות הרוח, וואס עס מיינט התפשטות הגשמיות."

— „אט דאס טאקע טויג ניט", — האט דער פראקטישער, פאר'מגושם'טער מתנגד אויסגערופן. — „דיין רבי נעמט דיך אוועק פון דיין היים און ווייב, און פארדרייט דיר דעם קאפ אזוי, אז דו טראכסט ניט פון קיין פרנסה און פון קיין תכלית."

ענטפערט אבער דער איידעם, אז דער אמתער תכלית איז גאר אין די העכערע וועלטן, און אז די דאזיגע העכערע וועלטן קען מען נאר משיג זיין אונטער דער השפעה פון דעם גרויסן צדיק אין טשערנאביל.

„אט, מאכט טאקע א נסיעה קיין טשערנאביל", פרובירט דער איידעם איינריידן דעם שוועער, „און איר וועט אליין זען ר' נחום'ס גרויסקייט."

און דער איידעם שטייט צו צום שוועער, און יענער לאזט זיך איבער־ריידן.

„איך וועל טאקע מיט דיר פארן אנקוקן דעם רבי'ן, אבער נאר דיר צו צייגן, אז ער איז א פשוט'ער בשר ודם, ווי דו און איך און אנדערע אידן, און אז עס איז נאריש צו קוקן אויף אים, ווי אויף א געטלעכן מענטשן."

לאזן זיך דער ארענדאר און זיין איידעם אוועק קיין טשערנאביל אויף שבת. גייט מען אין מקוה. טוט מען זיך אן די שבת'דיגע מלבושים און מען גייט מקבל שבת זיין אין רבי'נס שטיבל. דער ארענדאר זעט דעם

טשערנאָבילער מגיד ביים דאַוונען, אָבער ער בלייבט קאַלט. ר׳ נחום איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, ניטאָ וואָס נתפעל צו ווערן.

יקומט צום עסן, עסט דער צדיק ווי יעדער בשר ודם, טרינקט ווי אַלע אַנדערע: און דער אָרענדאַר זעט ניט קיין גדלות.

ר׳ נחום זאָגט תורה — טאַקע פיינע און טיפע געדאַנקען, אָבער דער אָרענדאַר בלייבט גלייכגילטיג. „אַ סך אַנדערע אידן קענען זאָגן אַזוי תורה", באַמערקט ער צו זיין איידעם.

„וואַרט, איר וועט נאָך זען גרויסעס", פאַרזיכערט אים דער איידעם.

אויף מאָרגן אויך דאָס אייגענע. דער אָרענדאַר זעט גאָר ניט, פון וואָס נתפעל צו ווערן.

שבת־צו־נאַכט פאַרפירט ר׳ נחום אַ שמועס וועגן פשוט׳ע, וועלטלעכע ענינים. אַזוי איז געווען זיין שטייגער — שבת־צו־נאַכט גערעדט וועגן מילי דעלמאַ.

„אַ איד ווי אַלע אידן", רוימט דער אָרענדאַר איין זיין איידעם אין אויער.

עס פאַרגייט נאָך אַ טאָג. דער אָרענדאַר וויל שוין פאָרן אַהיים. ער האָט נאָך פון ר׳ נחום׳ען ניט געזען קיין וואונדער. באַשליסט ער צו כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם מיטן צדיק אַליין.

„רבי, איך בין אַהער געקומען צו זען פון אייך וואונדער, צום סוף זע איך, אַז איר זייט אַ איד ווי אַלע אידן; און איך האַלט, אַז עס איז פשוט אַן עבירה די צייט און דאָס געלט, וואָס מענטשן פאָרן צו אייך און פאַרברענגען דאָ טעג און וואָכן."

ר׳ נחום קוקט אים אָן, און אַ שמייכל שפּרייט זיך אויס אויף זיין גוטמוטיגן פּנים.

„איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה׳לע", זאָגט ר׳ נחום צום אָרענדאַר.

„דאָס איז זיך פאַרלאָפן אין ארץ ישראל אין די ימי הבית, ווען אידן פלעגן פון אַלע עקן לאַנד עולה רגל זיין קיין ירושלים צו האַלטן דאָרט יום־טוב. אַז מענטשן פלעגן גיין קיין ירושלים פון אַלע ווינקעלעך, זיינען די וועגן געווען פול מיט גאַנצע חבורות (קאָמפּאַניעס), און חבורה פלעגן זיך לאָזן אויפן וועג וואויל־גיין. מען פלעגט אונטערוועגנס פּראַווען פרייליכע סעודות, און אַז מען פלעגט אָנקומען אין ירושלים, וואו די שטאָט איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, האָט מען ווייטער געהוליעט און זיך משמח געווען.

„איז געווען אַ איד, ערגעץ ווייט אין גליל, וואָס האָט געהערט פון די

אלע הוליאַנקעס און וואויל־יונגערישע טעג און נעכט פון די עולה־רגל'ניקעס און האָט צו זיך אַזוי געזאָגט:

„— צו וואָס זאָל איך זיין ווי אַלע הוליאַקעס. זיי זיינען אויסבערענ־גער פון צייט און געלט. איך וועל מיר בעסער זיצן אינדערהיים און דינען גאָט אויף מיין אייגענעם שטייגער.

„און דער איד האָט ניט עולה רגל געווען, ווי אַלע אַנדערע אידן. זיינען אַוועק יאָרן. דער איד איז אַלט געוואָרן און ער האָט נאָך ירושלים קיינמאָל ניט אַנגעזען און האָט נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואוינט די עבודה פון די כהנים אין בית־המקדש.

„כאָטש שוין אַ איד אויף דער עלטער, מאַכט זיך אַמאָל, אַז מען זינ־דיגט אונטער און מען מוז ברענגען אַ קרבן חטאת. קען ער שוין ניט בלייבן אינדערהיים און מוז זיך לאָזן קיין ירושלים מקריב צו זיין דעם קרבן.

„הויבט דער איד אָן גיין און וויים ניט דעם וועג. מוז אָפּשטעלן דורכפאָרער און פרעגן דעם וועג קיין ירושלים. קוקן אים די דורכפאָרער אָן און קוועטשן מיט די פּלייצעס: אַזאַ אַלטער איד און ער וויים ניט דעם וועג קיין ירושלים. אַנדערע לאַכן פון אים הויך אויפן קול. — „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריטש אַ איד!" — טרייבן זיי שפּאָס.

„טרעפט ער זיך אָן מיט חברה הוליאַקעס אויפן וועג, וויים ער ניט ווי זיך צו האַלטן און בלייבט צווישן זיי אַ פרעמדער און אָפּגעזונדערטער. לאַכט מען נאָך מער פון אים. דער איד וויים גאָר ניט, ווי עולה־רגל'ניקעס פאַרברענגען אויפן וועג.

„דער וועג קיין ירושלים, וואָס איז פאַר אַנדערע אַ האַרציגער צייט־פאַרטרייב, ווערט פאַר אים אַ גרויסע אַפּקומעניש, און עס גייט אים אָרויס באַקאָם איידער ער קומט אָן אין דער הייליגער שטאָט.

„אָנגעקומען קיין ירושלים, הויבן זיך ערשט אָן זיינע צרות. ער וויים ניט, וואו עס זיינען די אכסניות. ער וויים ניט דעם וועג צום הר הבית, וואו דער בית־המקדש שטייט, און ער מוז פרעגן, וואו עס געפינט זיך דער „שער הבקר", דאָס פּלאַץ, וואו מען קויפט די בהמות פאַר קרבנות. ביי יעדער אָנפראַגע, וואָס ער מאַכט, שטעלט מען אויס מויל און אויערן און מען לאַכט פון אים, וואָס אַזאַ אַלטער איד ווי ער וויים נאָך ניט פון די אַלע זאַכן.

ענדלעך איז ער שוין באַזאָרגט מיט אַ קרבן חטאת און איז שוין אויפן וועג צום בית־המקדש. ערשט דאָרט דאַרף ער וועגן יעדע קלייניגקייט פרעגן, און מען לאַכט ווידער פון אים. ער קומט שוין ענדלעך צו צו די

כהנים, אָבער זיי מאַכן אויף אים אַ מאָדנעם איינדרוק: זיי לויפן אַרום מיט שטיקער געבראָטן פלייש פון די קרבנות און עסן גאָר ניט ווי די הייליגע. וואָס ער האָט זיך די כהנים פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע.

„באַשליסט ער, אַז ער מוז גיין זען דעם כהן גדול — אפשר וועט ער פון אים זען קדושה. טרעפט ער דעם כהן גדול אָנגעטאָן אין חושן ואופד מיטן ציץ און אַלע אַנדערע בגדי כהונה. ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, וואָס מאַכט אויפן אידן ניט קיין באַזונדערן איינדרוק.

„— איר דאַרפט מיך פאַר עפּעס האָבן? — פרעגט אים דער כהן גדול.

„— געוואָלט אייך אָנקוקן. צום ערשטן מאָל, אַז איך בין אין ירושלים. — ענטפערט דער איד אַביסל פאַרשעמט.

„— און פאַרוואָס זייט איר אַהער פריער ניט געקומען? — פרעגט ער אים.

„— צום ערשטן מאָל געזינדיגט, בין איך געקומען. פריער עס ניט געדאַרפט...

„— צום ערשטן מאָל? — שמייכלט דער כהן גדול, — און וואָס איז געווען יענע אַנדערע מאָל? אָט האָט איר געהאַט באַגאַנגען אַן עבירה מאָנטאָג, פרשה וישב, ווען איר זייט אין פעלד געווען און איר האָט זיך דאָרט באַגעגנט מיט אַ יונגער גויע... איר האָט ווידער געהאַט געזינדיגט מיטוואָך, פרשת עקב, ווען איר האָט אייער פריינט פנחס פאַרקויפט עטלעכע זעקלעך תבואה און געשוואָרן, אַז איר האָט אַליין באַצאָלט פאַר דעם אַזוי פיל און אַזוי פיל, ווען איר האָט גאָר באַצאָלט אין דער אמת'ן פונקט מיט צוויי שקלים ווייניקער..."

„געגוג, רבי!" — האָט דער אָרענדאַר אויסגערופן צו ר' נחום'ען. „איך בעט אייך מחילה פאַר מיין שוואַכן גלויבן אין אייך. איר האָט מיך איצט איבערציינגט, אַז איר האָט רוח הקודש"...

וואָרים די חטאים, וואָס דער כהן גדול זאָל האָבן אויסגערעכנט דעם אידן אין דער מעשה'לע, זיינען גאָר געווען די חטאים, וועלכע דער אָרענ־דאַר איז אַליין באַגאַנגען, און פון וועלכע, ער איז געווען זיכער, אַז קיין אַנדער ילוד אישה וויים ניט...

און אַז ר' נחום האָט געקענט צייגן וואונדער, איז אויך צו זען פון אַן אַנדער מעשה'לע, וואָס חסידים דערציילן.

פרייטאָג צו ליכט בענטשן פלעגט ביי ר' נחום'ען אָנגעצונדן ווערן גרויסע ליכט, וואָס פלעגן ברענען אַ גאַנצע נאַכט, כדי דער צדיק און זיינע תלמידים זאָלן האָבן ביי וואָס צו לערנען.

איינמאָל, ווען ר' נחום איז אַרויס פון חדר און אימיצער האָט געעפנט די טיר, האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט, און די ליכט זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן. האָבן די בני בית געלאָזט רופן דעם שבת־גוי און אים געהייסן די ליכט צוריק אָנצינדן.

אַז ר' נחום איז צוריקגעקומען, האָבן די תלמידים צו זייער איבער־ראַשונג באַמערקט, אַז דער צדיק גייט, ווי ער וואָלט געטאַפּט אין דער פינסטער.

„וואָס איז געשען, רבי?" — האָבן די תלמידים געפרעגט דערשראָקן, מורא האָבנדיג, דאָס אפשר איז ער, חלילה, בלינד געוואָרן.

„עס איז אין חדר אַזוי פינסטער, ממש אַ טריט ניט צו שטעלן..." — האָט דער צדיק געזאָגט.

„רבי, וואָס איז מיט אייך, עס ברענען דאָך די ליכט!" — האָבן די תלמידים אויסגערופן.

„אַז עבירה איז מיט זיי באַגאַנגען געוואָרן, און זיי לייכטן פאַר מיר ניט..." — האָט ער געזאָגט און האָט ווייטער געטאַפּט, ווי אין חדר וואָלט געווען פינסטער...

„לאָמיר אַריין אין צווייטן חדר", האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים. „דאָ וועלן מיר גאָרניט קענען זען..."

„אין צווייטן חדר איז דאָך אָבער פינסטער", האָבן זיי זיך געוואונ־דערט.

„דאָרט איז ליכטיג", האָט ר' נחום פאַרזיכערט, און האָט אָנגעהויבן גיין אין צווייטן חדר, און די תלמידים, פאַרוואונדערטע, נאָך אים.

אַריין אין צווייטן חדר, האָבן די תלמידים זיך געפונען אין דער פינסטער. ר' נחום האָט אָבער געהייסן זיי עפענען די ספרים און אַריינ־קוקן אין זיי, ווי זיי וואָלטן געווען אין דער ליכט. ער אַליין איז געווען דער ערשטער צו עפענען זיין ספר. די תלמידים האָבן אים נאָכגעטאָן. און אַ וואונדער איז געשען! כאָטש דער חדר איז געווען אומבאַלויכטן, האָבן זיי אָבער אַלע געקענט דייטלעך זען יעדן אות, ווי עס וואָלט געווען אינמיטן העלן טאָג...

## יב.

# דער קרבן

ר׳ נחום און זיינע חסידים.—די צוויי ירמיהו׳ס.—ר׳ שניאור זלמן׳ס פדיון צו ר׳ נחום׳ען.—דער קטרוג אן הימל.—די כפרה.—חסידישער שמועס וועגן דער חסידיש־מתנגדישער מלחמה און דעם פאריבל געגן דעם לאדיער.

ר׳ נחום׳ס נאכפאלגערשאפט איז געוואקסן מיט יעדן יאר. און צווישן זיינע נאכפאלגער האבן זיך געציילט די גרעסטע לומדים און צדיקים פון זיין דור.

דער אמת איז, אז ר׳ נחום האט געהאט מער נאכפאלגער צווישן די לומדים, די יחידי סגולה, ווי צווישן המון.

דער חסידיזם האט נאך דאמאלט ניט געהאט שטארק אריינגעדרונגען צווישן פאלק. די ערשטע, וואס האבן אויפגעכאפט די נייע לערע פון בעל שם, ווי ר׳ נחום האט זי געהאלטן אין פארשפרייטן, זיינען געווען די לומדים. ערשט שפעטער, אונטער ר׳ נחום׳ס זון, ר׳ מאטעלע, און זיינע אייניקלעך, איז דער חסידיזם געווארן אן אמת׳ע פאלקס־באוועגונג.

האט טאקע ר׳ נחום דערפאר שטארק געהאלטן פון זיינע חסידים און אין זיין עניוות האט ער אפילו געהאט געגלויבט, אז אויב ער האט עפעס א שטיקל זכות אויף דער וועלט, איז עס צוליב דער צדקות פון זיינע חסידים.

זיינען אמאל געזעסן ר׳ נחום׳ס חסידים אין זייער שטיבל אין לאיעוו ביי א מלוה מלכה און פלוצים דערפילט א טיפן צער. עפעס האט זיי א קומער ארומגענומען, און א שווערקייט איז זיי געפאלן אויפן הארצן.

„מיר זיינען זינדיגע און נישטיגע באשעפענישן", האט איינער זיך אויסגערעדט דאס הארץ, און טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן. עס איז געווען א מאמענט, ווען גאר פון זיך אליין הויבט אייך אן נאגן דאס הארץ, א בענקעניש כאפט אייך ארום, און איר דערפילט זיך פלוצים שפל און געפאלן, ווי דאס ווערעמל, וואס קריכט אויף דער ערד.

„אבער מיר האבן דאך אזא גרויסן רבי׳ן, ווי ר׳ נחום", האט א צווייטער פון דער מסיבה זיך אנגעהויבן טרייסטן.

דערמאָנענדיג דעם רבי׳ן, זיינען אַלע באַלד אַרומגענומען געוואָרן פון אַ טיפער בענקעניש צום טשערנאָבילער מגיד, און נאָך אין דער זעלביגער נאַכט האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין נאָך טשערנאָביל.

דעם זעלביגן שבת־צו־נאַכט איז ביי זיך אינדערהיים געזעסן ר׳ נחום און געמאַכט אַ חשבון הנפש:

„איך בין זינדיג און שפל", האָט ער זיך באַקלאָגט. „איך בין כלו חייב (אינגאַנצן שולדיג)", און האָט אַרויסגעצייגט טיפן צער. אָבער באַלד האָט ער אַליין געפונען אַ טרייסט:

„איך האָב דאָך אָבער אַזוינע צדיקים אַלס חסידים", האָט ער זיך דערמונטערט. „עס איז ניט קיין קליינע זכיה צו האָבן אַזוינע נאָכפאָלגער ווי די לאָיעווער חסידים"...

און ווי גרויס עס זיינען געווען ר׳ נחום׳ס תלמידים, איז צו זען פון אַזאַ עובדה:

ר׳ נחום האָט צווישן זיינע חסידים געהאַט צוויי ירמיהו׳ס. איינעם האָט מען גערופן „ירמיהו הגדול" און דעם צווייטן „ירמיהו הקטן".

איינמאָל איז ר׳ נחום אַריינגעקומען אין בית־מדרש, ווען „ירמיהו הגדול" האָט געהאַלטן אין דאַווענען. ער האָט געהאַלטן אינמיטן קריאת־שמע.

מיטאַמאָל גייט צו ר׳ נחום און כאַפּט ביי ירמיהו׳ן אַרונטער דעם של ראש.

חסידים, וואָס האָבן עס צוגעזען, זיינען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט.

„זאָל אייך גאָר ניט וואונדערן", האָט ר׳ נחום זיי באַלד דערקלערט. „ווען איך וואָלט ניט אַרונטערגענומען די תפילין פון זיין קאָפּ, וואָלט ער פאַרברענט געוואָרן פון זיין אייגענער התלהבות..."

אַזוי דאַווענען האָט נאָר געקענט ר׳ נחום׳ס אַ חסיד.

און ר׳ נחום איז געווען פאַרערט און פאַרהייליגט ניט בלויז ביי זיינע אייגענע נאָכפאָלגער, נאָר אפילו אויך ביי די חסידים פון אַנדערע רביים און טאַקע אויך ביי די רביים אַליין.

די גרעסטע חסידישע מנהיגים און צדיקים פון זיין צייט האָבן צו אים געשיקט קוויטלעך און פדיונות.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע מעשה׳לעך איז וועגן דעם, ווי אַזוי דער גרויסער ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי, דער גרינדער פון חב"ד און דער באַפעסטיגער פון חסידיזם אין דער מתנגד׳ישער ליטע, האָט אַמאָל געשיקט צו ר׳ נחום׳ען אַ פדיון.

עס איז געווען אין די לעצטע טעג אלול פון יאָר תקנ"ב, די צייט,

ווען יעדער גוטער און פרומער איד איז „מפשפש במעשיו“, ווערט נענטער צום רבונו של עולם און ווארט מיט אימה און פחד פאַר דעם יום הדין, ווען יעדן איינעם'ס קוויטל ווערט אַנגעשריבן אין הימל.

ווי תמיד, איז דער גרויסער ר' שניאור זלמן מיט זיינע תלמידים דאַמאָלט געווען נאָך מער אריינגעטאָן אין תורה און עבודה. אזא צדיק, האָט ער דעם גאַנצן כלל געמוזט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס און אויסבעטן א גוט יאָר פאַר אַלע אידן. א דור פון זינדיגע, א דור פון געפאַלענע, קומט עס ניט אָן אַזוי גרינג אפילו פאַר א צדיק.

און מיטאַמאָל ווערט דער לאַדיער פאַראומערט. זיין פּנים דריקט אויס צער און יסורים.

קוקן אים אָן זיינע תלמידים און וואונדערן זיך. עפּעס איז ניט גלאַט. ניט אומזיסט האָט זיך א שאָטן פאַרצויגן איבער דעם צדיק'ס ליכטיגן פּנים, ניט אומזיסט שפּיגלען זיינע אויגן אָפּ אזוי פיל עצבות.

וואָס זאָל עס באַדייטן? ווער קען עס דען זאָגן? נאָר דער לאַדיער אַליין קען דעם סוד מגלה זיין.

אָבער דער לאַדיער שווייגט, און די תלמידים זיינע האָבן מורא אים צו פרעגן.

און ניט נאָר די תלמידים זיינען באַקימערט. אויך דאָס גאַנצע הויז־געזינד פון צדיק, דערהויפּט זיין טאָכטער לאה, וועלכע איז צו אים שטאַרק צוגעבונדן און לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַרונטער.

זי וואָלט אויך געוואָלט ביי אים פרעגן, וואָס זיין עצבות באַדייט, אָבער אַז דער טאַטע שווייגט און רעדט ניט, מוז זי אויך שווייגן.

איינמאָל לאָזט דער צדיק צו זיך רופן אַלע זיינע תלמידים. ער האָט פאַר זיי עפּעס מגלה צו זיין.

די תלמידים ווייסן, אַז דאָ קומט דער סוד פון דעם צדיק'ס טרויער, און זיי זיינען געשפּאַנט, קענען קוים זיך דערוואַרטן, ביז ר' שניאור זלמן עפנט דאָס מויל.

די טאָכטער זיינע האָט דערווייל געהערט, אַז אַלע תלמידים זיינען צוזאַמענגערופן געוואָרן, און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט דער טאַטע זיי גערופן, כדי פאַר זיי צו אַנטפּלעקן דעם סוד, וועלכן זי איז אזוי נייגעריג געווען צו וויסן. אָבער איר האָט מען ניט גערופן. קען זי אין חדר, וואו דער צדיק מיט זיינע תלמידים זיצן, ניט אריין, און דאָס פאַרשאַפט איר גרויס עגמת נפש.

דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז דאָס איז אַן ענין, וואָס איז נוגע איר טאַטן

אליין, אפשר איז, חס וחלילה, זיין לעבן אין געפאר — האט ער דאך שוין אזוי פיל רדיפות געהאט אויסצושטיין.

און זי קען ניט ביישטיין דעם נסיון. זי פאר׳גנב׳עט זיך אונטערן טיר און הערט זיך צו צו דעם, וואס דער צדיק האט צו זאגן זיינע תלמידים. און ר׳ שניאור האט עפעס אויסערגעוויינלעכעס צו זאגן זיינע תלמידים:

„אין הימל איז מען אויף מיר מקטרג", דערציילט ער זיי. „איך בין מגלה צופיל סודות פון דער תורה, באקלאגט מען זיך דארט אויף מיר. דער דור איז נאך ניט ראוי דערצו. די צייט איז נאך ניט געקומען. איך האב מורא, אז עפעס וועט אויף מיר נגזר ווערן. ווער וויס, אפשר וועט דער גזר זיין, אז איך זאל אינגאנצן פון דער וועלט אוועק."

די תלמידים זיינען געבליבן שטיין מיט ארונטערגעלאזטע קעפ.

„איז גאר ניטא קיין מעגלעכקייט דעם גזר בטל צו מאכן?" — האבן זיי געפרעגט.

דער צדיק האט טרויעריג געשאקלט מיטן קאפ.

ווען די תלמידים האבן דעם צדיק׳ס חדר פארלאזן, איז די טאכטער, וועלכע האט עס אלץ געהערט, אריינגעקומען צו ר׳ שניאור זלמן׳ען.

„דו וועסט מיר מוחל זיין, טאטע, וואס איך האב ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און זיך צוגעהערט צו דעם, וואס דו האסט דערציילט דיינע תלמידים. איך וויס אלץ. אבער דער גזר טאר ניט מקוים ווערן. איך וועל זיין די כפרה. אויב עס איז דא א גזר, אז דו זאלסט שטארבן, דאן וועל איך שטארבן פאר דיר. דיין לעבן איז וויכטיגער ווי מיינער. איך בין בלויז א זינדיגע נשמה. אין דיין זכות האבן טויזנטער א קיום."

ר׳ שניאור זלמן האט א׳ ציטער געטאן.

„לאמיר האפן צו השם יתברך, אז קיינער פון אונז וועט ניט שטארבן. לאמיר זיך באמיען דעם גזר אינגאנצן בטל צו מאכן". האט דער צדיק ארויסגעשעפטשעט ווי אין א געבעט.

ר׳ שניאור זלמן האט דאן געלאזט רופן צו זיך איינעם פון זיינע חסידים און אים געזאגט, אז ער האט פאר אים א וויכטיגע שליחות.

„גיי קיין טשערנאביל צו ר׳ נחום׳ען און גיב אים איבער א פדיון. וואס איך גיב דיר מיט, און בעט אים, אז ער זאל פאר מיר מתפלל זיין. אבער זע, אז דו זאלסט ר׳ נחום׳ען אפגעבן דעם פדיון ערב ראש השנה אינדערפרי, איידער דער צדיק האט נאך אנגענומען פדיונות פון אנדערע. און זאל גאט דיר מצליח זיין, אז דו זאלסט קענען דורכפירן די שליחות, ווי עס באדארף צו זיין."

דער שליח האָט זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אין וועג קיין טשערנאָביל.

דעם בעל תניא׳ס מקטרג אין הימל האָט זיך משמעות שטאַרק דער־שראָקן. ר׳ שניאור זלמן רופט זיך צו ר׳ נחום׳ען. דאָס איז ניט קיין קליינינקייט. ווער ווייס קענען ביישטיין ר׳ נחום׳ען? ווער וועט קענען זיך שטעלן געגן אַזאַ צדיק, ווי דער טשערנאָבילער מגיד?

האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט, און דער שליח איז אויפן וועג פאַרהאַלטן געוואָרן. דער וועג איז געווען אַ ווייטער, און דאָ האָבן זיך געמאַכט אַלערליי סיבות, וואָס האָבן פאַרן שליח אוממעגלעך געמאַכט אָנצוקומען קיין טשערנאָביל אין צייט.

עס איז שוין געווען דער טאָג פון ערב ראש השנה, און דער שליח איז נאָך געווען ווייט פון טשערנאָביל.

דער שליח איז געווען אויסער זיך פון שברת הלב. ער האָט ניט גע־וואוסט געגנוי די וויכטיגקייט פון זיין שליחות, אָבער אַז דער רבי זיינער האָט אים געשיקט צו ר׳ נחום׳ען מיט אַ פדיון, איז עס מסתמא געגנוג וויכטיג.

אָבער גיי מאַך, אַז דער וועג איז אַזאַ לאַנגער, און אַלע ווײַלע מאַכט זיך עפּעס אַן אַנדער שטערונג.

דערווייל איז ר׳ נחום געזעסן ביי זיך אין חדר פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. אין פאָדערצימער זיינען געווען צענדליגער חסידים מיט קוויטלעך און פדיונות און זיי האָבן געוואָלט אַריינקומען צום צדיק, אָבער ר׳ נחום האָט זיי אַלע מדחה געווען.

„וואַרט אויף, איך קען איצט ניט אָננעמען אייערע פדיונות.“

דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען.

אָבער אַז דער צדיק הייסט וואַרטן, מוז מען וואַרטן.

ר׳ נחום האָט מיט רוח הקודש שוין געוואוסט פון דעם לאַדיער׳ס שליחות און ער האָט געוואַרט אויפן אָנקומען פון שליח מיטן פדיון. דער שטן האָט זיך געהאַט אַריינגעמישט, אָבער ער האָט געגן ר׳ נחום׳ען גאָרניט געקענט מאַכן.

ר׳ שניאור זלמן׳ס שליח האָט זיך טאַקע פאַרשפּעטיגט, אָבער ער האָט גאָרניט פאַרזאַמט. וואָרים אַזוי שנעל ווי ער איז אַריבער די שוועל, האָט שוין ר׳ נחום געהייסן, אַז מען זאָל אים אַריינפירן צו אים אין חדר און ער האָט פון אים צוגענומען דעם פדיון, וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט געשיקט.

אויפדערנאכט האט ר׳ נחום מתפלל געווען מיט נאך מער כונה ווי אלע מאל.

ער האט פארגאסן פיל טרערן און האט גאר ניט געוואלט פארענדיגן זיין תפילה. עס איז געווען קענטיג, אז עפעס וויל ער דא א גרויסע זאך פועל׳ן אין הימל, אז עפעס האנדלט זיך דא וועגן גאר א שווערן עניין.

ר׳ נחום האט אזוי פיל הארץ און כח ארייגעטאן אין דער תפילה, דאס ער איז שטארק אפגעשוואכט געווארן און ער האט קיין כח ניט געהאט צו שטיין אויף זיינע פיס.

חסידים האבן אים געמוזט נעמען אונטער די ארעמס און אפפירן אהיים.

אויפן וועג האבן די חסידים געהערט, ווי ר׳ נחום רעדט צו זיך אליין:

„פארפאלן, זי וועט מוזן זיין די כפרה... פארפאלן! כאטש אויף אזוי פיל גע׳פועל׳ט...״

און אין יענעם יאר איז ר׳ שניאור זלמן׳ס טאכטער געשטארבן...

אין דער חסידישער אגדה פארנעמט די דאזיגע מעשה א באזונדער וויכטיגן ארט דערפאר, וואס זי דארף מיט זיך פארשטעלן א העכסט אינ־טערעסאנטן קאפיטל אין דער חסידישער געשיכטע.

עס איז געווען די צייט, ווען דער קאמף צווישן דער חסידישער און מתנגד׳ישער וועלט האט שיר ניט געהאט געבראכט צו א מלחמה צווישן די חסידים אליין.

ר׳ שניאור זלמן איז געווארן די צענטראלע פיגור אין דעם קאמף מיט דער מתנגד׳ישער וועלט, מיטן ווילנער גאון בראש.

די תלמידים פון מעזעריטשער מגיד, פון וועלכע ר׳ שניאור זלמן איז געווען איינער, האבן שוין געהאלטן ביים ארייגלייגן דעם ווילנער גאון אין חרם. ר׳ שניאור זלמן איז אבער געווען געגן דעם, און צוליב דעם איז דער פלאן צעשטערט געווארן.

דאס האט געשאפן א שפאלטונג אין די חסידישע רייען, און עס האט געהאלטן דערביי, אז דאס חבד׳סקע חסידות פון ר׳ שניאור זלמן׳ען זאל דערקלערט ווערן אלס א גאר פרעמדע זאך, וואס האט מיטן אוקראאינישן, פוילישן און גאליציאנער חסידיזם גאר ניט צו טאן.

חסידים דערציילן אויך, אז מאנכע חסידישע צדיקים זיינען געווארן אזוי אנגעשטויסן אויף ר׳ שניאור זלמן׳ען, דאס דער „קטרוג״ אין הימל, וועגן וועלכן עס דערציילט זיך אין דער מעשה׳לע, איז געווען צוליב אט דעם ברוגז אויף אים מצד די אנדערע חסידישע מנהיגים.

עס האָט געזאָלט זיין צוליב דעם, וואָס ר׳ שניאור זלמן זאָל, שומר ישראל, אוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, און דאָס חבד׳סקע חסידות וואָלט אפשר איינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. וואָס וואָלט אודאי אויך גע־מיינט, אַז חסידות וואָלט אינגאַנצן קיין אָנהאַלט ניט געקראָגן אין דער מתנגד׳ישער ליטע.

ר׳ שניאור זלמן האָט זיך אָבער באַלד געווענדעט צו ר׳ נחום׳ען, וועל־כער איז געווען דער חשוב׳סטער צווישן די חסידישע מנהיגים אין יענער צייט, און מיט דעם האָט ער פאַרמיטן אַ שפּאַלטונג אין די חסידישע רייען. ר׳ נחום האָט אים געראַטעוועט פון אַ פריצייטיגן טויט. ר׳ שניאור זלמן׳ס טאָכטער איז געוואָרן דער קרבן. אָבער דער קרבן האָט געבראַכט אַזוינע וויכטיגע רעזולטאַטן. די חסידישע וועלט איז געבליבן גאַנץ . . .

יג.

# די חסידישע מלוכה.

דער רבי ר׳ בער בענטשט דעם טשערנאָבילער מגיד מיט אַ זון.— ר׳ פנחס קאָריצער בענטשט אים מיט אַ חסידישער מלוכה. — מלכות בית דוד און מלכות בית שאול.

חסידות איז ניט נאָר אַ גרויסע און טיפע לערע, נאָר אויך אַ סיסטעם, און די סיסטעם איז געבויט אויף אומבאַגרענעצטער אמונה אין רבי'ן. וואָס גרעסער און וואָס טיפער די אמונה אין צדיק, אַלץ שטאַרקער איז דער יסוד, אויף וואָס דער חסידיזם איז געבויט.

„דער צדיק איז דער פאַרמיטלער צווישן דעם אייבערשטן און דער וועלט און אַלץ, וואָס ס'איז אויף איר", פלעגט זאָגן דער טשערנאָבילער מגיד, ר׳ נחום. „ער ברענגט נענטער מענטשן צו עבודת הבורא, איז משפיע אויף דער וועלט און גיט מענטשן זייער תיקון."

דער צדיק דאַרף מתקן זיין אַלע פעלערן, פאַרריכטן אַלע גרייזן און טאָקע זיך איינשטעלן פאַר דער זינדיגער וועלט און פאַר כל ישראל, אַז עס זאָל, חס וחלילה, אויף זיי קיין כליה ניט קומען.

אָבער אויב דער צדיק איז די צענטראַלע פיגור, דער מאור הגדול (דאָס גרויסע ליכט), וואָס וואָרעמט און לייכט דעם כלל, וואָס דרינגט אַריין אין די עולמות העליונים און געוועלטיגט אויפן עולם התחתון, האָט דער חסידיזם אין זיין ערשטער פעריאָד אים ניט געקרוינט פאַר דעם „מלך" פון דער חסידישער מלוכה. דער צדיק האָט זיין צדקות ניט גע'ירשנ'ט פון זיין טאַטן און האָט עס ניט איבערגעגעבן צו זיינע קינדער.

דער חסידיזם איז אין אָנפאַנג געווען אַ מין פרייע „רעפּובליק", מיט די מנהיגים „געוויילט" פון פאָלק זעלבסט...

גע'ירשנ'ט דעם בעל שם טוב, דעם גרינדער פון חסידיזם, האָבן ניט זיינע קינדער, נאָר זיין הויפּט־תלמיד, דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש, און דער רבי ר׳ בער האָט די חסידישע מלוכה צעטיילט אין אַ רייע מלוכה'־לעך, ניט צווישן זיינע קינדער, נאָר צווישן זיינע תלמידים און חברים.

ר׳ נחום האָט אָבער געוואָלט גיין אַ שריט ווייטער און אויפשטעלן

אַ חסידישע „מלוכה“, וואָס זאָל איבערגיין בירושה פון טאַטן צום זון און אַזוי אין דער אייביקייט...

דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן אַזאַ מלוכה זאָל אויפגעשטעלט ווערן, האָט דער גרויסער צדיק שוין געהאַט געשאַפן. דאָס האָט ער געשאַפן מיט זיינע אייגענע כחות — מיט זיין מסירת נפש און פייערדיגער נשמה.

ר׳ נחום, ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט גע׳חלום׳ט פון מאַכן אַלע אידן פאַר חסידים און מיט דעם ברענגען די גאולה, אויספירנדיג די צוואה פון דעם בעל שם הקדוש. אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. ער האָט געמוזט איבערלאָזן די אַרבעט אומפאַרענדיגט — פאַרטגעזעצט צו ווערן פון אַנדערע.

אָבער ווער וועט זיין אַרבעט פאַרטזעצן? ווער וועט פירן די „מלוכה“, וואָס ער האָט געהאַלטן אין גרינדן? ווער וועט זיין דער מנהיג פון די טויזנטער חסידים, וואָס ער האָט צו זיך צוגעצויגן?

זיין זון, ר׳ משה׳לע, האָט ר׳ נחום אין פאָראויס געוואוסט, וועט ניט קענען זיין דער ממלא מקומו. ווי עס איז שוין פריער דערציילט געוואָרן, האָט ר׳ משה׳לע זיך ניט געפירט אין טאַטנ׳ס דרכים, און דורך אַ שאַרף וואָרט, וואָס ר׳ נחום האָט געגן אים אַרויסגעזאָגט, איז ער געשטאָרבן אַ יונגערמאַן . . .

זיין טאָכטער מלכה׳לע האָט חתונה געהאַט אין גרויס יחוס. איז געוואָרן דאָס ווייב פון אברהם׳לען, אַ זון פון ר׳ הערש קאַרטשעווער. זי האָט זוכה געווען, אַז פון איר זאָל אַרויסקומען דער גרויסער ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער, דער גרינדער פון אַן אַנדער גרויסער חסידישער „מלוכה“, וועלכע האָט זיך אויסגעשפרייט פון פוילן ביז גאַליציען, מיט אַזוינע באַרימטע הויפן, ווי סאַדיגורע, טשאָרטקאָוו און אַנדערע.

געוויס האָט דאָ ר׳ נחום׳ס גרויסער זכות ביינעטראָגן, אָבער דאָס האָט געמיינט אַ נייע מלוכה, ניט זיינע. זיין אייגענע ירושה האָט צו דער טאָכ־טער ניט געקענט איבערגיין.

האָט דער טשערנאָבילער מגיד אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ יורש, וואָס זאָל קענען ווערן דער ממלא מקומו און שמידן די גאָלדענע קייט פון חסידות ווייטער, בויען דעם גרויסן בנין פון חסידות נאָך העכער און אים מאַכן נאָך שענער און נאָך אימפּאָזאַנטער.

אויף אַ באַזוך ביים רבי׳ן ר׳ בער, דער מגיד פון מעזעריטש, האָט ר׳ נחום איינמאָל געהערט מפיו הקדוש, פון זיין הייליגן מויל, אַז אַ גרויסע נשמה געפינט זיך אין אוצר הנשמות און דאַרף אַרונטערגעשיקט ווערן אויפן עולם התחתון צו געפינען איר תיקון.

אזוינע זאכן פאסירן ניט אלע טאג. ניט אימער ווערן ארונטער־געשיקט גרויסע נשמות. אבער ווער וועט זוכה זיין, אז די נשמה זאל ארונטערגעבראכט ווערן דורך אים?

„רבי“, האט ר׳ נחום געזאגט צום מעזעריטשער מגיד, „איך וויל אייער ברכה, אז די נשמה זאל ארונטערגעבראכט ווערן דורך מיר.“

„אויף דעם דארף מען האבן א גאר גרויסן זכות“, האט דער רבי ר׳ בער באמערקט.

פאר ר׳ נחום׳ען איז עס געווען געגוג. עס איז געווען קלאר, אז ער האט נאך ניט פארדינט די ברכה פון דעם מעזעריטשער צדיק. האט ער געווארט פאר אן אנדער געלעגנהייט.

און די געלעגנהייט איז געקומען.

וועגן דעם זיינען פאראן פארשידענע נוסחאות. דער פאפולערסטער פון זיי איז אזוי:

דער רבי ר׳ בער האט ביי זיך אין הויז געהאדעוועט א יתומה פון א וויטן קרוב. ר׳ נחום, ווידער, האט געהאדעוועט א יתום. אז די קינדער זיינען אונטערגעוואקסן, און עס איז געווען צייט מיט זיי צו טאן א שידוך, האט דער רבי ר׳ בער פארגעשלאגן ר׳ נחום׳ען, אז מען זאל פאר־קנס׳ן די יתומה צום יתום.

ר׳ נחום׳ען איז דער שידוך געפעלן געווארן. האט מען גלייך געשריבן תנאים און באשטימט דעם טאג פון דער חתונה.

„און וואס איז מכח נדן?“ — האט ר׳ נחום געפרעגט. „איר זייט דאך פון דער כלה׳ס צד, דארפט איר, ווי דער שטייגער, געבן נדן.“

דער מעזעריטשער מגיד איז, כידוע, געווען א גרויסער ארימאן און האט פשוט ניט געקענט צוזאגן קיין נדן, אבער ווי פארשעמט מען א יתומה?

„איך וועל געבן קעסט“, האט ער פרובירט זיך דינגען מיטן מחותן פון חתן׳ס צד.

„דאס איז ניט גענוג. עס פירט זיך ביי דער וועלט, אז מען גיט נדן, דארף זיין נדן. נישקשה, דער חתן איז ניט אבי־וועער.“

„אבער מיר דרייט דער מח, וואו מען נעמט אויף אן אויסשטייער און אויף חתונה־הוצאות“, האט דער רבי ר׳ בער זיך באקלאגט.

„דאס האט ניט צו טאן מיט מיר, מסחר איז מסחר“, האט ר׳ נחום געזאגט מיט תקיפות, און אויף זיין פנים האט זיך צעשפרייט א מילדער שמייכל. „דער עיקר איז, אז איר זאלט צוזאגן...“

„אָבער צוזאָגן, מיינט דאָך, אז איך וועל מוזן האַלטן דעם צוזאָג!" — האָט דער מעזעריטשער מגיד נאָך אַלץ ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

„דערווייל זאָגט צו. דאָס איבעריגע וועלן מיר שוין שפּעטער זען", איז געווען ר' נחום'ס ענטפער.

געזען, אז ער קען זיך ניט אויסדרייען, האָט דער מעזעריטשער מגיד צוגעזאָגט דעם פאַרלאַנגטן נדן. און ר' נחום איז אַוועקגעפאָרן אַ צופרידענער.

ווייסנדיג, וואָס פאַר אַן אָרימאַן דער רבי ר' בער איז, האָט ר' נחום זיך אַרויסגעלאָזט איבער אידישע שטעט און שטעטלעך קלייבן אויף הכנסת כלה, ווי ער פלעגט עס טאָן זייער אָפט פאַר אַנדערע אָרימע כלות. און אים האָט מצליח געווען. ער האָט צוזאַמענגעקליבן גענוג אויף אַן אויסשטייער, חתונה־הוצאות און נדן. עס איז אים נאָך געבליבן עטלעכע קערבלעך איבריגע.

ר' נחום האָט דאַן געמאַכט אַ נסיעה קיין מעזעריטש צום רבי'ן ר' בער.

„איר האָט זיך געזאָרגט וועגן נדן און אַנדערע הוצאות'ן, רבי", האָט אים ר' נחום געזאָגט, „גאָט האָט געהאָלפן. אַט איז דאָס געלט." און ער האָט אויסגעציילט די אפּותיקו, וואָס איז געווען גענוג פאַר נדן, פאַר אויסשטייער און פאַר די חתונה־הוצאות.

דער רבי ר' בער איז געוואָרן מלא שמחה.

„איר האָט מיך מחיה געווען", האָט ער אים געזאָגט.

אביסל שפּעטער האָט ר' נחום איבערגעהערט פון אַ צווייטן חדר אַ שמועס צווישן דעם רבי'ן ר' בער און זיין רבי'צין.

„מיט נדן און אויסשטייער און חתונה־הוצאות זיינען מיר שוין ברוך השם פאַרזאָרגט", האָט דער מעזעריטשער מגיד געזאָגט, „אָבער וואו נעמט מען אויף דרשה־געשאַנק? מיר קענען דאָך ניט מבזה זיין חתן־כלה און ניט געבן קיין דרשה־געשאַנק."

און נאָך אַ ווײַלע נאַכטראַכטן האָט דער רבי ר' בער ווידער געזאָגט:

„איך ווייס, וואָס מיר וועלן טאָן. מיר וועלן וואַרפן דרשה־געשאַנק אונזערע זילבערנע לייכטער."

„אָבער אין וואָס וועל איך בענטשן ליכט?" — האָט די רבי'צין געפרעגט.

„דו קענסט בענטשן ליכט אין ליימענע לייכטער."

די רבי'צין האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט:

„איך האָב אַלע מיינע יאָרן אויפגענומען דעם הייליגן שבת מיט כבוד,

מיט זילבערנע לייכטער, און איצט זאָל איך אַזוי פאַרשעמען דעם שבת, די בת מלכה!" — האָט זי געבליפּעט.

ר' נחום האָט זיך שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן און איז אַריין אין חדר צום רבי'ן ר' בער און די רבי'צין.

„זאָרגט אייך ניט. גאָט האָט שוין אויך פאַרזאָרגט אַ דרשה־געשאַנק". האָט ער געזאָגט. „עס איז מיר נאָך געבליבן עטלעכע קערבלעך. נאָט עס אייך און קויפט מיט דעם אַ דרשה־געשאַנק."

„איר זייט אַ מלאך, ר' נחום". האָט די רבי'צין געזאָגט מיט גרויס פרייד. „ס'זאָל אייך דער אייבערשטער בענטשן מיט אַ זון, וואָס זאָל ברענגען גרויסע ישועות אויף אידן, אָמן."

„איצט וויל איך אויך אייער ברכה פאַר אַ זון, רבי", האָט ר' נחום געזאָגט צום מעזעריטשער מגיד.

„איר האָט עס פון מיין גאַנצן האַרצן, און נאָך דעם יאָר וועט איר זוכה זיין צו האָבן דעם זון, וואָס איר פאַרלאַנגט."

כך הוה. איידער דאָס יאָר איז אַוועק, איז ר' נחום געוועזן דער טאַטע פון אַ נייעם זון, ר' מאָטעלע. דאָס איז געוועזן אין יאָר תק"ל.

אָבער איידער ר' נחום האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים צו זיין רבי'צין, איז ער אויפן וועג פאַרפאָרן קיין קאָרעץ, צו ר' פּנחס'ן, אַן אַנדערער פון די גרויסע חסידישע צדיקים פון יענער צייט.

ר' נחום האָט געוואָלט אויך האָבן די ברכה פון ר' פּנחס'ן. דער מעזעריטשער מגיד האָט אים געבענטשט מיט אַ זון, אים פאַרזיכערט, אַז די גרויסע נשמה, וואָס דאַרף אַרונטערקומען, וועט געבראַכט ווערן דורך זיין נייעם זון. פון ר' פּנחס'ן האָט ער געוואָלט אַ ברכה, אַז דער זון וועט זיין זיין יורש, אַז דורך אים וועט באַפעסטיגט ווערן די חסידישע מלוכה, וואָס ער וויל אויפשטעלן לדור דורות.

חסידים שמועסן, אַז ר' נחום האָט אויך געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן טעם פאַר פאָרן זיך בענטשן צו ר' פּנחס'ן.

ר' נחום האָט געהאַט יחוס־בריוו, אַז ער שטאַמט פון מלכות בית שאול. די ריזשינער גזע, וועלכע האָט שפּעטער זיך צעבליט און באַשיינט די חסידישע וועלט, האָט געהאַט יחוס־בריוו, ווי חסידים גלויבן, אויך פון דוד המלך.

חסידים האָבן דערום געהאַלטן, אַז דאָס זיינען צוויי אידישע קעניגלעכע פאַמיליעס — די אָפּשטאַמער פון שאול המלך און דוד המלך.

ר' נחום האָט דערפאַר געפילט אַ שטיקל מורא. מלכות בית שאול האָט קיין קיום ניט געהאַט. די מלוכה איז פון שאול'ן אַריבער צו דוד'ן.

וועט אפשר, חס וחלילה, זיין אייגענע „מלוכה“ — די חסידישע מלוכה, פון וועלכער ער חלום׳ט — אויך קיין קיום ניט האָבן...

האָט ער דערום געוואָלט אַ ברכה טאַקע פון אַזוינעם ווי ר׳ פנחס, וועלכער האָט זיך גע׳יחוס׳ט מיט זיין אָפּשטאַם פון דוד המלך׳ן.

וועגן ר׳ פנחס׳עס יחוס־בריוו דערציילן חסידים אַזאַ עובדה:

ר׳ פנחס האָט דעם בריוו געהאַלטן פאַר אַ גרויסן שאַץ, ספּעציעל זיין מאַמע. האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ פייער אין הויז, און דער יחוס־בריוו איז פאַרברענט געוואָרן.

האָט זיך זיין מאַמע צעוויינט:

„ווייי איז מיר, ניטאָ קיין יחוס־בריוו. ווער וועט איצט וועלן זיך משדך זיין מיט דיר, מיין זון“, האָט זי זיך געקלאָגט.

„זאָרג ניט, מאַמע, דער יחוס אונזערער וועט זיך ערשט אָנפאַנגען פון מיר“, האָט ר׳ פנחס געזאָגט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ר׳ פנחס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער חסידישער וועלט אַלס איינער פון די גרעסטע צדיקי הדור.

ווויסנדיג, אַז ר׳ פנחס שטאַמט פון דוד המלך׳ן, האָט ר׳ נחום געוואָלט זיין ברכה, אַז זיין נייער זון וועט פאָרזעצן די „מלוכה“, וואָס ער וויל אויפשטעלן.

„לאָמיר גיין אין מקוה“, האָט ר׳ פנחס אים געזאָגט.

און זיי זיינען ביידע אַוועק זיך טובל זיין. צוערשט איז ר׳ פנחס אַריין אין מקוה און האָט מכוון געווען גרויסע כוונות. ווען ער איז אַרויס פון מקוה, האָט ער געזאָגט ר׳ נחום׳ען, אַז ער זאָל אַריין אין וואַסער.

„איר וועט זוכה זיין, אַז די גרויסע נשמה, וואָס דאַרף אַרונטערקומען אויף דער וועלט, זאָל זיין דורך אייך“, האָט אים ר׳ פנחס געבענטשט, ווען דער טשערנאָבילער מגיד איז אַרויס פון מקוה.

„איצט בענטשט מיך וועגן דעם קיום פון דער חסידישער מלוכה, וואָס איך וויל, אַז מיינע קינדער זאָלן אָנהאַלטן“, האָט ר׳ נחום פאַרלאַנגט.

„לאָמיר נאָכאַמאָל זיך טובל זיין“, האָט ר׳ פנחס געזאָגט.

ווידער איז דער קאָריצער צדיק אַריין אין מקוה, און דער טשערנאָבילער מגיד איז געגאַנגען נאָך אים.

ר׳ פנחס איז געווען פאַר׳דבקה׳ט.

„איך בענטש אייך, אַז פון אייך זאָל זיך אָנפאַנגען אַזוינס, וואָס זאָל זיין אין דער בחינה פון אַ מלוכה — אַ חסידישע מלוכה“, האָט ר׳

פנחס אים געבענטשט. און ר' נחום איז געפארן אהיים מיט א הארץ פול מיט בטחון.

די ברכה פון די צוויי גרויסע צדיקי הדור און ר' נחום'ס אייגענער גרויסער זכות זיינען בייגעשטאנען, און עס איז מיט מזל געבוירן געווארן א אינגל, וועלכער האט א נייע עפאכע געבראכט אין חסידיזם — אן עפאכע, וואס האט דעם חסידיזם אפשר א נייעם פנים געגעבן, אבער אים געמאכט שטארקער און פעסטער און אים געגעבן דעם אויסקוק פון דעם, וואס האט געקענט באטראכט ווערן אין דער בחינה פון א ווירקלעכער „מלוכה" . . .

ווארים פון ר' מאטעלען פאנגט טשערנאביל אן שמ'ען פאר איר גרויס־ארטיגן רבי'אישן הויף, פאר דעם פראכט און גלאנץ פון דאזיגן הויף און דאן פאר דער אויסשפרייטונג פון חסידיזם — פאר די באזונדערע הויפן, וואס יעדער פון די אכט זין, וואס ר' מאטעלע האט געבראכט אויף דער וועלט, האט אויפגעשטעלט און פארגלאנצט די חסידישע וועלט.



ר׳ אהרן, דער טשערנאָבילער רבי, זון און ממלא מקום
פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער.

יד.

# דער שדוך.

ר' מאָטעלע ווערט פאַר'שדכנ'ט נאָך איידער ער ווערט געבוירן.— דער מעזעריטשער מגיד אַלס שדכן. — ר' אהרן קאַרלינער און זיין טאָכטער חיה שרה'לע.

די חסידישע „מלוכה", וואָס ר' מאָטעלע האָט איבערגענומען פון זיין טאַטן, ר' נחום, האָט נאָך געדאַרפט אויסגעשפּרייט און באַפעסטיגט ווערן. ר' מאָטעלע האָט אָבער, ווי אַן אמת'ער „בן מלך", פאַר זיך אַלץ געהאַט גרייט. אפילו אַ כלה איז שוין פאַר אים באַשטימט געוואָרן לאַנג אין פאַרויס, טאַקע איידער ער איז געבוירן געוואָרן . . .

און דער שדכן, ווי די חסידישע אגדה גיט איבער, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער רבי ר' בער, דער מגיד פון מעזעריטש, מיט וועמעס ברכה ר' מאָטעלע איז אויף דער וועלט געקומען.

נאָכדעם ווי דער רבי ר' בער האָט ר' נחום'ען די ברכה געגעבן, אַז די גרויסע נשמה, וואָס דאַרף אַרונטערקומען אויף דער וועלט, זאָל אַרונ־טערגעבראַכט ווערן דורך אים, האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן אויפן דאַמאָלט נאָך פרישן קבר פון ר' אהרן קאַרלינער, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן „ר' אהרן דער גרויסער".

„זייט מתפלל אויף זיין קבר", האָט דער מעזעריטשער מגיד אָנגעזאָגט ר' נחום'ען, „און פּועל'ט ביי אים, אַז ער זאָל צושטימען, אַז זיין טאָכטערל, חיה־שרה'לע, זאָל זיך משדך זיין מיטן זון, וואָס איר וועט באַלד אויף דער וועלט ברענגען."

ר' נחום האָט געטאָן, וואָס דער רבי ר' בער האָט אים געהייסן. ער איז געפאָרן קיין קאַרלין, וואו עס געפינט זיך ר' אהרן'ס קבר, און האָט דאָרט מתפלל געווען.

„יאָ, איר האָט גע'פּועל'ט", האָט דער מעזעריטשער מגיד ר' נחום'ען געזאָגט שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. „דער שדוך איז געשלאָסן..."

און טאַקע באַלד איז תנאים געשריבן געוואָרן ביים רבי'ן ר' בער אין

הויז, וואו ר׳ אהרן׳ס יתומה, די כלה, איז געבראַכט געוואָרן זיך צו האָדעווען.

די תנאים זיינען געשריבן געוואָרן פון דעם מעזעריטשער מגיד אַליין און זיינען פאַרגעלייענט געוואָרן פון ר׳ מענדעלע וויטעבסקער, איינער פון דעם מגיד׳ס באַרימטע תלמידים, אין געגענוואַרט פון דעם מגיד׳ס אַלע תלמידים.

דערציילן חסידים, אַז ווען ר׳ מענדעלע איז געקומען צו די ווערטער: „הבתולה חיה שרה בת המנוח ר׳ אהרן" (דאָס מיידל חיה שרה, די טאָכטער פון פאַרשטאָרבענעם ר׳ אהרן), איז ער געפאַלן אין חלשות...

ווען מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט דער רבי ר׳ בער געפרעגט, וואָס אַזעלכעס עס האָט מיט אים פּאַסירט, וואָס עס האָט אים געבראַכט צו חלשות.

„איך האָב געזען ר׳ אהרן׳ען צווישן אונז", האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט.

„נו, איז וואָס?" — האָט דער רבי ר׳ בער געפרעגט. „שוין־זשע האָסטו ניט דעם כח צו בלייבן רואיג, ווען דו זעסט אַזאַ וויכטיגן גאַסט פון יענער וועלט?"

„ער איז אָבער דערשינען מיט אַ קרוין, וואָס האָט געשלאָגן אַזאַ שטאַרקע ליכט, דאָס איך בין פאַרבלענדט געוואָרן..."

ר׳ אהרן איז פאַרן לעבן געווען באַוואוסט אַלס איינער פון די גרעסטע און פייערדיגסטע חסידישע צדיקים פון זיין צייט. דער רבי ר׳ בער פלעגט וועגן אים תמיד ריידן אַלס איינער, וועמעס נשמה איז אַ „הייליגער פייער" און אויף וועמען מען קען ווירקלעך זאָגן: „כל עצמותיו תאמרנה אלקים", אַז מיט אַלע ביינער און גלידער פון זיין קערפּער דינט ער גאָט, פילט ער די געטלעכקייט...

דער רבי ר׳ בער פלעגט וועגן ר׳ אהרן׳ען דערציילן, אַז ווען ער זאָגט שיר השירים פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג און צעזינגט זיך הויך אויפן קול, מיט זיין אייגענעם נגון, ווערט אַ גרויסער רעש אין הימל. די „פמליא של מעלה" (דאָס הימלעשע געריכט) לייגט אַוועק די אַרבעט, די מלאכים הערן אויף זינגען שירה פאַרן כסא הכבוד (גאָט׳ס שטול). אַלע בלייבן שטיל. און מחנות־ווייז פאַרזאַמלען זיך די געטלעכע „צבאות" (הער־שאַפטן), זיך צוצוהערן צו ר׳ אהרן׳ס הייליגן נגון, צו די פערלדיגע און פלאַם־פייערדיגע ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון זיין הייליגן מויל. דער עיקר איז אָבער דער ניגון געווען באַליבט, ווייל ר׳ אהרן׳ס ניגון, פלעגט דער מעזעריטשער מגיד זאָגן, איז געקומען פון סאַמע „היכל הנגינה"...

און גרויס האָט געמוזט זיין דער פייער, וואָס האָט געברענט אין ר' אהרן'ס האַרץ. טיף האָט געמוזט זיין זיין נשמה, ווען מען געדענקט, אַז ער איז געקומען פון אַ קאַלטער ליטווישער סביבה, וואו דער חסידיזם איז ביטער באַקעמפט געוואָרן.

ר' אהרן'ס טאַטע איז געווען ר' יעקב, אַ שמש אין פּינסקער בית־המדרש (פּינסק און קאַרלין זיינען איינע לעבן די אַנדערע, אָפּגעטיילט בלויז דורך אַ טייך און פאַרבונדן דורך אַ בריק).

גערופן האָט מען אים פּשוט „יענקל דער שמש", און קיינער האָט פון אים ניט געהאַלטן. וואָרים געווען איז דער דאָזיגער ר' יעקב אַ נסתר, אַן אמת'ער למד־וואָווניק.

ווען ר' יעקב'ס צדקות ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך אַמאָל צו שמונה־עשרה פאַרטיפט און פאַרגעסן „אויסצוגיין" פריער פאַרן פּרנס חודש, ווי דער שטייגער איז פון אַ שמש. דער פּרנס חודש האָט שוין געענדיגט, און דער שמש איז נאָך געשטאַנען און זיך געשאָקלט פאַר'־דבק'עט. אַלע וואַרטן אויפן פּאַטש פון שמש אין שלחן, וואָס איז דער אָנזאָג פאַרן שליח־צבור, אַז ער קען שוין אָנפאַנגען זיין חזרת הש"ץ. אָבער ר' יעקב איז געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן.

דער פּרנס חודש איז געוואָרן מלא רציחה און איז צוגעלאָפן צום שמש און אים אַרונטערגעלאָזט צוויי פּעטש.

לצים האָבן פון דעם שטאַרק הנאה געהאַט. האָט מען זיך נאָך גע־רייצט מיטן שמש און אים געוואָלט אָנריידן, אַז ער זאָל רופן דעם פּרנס חודש צו אַ דין תורה פאַרן בזיון, וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן.

„בזיון?" — האָט ר' יעקב זיך געמאַכט תם'עוואַטע. „ער האָט מיך גאָר ניט מבזה געווען, און קיין תרעומות (פאַריבל) האָב איך אויך ניט. איך בין עס אים מוחל במחילה גמורה..."

אָבער אַז ר' יעקב'ס כח איז געווען גרויס, ציינט, לויט חסידים דער־ציילן, וואָס זיין ווייב, וועלכע איז געווען אַ „באָבע" (הייבאַם), פלעגט דורך אים קענען העלפן די שווערסטע געווינערינס. זי האָט באַקומען אַ נאָמען פאַר איינע, וואָס האָט אַ „לייכטע" האַנט, ביי וועמען עס נעמט גאָר אַ קורצע צייט, און דאָס קינד איז געבאָרן. בלויז זי האָט געוואוסט דעם אמת, אַז דאָס איז אין זכות פון איר מאַן. וואָרים, ווען זי פלעגט האָבן אַ שווערן פאַל, פלעגט זי גלייך גיין אין הויז און הייסן איר מאַן גיין אין בית־מדרש מתפלל זיין.

און יענקל שמש פלעגט בלויז דאַרפן נעמען דעם שליסל און זאָגן,

אַז ער גייט אין בית־מדרש אַריין, און די געווינערין האָט שוין געהאַט געבאָרן איר קינד...

ר' אהרן איז אַ לאַנגע צייט אויך געווען אַזאַ נסתר ווי זיין טאַטע. ער פלעגט זיך וואַלגערן אין בית־מדרש אונטערן אויוון, און מען האָט אים פאַר אַ צייט זאָגאַר געהאַלטן פאַר אַ שטיקל חסר דעה.

וועגן זיין גרויסער לומדות האָט מען אָבער באַלד זיך דערוואוסט, כאָטש דאָס האָט נאָך אַלץ ניט פאַרבעסערט זיין מערכה. איינפאַך דערפאַר, וואָס מען האָט געגלויבט, אַז ער איז אַ יונג מיט שגעונות, פון וועמען עס וועט שוין קיין לייט ניט זיין.

וועגן זיין לומדות האָט מען זיך דערוואוסט אויף אַזאַ אופן:

אין פינסק האָט מען געדאַרפט האָבן אַ רב. האָבן אָנגעהויבן אַרונטערקומען רבנים זיך אָנצובאַטן פאַרן כסא הרבנות. ווי געוויינלעך, פלעגט יעדער רבנ'ישער קאַנדידאַט האַלטן אַ דרשה אין שול. די דרשה איז, נאַטירלעך, געווען אַ לומד'ישע. אָבער דער רב פלעגט נאָך ניט האָבן פאַרענדיקט זיין דרשה, און דער יונגער אהרן פלעגט אַרויסשפּרינגען פון אונטערן אויוון און אין עטלעכע ווערטער צעקלאַפּן דעם דרשן'ס גאַנצע תורה.

דער רב פלעגט ניט וויסן וואָס צו ענטפערן, וואָרים קיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן אין חריפות און בקיאות מיט דעם יונגן אהרן'ען, און דער רבנ'ישער קאַנדידאַט פלעגט אַנטלויפן פון שטאָט מיט חרפות און בזיונות. אַזוי איז איינער נאָכן צווייטן אַוועק, ביז עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז רבנים האָבן איינפאַך אָנגעהויבן מורא האָבן צו קומען קיין פינסק.

איינמאָל איז אַרונטערגעקומען אַ רב, און וויסנדיג, וואָס אים דערוואַרט, האָט ער אין פאַרויס געלאָזט רופן צו זיך דעם שמש'ס זון.

„איך ווייס, אַז איר וועט צעקלאַפּן מיין גאַנצן דרוש", האָט דער רב צו אים געזאָגט, „אָבער איך דאַרף האָבן דעם כסא הרבנות. על כן, וואָס ווילט איר?"

ר' אהרן האָט אים אָנגעקוקט.

„וואָס איך וויל? איך וויל גאָרניט", האָט ער געזאָגט, „איך וויל נאָר צייגען, אַז אייערע אַלעמענס דרכים זיינען פאַלשע. איר קומט מיט טיפע לומדות, מיט חריפות און מיט פאַרדרייטע פּלפּולים, און בלויז יחידי סגולה פאַרשטייען אייך. דער גרויסער עולם ווייס אַ וואָרט ניט וואָס איר רעדט. האָט איר מיט דעם געמאַכט אייער תורה נאָר פאַר געציילטע מענטשן, און איר שטאָלצירט מיט דעם, זייט געוואָרן גרויסע בעלי־גאוה (גרויס־האַלטער) מיט אייער לומדות. ווייסט איר ניט די גמרא,

אז דער, וואָס האַלט זיך גרויס, איז גליַיך ווי ער וואָלט געווען אַ געצן־דינער? אגב, וויל איך אײַך טאַקע ציַיגן, אַז אַפילו אײַער לומדות איז באַגרענעצט, און אַז איך, אַ אינגל פון הינטערן אויוון, קען אײַך צעקלאַפּן איינס און צוויי..."

ר' אהרן האָט דאַן ווייטער אויסגעגאָסן זיַין האַרץ געגן דער ליטווישער טרוקנקייט, דאָס פאַרדריַיען די מוחות מיט פּלפּול, וואָס אַפּעלירט צום קאָפּ, אָבער ניט צום האַרצן...

„דאָס איז ניט דער וועג פון עבודת הבורא", האָט ער געזאָגט.

„וואָס דען איז דער וועג?" — האָט אים דער רב געפרעגט פאַרוואונדערט. ער האָט נאָך ניט געוואוסט, און קיין אַנדערער האָט עס נאָך אויך ניט געוואוסט, אַז דער יונגער ר' אהרן איז אַ באַהאַלטענער חסיד, אַ נאָכפאָלגער פון בעל שם און אַ תלמיד מובהק פון דעם מעזעריטשער מגיד.

צוליב די גרויסע רדיפות אויף די חסידים אין ליטע, האָט ר' אהרן עס געהאַלטן בסוד. ער האָט שוין אָבער געהאַט דעם באַגער און די אַנטשלאָסנקייט צו פּרובירן דורכברעכן די איַיזערנע וואַנט פון ליטווישער התנגדות.

און ר' אהרן האָט דעם רב מתגלה געווען די גרויסע חסידישע לערע, די לערע, וואָס אַפּעלירט גליַיך צום האַרצן, וואָס פלאַקערט אויף די נשמה, וואָס גיט אַ נײַעם חיות, אַ נײַעם באַגריף וועגן גאָט און מענטש...

און די חסידישע אגדה דערציילט וויַיטער, אַז דער רב איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון ר' אהרן'ס רייד, אַז ער האָט באַשלאָסן מיט אים, ר' אהרן'ען, פאָרן קיין מעזעריטש צום רבי'ן ר' בער און ער איז דאָרט געוואָרן אַ פלאַם־פיַיערדיגער חסיד.

אַט אַזוי האָט ר' אהרן אויסגעטראָטן אַ וועג פאַרן חסידיזם אין דער ליטע. ער האָט געשאַפן געהיימע חסידישע אגודות אין פאַרשידענע שטעט, דאַרונטער אויך ווילנע, די שטאָט פון דעם ווילנער גאון, דער שטאַרקסטער באַקעמפער פון חסידות.

חסידים זאָגן, אַז ר' אהרן האָט באַזעסן גוואַלדיגע כחות. קיין זאַך איז פאַר אים ניט געווען באַהאַלטן. אומעטום האָט זײַן בליק געהאַט אַריַינגעדרונגען. און האָט ער אַ מענטשן אָנגעקוקט, האָט ער גליַיך געוואוסט זײַן פאַרגאַנגענהייט און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן...

עס ווערט דערציילט, אַז ר' אהרן האָט אַמאָל געדאַרפט מאַכן אַ נסיעה און האָט פאַרגעסן מיטצונעמען זײַנע תפילין. געקומען אין דער צווייטער

שטאָט, איז ער גלייך געגאַנגען צו אַ סופר און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ פּאָר תפילין.

אָבער איידער דער סופר האָט אים נאָך דערלאַנגט די תפילין, האָט ר׳ אהרן צו אים אַ געשריי געטאָן:

„דו פּושע ישראל! זאָלן דיינע הענט ניט פאַראומרייניגן די תפילין. וואָס איך וועל טראָגן!"

די זייטיגע מענטשן זיינען מבולבל געוואָרן. סטייטש, ווי אַזוי איז מען עס מבזה אַ אידן, און וואָס עפּעס אים רופן „פּושע ישראל", ווען דער סופר איז באַקאַנט פאַר אַ פרומען אידן?

„רבי, איר מאַכט אַ טעות", האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר׳ן סופר. „דער איד איז גאָטספורכטיג."

„ניין, ער איז אַן אשת־איש׳ניק", האָט ר׳ אהרן דערקלערט און איז אוועק, ניט קויפנדיג די תפילין.

דער עולם האָט זיך גענומען צום סופר, און ער האָט זיך שפּעטער מודה געווען, אַז ער האָט טאַקע געזינדיגט מיט אַן אשת־איש...

ר׳ אהרן איז נפטר געוואָרן זייער יונג, צו זעקס און דרייסיג יאָר. וועגן זיין פּטירה ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

ר׳ אהרן פלעגט צום מעזריטשער מגיד פאָרן גאַנץ אָפט, ספּעציעל אויף די ימים טובים.

אַפגעוועזן עטלעכע טעג ביים רבי׳ן ר׳ בער אין הויז, קריגט ר׳ אהרן מיטאַמאָל אַ פאַרלאַנג צוריקצופאָרן אַהיים אויף פּסח.

קומט ער אַריין צום מגיד און זאָגט אים, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. ־ געמיינט האָט ער, אַז דער מעזעריטשער מגיד וועט אים פאַרהאַלטן. אָבער דער מגיד זעגנט זיך מיט אים, ווי ער וואָלט עס אָנגע־נומען פאַר אַ געוויינלעכע זאַך.

אָבער אַזוי שנעל ווי ר׳ אהרן גייט אַרויס פון מגיד׳ס חדר צו נעמען זיין פּעקל, זאָגט דער רבי ר׳ בער אָן די תלמידים, אַז זיי זאָלן ר׳ אהרן׳ען בשום אופן ניט לאָזן אוועקפאָרן.

די תלמידים פאָלגן, וואָס דער רבי הייסט, און פאַרהאַלטן ר׳ אהרן׳ען.

וואונדערט זיך דער יונגער צדיק. דער רבי האָט זיך דאָך מיט אים געזעגנט און גאָר קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן פאַרבלייבן. גייט ער נאָך אַמאָל אַריין צום מגיד, אָבער דער לעצטער זאָגט ווידער קיין וואָרט ניט און זעגנט זיך מיט אים. און ווען ר׳ אהרן גייט אַרויס, הייסט ער די תלמידים אים צוריקהאַלטן.

אַזוי חזר׳ט זיך איבער אַ דריטן און אַ פערטן מאָל, און ר׳ אהרן איז

אין א פארלעגנהייט. ער זעט אבער, אז דער רבי זאגט גאר ניט צו אים אליין. באשליסט ער ענדלעך אוועקצופארן, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס די תלמידים פרובירן אים צוריקהאלטן.

געקומען אהיים, איז ר' אהרן קראנק געווארן און חול המועד איז ער נסתלק געווארן.

ווען די טרויעריגע בשורה האט דערגרייכט מעזעריטש, האבן דעם מגיד'ס תלמידים פארשטאנען, פארוואס דער רבי האט זיי געהייסן צוריק־האלטן ר' אהרן'ען פון צוריקפארן אהיים. אבער זיי איז געווען קשה, פארוואס ער אליין האט אים ניט צוריקגעהאלטן.

„סטייטש, רבי", האבן די תלמידים אים געפרעגט, „אייערס א ווארט וואלט אים דאך צוריקגעהאלטן"?

„איך האב קיין דערלויבעניש ניט געהאט פון הימל זיך אריינצומישן", האט דער רבי ר' בער געזאגט. „אבער ווען איר וואלט מיך געפאלגט און אים ניט געלאזן פארן, וואלט ער נאך געווען מיט אונז", האט ער פארענדיגט מיט א זיפץ.

אט מיט אזא צדיק'ס טאכטער האט דער רבי ר' בער מתחתן געווען דעם טשערנאבילער מגיד, ר' נחום. שפעטער איז דער מעזעריטשער מגיד געווען דער הויפט־מחותן אויף דער חתונה, צו וועלכער עס זיינען געקומען ניט נאר די בארימטסטע תלמידים פון רבי'ן ר' בער און חברים פון ר' נחום'ען, נאר אויך חסידים פון צענדליגער און הונדערטער מיילן ווייט.

דער „בן מלך", ר' מאטעלע, האט געקראגן די פאסיגע „בת מלכה" צו העלפן אים פירן די חסידישע „מלוכה", וואס זיין טאטע, ר' נחום, האט אים איבערגעלאזט...

טו.

# דעם רבינ׳ס הויף

ווי ר׳ מאָטעלע האָט געפירט די חסידישע „מלוכה“. — די עשירות פון זיין הויף.—דער בעל־עבירה׳ניק און זיין תשובה.

אויב ר׳ נחום איז געווען דער יעניגער, צו וועמען עס איז געקומען דער געדאַנק צו שאַפן אַ חסידישע מלוכה, איז אָבער געווען ר׳ מאָטעלע זיין ממלא מקום, דער יעניגער, וואָס האָט דער דאָזיגער מלוכה געגעבן דעם פּנים פון אַ „מלוכה“ — מיט אַ הויף, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ, מיט גבאים, מיט „יוצר משרתים ואשר משרתים“, מיט „ששים גבורים“, אַ מין מלכות׳דיגע לייב־גוואַרדיע, אים צו היטן און באַגלייטן, און מיט אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון צענדליגער טויזנטער חסידים.

ר׳ מאָטעלע האָט דעם חסידיזם אַ נייעם פּנים געגעבן. אויב ער האָט גאָר ניט געהאַט צוצוגעבן צו זיין אינהאַלט, צו זיין אינערלעכקייט, זיין נשמה, האָט ער אָבער געהאַט פיל צוצוגעבן צו זיין אויסערלעכקייט.

ר׳ נחום איז אומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט אין אַן אָרים וועגעלע, געלעבט אין אַ קליינער אָרימער הייזקע און קיינמאָל פון זיך קיין וועזן געמאַכט.

ר׳ מאָטעלע איז שוין אָבער געפאָרן אין אַ פּרעכטיגער קאַרעטע, געשפּאַנט צו זעקס פייערדיגע סוסים „נאַ־שפּיץ“, אַרומגערינגלט פון זיינע גבאים, משרתים און חסידים, ממש ווי אַ מלך, מיטן גאַנצן גלאַנץ פון אַ מלך...

און ר׳ מאָטעלע איז ניט נאָר געפאָרן ווי אַ „מלך“, נאָר אויך געלעבט ווי אַ מלך, אין גרויס עשירות, אין לוקסוס.

ער האָט זיך אויפגעבויט אַ פּרעכטיגן הויף, מיט אויגן־פאַרכאַפּנדיגע הייזער, וועלכע זיינען געווען פול מיט גאָלד און זילבער, טייערע מעבל און זעלטענע חפצים.

טשערנאָביל איז געוואָרן די „רעזידענץ“־שטאָט פון אַ חסידישן מלך,

וועמעס „אונטערטאַנען‟ האָבן זיך געצײלט אין די טויזנטער, צעשפּרייט איבער גאַנצע און ווייטע אידישע שטעט און שטעטלעך.

און ר' מאָטעלע האָט אויך אָרגאַניזירט און באַפעסטיגט זיין חסידישע מלוכה אַזוי, אַז זי זאָל האָבן אַ קיום.

ר' מאָטעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט דאָס, וואָס ס'איז באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס „מעמדות‟, וואָס מיינט, אַז באַשטימטע שטייערן זיינען געלייגט געוואָרן אויף חסידישע אידן אַלס יחידים און אויף גאַנצע קהלות.

ניט דער אינדיווידועלער חסיד האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דער סומע, וואָס ער זאָל בייטראָגן צום רבי'ן, נאָר דעם רבי'נס גבאי. אויף אַזאַ אופן איז דעם רבי'נס הויף אין טשערנאָביל געוואָרן רייכער און מעכטיגער פון טאָג.

אָבער ר' מאָטעלע האָט זיך ניט געזאָרגט בלויז פאַר דער מאַטעריע־לער באַפעסטיגונג פון'ם הויף. ער האָט זיך אויך, און טאַקע הויפּטזעכלעך, געזאָרגט וועגן דער פאַרשפּרייטונג און באַפעסטיגונג פון'ם חסידיזם צווישן פאָלק.

ר' נחום איז נאָך אַלעם דעם געווען צו הויך פאַרן פּשוט'ן עולם. אים האָבן געקענט משיג זיין נאָר די לומדים. ר' מאָטעלע אָבער האָט דעם חסידיזם געמאַכט פאַרשטענדלעך און צוטריטלעך פאַרן פאָלק און אויף אַזאַ אופן חסידות געמאַכט פאַר אַ ווירקלעכע פאָלקס־זאַך.

מאַנכע ווילן האָבן, אַז ר' מאָטעלע האָט מיט דעם פאַרפלאַכט די חסידישע לערע. אין דער אמת'ן האָט ער דעם חסידיזם געגעבן זיין ווירקלעכן פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס איז אפשר דער גרעסטער פאַרדינסט זיינער.

ר' מאָטעלע'ס הנהגה (אויפפירונג) איז שוין צוליב דעם אַליין געווען גאַנץ אַנדערש פון זיין טאַטנ'ס. ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, איז עס לכתחילה זיין טאַטע'ן, ר' נחום'ען, גאָר ניט געווען צום האַרצן.

ר' מאָטעלע האָט נאָך פאַר זיין פאָטער'ס לעבן זיך אָנגעהויבן פירן ברייט און לעבן רייך. ער האָט נאָך אַלס „בן מלך‟ געקויפט אַ פאַיעטאָן און איז אומגעפאָרן מעשה פריץ.

אין ר' נחום'ס אויגן איז עס געווען אומפאַרציילעך, און דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז ר' מאָטעלע זאָל פיל זאַכן טאָן בשתיקה — ניט אויפצורייסן דעם טאַטנ'ס אויגן. ר' נחום האָט פאַרענדיגט זיינע יאָרן אין אָרימקייט, אָפּזאָגנדיג זיך צו געניסן פון עולם הזה און האַלטנדיג, אַז דעם מענטשנ'ס ראָל אויף דער וועלט איז אָפּצוקומען.

ר׳ מאָטעלע׳ס צדקות האָט אָבער אַלץ איבערגעוואויגן. ר׳ נחום אַליין האָט עס נאָך געהאַט איינגעזעהן און פאַקטיש געגעבן זיין גוטהייסונג צו זיין זון׳ס נייער הנהגה.

וואָרים מען האָט געמוזט זיין גאָענט באַקאַנט מיט ר׳ מאָטעלע׳ס גרויסער צדקות, צו פאַרשטיין זיינע דרכים.

ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער האָט אַמאָל אויף ר׳ מאָטעלע׳ן געהאַט געזאָגט, אַז ווען די וועלט וואָלט געוואוסט, וואָס ער, ר׳ מאָטעלע, טוט מיטן געלט, וואָס ער נעמט ביי זיינע חסידים, וואָלט מען אים ממש פאַרשאָטן מיט גאָלד און זילבער.

טאַקע אמת, אַז די הוצאות פון זיין הויף זיינען געווען גרויס און מען האָט פאַרלעבט אַ סך, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס ר׳ מאָטעלע פלעגט פאַרטיילן אויף צדקה. „פדיון שבוים“ (אויסלייזן אידישע אַרעסטאַנטן) און „הכנסת כלה“ — מצוות, מיט וועלכע זיין טאַטע האָט זיך אָפּגעגעבן, זיינען געווען ניט די איינציגע זאַכן, אויף וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן גרויסע סומען. ר׳ מאָטעלע פלעגט אויסהאַלטן „נסתרים“ (באַהאַלטענע צדיקים) און שפּייזן למדן־וואָווניקעס.

ווי אַזוי ר׳ נחום האָט דערקענט די גרויסע צדקות פון זיין זון, ווערט דערציילט אַזאַ מעשה׳לע:

עס איז געווען אַ איד מיטן נאָמען חיים, וואָס האָט געוואוינט ערגעץ אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון טשערנאָביל.

איז דער דאָזיגער חיים געווען, לא עלינו, אַ גרויסער בעל־עבירה׳ניק, האָט געגעסן טריפות, איז געווען אַ גילוח און איז געווען פאַרזונקען ביז איבערן קאָפּ אין זנות — געזינדיגט מיט אשת־איש׳ן, אידישע און ניט־אידישע; אין קורצן, אַז אמת׳ער טריפ׳ניאַק . . .

אָבער אַ אידיש האַרץ איז דאָך פאָרט ניט פון קלאָטשע, קריגט דער דאָזיגער חיים, אויף דער עלטער, אַ הרהור תשובה און באַשליסט ווערן גוט און פרום. געהערט פון דער גרויסקייט פון טשערנאָבילער מגיד, ר׳ נחום, קומט חיים קיין טשערנאָביל בעטן ביי ר׳ נחום׳ען אַ תשובה.

אויסגעהערט ווענן אַלע זיינע חטאים, גיט אים דער צדיק אַ צעטל פון זאַכן, וואָס ער זאָל טאָן, כדי ער זאָל ווערן אַז אמת׳ער בעל תשובה.

„דו זאָלסט פאַסטן אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פאַר דריי חדשים צייט“, האָט אים ר׳ נחום אָנגעזאָגט, „זאָלסט זיך קאַטשען איז שניי דריי מאָל אַ וואָך און זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון אַלע תענוגים און ביישטיין אַלע נסיונות.“

געהערט אַזוינע רייד, איז חיים׳ען פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

„רבי, איך קען אזא תשובה אויף זיך ניט נעמען", זאָגט דער בעל־עבירה׳ניק. „עס איז צו שווער, איבער מיינע כחות..."

„אָבער דיין זינד איז אַזוי גרויס", טענה׳ט ר׳ נחום.

„איך קען מיר אָבער ניט העלפן", ענטפערט חיים פאַר׳עקשן׳ט. „גיט איר מיר א לייכטערע תשובה, איז גוט, ווען ניט בלייב איך ביי מיינע זינד."

ר׳ נחום קנייטשט דעם שטערן. פּרובירט דעם אידן געבן עפּעס לייכטערעס, אָבער חיים קווענקלט זיך אַלץ. „ניט פאַר מיינע כחות, רבי", טענה׳ט ער.

דער טשערנאָבילער מגיד פּרובירט מאַכן די תשובה נאָך לייכטער. אָבער חיים דינגט זיך ווייטער. זעט ר׳ נחום, אַז ער קען מיט אים גאָר ניט מאַכן, הייסט ער אים גיין זיך זוכן אימיצן אַנדערש פאַר א לייכטערע תשובה.

גייט חיים אַוועק צו ר׳ מאָטעלע׳ן. דער טאַטע איז א האַרטער איד, אפשר וועט דער זון זיין ווייכער.

ר׳ מאָטעלע גיט אים אויך אַ רייע פון סגופים (פּייניגונגען) אַלס תשובה. אָבער חיים פאַנגט אָן טענה׳ן דאָס אייגענע ווי פאַר ר׳ נחום׳ען. עס איז אים צו שווער: ער מוז האָבן א תשובה, וואָס זאָל אים זיין לייכט.

זעט ר׳ מאָטעלע, אַז ער קען מיט אים גאָר ניט מאַכן, רופט ער זיך אָפּ צו אים בזה הלשון:

„מיינט איר טאַקע ערנסט, אַז איר ווילט ווערן א בעל תשובה?

„געוויס מיין איך ערנסט", זאָגט חיים. איך וויל ווערן גוט און פרום, אָבער וויל דערביי ניט אָפּקומען. גענוג אָפּקומעניש שוין, אַז איך דאַרף אויפהערן זינדיגן..."

„אויב אַזוי, גיט מיר א תקיעת כף, אַז איר וועט טאַקע באמת תשובה טאָן", זאָגט ר׳ מאָטעלע, „און אייער פעקל מיט עבירות נעם איך אינגאַנצן אויף זיך..."

ר׳ מאָטעלע נעמט אַלץ אויף זיך! דאָס איז דעם בעל־עבירה׳ניק געפעלן געוואָרן און ער האָט דעם יונגן צדיק פייערלעך פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט ווייטער מער ניט זינדיגן.

די מעשה האָט זיך באַלד דערטראָגן צו ר׳ נחום׳ען, און ער האָט געלאָזט רופן צו זיך ר׳ מאָטעלע׳ן.

„ווייסטו, וואָס דו האָסט געטאָן?" — פרעגט דער טאַטע דעם זון. „ווייסטו, וואָס פאַר א גרויסע זינד דער דאָזיגער איד איז באַגאַנגען?"

„געוויס ווייס איך!" — האָט דער זון געענטפערט.

„און דו האָסט געוואָלט נעמען זיין גאַנצן פעקל אויף זיך?" — פרעגט ר' נחום פאַרוואונדערט.

„איך בין יונג און קען אַלץ אויסשטיין. דער דאָזיגער חיים איז שוין אָבער אַ איד אויף דער עלטער, און אַז ער וויל באמת טאָן תשובה, זאָל עס אים ניט אָנקומען אַזוי שווער!" — איז געווען ר' מאָטעלע'ס ענטפער.

„אויב מיין זון איז אַזאַ צדיק, וואָס קען זיך ממש מוסר נפש זיין פאַר אַנדערע, טראָגן די פעק מיט עבירות פון אַנדערע אידן", האָט ר' נחום שפּעטער געזאָגט, „דאַן מעג ער זיך שוין פירן, ווי ער וויל אַליין."

און ער האָט מער ניט מתרעם געווען (זיך באַקלאָגט) אויף ר' מאָטעלע'ס נייע דרכים, אויף זיינע שיינע קליידער, שיינער היים, פאַיעטאָן און פערד. און ר' מאָטעלע'ס גרעסטע מעלה איז טאַקע געווען, וואָס ער האָט מיט זיין לייב און זעל ליב געהאַט אידן — אַלע אידן, ווער און וואָס זיי זאָלן ניט זיין. ער איז תמיד געווען גרייט זיך פאַר זיי מוסר נפש צו זיין.

ר' מאָטעלע האָט געלערנט זיינע חסידים, זיי זאָלן פירן אַ שטענדיגע מלחמה מיטן יצר הרע. „צו פירן אַזאַ מלחמה איז אַ חוב", פלעגט ער זאָגן. „דער מענטש מוז ביזן וואָרצל אַרויסרייסן דאָס שלעכטע, וואָס איז אין אים. קען דאַרום די מלחמה קיינמאָל ניט געענדיגט ווערן."

ר' מאָטעלע איז אין דעם פּרט געגאַנגען נאָך ווייטער ווי זיין טאַטע און פיל אַנדערע גרויסע צדיקים.

ער פלעגט, צום ביישפּיל, זאָגן, אַז ער איז קעגן רמב"ם, וועלכער זאָגט, אַז דער אמת'ער צדיק איז פיל וויכטיגער און פאָלקאָמענער, ווי דער, וואָס באַהערשט זיך אַליין.

„איך זאָג", פלעגט ר' מאָטעלע לערנען זיינע חסידים, „אַז ס'איז ניט גענוג, אַז דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון תאוות און אויסמיידן נסיונות. פאַרקערט, דער מענטש זאָל טאַקע יאָ וויסן ווי זיך צו כעס'ן, אָבער זאָל קיינמאָל ניט אין כעס זיין; זאָל וויסן, וואָס גאוה איז, אָבער זאָל קיינמאָל קיין בעל גאוה ניט זיין; זאָל וויסן, וואָס זינד איז, אָבער זאָל קיינמאָל ניט זינדיגן. אָט דאָס הייסט ברעכן דעם יצר הרע, באַהערשן דעם קערפּער. אָט דאָס הייסט אמת'ע מלחמה מיטן יצר הרע..."

אָבער ווייסנדיג, אַז דער עולם קען קיינמאָל זיך ניט דערהויבן צו אַזאַ מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, האָט דערפאַר ר' מאָטעלע געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס דער עולם קען ניט, קען דער צדיק, און ער איז תמיד געווען גרייט צו נעמען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס די זינד פון אַנדערע, ניט בלויז פון זיינע חסידים, נאָר פון אַלע אַנדערע חסידים — פון גאַנצן כלל ישראל.

„און אט דאס איז טאקע די גרויסע אויפגאבע פון דעם צדיק“, האט ר׳ מאטעלע געהאלטן, „דער צדיק דארף ווערן דער „מתקן“ (דער פאר־ריכטער) פון אלעמענס פעלערן, דער פארשפרייטער פון ליכט און אויפ־קלערונג.“

אויף אזא אופן איז ר׳ מאטעלע געווארן דער אמת׳ער פאלקס־פירער, דער אמת׳ער מנהיג פון זיין דור, און איז דארום אזוי פארהייליגט געווארן פון די חסידים פון זיין דור און פון די שפעטערדיגע דורות.

דערפאר האט מען אים אפילו באערט מיט זיין טאטנ׳ס טיטל, „טשערנאבילער מגיד“, כאטש זיינע דרכים זיינען, לכל הפחות אויסערלעך, געווען אזוי אנדערש פון זיין טאטנ׳ס דרכים . . .

## טז.

# גליענדיגע קוילן.

ר׳ נחום׳ס פטירה. — דעם ריזשינער׳ס אַן אָפּשאַצונג וועגן ר׳ מאָטעלע׳ן. — דער ווילנער מתנגד און דער טשערנאָבילער מגיד. — אַ מעשה מיט אַ קאַרגן חסיד.

ר׳ נחום טשערנאָבילער איז נסתלק געוואָרן י״א חשון, תקנ״ח, אין עלטער פון אַכט און זעכציג יאָר.

זיינע לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין גרויס יסורים. ער האָט אָבער די יסורים אויפגענומען באהבה. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל.

באַטש ער אַליין האָט געגעבן די הסכמה, אַז מען זאָל דרוקן זיין ספר „מאור ענים", כדי דורך דעם ווייטער צו פאַרשפּרייטן די חסידישע לערע, האָט ער אָבער ניט דערלעבט צו זען דעם ספר אַ געדרוקטן. דער ספר איז דערשינען אין זעלביגן יאָר, אָבער שוין נאָך ר׳ נחום׳ס פטירה.

ר׳ מאָטעלע האָט באַלד איבערגענומען די פירערשאַפט און האָט געמאַכט טשערנאָביל גרויס און שטאַרק און באַרימט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

און ר׳ מאָטעלע איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער חסידישער רבי, וועלכער האָט מיט זיין צדקות משפיע געווען אויף טויזנטער חסידים, נאָר אויך אַ מנהיג (אַ פירער), וועלכער האָט אַריינגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון אידישן לעבן. ער האָט זיך אפילו אינטערעסירט מיט זאַכן, וועלכע האָבן געזאָלט שטיין אויסער זיין גבול.

אַזוי, צום ביישפּיל, געפינען מיר, אַז ר׳ מאָטעלע, גלייך ווי ער האָט איבערגענומען די פירערשאַפט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו אַלע אַרענדאַטאָרס און אויף זיי גוזר געווען, אַז זיי זאָלן ניט זוכן איינע די אַנדערע אויסצושטייגן פון די אַרענדעס און זאָלן ניט מאַכן קיינע אַנבאָטן צו אַ פּריץ, ווען אַן אַנדער איד האָט אויף דער אַרענדע אַ „חזקה" פון דריי יאָר.

דער קול קורא איז כאַראַקטעריסטיש, ווייל עס צייגט ר׳ מאָטעלע׳ן

אין דער ראָל פון אַ אמת׳ן פאָלקס־מענטש. ער מוסר׳ט די אַרענדאַטאָרס און פּרובירט זיי אויך אויפקלערן, אַז אַזוועקצונעמען אימיצנ׳ס פּרנסה איז פּונקט ווי אַוועקנעמען אימיצנ׳ס אַ ווייב. און כאָטש ער וואָרנט די אַרענדאַטאָרס, אַז אַ גרויסע שטראָף דערוואַרט זיי, אויב זיי וועלן ניט פאָלגן, וואָס ער זאָגט אַן, דערקלערט ער אָבער אויך, אַז ער האָט אין זיי דעם פולן גלויבן, אַז זיי וועלן טאָן, וואָס איז רעכט, און וועלן ניט באַגיין קיין עוולות איינער געגן אַנדערן.

ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט, אַז האַלטן אַרענדעס איז אין יענער צייט געווען איינע פון די הויפּט־פּרנסות, קען מען קריגן אַ באַגריף, ווי וויכטיג ר׳ מאָטעלע׳ס אַרויסטריט איז געווען אין אַ פאַרזוך אָפּצושאַפן די קאָנקורענציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די אַרענדאַטאָרס, און מיט דעם אונטערגעגראָבן זייער אייגענער עקזיסטענץ.

כאָטש חסידות איז אין תוך אַ פאָלקס־באַוועגונג, זיינען אָבער די ערשטע חסידישע פירער געשטאַנען צו הויך איבערן פאָלק, אַז דער פּראָס־טער עולם זאָל זיי קענען משיג זיין. עס איז געבליבן פאַר אַזוינע רביים, ווי ר׳ מאָטעלע און ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער, צו ברענגען די חסידישע לערע צום פאָלק, און מיט דעם — דעם חסידיזם איינגעוואָרצלט און איינ־געפעסטיגט לדור דורות.

טרעפלעך האָט טאַקע דער ריזשינער אַמאָל כאַראַקטעריזירט זיין אייגענע און ר׳ מאָטעלע׳ס ראָלן אין דער חסידישער וועלט.

„אין דעם פאָריגן דור“, האָט דער ריזשינער געזאָגט, „האָט חסידות געברענט ווי אַ הייליג פייער (שלהבת יה), די חסידישע לערע איז געווען ווי די „רשפי אש“ (גליענדיגע קוילן). אָבער זינט אונזערע אבות זיינען אַוועק, איז געקומען די געפאַר, אַז דאָס חסידישע פייער זאָל אויסגיין, די גליענדיגע קוילן זאָלן אויסברענען, און עס זאָל איבערבלייבן ניט מער ווי אַש. האָב איך און ר׳ מאָטעלע די גליענדיגע קוילן פאַרדעקט מיט אַש. פון אויבנאויף קען זיך אויסווייזן, אַז דאָס פייער איז פאַרשטיקט געוואָרן, אָבער אינווייניג גליען די קוילן ווי פריער, איז דאָס פייער אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל. און די מעלה דערביי איז, וואָס דאָס פייער קען אָנהאַלטן לענגער, וואָס די גליענדיגע קוילן ווערן פּרעזערווירט פאַר די שפּעטערדיגע דורות...“

ר׳ מאָטעלע האָט קיינמאָל ניט גע׳שם׳ט פאַר זיין גרויס לומדות, ווי זיין טאַטע. ער האָט הויפּטזעכלעך גע׳שם׳ט פאַר זיין צדקות, פאַר זיינע מופתים.

פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט גרויסע און באַרימטע לומדים און

צדיקים צווישן זיינע חסידים און איז פון זיי ניט ווייניגער פאַרהייליגט געוואָרן ווי פון פּראָסטן המון.

איינער פון די דאָזיגע לומדישע חסידים, וואָס ר' מאָטעלע האָט גע־האַט, איז געווען ר' ישראל, דער רב פון וואָלעדניק. ער איז געווען פּונקט אַזאַ פאַרברענטער חסיד פון דעם טשערנאָבילער מגיד, ווי יעדער אַנדערער.

דערציילט דער גרויסער העברעאישער פּאָעט, חיים נחמן ביאַליק, וועמעס זיידע, יעקב משה פון זשיטאָמיר, איז געווען ר' ישראל'ס אַ קרוב און תלמיד, אַז ר' מאָטעלע האָט זיך אַמאָל געווענדעט מיט גרויס התלהבות צו ר' ישראל'ן מיט די ווערטער:

„לייג אַוועק דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט און זאָל מיר און דיר וואויל זיין..."

מיט דעם האָט דער גרויסער צדיק געוואָלט אויסדריקן זיין וואונטש צו פאַראייניגן זיין צדקות מיט ר' ישראל'ס לומדות, צו דערנענטערן דעם רבי'איזם צו דעם רבנים'יזם, צוזאַמענבינדן חסידישע האַרציגקייט און לומדישע קעפּיגקייט...

אויף ווי וויים ר' מאָטעלע האָט געקענט משפּיע זיין אויף לומדישע אידן, איז אויך צו זען פון דער מעשה'לע מיט אַ ווילנער מתנגד.

דער דאָזיגער מתנגד פלעגט, ווי אַלע מתנגדים פון זיין צייט, ספּעציעל ליטוואַקעס, ריידן כל דבר אסור אויף אַלע חסידישע רביים.

אויף יעדן האָט ער געהאַט אַ פעלער אויסצוזעצן, וועגן יעדן פון די רביים האָט ער ליב געהאַט צו טרייבן לצנות. איין אויסנאַם איז געווען —דער טשערנאָבילער מגיד, ר' מאָטעלע. אים פלעגט דער ווילנער מתנגד ניט באַריידן און ניט געטריבן קיין לצנות אויף זיין חשבון.

ער האָט זיך באַצויגן צו אים מיט אַ באַזונדערן רעספּעקט, און ווען ער פלעגט דערמאָנען זיין נאָמען, איז עס געווען מיט יראת הכבוד, גאָר ניט ווי זיין שטייגער איז געווען.

איז עס פאַר זיינע באַקאַנטע געווען אַ שטיקל פּלא. פאַרוואָס מאַכט ער עפּעס אַן אויסנאַם מיטן טשערנאָבילער, און דער טשערנאָבילער האָט ניט גע'שם'ט מיט זיין לומדות, וואָס ביי אַ ליטוואַק איז עס שוין אַליין געווען דער גרעסטער חסרון, אַז אורזאַך יענעם מבטל צו זיין.

האָט מען אים געפרעגט, וואָס די סיבה איז. און דער ווילנער מתנגד האָט געגעבן אַזאַ תשובה:

„ווי איך קוקט מיך אַן, בין איך אויסגעווען ביי אַלע רביים, בין געזעסן ביי זייערע טישן, נאָכגעקוקט זייער הנהגה און וויים, וואָס זיי טוען און ווי זיי פירן זיך. וואָרים איך האָב ניט געוואָלט זיין סתם קיין פּלאַפּלער.

נאָר ריידן, וואָס איך וויים, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען און מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט.

„פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אויך געווען ביי ר׳ מאָטעלע׳ן.

„געטראָפן האָב איך אים אין אַ שטעטל, וואו ער איז געקומען צו־גאַסט אויף שבת. האָב איך באַשלאָסן צו האַלטן אַן אויג אויף אים. איך האָב געוואָלט גענוי וויסן, וואָס ער טוט, ווי ער פירט זיך אויף, ווען ער זיצט אין זיין חדר מיוחד. האָב איך זיך אַריינגעגנב׳עט אין חדר, ווען דער רבי איז געווען ביים דאַווענען, און האָב זיך דאָרט באַהאַלטן אונטער אַ קאַנאַפּע. אויף אַזאַ אופן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אַ „רואה ואינה נראה“ (איינער, וואָס זעט, אָבער ווערט ניט געזען).

„איך בין לאַנג געלעגן אונטער דער קאַנאַפּע. ענדלעך איז ר׳ מאָטעלע צוריקגעקומען און האָט זיך אָנגעהויבן מכין זיין צו ליגן שלאָפן.

„אָפּגעלייענט קריאת שמע, האָט זיך ר׳ מאָטעלע אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און אָנגעהויבן זאָגן אַ תפילה — אַן אייגן־פאַרפאַסטע תפילה, אין זיינע אייגענע ווערטער — אַן אויסגוס פון זיין האַרץ.

„און אָט די תפילה האָט אויף מיר געהאַט די גרעסטע ווירקונג. וואָרים, וואָס מיינט איר, האָט דער טשערנאָבילער געבעטן ביי גאָט?

„— האַרציגער פאָטער אין הימל, — האָט ער געזאָגט, — איך בעט ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיך מאַכן די כפרה פאַר אַלע עוברי עבירה. זיי מוחל דיין פאָלק ישראל אַלע זיינע זינד און זאָל איך אָפּקומען פאַר זיי...

„געהערט אַזוינע דבורים? געהערט די השגה פון אַ מענטשן? ער וויל גאָר אָפּקומען פאַר די זינד פון אַנדערע! אַזאַ מדרגה האָט נאָך זעלטן ווער דערגרייכט! און אויף אַזאַ אידן קען איך ניט ריידן: אויף אַזאַ אידן זוך איך ניט קיין חסרונות...“

און ר׳ מאָטעלע האָט ניט בלויז מתפלל געווען, אַז די זינדיגע זאָל פאַרגעבן ווערן זייערע זינד: ער האָט פּרובירט אַלע מיטלען צו באַוועגן זינדיגע צוריקצוקערן זיך אויפן דרך־הישר. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה, ווען ער האָט געקענט אימיצן מאַכן פאַר אַ בעל תשובה.

פאַר ר׳ מאָטעלע׳ן איז שוין געווען גענוג, וואָס יענער ווערט אַ בעל תשובה בלויז אין מחשבה. וואָרים „מחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה“ — אַ גוטע מחשבה פאַררעכנט דער אייבערשטער פאַר אַ טאַט.

ווערט דערציילט, אַז דער טשערנאָבילער איז אַמאָל געווען אונטער־וועגנס און איז, ווי געוויינלעך, געפאָרן מיט דער גאַנצער „קעניגלעכער סוויטע“ זיינער, זיינע גבאים, משרתים, שוחטים, חזנים און אַנדערע הויף־לייט.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף שבת אין אַ שטעטל, וואו ער האָט געהאַט אַ סך חסידים, צווישן זיי גרויסע עשירים.

געפירט האָט זיך, אַז ווען ר׳ מאָטעלע פלעגט קומען אין אַ שטעטל, האָבן די בעלי בתים יעדער באַזונדער אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, און עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַררעכנט פאַרן גרעסטן כבוד, ווען דער צדיק פלעגט קומען. ר׳ מאָטעלע האָט זיך אָבער גוהג געווען זיך צו לאָזן גוט באַצאָלן פאַר אָנטאָן אַ רייכן חסיד אַזאַ כבוד. ער פלעגט אַליין באַשטימען די סומע, וואָס יענער זאָל פאַר דעם צאָלן. און קיין סומע איז פאַר אַ חסיד ניט געווען צו גרויס, אַבי צו האָבן דעם כבוד, צו האָבן ביי זיך אין הויז דעם גרויסן צדיק און קריגן זיין ברכה.

אין יענעם שטעטל איז אָבער געווען אַ גביר, באַקאַנט פאַר אַ גרויסן קמצן (קאַרגער), און אָט דער קמצן איז געווען דער איינציגער פון די בעלי בתים, וואָס האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיג פון ר׳ מאָטעלע׳ס באַזוך אין שטעטל און אים ניט געלאַדן צו זיך.

דער שבת איז פאַריבער, ר׳ מאָטעלע האָט זיך שוין גרייט געמאַכט צו לאָזן אין וועג אַריין, און דער קמצן האָט פון זיך ניט געלאָזט הערן.

ווען די פערד זיינען שוין געווען איינגעשפּאַנט, און ר׳ מאָטעלע איז געזעסן אין דער קאַרעטע, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום קוטשער, אַז ער זאָל פאַרבייפאָרן דעם קמצן׳ס הויז.

האָט זיך געמאַכט, אַז דער גביר איז געשטאַנען אינדרויסן. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט, אַז דער צדיק וועט פאַרבייפאָרן זיין הויז. אים וואָלט זיך בעסער געוואָלט זיין אינוויייניג אין הויז און ניט דאַרפן זען און געזען ווערן פון רבי׳ן. איצט איז ער אָבער געווען אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט. דער רבי האָט אים באַמערקט, און ניט בלויז באַמערקט, נאָר טאַקע געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן ביי זיין הויז.

אַז דער רבי שטעלט זיך אָפּ, האָט דער גביר געמוזט צוקומען, און זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון בושה.

„דו בעטסט מיך גאָר ניט צו זיך אין הויז?" — האָט ר׳ מאָטעלע געפרעגט דעם גביר.

„יאָ, איך האָב געהאַט בדעה דאָס צו טאָן, רבי", האָט דער גביר אָנגעהויבן שטאַמלען, „אָבער עס האָט זיך ניט געמאַכט קיין געלעגנהייט און איר זייט שוין אויפן וועג."

„עס מאַכט ניט, עס איז נאָך איצט אויך צייט", האָט דער טשער־נאָבילער געזאָגט.

„איר וועט מיר אָנטאָן דעם גרעסטן כבוד, רבי, אויב איר וועט זיך ביי מיר אָפּשטעלן", האָט דער גביר זיך אָנגעכאַפּט.

„גוט, איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, און דאָס וועט דיך קאָסטן ח"י (אכצן) קערבלעך, און טאַקע אין מזומנים, גלייך אויפן אָרט."

דער גביר האָט אַרויסגענומען די ח"י קערבלעך און דערלאַנגט דעם רבי'ן.

„דאָס איז אָבער געווען בלויז פאַר אָפּשטעלן זיך ביי דיין הויז", האָט ר' מאָטעלע באַמערקט. „איצט ווילסטו דאָך מסתמא, אַז איך זאָל פון קאַרעטע אַרויסגיין. פאַר דעם קומט ווידער אַמאָל ח"י קערבלעך."

דער קמצן האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט אָפּצאָלן נייע אַכצן קערבלעך.

ר' מאָטעלע איז אַרוים פון קאַרעטע.

„איצט ווילסטו דאָך אודאי, אַז איך זאָל אין הויז אַריין. פאַר דעם קומט אויפדאַסניי ח"י", האָט דער רבי געזאָגט.

דער גביר האָט געמוזט אַ דריטן מאָל צאָלן ח"י.

ר' מאָטעלע איז אַריין אין הויז.

„זעצט זיך, רבי", האָט דער גביר אים געבעטן און אים צוגעטראָגן אַ בענקל.

„פאַר זעצן זיך וועט דיך קאָסטן נאָך אַמאָל ח"י", האָט ער געזאָגט.

דער קמצן האָט געמוזט טאָן, וואָס דער רבי הייסט.

ר' מאָטעלע איז נאָך אָבער ניט געווען פאַרטיג. ער האָט געמאָנט נייע ח"י פאַר נעמען עפּעס אין מויל, ח"י פאַר בענטשן דעם גביר און דאַן ח"י פאַר בענטשן יעדן איינעם פון דער משפחה.

דער גביר האָט זיך ניט געקענט העלפן. אַז דער רבי איז שוין ביי אים אין הויז, מוז ער דאָך האַנדלען ווי עס פּאַסט פאַר אים, און ער האָט געצאָלט פאַר יעדן ריר, וואָס דער טשערנאָבילער האָט געמאַכט.

ר' מאָטעלע האָט נאָכהער אָנגעהויבן מאָנען מתנות, און טאַקע אָנגע־וויזן אויף פאַרשידענע חפצים אין הויז, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז דער גביר זאָל אים אַוועקשענקען. דער גביר האָט געטאָן אַלץ, וואָס דער רבי האָט פאַרלאַנגט.

ווען ר' מאָטעלע איז שוין געווען אין קאַרעטע גרייט אָפּצופאָרן, האָט ער דעם קמצן צוגערופן:

„נאַ דיר צוריק אָפּ דיין געלט און דיינע מתנות", האָט ער אים גע־זאָגט. „איך האָב בלויז געוואָלט דיך אויספּרובירן. איך זע, אַז דו האָסט זיך געענדערט. דיין מחשבה איז געווען גוט, און דאָס איז גענוג. מער

פאַרלאַנג איך ניט..."

דער גביר האָט שוין אָבער פון זיין זייט מער ניט געוואָלט אָוועקלאָזן דעם טשערנאָבילער מיט ליידיגן און איז באַשטאַנען, אַז דער טשערנאָבילער זאָל האַלטן אַלץ, וואָס ער האָט פון אים געקראָגן.

דער קמצן איז געוואָרן אַ נדבן, און ר' מאָטעלע איז געווען מלא שמחה מיט דעם גרויסן נצחון, וואָס ער האָט געהאַט איבער דעם יצר הרע...

## יז.

# דער גלגול.

דער יתום אין טשערנאָבילער הויף. — דער גלגול פון אַ זינדיגן מתנגד. — ר' מאָטעלע איז מתקן זינדיגע נשמות.

ר' מאָטעלע האָט גע'שם'ט אַלס גרויסער בעל מופת. אַ סך פון זיינע מופתים האָבן געהאַט צו טאָן מיט גלגולים פון זינדיגע נשמות, וועלכע דער צדיק האָט מתקן געווען, און דבוקים, וועלכע ער האָט ארויסגעטריבן.

ר' מאָטעלע האָט געהאַלטן, אַז די וועלט איז פול מיט גלגולים, מיט זינדיגע נשמות, וועלכע זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן אויפן עולם התחתון צו געפינען זייער תיקון. און ר' מאָטעלע האָט פיל פון זיי טאַקע געגעבן זייער תיקון. וואָרים זיין כח איז געווען גרויס, פונקט ווי זיין האַרץ איז געווען גוט.

דערציילן חסידים, ווי אַזוי ר' מאָטעלע האָט אַמאָל אַ נאָכמיטאָג פּלוצים געהייסן שפּאַנען די פערד און אָנגעזאָגט זיינע מקורבים און די „ששים גבורים", וועלכע האָבן אים תמיד באַגלייט, זיך גרייט צו מאַכן אין וועג אַריין.

קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין דער צדיק האָט בדעה צו פאָרן. אָבער אַז דער רבי זאָגט פאָרן, פרעגט מען ניט קיין שאלות. איז דעם רבי'נס קאָרעטע באַלד געווען געשפּאַנט צו די זעקס פייערדיגע טוטיש „נאָשפּיץ", און דעם רבי'נס באַגלייטער זיינען געשטאַנען פאַרטיג נאָכצופאָלגן.

אריינגעזעצט זיך אין דער קאָרעטע, האָט ר' מאָטעלע אַ זאָג געטאָן צום קוטשער בזה הלשון:

„לאָז אָפּ די לייצעס און זאָלן די סוסים גיין וואו זיי ווילן."

האָט דער קוטשער אַזוי געטאָן, און די פערד האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויף אַ זייטיגן וועג, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין ער פירט. האָבן די באַגלייטער געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נאָכגעפאָרן. דער וועג שלענגלט זיך באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. עס איז זאַמדיג און שטיינערדיג, אָבער די פערד גייען ווייטער. באַלד פאַרקירעווען זיך די סוסים אין אַ וועלדל און בלייבט שטיין.

ר׳ מאָטעלע גייט אַרויס פון דער קאַרעטע. די באַגלייטער טוען נאָך און שטייען אַרונטער פון זייערע וועגענער. ר׳ מאָטעלע לאָזט זיך טיפער אין וועלדל, די באַגלייטער נאָך אים.

אַריין אין וועלדל, הערט זיך אַ גערויש, ווי אַ ווינט וואָלט דורכגעלאָפן דורך די געדיכטע צווייגן. דער גערויש ווערט שטאַרקער, און מען הערט שוין אויך אַ פּייפעריי. מען גייט אַפּ עטלעכע טריט און מען דערהערט אַ געוויין — אַ געוויין פון מענטשן...

אויף די חסידים פאַלט אַן אימה. אָבער אַז ר׳ מאָטעלע גייט ווייטער, גייען זיי נאָך.

באַלד קומט מען אָן צו אַ טייכל. ר׳ מאָטעלע שטעלט זיך אָפּ.

„דאָ וועלן מיר דאַוונען מנחה״, זאָגט ער און ער וואַשט די הענט אין פליסיגן וואַסערל און הויבט אָן זאָגן „אשרי״ מיט גרויס כונה און דבקות.

ר׳ מאָטעלע צעוואַרימט זיך אַלץ מער אין דער תפילה, און וואָס מער ער צעוואַרימט זיך, אַלץ שטילער ווערט דער גערויש אין וועלדל. ביים סוף „חזרת הש״ץ״ איז שוין דאָס וועלדל שטיל ווי אין אַ דרעמל. בלויז דעם צדיק׳ס שטימע הויבט זיך אַלץ העכער און צעגיסט זיך אַלץ זיסער, אָפּקלינגענדיג צווישן די ביימער ווי אַ בת קול.

געענדיגט מנחה, זאָגט ר׳ מאָטעלע צו זיינע באַגלייטער:

„איצט קענען מיר צוריקפאָרן. די נשמות האָבן שוין זייער תיקון און קענען צוריקקומען אויפן עולם האמת...״

„וואָס פאַר נשמות?״ — האָבן די חסידים איצט ערשט געוואַגט פרעגן דעם צדיק.

„דאָס גאַנצע וועלדל איז געווען מיט זיי פול״, האָט דער טשערנאָבילער געגעבן זיי צו פאַרשטיין. „אויף אַלע צווייגן זיינען געווען נשמות. צו יעדן בלאַט איז אַ נשמה געווען באַהעפט. דאָס גערויש, וואָס איר האָט געהערט, איז געווען דאָס גערויש פון די נשמות. דער געוויין, וואָס איר האָט געהערט, איז געווען פון זיי. דאָס זיינען געווען נשמות פון שוחטים.״

וואונדערן זיך דעם רבי׳נס באַגלייטער — וואָס עפּעס שוחטים?

„פאַרשטייט איר מיך״, איז זיי דער צדיק מסביר, „שוחטים, וואָס פאַר צדיקים זיי זאָלן ניט זיין, קענען אויפן עולם האמת ניט קומען אָן אַ תיקון. זיי האָבן דאָך בלוט פאַרגאָסן פון לעבעדיגע באַשעפענישן, און זייערע נשמות ווערן אַרונטערגעשיקט אויף דער ערד, ביז זיי וועלן געפינען זייער תיקון. מאַנכע נשמות באַהעפטן זיך אָן פרוכט־ביימער, און ווען אַ איד

קומט און עסט די פירות און מאַכט אויף זיי אַ ברכה, קריגן די נשמות דורך דעם זייער תיקון.

„די נשמות דאָ אין וועלדל האָבן לאַנג געוואַרט אויף זייער תיקון. אַ פאַרוואָרפן ווינקל. קיין אידן פאָרן ניט דורך. קיינער שטעלט זיך דאָ ניט אָפּ פאַר אַ מנחה, אַ מעריב אָדער אַזוי אַ דבר מצוה. איז דער רחמנות אויף זיי געווען גרויס. אָבער אַ דאַנק השם יתברך, אונזער תפילה האָט געהאָלפן..."

דערפאַר האָט אָבער אַמאָל פּאַסירט, אַז ר' מאָטעלע האָט זיך קאַטע־גאָריש אָפּגעזאָגט צו העלפן אַ זינדיגער נשמה, וואָס איז מגולגל געוואָרן, כדי צו קריגן אַ תיקון. אָבער דאָ האָט שוין געשטעקט אַ גאַנץ באַזונ־דערע כוונה.

און אָט ווי די מעשה האָט פּאַסירט, לויט חסידים גיבן זי איבער:

אין ר' מאָטעלע'ס הויף האָט זיך געהאָדעוועט אַ יתום. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין חידוש, ווייל אין טשערנאָבילער הויף האָבן זיך פיל עלנדע און אומגליקלעכע אויפגעהאַלטן און זיי זיינען אַלע אויס־געהאַלטן געוואָרן מיט כבוד. עס האָט זיי ממש קיין פויגל־מילך ניט געפעלט.

דער יתום, וועגן וועלכן דאָ רעדט זיך, איז אָבער געווען אַ שטיקל אויסנאַם. מען האָט אים אין רבי'נס הויף שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט. מען האָט אים טאַקע געגעבן עסן און טרינקען און אַ פּלאַץ צו שלאָפן, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז מען קימערט זיך ווייניג פאַר זיין באַקוועמלעכ־קייט, און אַז קיינעם אַרט ניט, וואָס מיט אים גייט אָן.

איז עס ביים עולם געווען אַ גרויסער חידוש. סטייטש, ביי ר' מאָ־טעלע'ן אין הויף זאָל עס פּאַסירן! אַ פּשיטא ווען ר' מאָטעלע איז געווען באַקאַנט פאַר אַזאַ רך לב (ווייכהאַרציגער), אַזאַ גרויסער בעל צדקה! און נאָך אַ יתום דערצו, אַ יונג קינד, אַ זעקס־זיבן יאָר אַלט!

ווער און וואָס דער דאָזיגער יתום איז געווען, האָט מען ניט געוואוסט. אַלץ, וואָס מען האָט געוואוסט, איז נאָר געווען, אַז זיין מאַמע, אַ פרעמדע און אומבאַקאַנטע פרוי, משמעות אַן אַלמנה (ווייל געגנוי האָט קיינער ניט געוואוסט), אין די הויכע מאַנאַטן פון שוואַנגערשאַפט, איז אָנגעקומען קיין טשערנאָביל. אָרים און עלנט איז זי געווען און האָט קיין פּלאַץ ניט געהאַט וואו זיך צוצוטוליען.

איז זי, ווי אַלע אָרימעלייט, אוועק אין הקדש, און אויף אַ געלעגער שמאַטעס, אין אַ ווינקל, האָט זי געבראַכט דאָס ניי נפש'ל אויף דער וועלט. די עלנדע געווינערין האָט אָבער נאָר אַ פּאָר טעג געלעבט, איבער־

לאָזנדיג צו קהל צו פּראַווען דעם ברית און צו באַזאָרגן דאָס קינד.

א קורצע צייט האָט זיך דער יתום'ל געוואַלגערט אין הקדש, און די אָרימעלייט דאָרט האָבן אויף אים אכטונג געגעבן. שפּעטערצו האָט מען אים געבראַכט אין רבי'נס הויף. געזאָגט האָט מען, אַז ר' מאָטעלע אַליין האָט זיך אויף דעם יתום נאָכגעפרעגט און געהייסן אים ברענגען אין הויף צו האָדעווען.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער צדיק האָט געהאַט אַ באַזונדערן אינ־טערעס אין יתום — ער האָט פון ערשטן טאָג זיך געהאַלטן אין נאָכפרעגן אויף אים.

אין טאָקע דער חידוש געווען נאָך גרעסער, פאַרוואָס דער יתום איז באַהאַנדלט געוואָרן ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין אין ר' מאָטעלע'ס הויף. האָט דער עולם געקוועטשט מיט די פּלייצעס און קיין דערקלערונג ניט געקענט געפינען. פאַרשטאַנען האָט מען אָבער, אַז עפּעס איז די מעשה ניט גלאַט.

פּאַסירט, אַז ר' מאָטעלע'ס שוועסטער, מלכה'לע, קומט צו־גאַסט צו איר ברודער און איינמאָל, אַרויסקוקנדיג דורכן פענסטער, זעט זי, ווי דער יתום דרייט זיך אום, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, איבערן הויף.

איר גוט האַרץ האָט באַלד דערפילט גרויס רחמנות צום עלנדן אינגעלע.

ווער איז ער, וואָס איז ער, האָט זי ניט געוואוסט. אָבער דער צער אויף זיין פּנים, זיין הילוך — האָבן ביי איר אַרויסגערופן מיטלייד.

האָט זי קיין אויג פון אים ניט אַרונטערגענומען. באַלד זיינען אין הויף אַרויס אַנדערע קינדער, דעם רבי'נס אייגענע קינדער, און די קינדער פון די גבאים און אַנדערע הויף־לייט. מען האָט זיך געשפּילט, ווי קינדער שפּילן זיך. דעם יתום האָט מען אין שפּיל ניט אַריינגענומען. איז ער געשטאַנען אַז דער זייט און זיך צוגעקוקט אין גרויס צער.

האָט עס מלכה'לען נאָך מער פאַרקלעמט ביים האַרצן. באַלד האָט איינער פון די קינדער זיך פאַרטשעפּעט מיטן יתום, און אויף אים קוקנדיג, האָבן אויך די אַנדערע אָנגעהויבן מיט אים טשעפּען זיך, רייצן זיך מיט אים, אים רופן צונעמען און, ווי דאָס פּאַסירט אַזוי אָפט, איז עס באַלד אויך געקומען צו קלעפּ. אַלע קינדער זיינען באַפאַלן דעם יתום און אים אכזריות'־דיג געשלאָגן.

מער האָט שוין מלכה'לע ניט געקענט צוזען און זי איז גלייך אַרויס אין דרויסן, אָוועקגעטריבן די קינדער און גענומען דעם יתום אויף אירע הענט און אים אַריינגענומען אין הויז, וואו זי האָט אים געלאָזט אָרומ־

וואָשן און אים געגעבן גוטע זאַכן צו עסן. זי האָט זיך מיט אים געשפּילט, אים געצערטלט, געטרייסט.

שפּעטער האָט זי זיך געווענדעט צו איר ברודער, ר׳ מאָטעלע:

„איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט אָנזאָגן, אַז מען זאָל דעם אָרימען יתום בעסער באַהאַנדלען. איך האָב היינט צוגעזען, ווי מען איזדעקעוועט זיך איבער אים, און מיין האַרץ איז מיר צעשפּרונגען פון רחמנות.“

אויף ר׳ מאָטעלע׳ס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל.

„איז עס דיין אמת׳ער וואונטש?“ — האָט ער איר געפרעגט.

„אודאי!“ — האָט זי געענטפערט, „דער יתום איז מיר געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן ווי אַן אייגן קינד.“

„אויב אַזוי, דאַרף ער אונז שוין מער איינגאַנצן ניט האָבן“, האָט ר׳ מאָטעלע געזאָגט, „ער האָט שוין זיין תיקון...“

מלכה׳לע האָט אים אָנגעקוקט אין פאַרוואונדערונג.

ר׳ מאָטעלע האָט איר דאַן דערציילט, ווער דער יתום איז געווען. ער איז געווען אַ גלגול פון אַ געוויסן ר׳ איצע, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק, פאַרן לעבן פון זיין טאַטן, ר׳ נחום, געוואוינט אין דאָרף קאַראַהאָדע, ניט ווייט פון טשערנאָביל.

דער דאָזיגער ר׳ איצע איז געווען אַ פאַרברענטער מתנגד, וואָס האָט שוין אויך געמיינט אַ ביטערער געגנער פון ר׳ נחום׳ען אַזוי גוט ווי פון אַלע חסידישע רביים.

ר׳ נחום׳ען האָט ער באַזונדערס גע׳רודפ׳ט, אים אָנגעטאָן אַלערליי נגישות. אָבער ר׳ נחום האָט זיך, ווי זיין שטייגער, קיינמאָל ניט באַקלאָגט און אין האַרצן ר׳ איצע׳ן מוחל געווען במחילה גמורה פאַר אַלדאָס בייז, וואָס ער האָט אים געטאָן.

איינמאָל איז ר׳ איצע אַ גרויסע נבלה באַגאַנגען, און די נבלה איז געווען ניט נאָר געגן ר׳ נחום׳ען אַליין, נאָר אויך געגן זיין טאָכטער מלכה׳לע.

מלכה׳לע איז נאָך אַ מיידל געווען. עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז זי איז געווען אַ גרויסע צנועה. איז מלכה׳לע אַמאָל אין גאַס געגאַנגען עפּעס איינקויפן. ר׳ איצע איז געווען אין שטאָט. מלכה׳לע איז פאַרבייגעגאַנגען די אכסניה, וואו ר׳ איצע איז איינגעשטאַנען. אין דער אכסניה האָט זיך דאַמאָלט אויך געפונען אַ דורכפאָרער אַ פּריץ. איז ר׳ איצע׳ן אַ טייפלישער פּלאַן איינגעפאַלן.

ער האָט אַריינגערופן מלכה׳לען אין אכסניה, ווען קיין אַנדערער, אויסער ער און דער פּריץ, זיינען דאָרט ניט געווען. און ווען זי איז געווען

אינוויינינג, איז ער שנעל אַרויס און די מיר פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן. זיין כּוונה איז געווען צו קענען דערנאָך פֿאַרשפּרייטן די געשיכטע, אַז ר' נחום'ס טאָכטער איז געווען איינגעשלאָסן אין דער אַכסניה מיט אַ פּריץ. מלכה'לען איז קיין בייז ניט געשען — זי איז גלייך אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פֿענס־טער און אַנטלאָפֿן. אָבער בזיון האָט זי געהאַט, און דעם בזיון האָט אויך געפֿילט ר' נחום.

האָבן זייביידע גרויס צער געהאַט פֿון דעם.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ר' איצע געשטאָרבן און ווען ער איז געבראַכט געוואָרן פֿאַר דער „פּמליא של מעלה" (דאָס הימלישע גערוכט), האָט מען גלייך גע'פּסק'נט, אַז ער קען קיין תּקומה ניט האָבן, סיידן ער וועט בעטן ביי ר' נחום'ען מחילה.

האָט ר' איצע אָנגעהויבן קומען צו ר' נחום'ען צו חלום און אים בעטן מחילה. ר' נחום האָט אָבער געענטפֿערט, אַז דאָס ווענדט זיך ניט אָן אים. ער פֿאַרגיט אַלע, וואָס האָבן אים שלעכטס געטאָן. אָבער דאָ האַנדלט עס זיך וועגן זיין טאָכטער, און ר' איצע מוז צוערשט ביי איר פּועל'ן, אַז זי זאָל אים מוחל זיין.

איז ר' איצע אַוועק צו מלכה'לען צו חלום, אָבער איר האַרץ איז נאָך געווען פֿאַרוואונדעט, און זי האָט זיך אַנטזאָגט אים מוחל צו זיין.

דערווייל איז ר' נחום נסתּלק געוואָרן, און עס איז געבליבן ביי דער פּמליא של מעלה, אַז ר' איצע'ס נשמה זאָל אויפֿדאָסניי געשיקט ווערן אויף דער ערד, אין אַ צווייטן גלגול, און זאָל דאָרט בלייבן, ביז מלכה'לע וועט אים פֿאַרגעבן.

איז ר' איצע'ס נשמה צוריקגעקומען אויף דער זינדיגער וועלט. געקו־מען איז ער אַלס דער זון פֿון דער דערמאָנטער אַלמנה, און איז שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין ר' מאָטעלע'ס הויף.

„און איצט ווייסטו שוין פֿאַרשטיין", האָט ר' מאָטעלע געזאָגט צו זיין שוועסטער, ווען ער האָט איר אויפֿגעקלערט ווער דער יתום איז געווען. „פֿאַרוואָס מען האָט זיך אויף אים דאָ ניט אומגעקוקט. דאָס איז געווע־ניט נאָר, כּדי ער זאָל קענען אָפּקומען אויף דער וועלט, נאָר טאַקע אויך דורך דעם צו קענען דערוועקן רחמנות אין דיין האַרצן, כּדי דו זאָלסט אים מוחל זיין. דאָס האָסטו ענדלעך געטאָן, און ער האָט מער ניט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט. ער קען צוריקגיין אויפֿן עולם האמת, אַ געלייטערטער..."

אין זעלבּיקן טאָג איז דער יתום געפֿונען געוואָרן אַ טויטער...

די וועלט האָט זיך דאָמאָלט דערוואוסט, ווי אַזוי דער צדיק האָט אַפֿילו אין זיין כּלומר'שטער מיסהאַנדלונג פֿון אַ יתום מתקן געווען אַ זינדיגע נשמה...

## יח.

# די שפּאַקולן.

ר׳ מאָטעלע איז פּותר חלום אַן אלמנה. — ווייס אין פּאָרויס ווער עס וועט שטאַרבן. — זינדיגער חסיד ווערט אַ בעל תשובה.

פאַרן צדיק זיינען ניטאָ קיין באַהאַלטענע זאַכן. אַלע סודות זיינען פאַר אים אַנטפּלעקט. זיינע אויערן הערן, וואָס קיין אַנדערער הערט ניט און זיינע אויגן זעען, וואָס קיין אַנדערער זעט ניט.

ר׳ מאָטעלע האָט גאָר ניט געדאַרפט, אימיצער זאָל אים דערציילן. ער האָט אַלץ אליין געוואוסט.

ווערט דערציילט אַזאַ מעשה פּלא:

ר׳ מאָטעלע איז געווען אויפן וועג קיין ראַדאָמישלע. און אַז ר׳ מאָטעלע פאָרט קיין ראַדאָמישלע, קאָכט די גאַנצע וועלט. די שטעטלעך און דערפער, וואו דער צדיק דאַרף דורכפאָרן, זיינען אויף רעדלעך. אַלע אַרבעט אָוועקגעלייגט. און קינד־און־קייט באַוואַכן דעם שליאַך אַנצוקוקן דעם רבי׳ן און אפשר האָבן די גרויסע זכיה צו קריגן זיין ברכה.

ראַדאָמישלע אַליין איז גאָר לעילא־ולעילא׳דיג. די שטאָט איז יום־טוב׳דיג און קוקט אַרויס אויפן טאָג פון רבי׳נס אָנקומען מיט גרויס שפּאַנונג. דער רב פון שטאָט מיט דער גאַנצער „פּני״ פאָרן דעם טשערנאָבילער אַנטקעגן.

ניט ווייט פון ראַדאָמישלע שטייט אַ קרעטשמע, וועלכע אַ געוויסע אלמנה האַלט אין אַרענדע. אַז דער רבי איז נאָך ווייט פון שטאָט, ווילט זיך דעם רב מיט די בעלי בתים אָפּשטעלן אין קרעטשמע צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

ווענדט זיך די אלמנה צום רב מיט אַזאַ בקשה:

„רבי, טייערער, איר פאָרט דאָך מקבל פּנים זיין דעם הייליגן צדיק און איר וועט דאָך פאַרבייפאָרן די קרעטשמע צוריק אין שטאָט אַריין, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט פּועל׳ן ביים צדיק, ער זאָל זיך דאָ אָפּשטעלן און אויסהערן מיין בקשה. מיין פּדיון פאַרן רבי׳ן גיב איך אייך איבער אין האַנט און בעט, אַז איר זאָלט עס אים אָפּגעבן.״

און זי דערלאַנגט דעם רב אַ פּאָר שפּאַקולן, איינגעפּאַסט אין גאָלדענע רעמלעך, און אַריינגעלייגט אין אַ גאָלדענעם שיידל.

„איך האָב עס אַ ירושה און גיב עס דעם צדיק אַלס מתנה. זאָל ער דערפאַר זיך אָפּשטעלן דאָ, מיך אויסצוהערן און מיר געבן זיין ברכה", האָט די אלמנה פאַרענדיגט.

דער רב האָט צוגעזאָגט צו דערפילן איר פאַרלאַנג. און ער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט ר' מאָטעלע'ן איבערגעגעבן די שפּאַקולן מיטן ווערטפולן שיידל און אים דערציילט, אַז דאָס איז די מתנה פון אַן אלמנה, וועלכע בעט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן אין קרעטשמע און אויסהערן איר בקשה.

וואָס אַזוינס איר בקשה איז געווען, האָט דער רב ניט געוואוסט. ר' מאָטעלע האָט אָנגעקוקט די שפּאַקולן און דעם שיידל, און זיי זיינען קענטיג אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיי אַריינגעלייגט צו זיך אין בוזים־קעשענע און געהייסן דעם קוטשער פאָרן ווייטער.

מען איז צוגעקומען צו דער קרעטשמע. די אלמנה איז געשטאַנען אינדרויסן גרייט מקבל פּנים צו זיין דעם רבי'ן. אָבער ר' מאָטעלע האָט דעם קוטשער אָנגעזאָגט זיך ניט אָפּצושטעלן אין ערגעץ און איז אַזוי פאַר־ בייגעפאָרן די קרעטשמע, איבערלאָזנדיג די אלמנה אַן אַנטוישטע.

דער רב איז אויך געווען אַנטוישט. ר' מאָטעלע האָט צוגענומען די מתנה פון דער אלמנה און האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק צופרידן. איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט זיך אָפּשטעלן ביי דער קרעטשמע איר צו בענטשן. אָבער אַז דער צדיק האָט עס ניט געטאָן, מסתמא האָט ער געהאַט אַ טעם דערביי. און דער רב האָט וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט.

אָנגעקומען אין שטאָט און אַריינגעפאָרן אין אכסניה, זעט דער רב, ווי ר' מאָטעלע נעמט אַרויס דער אלמנה'ס שפּאַקולן, טוט זיי אָן, נעמט אַ סידור, מישט אויף דעם פּלאַץ וועגן פּותר זיין חלומות און זאָגט דריי מאָל ווי צו זיך אַליין: „חלמא טבא חזיתא" (אַ גוטן חלום האָסטו געזען).

איז עס ביים רב געווען אַ גרויסער פּלא (אַ וואונדער), אָבער ער האָט געקוקט און געשוויגן. מסתמא ווייס דער צדיק, וואָס ער טוט.

דערווייל, אַז די אלמנה האָט געזען, אַז דער רבי האָט זיך ניט אָפּגע־ שטעלט ביי דער קרעטשמע, איז זי געקומען אין שטאָט אַריין און זיך גע־ ווענדעט צום רב, אַז ער זאָל אויסווירקן, אַז כאָטש דאָ זאָל ר' מאָטעלע איר אויסהערן.

„אָבער וואָס איז אייער בקשה צו אים?" — האָט דער רב איך געפרעגט.

„איך האָב געהאַט אַ שרעקלעכן חלום, רבי", האָט די אַלמנה געזאָגט, „און איך וויל, אַז דער צדיק זאָל מיר פּותר חלום זיין."

„אויב אַזוי, פאַרשפּאַרט איר שוין גיין צום רבי׳ן", האָט דער רב איר געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך, וואָס ער האָט געזען און געהערט. „דער צדיק האָט שוין אַליין געוואוסט וואָס עס איז מיט אייך געשען און האָט אייער חלום באַשיידט. איר האָט אויך זיין ברכה, וואָרים ער האָט געזאָגט, אַז דער חלום וועט זיין צום גוטן..."

די אַלמנה האָט זיך אַ פריילעכע צוריקגעקערט אַהיים, און ראַדאָמישלע האָט זיך דערוואוסט וועגן אַ נייעם וואונדער פון דעם גרויסן צדיק...

אַן אַנדער וואונדער־מעשה׳לע פון דעם טשערנאָבילער מגיד ווערט דערציילט אויף אַזאַ אופן:

ר׳ מאָטעלע, ווי מיר האָבן שוין דערציילט פריער, האָט איינגעפירט די „מעמדות"־סיסטעם, וואָס מיינט, אַז טאַקסעס פלעגן געלייגט ווערן אויף די חסידים פאַרן רבי׳נס הויף אין טשערנאָביל. די טאַקסעס פלעגן געלייגט ווערן אויף גאַנצע קהלות און אויף יחידים.

יעדן ערב ראש השנה פלעגט דער צדיק הייסן זיינע גבאים אויסשטעלן דעם רייסטער פון זיינע חסידים מיט די סומען, וואָס מען זאָל ביי זיי מאָנען. דער רבי פלעגט איבערקוקן די רייסטערס און באַשטימען, ווער עס זאָל שטיין ערשט און ווער לעצט, און ווי גרויס די סומען זאָלן זיין. די גבאים פלעגן שפּעטער פאַרן איינמאָנען דאָס געלט.

איז געווען אַ געוויסער ר׳ איצעלע, איינער פון דעם טשערנאָבילער׳ס חשוב׳סטע חסידים, וועלכער איז תמיד געשטאַנען אויבנאָן אויפן רייסטער. איינמאָל האָט ר׳ מאָטעלע אָנגעזאָגט די גבאים אויסצומעקן ר׳ איצעלע׳ס נאָמען פון רייסטער.

האָבן די גבאים זיך שטאַרק געוואונדערט און ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט.

שפּעטער, ווען זיי זיינען געקומען אין שטעטל, וואו ר׳ איצעלע האָט געוואוינט, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דער חסיד איז זינט די ימים נוראים געשטאָרבן. עס איז זיי דאַן קלאָר געוואָרן, אַז דער רבי האָט שוין אין פאָרויס געוואוסט, וואָס עס וועט מיט ר׳ איצעלע׳ן געשען...

דעם קומענדיגן ערב ראש השנה האָבן די גבאים שוין נאַטירלעך ר׳ איצעלע׳ס נאָמען ניט אַרויפגעשטעלט אויפן רייסטער. ווען ר׳ מאָטעלע האָט דעם רייסטער איבערגעקוקט, האָט ער זיי געהייסן אַרויפשטעלן דעם נאָמען פון ר׳ איצעלע׳ס זון, שלמה.

אַ פּאָר יאָר איז שלמה געבליבן אויפן רייסטער. דאַן האָט ר׳ מאָטעלע אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיין נאָמען אויסמעקן.

האָבן די גבאים זיך דערשראָקן — אודאי מיינט עס, אַז שלמה האַלט ביים אַוועקגענומען ווערן פון דער וועלט; און זייערע הערצער האָבן ווי געטאָן. אַ וואוילער מענטש איז דער שלמה געווען, געהאַט אַ ברייטע האַנט און תמיד אַנטקעגן געטראָגן דאָס געלט, וואָס מען האָט ביי אים געמאָנט פאַרן רבי׳ן.

„אפשר וועט אייער תפלה העלפן, רבי“, האָבן די גבאים זיך איינגעשטעלט פאַרן חסיד. „אַ שאָד אַזאַ מענטשן צו פאַרלירן און נאָך גאָר אַזאַ יונגערמאַן.“

ר׳ מאָטעלע האָט אויף דעם געענטפערט בלויז מיט אַ זיפץ, און די גבאים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט, אַז פאַר שלמה׳ן איז קיין תרופה ניטאָ.

גרויס איז דערפאַר געווען זייער פרייד, ווען, קומענדיג אין שטעטל, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז שלמה לעבט. אָבער עפּעס אַנדערש האָט מיט אים פּאַסירט: ער איז אַרויס „לתרבות רעה“, געוואָרן אַן אפּיקורס און מער ניט געוואָלט וויסן, ניט פון רבי׳ן און ניט פון אידן אין אַלגעמיין.

האָבן זיי נאָכאַמאָל געהאַט געזען, ווי אַזוי ר׳ מאָטעלע ווייס אַלץ מיט רוח הקודש...

עס זיינען אַוועק עטלעכע יאָר. די גבאים האָבן שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אַן דעם זינדיגן חסיד. איינמאָל גיט ר׳ מאָטעלע אַ זאָג צו זיי: „שטעלט ווידער אַרויף שלמה׳ס נאָמען אויפן רייסטער.“

די גבאים האָבן שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ געשען, און זיי זיינען געווען שטאַרק נייגעריג אויסצוגעפינען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

ווען זיי זיינען געקומען אין שטעטל און באַזוכט שלמה׳ן האָבן זיי אים צוריק געטראָפן אַלס איינעם פון „אנשי שלומנו“, מיט אַ פיין בערדל, געקרייזלטע פאות, אַ לאַנגע זשופּיצע מיט אַ גאַרטל—בקיצור, אַן אמת׳ער, גאָטספאַרכטיגער חסיד.

און שלמה האָט די גבאים אויפגענומען ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, מיט אָפענע הענט און אַ ברייט האַרץ, און זיי געגעבן נאָך מער, ווי מען האָט ביי אים געמאָנט.

ביי אַ גלעזל משקה האָט שלמה דערציילט די גבאים וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ווי אַזוי ער איז צוריק אַרויף אויפן דרך הישר און גע־

ווארן א מאמין (גלויביגער) און דער עיקר א נאך פייערדיגערער חסיד פון דעם טשערנאבילער מגיד.

„פארשטייט איר מיך, איך האב זיך ערשט איצט איבערצייגט, וואס פאר א גרויסן כח ר׳ מאטעלע באזיצט, און ווי זיין זכות איז מגין אויף אונז אלעמען״, האט שלמה געזאגט און האט ווייטער דערציילט:

„איך בין שוין געווען אזוי פארזונקען אין די מ״ט שערי טומאה (אין זינד), אז איך גלויב גאר ניט, אויב אימיצער וואלט מיך פון בלאטע ארויס־געשלעפט. געגעסן טריפות, געזינדיגט מיט ווייבער און געטאן כל דבר אסור (אלץ, וואס מען טאר ניט).

„פאסירט אבער, אז איך ווער פלוצים קראנק. ליג זיך אריין אין בעט און קען שוין מער ניט ארונטער. אן אנדערער וואלט אפשר דאמאלט תשובה געטאן. ווייסט איר דאך אבער פון אלטן מאמר חז״ל (וואס די חכמים זאגן), אז „רשעים אפילו על פתחי של גהינום אינם חוזרים״ (פארדארבענע טוען קיין תשובה ניט אפילו ווען זיי שטייען ביים שוועל פון גהינום). האב איך ווייטער געלעסטערט גאט און געבליבן דער זעל־ביגער כופר (אפלייקענער פון גאט) ווי פריער.

„ווער איך שוואכער פון טאג. זע איך, אז מיינע כחות פארלאזן מיך, און עס איז שוין ממש פאר מיר קיין רפואה ניטא.

„איך האב געפילט, אז מיין לעצטע שעה האט געשלאגן; און מיט־אמאל ווער איך פארזונקען ווי אין א טיפן שלאף (די, וואס זיינען ארום מיין בעט געשטאנען, האבן מיר שפעטער דערציילט, אז זיי האבן מיך שוין געהאט באטראכט פאר געשטארבן) און איך חלום ווי איך ווער געבראכט פאר א בית דין, אודאי די פמליא של מעלה (דאס הימלישע געריכט). עס זיצן זקנים מיט ליכטנדיגע פנים׳ער און זילבער־ווייסע בערד און הערן אויס קלאגן געגן מיר.

„די קלאגן זיינען שווערע, איבערצייגנדיגע, אומבאשטרייטבארע. איך שטיי און הער זיך צו און האב קיין פארטיידיגונג. איך האב געמוזט מודה זיין, אז אלץ, וואס מען זאגט וועגן מיר, איז אמת. שוויינ איך און ווארט אויף מיין פסק, וואס איך ווייס מוז זיין, אז איך זאל שוין פון בעט זיך ניט אויפהויבן, און אז טאקע תיכף ומיד זאל איך אויסהויכן מיין נשמה.

„אבער באלד קומט אריין א מיטל־יאריגער איד, און איך דארף בלויז זיך איינקוקן אין זיין פנים צו דערזען, אז דאס איז ניט קיין אנדערער ווי ר׳ מאטעלע, מיין רבי ר׳ מאטעלע, וועמען איך האב פארלאזן און ניט געוואלט מער קענען אין די לעצטע עטלעכע יאר.

„איך בין געווען זיכער, אז ר׳ מאטעלע קומט נאך צו פארשטארקן

די אַנקלאַגע געגן מיר. אָבער ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערהערט, אַז ער האָט מיך אָנגעהויבן פאַרטיידיגן. אויף אַלץ האָט ער געפונען פאַר מיר אַ זכות און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מיר געבן אַ נייע געלעגנהייט צו טאָן תשובה, צוריק צו ווערן גוט און פרום.

„— איך קאָוויר פאַר אים, אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער צוריק ווערן אַ גוטער חסיד און אַ גוטער איד, — האָט דער רבי גע'טענה'ט, און זיינע טענות האָבן געווירקט. מען האָט מיך געהייסן צוריק גיין אויף דער ערד. איך האָב באַלד אויפגעוואַכט פון מיין שלאָף, און צו דער איבעראַשונג פון די, וואָס זיינען אַרום מיר געווען, האָב איך אָנגעהויבן אָטעמען פרייער, געעפנט די אויגן און געוואָרן בעסער פון מינוט.

„און, צו מאַכן די מעשה קורץ, איך בין געזונט געוואָרן. נו, פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך בין געוואָרן גוט און פרום, און דער עיקר — אַזאַ שטאַרקער אַנהענגער פון אונזער הייליגן רבי'ן, ר' מאָטעלע?“...

## יט.

# דעם למד-וואָווניק׳ס סדר.

דער טשערנאָבילער מגיד און די למד־וואָווניקעס.—איצע דער ישוב׳ניק.—פרנסה און קריעת ים סוף.—ר׳ מאָטעלע׳ס נצחון.

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער איז געווען ידוע אַלס אַ גרויסער בעל צדקה. די גרויסע סומען, וואָס זיינע משולחים האָבן געבראַכט פון די „מעמדות", פלעגט ער פאַרטיילן צווישן נויטבאַדערפטיגע. ווער עס האָט אַ האַנט אויסגעשטרעקט, איז ניט אַוועק מיט ליידיגן.

ר׳ מאָטעלע האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט שטיצן נויט באַדערפ־טיגע למד־וואָווניקעס און אַזוי נסתרים (פאַרבאָרגענע צדיקים).

דער טשערנאָבילער איז געווען ידוע אַלס איינער פון די יחידי סגולה (אויסדערוויילטע), וואָס האָבן געוואוסט פון די אַלע למד־וואָווניקעס און „נסתרים", כאָטש אָפטמאָל איז אים אַליין אויך שווער אָנגעקומען אויס־צוגעפינען ווער זיי זיינען און וואו זיי געפינען זיך.

וואָרים, פאַרשטייט איר, אפילו פון די גאָר גרויסע צדיקים זוכן די למד־וואָווניקעס זיך אויסצובאַהאַלטן, האַלטנדיג פון דעם פּסוק „הנסתרות לה׳ אלוקינו, והנגלות לנו ולבנינו" (דאָס פאַרבאָרגענע צו גאָט אונזער גאָט און דאָס אָפענע צו אונז און אונזערע קינדער) און ווילן ניט, אַז קיין בשר ודם זאָל וויסן פון זיי און זייערע דרכים.

איז זיי מער ניחה, אַז מען זאָל אויף זיי קוקן ווי אויף נישטיגע און אומבאַדייטנדיגע מענטשעלעך און קיינער זאָל פון זיי קיין וועזן ניט מאַכן, אפילו זיי באַליידיגן, רודף׳ן און פון זיי אָפּלאַכן.

אויף זייערע באַליידיגער, פאַרפאָלגער און אָפּלאַכער האָבן זיי קיין תרעומות (פאַריבל). יענע זיינען בלויז די ווערקצייג, דורך וועלכע זיי קומען אָפּ אויף דער וועלט און טאָקע אַ דאַנק זייער אָפּקומען האָט די וועלט איר תיקון...

ר׳ מאָטעלע האָט זיך אָבער געמאַכט אַלס זיין אויפגאַבע אויסצוזוכע־פינען וועגן אָט די אַלע פאַרבאָרגענע צדיקים, ניט נאָר פון זיי עפּעס צו לערנען און מיט זיי זיך מתוכח זיין אין תורה און חכמה, נאָר טאָקע, און

הויפּטזעכלעך, זיי צו שטיצן. די מערסטע פון די למד־וואָווניקעס זיינען, ווי געוויינלעך, גרויסע אביונים, לעבן אין דחקות און אין נויט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי אַליין זיינען אַלץ מקבל באהבה (נעמען אַלץ אָן צופרידענער־הייט), און זיי אַרט ניט קיין הונגער, קיין קעלט, קיין יסורים.

צוליב זייער שפּל'ן מצב, קוקט זיך קיינער אויף זיי ניט אום. פיל פון זיי האַלטן זיך אויף אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, אויף ישובים, און מען ווייס פּשוט ניט פון זיי. איז עס טאַקע געווען גאָר אַ גרויסע עובדא פון דעם טשערנאָבילער מגיד אויפצוזוכן די פאַרבאָרגענע צדיקים און זיי שטיצן, ווען זיי האָבן זיך אין דעם געניוטיגט.

מען קען זיך משער זיין, אַז ר' מאָטעלע האָט זייער סוד ניט אַרויסגע־געבן.

אָבער ניט תמיד איז ר' מאָטעלע'ן אָנגעקומען אַזוי לייכט צו שטיצן די למד־וואָווניקעס. פיל פון זיי האָבן זיך אָנטזאָגט צו נעמען שטיצע, האָבן בעסער געוואָלט לעבן אין אָרימקייט און אין דחקות, כדי וואָס מער אויף דער זינדיגער וועלט אָפּצוקומען.

איינער פון די דאָזיגע למד־וואָווניקעס איז געווען איצע דער ישוב'ניק, וועלכער האָט געלעבט ווייט פון מענטשן בכלל און אידן בפרט, אויס־קלייבנדיג אַ פאַרוואָרפענעם פּלאַץ, ווייט פון אַ דאָרף, אַ שטעטל, ווייט פון וועלכן־ס'איז ישוב.

אַ קליין, פון ליים־געבויט הייזל אין אַ טאָל, פאַרשטעלט פון שפּיציגע בערג, ביים ראַנד פון אַ געדיכטן וואַלד, איז געווען זיין וואוינונג. דאָס הייזל און די שטרעקע לאַנד אַרום זיינען ניט געווען זיינס. ער איז געווען צו אָרים צו האָבן עפּעס אייגנס.

האָט ער באַאַרבעט די ערד און פון דעם געלעבט. פאַר מענטשן האָט ער זיך זעלטן געצייגט. מען האָט אים אין די אידישע שטעטלעך אַרום כמעט ניט געקענט. און מען וואָלט זיך אַז אים איינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אים מעגלעך גאָר ניט פאַררעכנט אַלס איד. וואָרים ער איז געווען אַנ־דערש פון אַלע אַנדערע ישוב'ניקעס און פלעגט זיך אפילו אויף ימים נוראים ניט ציינגן אין שטעטל. מען האָט אויך ניט געוואוסט, אויב ער באַקט זיך אויף פּסח מצות אָדער היט אָפּ אידישקייט, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אַנגעהויבן ריידן וועגן איצע'ן האָט מען, ווען מען האָט זיך דער־וואוסט, אַז ר' מאָטעלע האָט איינמאָל אויף אַ נסיעה געהייסן זיין קוטשער אים צופירן צו איצע'ס הייזקע. ר' מאָטעלע'ס באַגלייטער זיינען געווען פאַרוואונדערט — וואָס האָט דער צדיק צו טאָן ביי אַזאַ מגושם'דיגן ישוב'ניק? ר' מאָטעלע האָט זיינע באַגלייטער געהייסן בלייבן אינדרויסן

און איז אריין אין דער הייזקע און זיך דארט פארזאמט א לענגערע צייט. ווען ער איז ארויסגעקומען, איז זיין פנים געווען צעפלאמט, זיינע אויגן האבן געגלאנצט. „מען קען מיט אים גארניט מאכן", האט ער צו זיך געמורמלט.

ר' מאטעלע האט געהייסן דעם קוטשער ווייטער פארן און האט וועגן דעם ישוב'ניק מער ניט גערעדט. האט מען געמיינט, אז דאס איז אפשר געווען גאר דערפאר, וואס דער צדיק האט געהערט, אז דער ישוב'ניק האט זיך דערוויטערט פון אידן און אידישקייט און געוואלט ראטעווען א אידי־שע נשמה, אבער איינגעזען, אז דאס איז אוממעגלעך.

האט מען באלד וועגן איצע'ן ווידער פארגעסן, און קיינער האט פון אים ניט גערעדט.

דער טשערנאבילער איז שוין מער צו אים ניט געפארן. אבער פאר־געסן אן אים האט ער ניט: און ווי האט ער דען געקענט פארגעסן אן אזא מערקווירדיגן אידן, וואס איז אפילו געווען א זעלטנהייט צווישן די למד־וואווניקעס און נסתרים?

געהערט אביסל, א איד, אנטזאגט זיך לחלוטין אנצוקומען צו מענטשן און אנצונעמען אימיצן'ס הילף, מעג עס אפילו קומען פון אזא צדיק ווי ר' מאטעלע!

„בזעת אפיך תאכל לחם" (מיטן שוויים פון דיין געזיכט זאלסטו עסן דיין ברויט), האט דארום איצע געזאגט, אז ער מוז בלויז נאכקומען דאס, וואס די תורה זאגט, און זיך מאטערן פאר זיין שטיקל ברויט.

„אבער איר האט דאך קוים געגוג ברויט". האט ר' מאטעלע מיט אים איינגע'טענה'ט. „דאס לאנד איז ארים און שטיינערדיג. איר האט קוים די כחות דאס צו באארבעטן."

אויף דעם האט דער למד־וואווניק בלויז געענטפערט מיט א פסוק:

„יגיע כפך כי תאכל, אשריך וטוב לך" (ווען דו וועסט לעבן פון דער ארבעט פון דיינע הענט, וועט דיר זיין וואויל) . . .

האט אים אבער דער טשערנאבילער מגיד ניט געוואלט אפלאזן. זיין גוט הארץ האט ניט געקענט דערלאזן, אז אזא גרויסער צדיק זאל זיך מאטערן, ארבעטן שווער און ביטער, ממש גריזשען די ערד מיט די ציין, ווען אין זיינע הענט איז געווען די מעגלעכקייט אים צו העלפן, ווי ער האט עס געטאן מיט פיל אנדערע צדיקים.

„אבער איר דארפט מיך גאר ניט באדויערן", האט שוין דער למד־וואווניק געוואלט זיך אויסדרייען און מאכן צו גארניט דעם גאנצן ענין. „עס איז דאך א בפירוש'ע גמרא „קשים מזוגותיו של אדם כקריעת ים סוף"

(דעם מענטשן'ס פּרנסה קומט אַז אַזוי שווער ווי דאָס שפּאַלטן פון ים, ווען אידן זיינען אַרויס פון מצרים), הייסט עס דאָך, אַז אַזוי דאַרף זיין: און וואָס עס דאַרף זיין, טאָר ניט געענדערט ווערן"...

„דער פּשט פון דער גמרא איז אָבער אַ גאַנץ אַנדערער", האָט ר' מאָטעלע זיך אָנגעכאַפּט. „דער פּשט איז, אַז דעם מענטשן'ס פּרנסה קומט אַן ווי דאָס שפּאַלטן פון ים, און פּונקט ווי ביים שפּאַלטן פון ים איז געשען אַ נס, האָט דער אייבערשטער געטאָן גנאַד מיט אידן, אַזוי איז אויך מיט דער חיונה. עפּעס דאַרף דערביי געשען, אימיצער דאַרף קומען צו הילף; און איך בין דאָך בלויז גאָט'ס שליח אייך צו העלפן."

דער למדן־וואָווניק האָט זיך פאַרטראַכט. קענטיג, אַז ר' מאָטעלע'ס איינטייטשונג פון דער גמרא האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק.

„אַ רמז (אַ וואונק) אויף עפּעס איז אין דעם פּאַראַן", האָט ער גע־זאָגט. „אָבער וואָס טוט מען מיטן פּסוק „ושונא מתנות יחיה" (דער, וואָס האָט פיינט געשאַנקען, וועט לעבן)?"

„וואָס איך וויל אייך געבן, איז ניט קיין געשאַנק", איז ר' מאָטעלע באַשטאַנען. „איך גיב דען מיינס? אַלץ געהערט דאָך צו גאָט. לי הכסף ולי הזהב (דאָס זילבער און דאָס גאָלד געהערט מיר) זאָגט גאָט, און מיר זיינען דאָך אַלע זיינע קינדער!"...

פונדעסטוועגן האָט אָבער דער למדן־וואָווניק זיך אַלץ אָנטזאָגט אָנצו־נעמען שטיצע.

„אויב שוין יאָ אַזוי, זאָל עס קומען פון זיין האַנט אַליין", האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט און מער ווענן דעם ענין ניט געוואָלט ריידן.

מער האָט ר' מאָטעלע ניט פּרובירט אָנבאָטן שטיצע דעם למדן־וואָוו־ניק, אָבער האָט פון איצע דעם ישוב'ניק קיינמאָל קיין אויג ניט אַרונטער־געלאָזט. מאַכט זיך איינמאָל אַ שלעכטער זומער, און איצע האָט פאַרן ווינטער געהאַט ווייניגער ווי אַלע מאָל, ממש געהונגערט. אָבער הונגער און קעלט — דעם למדן־וואָווניק'ס גייסט ווערט ניט געבראָכן, און ער איז נאָך אַלץ פעסט אַנטשלאָסן ניט אָנצונעמען ר' מאָטעלע'ס שטיצע.

פּסח דערנענטערט זיך, און ביים למדן־וואָווניק איז קיין סימן ניטאָ אויפן הייליגן יום טוב. תמיד האָט ער געהאַט זיין אייגענעם ווייץ פאַר „שמורה", וואָס ער אַליין האָט אין גרויס קדושה געבאַקן. דאָס מאָל איז אַפילו קיין קאַרטאָפל אין הויז ניט געווען.

דער למדן־וואָווניק גייט אַז מיט זיין „עבודה", מיט לערנען תורה, מיט פאַרטיפן זיך אין דער קבלה, ווי קיין זאַך וואָלט אים ניט געקימערט.

ר' מאָטעלע „קוקט" פונדערווייטנס און שווייגט, אפשר וועט ער נאָך

פון דעם למד־וואָווניק קריגן אַן אָנדייטונג, אַז ער איז שוין וויליג אָנצו־נעמען זיין הילף.

אָבער איצע שווייגט, האָט בטחון, אַז דער אייבערשטער וועט אים ניט פאַרלאָזן, אַז עס וועט אים ניט אויסקומען, חלילה, מחלל יום טוב צו זיין.

דערווייל ווערט אָבער ערגער. ערב־פּסח'דיגע טעג—ווערט דער שניי צעגאַנגען, ווערן די וועגן בלאָטיג און פול מיט לוזשעס: לאָזן אָפּ די טייכן און גייען אַרויס פון זייערע ברעגעס און פאַרטרינקען פעלדער אויף מיילן ווייט.

קען מען אין ערגעץ ניט אַרויספאָרן; קען מען פון ערגעץ ניט צוקומען.

איצע געפינט זיך ווי אויף אַן אינזל, מיט ברויזנדיגע שטראָמען וואַ־סער אַרום, מיט פאַרטרונקענע פעלדער און וועגן, צו וועלכע מען קען ניט צוקומען.

קען מער קיין רייד ניט זיין פון איינשפּאַנען די שקאַפּע און אַריינ־פאָרן אין אַ דערבייאיג שטעטל. און אויב אפילו יאָ, וואו וועט ער פאָרן צו וועמען?

און די צייט שטייט ניט אויף אַן אָרט. אַ טאָג אַוועק — אַ טאָג נענטער צום הייליגן יום טוב.

מען האָלט שוין ביי בדיקת חמץ. אין איצע'ס הויז דאַרף מען ניט בודק חמץ זיין. עס איז שוין דאָרט פון לאַנג קיין חמץ ניטאָ; אָבער עס איז קיין סימן פון פּסח אויך ניטאָ.

מאָרגן פרי — דאָס אייגענע.

שווייגט דער למד־וואָווניק און איז זיך מכין פאָרן יום טוב, ווי אַלץ וואָלט געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ביי ר' מאָטעלע'ן איז שוין אָבער גאַנץ אַנדערש. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער מיט קיין אויג ניט צוגעטאָן, איז אומגעגאַנגען איבערן חדר פאַרזונקען אין מחשבות.

אויף מאָרגן האָט ער אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן און געהייסן שפּאַנען די קאַרעטע.

„פּאַקט אַן מצות, ווייַן, פיש, פלייש און אַלץ, וואָס מען דאַרף. נעמט אויך מיט כלים."

האָט מען דעם צדיק אָנגעקוקט אין שטוינען. זיין כוונה איז געווען קלאָר: ער וויל האַלטן פּסח אונטערוועגנס. אָבער וואו, ווען מען קען ממש אין ערגעץ קיין טריט ניט אַרויסשטעלן, ווען אויף די וועגן איז דערטרונקען צו ווערן אין בלאָטע, און ווען די טייכן זיינען ניט אַריבערצופאָרן?

אָבער ר' מאָטעלע'ן פרעגט מען ניט קיין שאלות. אז ער הייסט, טוט מען זיין רצון, ווי געהאַרכזאַמע קנעכט.

איז די קאַרעטע באַלד געווען געשפּאַנט, און אַלץ איז געווען צוגע־גרייט, ווי ער האָט געהייסן.

וואוהין פאָרן? " — האָט דער קוטשער געפרעגט, ווען דער צדיק איז שוין געווען אין דער קאַרעטע.

„די פערד ווייסן שוין וואו צו גיין", איז געווען זיין ענטפער.

האָט דער קוטשער אָפּגעלאָזט די לייצעס, און די פערד זיינען געגאַנ־גען וואו זיי האָבן געוואָלט.

אויסן שטאָט, און די רעדער זינקען ביז די אַקסן אין בלאָטע, די פערד בראָדזשען ביז איבער די קני אין לוזשעס.

„רבי, מיר וועלן נאָך פאַרזונקען ווערן אין בלאָטע", שרייט אויס דער קוטשער.

„ניט געזאָרגט, השם יתברך ווייס וואָס ער טוט."

פאָרט מען ווייטער.

באַלד איז מען ביי אַ טייך, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן ריזיגע קריעות אייז, און וועמעס וואַסערן עס זיינען אַרויס פון די ברעגעס, זיך צעשפּרייט אויף ווייטע שטרעקעס, פאַרטרונקען פעלדער און וועלדער, אַרונטערגעשווענקט הייזער.

אין ערגעץ קיין צייכן פון לעבן, אין ערגעץ קיין צייכן פון קיין ישוב. און די וואַסערן רוישן צווישן די קריעות. די קריעות קנאַקן און ברעכן זיך, און שטורמען אויף דאָס וואַסער, ווי אין אַ זודיגן קעסל.

„רבי, מיר מוזן זיך צוריקקערן", זאָגט דער קוטשער. „אוממעגלעך ווייטער צו פאָרן."

„פאָר ווייטער!" איז ר' מאָטעלע'ס ענטפער אין אַ באַפעלנדיגן טאָן.

„אָבער אום גאָטעס ווילן", שרייט דער קוטשער אין שרעק, „מיר קענען דאָך ניט אַריינפאָרן אין טייך, מיר וועלן דערטרונקען ווערן."

„פאָר אין טייך אפילו דערטרונקען צו ווערן", איז ר' מאָטעלע'ס געלאַ־סענער, אָבער אַנטשלאָסענער ענטפער.

און ער לייגט באַלד צו:

„ווען די אידן האָבן געדאַרפט דעם ים סוף אַריבער, האָט גאָט פאַר זיי דעם ים ניט געשפּאָלטן, איידער זיי זיינען ניט אין וואַסער אַריין און געצייגט מסירות נפש. דאָמאָלט האָט זיך געהאַנדלט נאָר זיך אַליין צו ראַטעווען פון פּרעה'ן און זיינע חיילות, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט. איצט האַנדלט זיך עס אָבער וועגן אימיצן אַנדערש, און השם יתברך וועט אונז

געווים ניט פארלאזן.״

דער קוטשער האט מער ניט גערעדט, האט די פערד א שמיץ געטאן, און זיי זיינען אריין אין וואסער. די פערד גייען אלץ טיפער, און אט האלט שוין דערביי, אז די קארעטע זאל אנגעפילט ווערן מיט וואסער.

דער קוטשער איז א דערשראקענער. זיין פנים איז ווייס ווי קאלך. ר׳ מאטעלע איז אבער קאלט און רואיג.

„שטעל זיך ניט אפ און האב בטחון, אז מיר וועלן אריבער בשלום״, זאגט ער אונטער.

און איידער דער צדיק פארענדיגט נאך זיינע ווערטער, ווערט דער שטורעמדיגער טייך ווי באַרואיגט, די קריעות הערן זיך אויף ברעכן און שליסן זיך צוזאמען איינער מיט דער אנדערער, ווי זיי וואלטן צוזאמענגע־פרעסט געווארן פון אן אומגעזעענער האנט. באלד איז דאס גאנצע וואסער באדעקט מיט א שטארקער בריק פון אייז, און דעם רבי׳נס קארעטע גייט לייכט און שנעל אריבער דאס וואסער.

„און איצט, רבי, וואו פארן מיר?״ — האט דער קוטשער געפרעגט, ווען זיי זיינען געווען אויף דער צווייטער זייט.

„די פערד ווייסן דעם וועג״, איז געווען דער ענטפער.

עס האט לאנג ניט גענומען, און די פערד האבן זיך אפגעשטעלט ביי איצע׳ס ליימענער הייזקע.

„דא האלטן מיר פסח״, האט ר׳ מאטעלע געזאגט און איז ארויס פון קארעטע.

„א גוטן ערב יום טוב״, האט ר׳ מאטעלע באגריסט דעם למד־וואווניק, וועלכער איז שוין געשטאנען אויפן שוועל מקבל פנים צו זיין דעם חשוב׳ן אורח.

„איר האט מיך מנצח געווען״, האט דער למד־וואווניק געזאגט.

„איך האב אייך גארניט מנצח געווען״, האט דער טשערנאבילער גע־ענטפערט. „עס איז בלויז דערפילט געווארן אייער בקשה.״

„מיין בקשה?״ — האט דער למד וואווניק איבערגעפרעגט.

„אייער בקשה, אז פון גאט אליין זאל אייער הילף קומען״, האט ר׳ מאטעלע געזאגט פארטראכט. „ווי אנדערש וואלט איך געקענט אהער קומען, ווען דער אייבערשטער וואלט ניט געצייגט זיין גרויסע האנט?״...

„אבער דער זכות איז געווען אינגאנצן אייערער״, האט דער למד־וואווניק געזאגט. „ווען איר האט מיר אמאל געהאט איינגעטייטשט דעם קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, אז עס דארף דערביי זיין א נס, האב איך שוין געפילט דעם רמז (וואונק), אז אזא נס וועט פארקומען; און דאס איז ענדלעך טאקע געשען״...

כ.

# דער כח פון אַ מעשה׳לע.

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער און ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער קומען זיך צוזאַמען. — ווי די צוויי צדיקים האָבן אויסגעטייטשט פסוקים. — דער ריזשינער דערציילט אַ מעשה׳לע.

ווען אַזוינע צוויי ריזן, ווי ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער און ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער, טרעפן זיך צוזאַמען, איז פאַראַן פיל צו זען און פיל צו הערן. אַ באַגעגעניש פון צוויי גייסטיגע „מלכים“, צוויי גוטע אידן, מיט וועמען די וועלט האָט געקלונגען.

פאַרגעקומען איז עס אונטערוועגנס, אין אַ קליין שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָרט זיינען זיך אָנגעלאָפן חסידים פון דער „גאַנצער וועלט“. אַ קלייניגקייט, ניט אַלע טאָג פּאַסירט אַזאַ זאַך, ניט אַלע טאָג זעט מען אַזוינע צוויי גרויסע רביים פּראַווענדיג טישן צוזאַמען און אויפנעמענדיג חסידים צוזאַמען.

האָבן די צוויי צדיקים געוואָלט צייגן איינער דעם אַנדערן, וואָס זיי קענען. זיינען חסידים געווען אין גרוים התפעלות.

איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז איין טאָג זאָל איין צדיק אָננעמען קוויטלעך און דעם צווייטן טאָג דער אַנדערער.

דער ערשטער טאָג איז געווען דעם ריזשינער׳ס. האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן חסידים אין די הונדערטער. דער ריזשינער האָט זיי אַלעמען אויפגענומען און געגעבן זיין ברכה. עס איז אָבער אויך געווען אַ חסיד, וועמען דער רבי האָט זיך אָנטזאָגט אויפצונעמען.

„זאָג אים, אַז ער זאָל קומען אין אַ שעה אַרום“, האָט ר ישראל׳טשע אָנגעזאָגט דעם גבאי.

ווען דער חסיד איז געקומען אין אַ שעה אַרום, האָט דער ריזשינער אים ווידער אַוועקגעשיקט מיט ליידיגן. און אַזוי אַ דריטן און אַ פערטן מאָל. ענדלעך האָט ער אים געהייסן אַריינפירן אין חדר, וואו ר׳ מאָטעלע איז געזעסן און זיך צוגעקוקט, און דער ריזשינער האָט אים געגעבן זיין ברכה.

האָט ר׳ מאָטעלע געפרעגט דעם ריזשינער, פאַרוואָס האָט ער דעם חסיד עטלעכע מאָל אָוועקגעשיקט, און צי ליגט עפּעס אַ באַזונדערע כוונה אין דעם.

אויף דעם האָט דער ריזשינער געענטפערט:

„פאַרשטייט איר מיך, נאָך איידער איך האָב דעם חסיד אָנגעקוקט, האָב איך שוין געוואוסט, אַז ער איז אַ זינדיגער און אַז ער נויטיגט זיך אין אַ תיקון. ער האָט ענדלעך זיין תיקון געקראָגן.“

„אָבער ווי אַזוי?“ — האָט ר׳ מאָטעלע זיך געוואונדערט. „און וואָס באַדייט דאָס אָוועקשיקן אים עטלעכע מאָל?“

„אַט טאַקע אין דעם ליגט דער סוד“, האָט דער ריזשינער געענטפערט מיט אַ שמייכל. „עס איז אַ בפירוש׳ער פּסוק אין תהלים „סור מרע ועשה טוב, בקש שלום ורדפהו“ (קער זיך אָפּ פון שלעכטס און טו גוטס, זוך דעם שלום און יאָג אים נאָך). וואָס איז דער פּשט פון דעם פּסוק? ווי אַזוי קען איינער זיין אַ „סור מרע“, אָוועקקערן זיך פון שלעכטס, ווען דער יצר הרע האַלט און לאָזט ניט אָפּ? זאָגט דער פּסוק ווייטער: „ועשה טוב“, אַז דער בעסטער וועג ווי לויז צו ווערן פון יצר הרע, איז צו טאָן גוטס, ווערן גוט און פרום. אָבער ווען מען איז צו שוואַך אָוועקצוברעכן זיך פון די שלעכטע וועגן און מען האָט ניט דעם כח צו טאָן דעם אייגענעם ווילן, דאַן זאָגט דער פּסוק: „בקש שלום“, זוך די הילף פון „שלום“ (פרידן), מיט וואָס מען מיינט דעם צדיק הדור, וועלכער ווערט גערופן „איש שלום“ (דער מאַן פון פרידן). אָבער עס איז ניט גענוג, אַז מען זאָל בלויז קומען צום צדיק און ער זאָל גלייך געבן אַ תיקון. „ורדפהו“ זאָגט דער פּסוק. מען דאַרף דעם צדיק האַלטן אין נאָכיאָגן; עס דאַרף ניט אָנקומען לייכט אים צו זען. ערשט דאַמאָלט קומט די אמת׳ע באַהעפטונג מיטן צדיק און מען קריגט זיין ברכה“ . . .

„און איצט פאַרשטייט איר שוין“, האָט דער ריזשינער פאַרענדיגט, „פאַרוואָס איך האָב געלאָזט דעם חסיד זיך אָנלויפן איידער איך האָב צוגענומען זיין קוויטל?“ . . .

אויפן צווייטן טאָג, וואָס איז געווען ר׳ מאָטעלע׳ס, איז צווישן עולם געווען איינער אַן אפיקורס, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער וויל ניט געבן דעם רבי׳ן קיין קוויטל, נאָר אים עפּעס פרעגן, מיט אים זיך מתוכח זיין.

דער גבאי האָט צוערשט ניט געוואָלט אַריינלאָזן דעם אפיקורס, אָבער ווען ר׳ מאָטעלע האָט דערפון געהערט, האָט ער אים געהייסן אַריינלאָזן.

„איר האַלט זיך דאָך פאַר אַ גרויסן חכם“, האָט דער אפיקורס אָנגע־פאַנגען, „וויל איך, איר זאָלט מיר ענטפערן אויף דעם: איר גלויבט אין

ביאת משיח (אַז משיח וועט קומען). אָבער עס שטייט דאָך אין עמוס, קאַפּיטל ה׳, „נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל“ (זי איז געפאַלן, ס׳וועט מער ניט אויפשטיין, די בתולה פון ישראל), הייסט עס דאָך, אַז אידן וועלן שוין מער קיין תקומה ניט האָבן, און אַז עס איז פאַר זיי קיין דערלייזונג ניטאָ ?“

„ווייסטו אָבער ניט, אַז די גמרא דרשן׳ט גאַנץ אַנדערש דעם פּסוק ?“ האָט אים ר׳ מאָטעלע געענטפערט מיט אַ פראַגע.

„לויט דעם דרש פון דער גמרא טייטשט זיך גאָר דער פּסוק אַזוי: „נפלה לא תוסיף“, פאַלן וועט זי שוין ניט מער, „קום בתולת ישראל“, שטיי אויף, דו בתולה פון ישראל.“

„איך גלויב אָבער ניט אין דעם דרש פון דער גמרא“, האָט דער אפּיקורס זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, „און איך וויל טאַקע, אַז איר זאָלט מיר באַווייזן, אַז דער פּסוק דאַרף און קען געטייטשט ווערן, ווי די גמרא וויל“...

„אויף דעם וועל איך דיר אָנצייגן אַ פּסוק אין תהלים“, האָט דער טשערנאָבילער געענטפערט געלאַסן. „דער פּסוק זאָגט: „או לכם משכימי קום מאחרי שבת“ (ווי איז צו אייך, וואָס שטייען אויף פרי און פאַרשפּע־טיגן צו זיצן). דאָס מיינט, ווי איז צו די, וואָס שטעלן דעם „קום“ פריער און טייטשן „נפלה לא תוסיף קום“, ווי דו ווילסט עס טאָן: „מאחרי שבת“, דאַרפן דאַרף מען זעצן דעם „קום“ שפּעטער און לייענען דעם פּסוק ווי די גמרא זאָגט, „נפלה לא תוסיף“, פאַלן וועט זי ניט מער, „קום בתולת ישראל“, שטיי אויף, בתולה פון ישראל“...

דער אפּיקורס איז אַריין אין התפעלות און האָט גלייך אויפן אָרט דערקלערט, אַז ניט נאָר ווערט ער צוריק גוט און פרום, נאָר ווערט אויך אַ וואַרימער חסיד...

ווען די צוויי צדיקים האָבן זיך שוין געהאַלטן ביים צעטיילן, איז געקומען אַ חסיד מיט אַ בקשה: זיין ווייב גייט שווער צו קינד און וויל, אַז די רביים זאָלן איר געבן זייער ברכה, און ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פדיון אויפן טיש.

האָט איינער געהייסן דעם צווייטן נעמען דעם פדיון און טאָן דעם איד׳ס בקשה. האָט ר׳ ישראל׳טשע ענדלעך צוגענומען דעם פדיון און האָט אָנגעהויבן דערציילט אַ מעשה.

דאָס איז געווען די לעגענדאַרישע מעשה׳לע וועגן אַ פרוי, וואָס איז געוואָרן פאַפּסטין.

און אט ווי דער ריזשינער האט די מעשה'לע דערציילט, לויט דער חסידישער טראדיציע:

„אין שטאט רוים, וואו עס זיצט דער פאפסט, דער ראש פון אלע קאטוילישע גלחים, געפינט זיך אויך א סקאלע (שולע) פאר גלחים. האט זיך א פרוי מיט א גוטן קאפ און מיט גרויסע כשרונות פארשטעלט אלס מאן און איז געווארן א תלמיד'ה אין דער גלח'ישער סקאלע. אירע פייאיג־קייטן זיינען געווען גרויס. האט זי זיך באלד אויסגעצייכנט און איז געווארן ידועה פאר איר קענטעניש און פאר איר פרומקייט. שפעטער איז זי געווארן א גלח, נאכדעם א בישאף און פון א בישאף איז זי דערהויבן געווארן צו א קארדינאל.

„איר געשלעכט איז געבליבן א סוד. האט פאסירט, אז דער פאפסט איז געשטארבן, און מען האט געדארפט אויסקלייבן א נייעם פאפסט, איז די פרוי דערהויבן געווארן צום פאפסטלעכן טראן.

„כידוע, זיינען די גלחים גרויסע נואפים, און עס איז געקומען דערצו, אז די פאפסטין איז געווארן שוואנגער. זי איז שוין געווען אין די הויכע מאנאטן, אבער אין די פאפסטלעכע קליידער האט עס קיינער ניט געקענט באמערקן.

„דערווייל איז אנגעקומען א גרויסער חגא־טאג. אין רוים האבן זיך פארקליבן קאטויליקן פון דער גאנצער וועלט. א גרויסער באלעמער איז אויפגעשטעלט געווארן פארן פאפסטלעכן פאלאץ, פון וואנען, לויט דעם מנהג, דער פאפסט האט געזאלט האלטן א דרשה.

„האט די פאפסטין קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו דערשיינען פארן ריזיגן עולם און האלטן איר דרשה, טראץ די הויכע מאנאטן, אין וועלכע זי האט זיך געפונען.

„אינמיטן דער דרשה האט זי פלוצלונג געקראגן די ווייען, און איידער זי האט נאך צייט געהאט צו פארלאזן דעם באלעמער און צוריקצוקערן אין פאפסטלעכן פאלאץ, האט זי געבוירן א קינד — א אינגל.

„צווישן עולם האט אויסגעבראכן א מהומה. אזוינס איז נאך קיינמאל ניט געהערט געווארן. מ'סך האבן געמיינט, אז עפעס אומנאטירלעכעס איז דא געשען. זיי האבן זיך גארניט געקענט פארשטעלן, אז דער פאפסט איז א פרוי.

„פאר די קארדינאלן און די גייסטלעכע און פיל אנדערע איז אבער דער „סוד“ אנטפלעקט געווארן, און פון דאמאלט אן איז איינגעפירט געווארן דער מנהג, אז איידער מען זעצט א נייעם פאפסט ארויף אויפן טראן, זאל מען אים בודק זיין, צי ער איז א מאנספערזאן צי ניט“...

מיט דעם האט דער ריזשינער פארענדיגט זיין מעשה'לע, און זיך ווענדענדיג צום חסיד, וואס איז געשטאנען און געהערט אין גרויס פאר־וואונדערונג, האט ער צו אים אויסגערופן:

„מזל טוב, מזל טוב! דיין ווייב האט אין א גוטער שעה א אינגל געהאט!״...

ערשט איצט האט דער חסיד באגריפן, וואס דער ריזשינער איז אויסן געווען מיט זיין מעשה'לע, כאטש די מעשה גופא איז פאר אים געווען א פלא.

אבער אויך ר' מאטעלע טשערנאבילער איז געווען פארוואונדערט.

„עס איז מיר א גרויסע פלא, וואס איר האט ביי אזא געלעגנהייט דערציילט א מעשה, און נאך אזא מעשה״, האט ר' מאטעלע באמערקט.

„און ווי זייט איר זיך נוהג?״ — האט דער ריזשינער געפרעגט.

„איך טו עפעס אנדערש״, האט דער טשערנאבילער געזאגט. „עס איז ידוע, אז אין דער תורה געפינען זיך „ששים רבוי אותיות״ (זעכציג מאל צען טויזנט בוכשטאבן) און עס איז אויך ידוע, אז עס געפינען זיך „ששים רבוי״, זעקס הונדערט טויזנט אידישע נשמות, דאס מיינט, אז יעדער איד האט זיך זיין אות אין דער תורה. דארום, ווען א איד קומט צו מיר מיט א בקשה, געפין איך אויף דעם אות, וואס איז מכוון געגן זיין נשמה. איך געפין אויס, וואס דער „פגם״ (פעלער) אין אות איז, און פארריכט עס. איך בין מתפלל צו השם יתברך, און אויף אזא אופן בין איך מתקן דעם אידן'ס נשמה און אויך דעם אות אין דער תורה״...

„אייער וועג איז אבער א שווערער״, האט דער ריזשינער זיך אפגע־רופן, „אזוינס צו טאן מוז מען האבן דעם צדיק, און ניט אלעמאל קען א איד קומען צום צדיק. ניט תמיד קען ער האבן כח צו טראגן די לאסט פון זיינע זינד ביז וואנען ער האט די געלעגנהייט צו קומען צום צדיק. א מעשה'לע קען אבער יעדערער דערציילן, און די מעשה, וואס איך האב דא דערציילט, וועט העלפן, אפילו ווען א פראסטער מענטש זאל זי איבערדערציילן.״

האט דער טשערנאבילער געפרעגט:

„פון וואנען האט איר עס גענומען, אז מען קען ברענגען ישועות דורך דערציילן מעשיות?״

אויף דעם האט דער ריזשינער געענטפערט, אז ער נעמט עס פון דער תורה.

עס ווערט דערציילט אין דער תורה, אז אברהם אבינו האט געשיקט זיין קנעכט אליעזר'ן צו געפינען א ווייב פאר יצחק'ן. נאך דער באגע־

געניש, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער יונגער רבקה'ן ביים קוואַל וואַסער, איז אליעזר אָנגעקומען אין הויז פון בתואל, רבקה'ס טאַטע. עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז ווען מען האָט פאַר אליעזר'ן געגרייט דעם טיש און אים געבעטן עסן, האָט ער געזאָגט: „לא אוכל עד אם דברתי דברי" (איך וועל ניט עסן, איידער איך וועל זאָגן, וואָס איך דאַרף). אליעזר האָט דאָן דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון זיין שליחות, און ווי אַזוי ער איז געקומען אין הויז פון בתואל'ן.

„פאַרוואָס האָט אליעזר אַזוי געטאָן?" — האָט דער ריזשינער געפרעגט, „ווייל ער האָט געזען, אַז מען דאַרף פיל מתקן זיין, איידער ער וועט קענען דורכפירן די שליחות פון זיין האַר, און דער בעסטער וועג ווי מתקן צו זיין זאַכן, האָט אליעזר געוואוסט, איז דורך דערציילן אַ מעשה... און אויף דעם מאַכט טאַקע רש"י אויף אַן אָרט: „יפה שיחתן מעבדי אבות מתורתן של בנים", אַז עס איז בעסער די געוויינלעכע רייד, די מעשיות פון די קנעכט, די פּראָסטע מענטשן, ווי די תורה פון די גרויסע"...

צי ר' מאָטעלע האָט אויף דעם געענטפערט, ווערט ניט דערציילט. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז דער ריזשינער האָט דאָ אָנגעטראָפן ניט נאָר ר' מאָטעלע'ן, נאָר אויך פיל אַנדערע צדיקים פון זיין צייט, וואָס זיינען נאָך געשטאַנען הויך איבערן פאָלק און געזוכט די סודות אין דער טיפקייט פון דער תורה און פּרובירט מתקן זיין זאַכן דורך פאַרבאָרגענע וועגן.

ר' מאָטעלע אַליין איז געווען איינער, וואָס האָט די חסידישע לערע געבראַכט נענטער צום פאָלק, איר געמאַכט פּשוט'ער און פאַרשטענדלעכער און צוטריטלעכער פאַר די מאַסן.

דער ריזשינער האָט אָבער שוין געוואָלט גיין אַ טריט ווייטער און אפילו די דרכים פונם צדיק גופא מאַכן פאַרשטענדלעכער, זיי מאַכן פּשוט'ער.

זאָל דער פּשוט'ער איד ניט נאָר זען און וויסן, ווי אַזוי דער צדיק ברענגט ישועות, נאָר זאָל אויך קענען אַליין די ישועות ברענגען, נאָכטוענדיג דעם צדיק, איבערדערציילנדיג די מעשיות, וואָס ער הערט פון צדיק.

און אַזוי ווי ווייט חסידים האָבן געגלויבט אין דעם כח פון מעשה'לעך, צייגט דער פאַקט, וואָס אַט טאַקע די אויבנאַיבערגעגעבענע מעשה'לע ווערט פון חסידים געהאַלטן אַלס גרויסע סגולה פאַר פרויען, וואָס גייען שווער צו קינד.

חסידים גלויבן, אַז עס איז גענוג די מעשה'לע צו דערציילן, און אַ געווינעריין זאָל גלייך איבערקומען . . .

## כא.

# די גנבה.

די וואונדער פון טשערנאָבילער מגיד. — פאַרהיט אַ חסיד פון אַ בלבול. — אַ מעשה מיט אַ למד־וואָווניק.

חסידים פלעגן זאָגן, אַז אין טשערנאָבילער הויף האָט מען געזען מופתים אויף שריט און טריט. פאַר ר׳ מאָטעלע׳ן איז קיין זאַך ניט געווען אוממעגלעך. אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן זיינען פאַר אים געווען אַנטפּלעקט.

איין קוק אויף אַ חסיד, און ער האָט געוואוסט אַלץ, וואָס מיט אים וועט פאַרקומען. דער עבר און דער עתיד (די פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט) זיינען פאַר אים ווי אַן אָפענער בוך געווען. און אַ חסיד האָט גאָר צו אים ניט געדאַרפט קומען — ר׳ מאָטעלע האָט געוואוסט די באַדערפענישן פון זיינע חסידים פון דערווייטנס.

האָט ר׳ מאָטעלע דעריבער געקענט זיינע חסידים פאַרהיטן פון אומגליקן און זיי אין צייט וואָרענען געגן אַן אַנקומענדיגער געפאַר, פון וועלכער קיינער, אויסער ער אַליין, האָט ניט געוואוסט. ניט אַלע מאָל האָט איינער געוואוסט, וואָס דער צדיק האָט פאַר אים געטאָן. האָט מען זיך אָבער פון דעם דערוואוסט, האָט מען ערשט געזען זיין גרויסקייט.

ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

דער טשערנאָבילער איז געווען אונטערוועגנס און איז אין איינעם פון די שטעטלעך, ניט ווייט פון קיעוו, אַריינגעפאָרן צו אַ רייכן חסיד. דער חסיד, ווי דער שטייגער, האָט געמאַכט אַ גרויסן פאַראַד און האָט דעם צדיק אָפּגעגעבן גרויס כבוד. ווען דער רבי האָט שוין געהאַלטן ביים אוועקפאָרן, האָט דער חסיד אים געגעבן אַ גרויסע מטבע און אַנדערע ווערטפולע מתנות.

ווען אַ חסיד גיט זיין רבי׳ן אַ מתנה, גיט ער עס מיט אמת׳ער שמחה און מיט אַ ברייטער האַנט. פאַרן רבי׳ן איז ער קיינמאָל ניט קאַרג.

צו דעם חסיד׳ס גרויסער איבעראַשונג האָט ר׳ מאָטעלע געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט ניט געווען צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט אים געגעבן.

„איך האָב ביי דיר געזען אַ גאָלדענעם סערוויז, גאָלדענע בעכערס און אַנדערע טייערע חפצים", האָט דער טשערנאָבילער אַ זאָג געטאָן.

„איר מיינט די כלים, וואָס איך האָב מיט אַ וואָך צוריק געקויפט אין קיעוו?" — האָט דער חסיד געפרעגט פאַרוואונדערט.

„יאָ, אָט זיי מיין איך", האָט דער צדיק געזאָגט.

„איך האָב פאַר זיי באַצאָלט אַ פיינע אַפּותיקי", האָט דער חסיד אונטערגעכאַפּט, ניט וויסנדיג צוליב וואָס דער צדיק דערמאָנט עס. „איך האָב זיך זיי איינגעשאַפט פאַר אייער כבוד וועגן, וויסנדיג, אַז איר וועט אויף אייער נסיעה זיך אָפּשטעלן ביי מיר אין הויז."

„דאָס איז טאַקע זייער פיין", האָט ר' מאָטעלע באַמערקט. „איצט וויל איך, אַז דו זאָלסט איינפּאַקן אָט די אַלע חפצים און מיר זיי אַוועק־שענקען. איך וויל זיי מיטנעמען מיט זיך."

דער חסיד איז געבליבן אַ געפּלעפטער. אָבער גיי זאָג אָפּ דעם רבי'ן, ווען ער אַליין זאָגט, אַז ער וויל זיי האָבן.

ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער רבי פאַרלאַנגט פון אים אַזאַ גרויסע מתנה, חפצים וואָס באַטרעפן אַ פאַרמעגן. אָבער ער האָט זיין פאַרלאַנג אַרויסגעזאָגט, און זיין פאַרלאַנג האָט געמוזט דערפילט ווערן.

האָט דער חסיד זיך געביסן די ליפּן און געטאָן, וואָס דער צדיק האָט פון אים פאַרלאַנגט: איינגעפּאַקט די טייערע חפצים און זיי אַליין אַרויס־געטראָגן און אַריינגעלייגט אין רבי'נס קאַרעטע.

אין אַ ווײַלע שפּעטער איז ר' מאָטעלע אַוועקגעפאָרן, בענטשנדיג פאַר זיין אָפּפאָרן דעם חסיד און זיין הויזגעזינד.

אין דערזעלביגער נאַכט איז דעם חסיד'ס הויז באַפאַלן געוואָרן פון פּאָליציי און אַ שטרענגער „אָביסק" (הויז־זוכונג) איז געמאַכט געוואָרן.

„וואו האָסטו באַהאַלטן דעם גאָלדענעם סערוויז, די בעכערס און די אַנדערע חפצים, וואָס דו האָסט געבראַכט פון קיעוו?" — האָט דער עלטסטער פון דער פּאָליציי געפאָדערט.

„וואָס־עפּעס פרעגסטו מיך אַזאַ פראַגע?" — האָט דער חסיד זיך געזוכט אויסצודרייען, וואונדערנדיג זיך וואָס דאָ איז געשען.

„מאַך זיך ניט תם'עוואַטע", האָט דער עלטסטער געדונערט. „דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זיינען גע'גנב'עטע זאַכן און ווייסט אויך צו וועמען זיי געהערן — זיי זיינען אַרויסגע'גנב'עט געוואָרן פון גראַף באָברינסקי'ס פּאַלאַץ."

דער חסיד איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער, און געציטערט האָט ער איצט ניט פאַר זיך: ער האָט די חפצים ביי זיך ניט געהאַט. זיי קענען

זיך נאָך אָבער דערוויסן, אַז דער טשערנאָבילער מגיד האָט זיי, און זיי וועלן זיך אַ לאָז טאָן צו אים, און ווער ווייס וואָס עס קען נאָך געשען. דער צדיק וועט נאָך אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ צרה, און אַלץ דורך אים.

„איך ווייס פון קיין זאַך ניט", האָט דער חסיד זיך פּרובירט פאַר־טיידיגן. „ניט איך האָב אַזוינע חפצים געקויפט און ניט איך ווייס וואו זיי זיינען."

„דאָס וועט דיר ניט העלפן", האָט דער עלטסטער אים אָנגעהויבן סטראַשען.

„דער גנב איז געכאַפּט געוואָרן און האָט זיך מודה געווען. מיר ווייסן צו וועמען ער האָט עס פאַרקויפט, און ווי אַזוי דאָס איז געקומען צו דיר."

דער חסיד האָט אָבער געלייקנט שטיין און ביין, האַרטנעקיג אין זינען, אַז ער מוז שיצן דעם טשערנאָבילער צדיק.

דער חסיד איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַרעסט און איז, אַ גע־שמידטער אין קייטן, אָפּגעפירט געוואָרן אין קיעוו.

שעה'ן לאַנג איז ער געווען איינגעשלאָסן הינטער גראַטעס און ניט געוואוסט וואָס מיט אים וועט געשען, וואָס אים דערוואַרט. זיין איינציגע זאָרג איז געווען וועגן טשערנאָבילער מגיד.

באַלד האָט ער דערהערט, ווי די טיר שליסט זיך אויף. אַ פּאָליציאַנט איז אַריין און אים געהייסן מיטגיין מיט אים. דער חסיד איז געווען זיכער, אַז דאָ וועט מען אים באַלד נעמען אויף אַ פאַרהער און אודאי שטאַרק מאַטערן, ביז וואַנען ער וועט זיין געצוואונגען זיך מודה צו זיין. ער איז אָבער געווען ביי זיך פעסט אַנטשלאָסן אונטער קיינע אומשטענדן גאָרניט צו זאָגן און לייקענען שטיין און ביין, כדי דערמיט צו פאַרהיטן דעם רבי'ן פון אַ צרה.

און מיט די דאָזיגע געדאַנקען איז ער אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ זאַל, וואו עס איז געזעסן אַ הויכער באַאַמטער אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, איבער וועמעס קאָפּ עס איז געהאָנגען דעם קייזער'ס בילד.

אויפן חסיד איז אָנגעפאַלן אַ פחד. אָט דאָ קומט באַלד די שטרענגע אויספאָרשונג.

אָבער אַנשטאָט דער באַאַמטער זאָל צו אים ריידן האַרב, האָט ער אים אויפגענומען פריינטלעך, גוטמוטיג און זיך אים געהייסן זעצן.

דער חסיד איז געווען איבערראַשט. אַזאַ גוטע באַהאַנדלונג האָט ער ניט דערוואַרט.

„איך וויל דיר מעלדן", האָט דער באַאַמטער אין מונדיר מיט די

גאַלדענע קנעפּ געזאָגט. „אַז דו ביסט פריי און וויל זיך פאַר דיר אַנטשול־דיגן פאַרן טעות, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן."

„פאַרן טעות?"— האָט דער חסיד איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט זיינע אויערן ניט געוואָלט גלייבן.

„יאָ, עס איז אינגאַנצן געווען אַ טעות", האָט דער עלטסטער געזאָגט. „כאָטש דערקלערלעך איז די זאַך ניט אינגאַנצן. גראַף באַברינסקי האָט געהאַט געמאָלדן וועגן דער גנבה און נאָך אַ לאַנגער און שטרענגער פאַר־שונג איז מען דאָכט זיך אַליין דערגאַנגען. מיר האָבן געכאַפּט דעם גנב, אַמווייניגסטן דעם, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַרן גנב. מיר האָבן אויס־געפונען צו וועמען ער האָט די גנבה פאַרקויפט, און דאַן נאָכגעגאַנגען דעם שפּור ביז צו דיין הויז. אָבער נעכטן ביינאַכט האָט דער גראַף פּלוצלונג דערזען, אַז די אַלע חפצים, וואָס ער האָט געמעלדעט אַלס גע'גנב'עט, שטייען אויף זייערע אַלטע פּלעצער ווי זיי וואָלטן פון דאָרט קיינמאָל ניט גערירט געוואָרן. ער האָט זיך זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט, אָבער עס האָט קיין צווייפל ניט געקענט זיין. די גנבה, אויב זי איז אינגאַנצן באַגאַנגען געוואָרן, איז צוריקגעקערט געוואָרן.

„ווי אַזוי דאָס איז געשען, וואָס עס האָט פּאַסירט, ווייס קיינער ניט. אָבער עס איז קיין אונטערשיד ניט, אַלנפאַלס ניט פאַר דיר: דו ביסט פריי און האָסט אונזער אַנטשולדיגונג."

דער חסיד האָט מער ניט געדאַרפט. ער איז באַלד געווען אויפן וועג צוריק אַהיים. ערשט דאַמאָלט איז אים איינגעפאַלן וואָס דאָ איז געשען. דער טשערנאָבילער האָט אים פאַרהיט פון אַן אומגליק. אויף אַ וואונדער־לעכן אופן האָט ער די חפצים צוריקגעקערט אויף זייער פריערדיגן פּלאַץ, צו זייער אייגנטימער אין הויז, און געראַטעוועט דעם חסיד פון אַ בלבול...

און דער טשערנאָבילער איז תמיד גרייט געווען צו העלפן די, וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין הילף, האָבן עס אפילו געמעגט זיין פרעמדע אידן, חסידים פון אַנדערע רביים. און האָט זיין הילף געזאָלט זיין נאָר אַן אינ־דירעקטע.

ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צום רבי'ן ר' לייב, וועלכער איז געווען באַקאַנט איבער דער חסידישער וועלט אַלס דער „שפּאָלער זיידע", און פון אים געבעטן זיין ברכה. דער חסיד איז געווען אַ גרויסער נצרך און געוואָלט, אַז דער „שפּאָלער זיידע" זאָל אים העלפן.

„איך קען פאַר דיר גאָרניט טאָן", האָט אים דער „שפּאָלער זיידע" געענטפערט. „דער איינציגער, וואָס קען דיין בקשה דערפילן, איז זלמן דער

שניידער אין בערדיטשעוו. פאַר קיין בערדיטשעוו און זע אויב דו קענסט ניט פועל'ן ביי זלמן'ען, אַז ער זאָל דיר געבן זיין ברכה."

דער „שפּאָלער זיידע" האָט אים אָנגעגעבן דאָס פּלאַץ, וואו זלמן דער שניידער געפינט זיך, און האָט אים אָנגעזאָגט, ווי אַזוי ער זאָל צו אים צוטרעטן.

„זלמן וועט זיך לחלוטין אָנטזאָגן פאַר דיר עפּעס צו טאָן", האָט אים דער „שפּאָלער זיידע" געזאָגט. „ער וועט זאָגן, אַז דאָס האָב איך פון דיר חוזק געמאַכט, וואָרים ווי קומט ער צו אַזוינע זאַכן? ער איז ניט מער ווי אַן אָרימער און עם־הארצותדיגער שניידער, וואָס קען גאָרניט און ווייס גאָרניט."

„אָבער דו לאָז אים ניט אָפּ", האָט דער „שפּאָלער זיידע" אָנגעזאָגט דעם חסיד. „לאָז זיך ביי אים נייען אַ בגד און אַט ווען וועסטו האָבן אַ סימן. אויב ער וועט דיר ביים אָנפּאַסן דעם בגד זאָגן, אַז עס ליגט אויף דיר ווי אויסגעגאָסן, זאָלסטו וויסן, אַז עס איז אַן עת רחמים, און דיין בקשה וועט דערפילט ווערן. וועט ער אָבער זאָגן, אַז עס ליגט ניט גוט, זאָלסטו וויסן, אַז ער וויל דיר ניט העלפן, און פּרוביר דאַן ווידער צו אים צושטיין."

דער חסיד האָט געטאָן, וואָס דער „שפּאָלער זיידע" האָט אים אָנגע־זאָגט. ער איז אַוועק קיין בערדיטשעוו און אויפגעזוכט זלמן דעם שניי־דער, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ פאַרוואָרפן געסל, אין אַן אָרימען און פינסטערן קעלער, און דאָרט געטאָן זיין אַרבעט.

אַ קליין־געוויקסיג און דאַר מענטשל איז געווען דער זלמן, אָבער מיט פריינטלעכע און שמייכלדיגע אויגן און מיט אַ גוטמוטיגן פּנים.

דער חסיד האָט אים געזאָגט נאָך וואָס ער איז צו אים געקומען.

„פריער גאָט און נאָכער איר, ר' זלמן", האָט ער זיך געבעטן.

זלמן האָט זיך צוערשט צעלאַכט, ווי דאָס וואָלט אים שטאַרק הנאה געטאָן. נאָכער איז ער געוואָרן בייז, ווי אים וואָלט שוין די מעשה פאַרדראָסן.

„וואָס עפּעס צו מיר!" — האָט ער זיך געבייזערט, „ווער בין איך און וואָס בין איך? ווי קען איך, אַן אָרימער און אומוויסנדער שניידער, עפּעס טאָן פאַר אייך?"

דער חסיד האָט שוין געזען, אַז ער וועט מוזן גיין ווייטער, און ער האָט זיך געלאָזט נייען ביי אים אַ בגד. זלמן האָט אים אַ מאָס גענומען און אים געהייסן קומען אין אַ פּאָר טעג שפּעטער אָנצומעסטן דעם מלבוש.

ווען דער חסיד איז געקומען אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט ער ביים שניי־דער געטראָפן זיצנדיג אַן אומבאַקאַנטן אידן, אין אַ לאַנגער, אַטלעסענער

זשופּיצע, מיט אַ שטריימל און מיט אַן אויסזען פון זייער אַ בכבודיגן מענטשן.

דער חסיד האָט געדענקט, אַז דאָס איז איינער פון דעם שניידער'ס קונדן, וועלכע נייען זיך ביי אים מלבושים.

דער שניידער האָט געלאָזט זיצן דעם אומבאַקאַנטן אידן און אָנגע־הויבן אָנפּאַסן דעם חסיד זיין מלבוש.

דער חסיד איז געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און געוואַרט, וואָס דער שניידער וועט זאָגן. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט.

ענדלעך האָט זלמן געבראָכן די שטילקייט:

„עס טויג אויף צען כפּרות!" — האָט ער אַרויסגעמורמלט...

דעם חסיד איז אַריבער אַ קעלט איבערן לייב.

„ניין, איר מוזט מיר העלפן", האָט ער אויסגעשריען. „איך וועל פון דאַנען ניט אַוועק ביז איר זאָגט מיר ניט צו, אַז מיין בקשה וועט דערפילט ווערן!"

זלמן איז געוואָרן אויסער זיך.

„געהערט אַביסל", האָט ער זיך צעשריען. „אַ איד טשעפּעט זיך אָן, איך זאָל אים העלפן. ווי זאָל איך אים העלפן, אַז איך קען זיך אַליין ניט העלפן! ווער בין איך און וואָס בין איך?"

„אָט, זאָל יענער איד זאָגן!" — האָט זלמן זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אָנדייטנדיג אויפן אידן אין שטריימל, „זאָל ער זאָגן, אויב איך קען עפּעס טאָן פאַר אייך."

דער איד אין שטריימל האָט אַ שמייכל געטאָן.

„אַ איד בעט אַ ברכה, גיט מען אים אַ ברכה", האָט ער געזאָגט. „וואָס זשאַלעוועט איר אים?"

„אבער ווי קומט אַזאַ פּראָסטער איד ווי איך צו געבן ברכות?" — האָט דער שניידער זיך נאָך אַלץ געבייזערט.

„שטייט דאָך עפּעס „אַל תהיה ברכת הדיוט קלה בעיניך" (די ברכה פון אַ פּראָסטן מענטשן זאָל ביי דיר ניט זיין צו קליין)", האָט דער איד אין שטריימל באַמערקט, און אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים.

דער שניידער האָט זיך פאַרטראַכט.

„מיר וועלן זען", האָט ער געזאָגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

„פאָרט אַהיים", האָט ער ענדלעך געזאָגט צום חסיד. „איך וועל וועגן דעם ענין איבערטראַכטן."

דער חסיד איז אַהיימגעפאָרן. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז דורך זיין שטעטל דורכגעפאָרן דער טשערנאָבילער מגיד, ר' מאָטעלע.

הונדערטער אידן זיינען זיך אַנגעלאָפן און זיך געריסן צום צדיק, ער זאָל זיי בענטשן.

אונזער חסיד איז אויך געווען צווישן זיי און האָט געוואָלט האָבן דעם טשערנאָבילער'ס ברכה.

ניט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען צו גרייכן דעם רבי'ן. ענדלעך איז ער שוין געשטאַנען פאַר אים. און ווי גרויס איז געווען זיין איבער־ראַשונג — דער טשערנאָבילער צדיק איז געווען דערזעלביגער איד אינם שטריימל, וואָס ער האָט געזען ביי זלמן דעם שניידער אין בערדיטשעוו.

„מיר האָבן זיך שוין פריער באַגעגנט", האָט דער טשערנאָבילער אָנ־געפאַנגען, איידער דער חסיד האָט נאָך אַ וואָרט געקענט אַרויסזאָגן. „איר האָט זיך גאָרניט געדאַרפט באַמיען צו מיר צו קומען. ר' זלמן האָט שוין אייער בקשה דערפילט."

„איך דאַרף אָבער אייך פאַר דעם דאַנקען", האָט דער חסיד אונ־טערגעכאַפּט.

„ניין, ר' זלמן'ען", האָט דער טשערנאָבילער געזאָגט. „איך האָב אים אפשר דערצו צוגערעדט, אָבער עס איז אינגאַנצן געווען אין זיין זכות, וואָס איר זייט געהאָלפן געוואָרן"...

דער טשערנאָבילער האָט אין זיין עניוות אפילו קיין דאַנק ניט געוואָלט האָבן...

כב.

# זכות אָבות.

אַ צדיק'ס טענות צום רבונו של עולם. — דער שליח אויף יענער וועלט. — דעם טשערנאָבילער'ס חלאת. — אַ שווערע קשיא פאַרענטפערט.

דעם חסיד'ס אמונה אין רבי'ן איז אומבאַגרענעצט. דער צדיק איז פאַר אים דער הכל יכול (וואָס קען אַלץ), און עס פאַלט אים גאָרניט איין צו צווייפלען אין דעם רבי'נס כח. ווער רעדט נאָך, ווען דער רבי איז אַ גרויסער מיוחס. ער קען דאַמאָלט מיטן כח פון זיין זכות אָבות אַליין אויפטאָן וואונדער...

וואָרים זכות אבות, פאַרשטייט איר, איז גאָר אַ גרויסער ענין. בעטן דאָך אידן תמיד, אַז דער אייבערשטער זאָל טאָן מיט זיי חסד צוליבן זכות פון זייערע אבות — אברהם, יצחק און יעקב...

דער ריזשינער, למשל, פלעגט זאָגן, אַז דער זכות פון זיינע אייגענע אבות איז אַזוי גרויס ווי דער זכות פון די אבות פון גאַנצן כלל ישראל.

ר' מאָטעלע טשערנאָבילער איז געווען פון ניט קיין קלענערן יחוס און האָט ניט ווייניגער געהאַלטן פון זיין אייגענעם זכות אבות. שוין מיטן זכות פון זיין טאַטן, ר' נחום, האָט ער געגלויבט, דאַרף ער קענען וועלטן איבערקערן. האָט ער טאַקע געוואָלט אויפטאָן גאָר גרויסע זאַכן. און וואָס קען דען זיין גרעסער ווי אַרונטערברענגען משיח'ן?

אידן מאַטערן זיך שוין אַזוי לאַנג אין גלות. אַ סך פאַרזוכן צו ברענגען די גאולה האָבן צו גאָרניט געפירט. דאַרף מען אַליין צייגן, וואָס מען קען. און ר' מאָטעלע האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף עס קענען, אויב ניט מיט זיין אייגענעם כח, איז מיטן כח פון זיין גרויסן טאַטן, וועלכער איז שוין געווען אויפן עולם האמת.

געקומען איז ר' מאָטעלע צום דאָזיגן גרויסן געדאַנק, דערציילן חסידים, ווען ער האָט אויסגעהערט די טענות, וואָס די באַרימטע רביים פון זיין צייט, דער „שפּאָלער זיידע" און ר' ישראל'טשע ריזשינער, האָבן געהאַט צום רבונו של עולם.

דער „שפּאָלער זיידע" האָט זיך אויף אַזאַ אופן אויסגע׳טענה׳ט מיטן אייבערשטן:

„רבונו של עולם! ווי איך זע, האַלטסטו דיינע אידן אין גלות נאָר אויס עקשנות. זאָגסט צו זיי: שבו אלי ואשובה אליכם — טוט צוערשט תשובה, און איך וועל דערנאָך צו אייך זיך אומקערן. הייסט עס, אַז צוערשט ווילסטו זאָלן אידן תשובה טאָן און דערנאָך וועסטו שיקן משיח׳ן. די אידן זאָגן אָבער אַנדערש: השיבנו אליך ונשובה — נעם אונז פריער צו דיר און מיר וועלן נאָכער תשובה טאָן. דאָס מיינט, אַז צוערשט דאַרפן זיי אויסגעלייזט ווערן פון גלות און דערנאָך וועלן זיי ווערן גוט און פרום. וואַרטסטו דוקא ביז דו וועסט אויספירן דיינס. שווער איך אָבער ביי מיין באָרד און פּאות, אַז אידן וועלן ניט תשובה טאָן איידער די גאולה קומט... צוערשט וועסטו מוזן שיקן משיח׳ן, און ערשט דאַמאָלט וועלן אידן דיר ווערן טריי און איבערגעבן"...

דער „שפּאָלער זיידע" איז געווען באַקאַנט אַלס עקשן. זיין עקשנות איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו קעגן דעם אייבערשטן האָט ער געוואָגט זיך שטעלן. ער האָט ממש געוואָרפן דעם אייבערשטן דעם „גט" אין פּנים און באַשטאַנען, אַז שולדיק אין לאַנגן גלות זיינען ניט די אידן, נאָר גאָט ברוך הוא אַליין...

דער ריזשינער האָט געהאַלטן מיטן שפּאָלער זיידן און האָט אויך געגעבן די אידן גערעכט. באַוויזן האָט ער עס פון דעם „ומפני חטאינו גלינו מארצינו" (פאַר אונזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער לאַנד). „ומפני", האָט דער ריזשינער געזאָגט, מיינט „איידער", ס׳הייסט, אַז „ומפני חטאינו", נאָך איידער די אידן האָבן געזינדיגט, איז שוין אויף זיי נגזר געוואָרן, אַז זיי זאָלן פאַרטריבן ווערן אין גלות. אַ באַווייז איז דאָך, וואָס גאָט האָט נאָך אברהם אבינו׳ן מודיע געווען (ביים ברית בין הבתרים), אַז אידן וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות...

האָט דערפאַר דער ריזשינער געהאַלטן, אַז דער אייבערשטער דאַרף די אידן צייגן דעם חסד, וואָס ער זאָל זיי אויסלייזן פון גלות, איידער זיי האָבן נאָך תשובה געטאָן, פּונקט ווי ער האָט געהאַט באַשלאָסן זיי צו פאַרטרייבן אין גלות איידער זיי האָבן נאָך געהאַט געזינדיגט...

האָט אָבער ר׳ מאָטעלע ביי זיך געטראַכט, אַז פון פירן עקשנות מיטן רבונו של עולם וועט גאָרניט אַרויסקומען און האָט געוואָלט מאַכן אַ פּשרה... מפצה זיין גאָט פאַר די זינד פון פאָלק ישראל מיטן זכות פון די אבות.

„שוין זשע איז דער זכות פון אַזאַ גרויסן צדיק ווי מיין טאַטע ניט גענוג בייצושטיין דעם גאַנצן כלל ישראל?" — האָט ער געפרעגט.

און ווען אויף זיין שאלה איז קיין תשובה ניט געקומען, האט ר' מאטעלע דירעקט זיך אנגעהויבן רופן צו זיין טאטן, וועלנדיג אויסגעפינען פארוואס ער אליין שווייגט און טוט גארניט מקרב צו זיין די גאולה.

האט זיך געמאכט א געשיכטע, און ר' מאטעלע האט אויסגעפונען דעם סוד, פארוואס די גרויסע צדיקים אויפן עולם האמת, און זיין טאטע בתוכם, טוען גארניט פארן כלל ישראל און פארגעסן אפט אפילו אן יחידים, ממש אן זייערע אייגענע קינדער.

ומעשה שהיה כך היה:

ר' מאטעלע איז אמאל קראנק געווארן, און טאקע אזוי קראנק, אז ער איז געווען אין סכנה מיט זיין לעבן.

מען האט גערופן דאקטוירים, און זיי האבן גאר ניט געקענט טאן פארן חולה. האט מען געשיקט נאך פראפעסארן קיין קיעוו, און זיי האבן אויך ניט געהאלפן. עס האבן אפילו ניט געהאלפן די „פדיונות", וואס מען האט געשיקט צו די אנדערע רביים פון יענער צייט.

די בני בית און די חסידים זיינען געווען אין גרויס צער. מען האט געהאלטן אין מתפלל זיין, זאגן תהלים און אנגעווענדט פארשידענע תחבולות, אבער אנשטאט צו ווערן בעסער, איז דעם צדיק געווארן ערגער פון טאג.

האט מען אנגעהויבן גיין אויפן קבר פון ר' מאטעלע'ס טאטע, ר' נחום. מען האט מתפלל געווען און אפילו א קוויטל איבערגעלאזט. אבער דאס האט אויך ניט געהאלפן.

איז מען געווען אויסער זיך. סטייטש, האט דען ר' נחום פארגעסן אז זיין זון, וועמען ער האט פארן לעבן אזוי ליב געהאט, און דורך וועמען ער האט געוואלט באפעסטיגן די חסידישע מלוכה, פון וועלכער ער האט כל ימיו גע'חלום'ט?

איינער פון ר' מאטעלע'ס משמשים (באדינער) איז געווען ר' לייב, א איד א זקן, וואס האט נאך משמש געווען ר' נחום'ען. ר' לייב איז באזונדערס געווען צוגעבונדן צו ר' מאטעלע'ן, וועמען ער האט ממש אויסגעהארעוועט אויף זיינע הענט.

ר' לייב האט זיך שטארק מצער געווען פון ר' מאטעלע'ס קראנקהייט. ניט איינמאל האט ער געבעטן דעם טויט אויף זיך אלס א כפרה פארן גרויסן צדיק.

„דאס, וואס ר' נחום שווייגט און טוט גארניט פאר זיין זון", האט ר' לייב געזאגט, „איז עפעס ניט גלאטיג. ווארים איך ווייס ווי גרויס זיין ליבע איז געווען צו ר' מאטעלע'ן."

„איך וואָלט אַ בּעלן געווען זיך מיט אים אַליין דורכשמועסן“, האָט ר׳ לייב ווייטער געזאָגט און אַ געדאַנק האָט אויפגעבּליצט אין זיין מח, אַז עס וואָלט גאָר ניט געווען פון וועג אויב ער זאָל עס טאַקע טאָן...

„איך בּין שוין אַלט, האָב שוין מיינע יאָרן אָפּגעלעבּט“, האָט ער געזאָגט. „סיי ווי וועט מיין לעבּן גאָר ניט ווערט זיין, זאָל חס וחלילה קומען דערצו, אל תפתח פה לשטן, אַז דער צדיק זאָל שוין פון בּעט ניט אַרונטער. וועל איך מיך בּעסער אַריבּערטראָגן אויפן עולם האמת בּאַ־צייטנס, און אויב איך אַליין וועל ניט קענען דינען אַלס כּפּרה פאַרן צדיק, וועל איך כאָטש קענען דאָרט גרייכן ר׳ נחום׳ען און וועל אים שוין ניט אָפּלאָזן בּיז ער וועט ניט פּועל׳ן, אַז אַ רפואה שלמה זאָל געשיקט ווערן פאַר זיין קראַנקן זון“...

חסידים האָבּן עס געהערט און ר׳ לייבּ׳ן אָנגעקוקט אין שטוינען. אָבּער אַז זיי האָבּן זיך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין האָבּן זיי איינגעזען, אַז דאָס וואָלט גאָר ניט געווען אַזאַ קרומע זאַך. קיינער האָט אָבער ניט געוואָלט זאָגן קיין וואָרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ אויסערגעוויינלעכע און אומגעהערטע שליחות אויף יענער וועלט...

ר׳ לייב האָט משמעות ניט געוואוסט פון קיין חכמות, וואָרום באַלד איז ער קראַנק געוואָרן און מען האָט געקענט זען, אַז ער איז אַ נוטה למות.

„גייט צו ר׳ מאָטעלע׳ן“, האָט ר׳ לייב אָנגעזאָגט די וואָס זיינען אַרום זיין בּעט געשטאַנען, „און בּעט אים ער זאָל אָנשרייבּן אַ בּריוול צו זיין טאַטן. איך וועל דעם בּריוו מיטנעמען מיט זיך“...

אַזאַ זאַך האָט מען נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געהערט. אָבער וואָס טוט מען ניט צו ראַטעווען אַ גרויסן צדיק?

האָט מען גע׳פּועל׳ט בּיי ר׳ מאָטעלע׳ן, אַז ער זאָל פון זיין קראַנקן בּעט אָנשרייבּן דעם בּריוול וואָס ר׳ לייב האָט פאַרלאַנגט און מען האָט עס געבּראַכט דעם אַלטן משמש.

ר׳ לייב האָט דעם בּריוול אין האַנט גענומען און אויף זיין פּנים האָט זיך אַ שמייכל צעגאָסן.

„איצט קען איך רואיג שטאַרבּן. איך וועל מיין שליחות ריכטיג דער־פילן“, און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט ר׳ לייב אויסגעהויכט זיין נשמה, האַלטנדיג צוזאַמענגעדריקט אין זיין פויסט ר׳ מאָטעלע׳ס בּריוול צו זיין טאַטן אויפן עולם האמת...

מיטן בּריוול אין האַנט האָט מען ר׳ לייבּ׳ן געבּראַכט צו קבר ישראל און חסידים האָבּן אָנגעהויבּן וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון ר׳ לייבּ׳ס שליחות.

עס איז אוועק א טאג, צוויי, א וואך, א צווייטע וואך און דאן א חודש און מער, און אין ר' מאטעלע'ס מצב איז קיין ענדערונג ניט פאר־געקומען. פארקערט. עס איז גאר געווען צו זען, אז ער ווערט שוואכער.

און מיט אמאל איז ר' מאטעלע געווארן אזוי שוואך, אז עס האבן אים שוין אנגעהויבן אויסגיין די כחות. עס האט ממש געהאלטן ביי יציאת נשמה.

עס איז געווארן א יללה. חסידים האבן זיך געבאדן אין טייכן טרערן.

אבער פלוצים האט דער גוסס, מעשה נס, אנגעהויבן שוויצן, געעפנט די אויגן און אנגעפאנגען אטעמען פרייער, לייכטער, און דער צדיק האט זיך אנגעהויבן בעסערן פון מינוט. עס איז קיין טאג ניט פאריבער און ר' מאטעלע איז שוין געווען שטארק גענוג ארונטערצוגיין פון בעט...

דער צדיק האט דאן געפראוועט א גרויסע סעודה, צו וועלכער עס זיינען זיך אנגעקומען חסידים פון דער „גאנצער וועלט".

דער גרויסער עולם איז געווען נייגעריג צו וויסן וואס עס האט פאסירט מיט ר' לייב'ן און וואָרום עס האט אים אזוי לאנג גענומען דורכ־צופירן זיין שליחות. ר' מאטעלע אליין האט דעם ענטפער געגעבן.

„ר' לייב האט טאקע זיין שליחות אויסגעפירט", האט ר' מאטעלע דערציילט. „ער איז געקומען אויפן עולם האמת מיטן בריוול און האט זיך גלייך ארויסגעלאזט זוכן מיין הייליגן טאטן... ער האט אבער צו מיין טאטן ניט געקענט צוקומען, ווארים ער געפינט זיך ארומגערינגלט פון „שרפים און חיות הקודש" (הייליגע מלאכים) און ניט קיין אבי וועלכע נשמה קען אים גרייכן. האט ר' לייב געמוזט בלייבן ווארטן אין דרויסן. אזוי האט ער געווארט מיטן בריוו אין האנט וואכן לאנג. און ווער ווייסט ווי לאנג ער וואלט נאך געדארפט ווארטן. האט אבער פאסירט, אז מיין הייליגער טאטע האט געדארפט אריבערגעפירט ווערן צו א העכערער מדרגה אין גן עדן, און ר' לייב האט געהאט א געלעגנהייט אים צו זען".

„— רבי, רבי," — האט ר' לייב אנגעהויבן רופן אויפן קול — און דער טאטע האט זיך אומגעקוקט.

„— ווער ביזטו?" — האט ער אים געפרעגט.

„ר' לייב איז געווען פארוואונדערט וואס דער טאטע דערקענט אים ניט.

„— איך בין דאך אייער משמש לייב! — האט ער אים געזאגט. — איר דערקענט מיר גאר ניט?

„— איך הויב מיך אן דערמאנען", — האט דער טאטע געזאגט.

„— איך האב צו אייך א בריוו פון אייער זון, ער איז זייער קראנק

און נויטיגט זיך אין רחמים", — האָט ר' לייב דערציילט. — „איר מוזט באַלד פאַר אים מתפלל זיין."

„—אַ בריוו פון מיין זון?" — האָט דער טאַטע אים איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט. — „איך האָב ניט קיין זון! איך געדענק אים ניט"...

„ר' לייב האָט אָנגעהויבן וויינען. דער טאַטע האָט זיך פאַרטראַכט.

„— יאָ, יאָ. איך דערמאָן מיך", — האָט ער ענדלעך באַמערקט. — „געוויס, מיין זון מאָטעלע, מיין ליב, מיין טייער קינד. אַזוי, אַזוי, איז ער טאַקע קראַנק? ער וועט זיין רפואה באַלד באַקומען." און תוך כדי דיבור האָב איך אָנגעהויבן שוויצן און זיך דערפילט פרייער"...

„וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט ווייסט איר דאָך שוין", האָט ר' מאָטעלע פאַרטגעזעצט. „אָבער וואָס איך דאַרף אייך מסביר זיין (געבן צו פאַרשטיין), איז — פאַרוואָס מיין טאַטע האָט אַזוי פאַרגעסן אַז מיר און טאַקע אויך אַז דעם גאַנצן עולם התחתון.

„דאָס האָט אים ר' לייב אַליין געפרעגט.

„— סטייטש, רבי, ווי קען עס זיין, אַז איר זאָלט האָבן פאַרגעסן אייער זון און אויך מיך, אייער משמש פאַר אַזוי פיל יאָר, ניט דערקענט?"

„אויף דעם האָט אים דער טאַטע געענטפערט, אַז קיינער קען אויפן עולם האמת זיך ניט דערהויבן צו גאָר אַ הויכער מדרגה ביז וואַנען ער מוט זיך ניט אינגאַנצן אויס פון אַלע עניני עולם הזה. ער מוז אין גאַנצן ווערן רוחניות (גייסט), זיך אין גאַנצן דערווייטערן פון דער וועלט פון גשמיות.

„דער טאַטע איז שוין אַזוי געווען אויסגעטאָן פון דער גשמיות'דיגער וועלט וועלכע ער האָט פאַרלאָזן, אַז אַפילו אַז זיין אייגן קינד האָט ער פאַרגעסן. די אונטערשטע וועלט האָט פאַר אים אין גאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן"...

פאַר ר' מאָטעלע'ן איז דאַמאָלט פאַרענטפערט געוואָרן די קשיא וואָס ער האָט די גאַנצע צייט זיך געפרעגט, פאַרוואָס די צדיקים אויף יענער וועלט שטעלן זיך ניט איין פאַרן כלל ישראל און פאַר וואָס ער קען גאָר ניט פּועל'ן דורך זיין טאַטן ר' נחום'ען...

## כג.

# דעם רבי׳נס דרשה-געשאַנק

דעם טשערנאָבילער מגיד׳ס רביצין פאַרלירט דאָס לעבן פאַר דערצאָרנען דעם צדיק ר׳ גדליה לינצקער. — ר׳ גדליה ווערט ר׳ מאָטעלע׳ס שדכן. — די באַפעסטיגונג פון דער טשערנאָבילער „מלוכה״.

דער צדיק איז ווי א פלאַם פייער. ווער עס ווייס ניט ווי אַרום אים אומצוגיין קען רחמנא לצלן נכשל ווערן און ברענגען אויף זיך א גרויסע צרה. דאָס איז ניט נאָר אַזוי מיט געוויינלעכע בשר-ודם׳ניקעס נאָר אויך מיט די וואָס זיינען אליין צדיקים. א צדיק׳ס א וואָרט איז „כשגגה היוצא מלפני השליט״ (ווי א קעניגלעכער באַפעל) און אפילו א צווייטער צדיק קען שוין זיינע ווערטער ניט בטל מאַכן...

איז טאַקע דערפאַר פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַזא צדקת ווי חייה שרה׳לע, די רביצין פון טשערנאָבילער מגיד, זאָל פון דער וועלט אוועק פאַר דער צייט, ווען זי האָט א באַוואוסטן צדיק אריינגעבראַכט אין כעס און יענער האָט זיך, רחמנא לצלן, א בייז וואָרט אויסגערעדט. ניט איר אייגענער זכות און ניט דער זכות פון איר באַרימטן מאַן זיינען איר ביי־געשטאַנען...

און איר אייגענער זכות, ווי מיר ווייסן שוין, איז גאָר ניט געווען קליין. די טאָכטער פונם פלאַם-פייערדיגן חסידישן מנהיג ר׳ אהרן קאַר־לינער און די האָדעוואַנקע פון דעם מעזעריטשער מגיד, האָט זי געהאַט א גאָר גרויסן צד אין טיש...

אָבער חייה שרה׳לע האָט געמאַכט א טעות, און אויף אַזא אופן געגן זיך אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דעם צדיק ר׳ גדליה לינצקער.

אָט וואָס חסידים דערציילן וועגן דעם:

דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער אָפּ־געלעבט מיט חייה שרה׳לען.

דריי זין האָט זי אים געבראַכט: ר׳ אהרן, וועלכער איז שפּעטער געווען זיין טאַטע׳ס ממלא מקום: ר׳ משה, וועלכער האָט נאָכער געהאַט

זיין אייגענעם הויף אין קאַרטשיטשעוו, און ר׳ יעקב ישראל, דער שפּעטערדיגער רבי פון טשערקאַס.

האָט ר׳ מאָטעלע זיך משדך געווען מיט ר׳ גדליה׳ן. ר׳ מאָטעלע האָט געלעבט אין עושר און אין גדולה. זיין הויף איז געווען דער רייכסטער פון אַלע רבי׳אישע הויפן פון זיין צייט.

ר׳ גדליה, ווידער, איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, האָט אימער געלעבט אין דחקות. ער האָט נאָך געהערט צו דעם פריערדיגן דור חסידישע רביים, פון וועלכע די מערסטע זיינען געווען גרויסע אביונים.

אין דער גרויסער מחלוקה צווישן ר׳ נחמן בראַצלאַווער און דעם שפּאָליער זיידן, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגערודערט די חסידישע וועלט, האָט שטאַרק פיגורירט ר׳ גדליה לינצקער.

די מחלוקה איז אַרויסגעקומען איבער דעם וואָס ר׳ נחמן בראַצלאַווער פלעגט מאַכן צו קליין אַלע אַנדערע חסידישע רביים און צדיקים. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אמת׳ער גדול הדור איז ער אַליין, און דערפאַר דער אמת׳ער שטעל־פאַרטרעטער פון בעל שם. ער איז חלילה ניט געווען קיין בעל־גאוה. ער האָט בתמימות געגלויבט, אַז נאָר ער פאַרשטייט די חסידישע תורה.

דאָס האָט שטאַרק דערצאָרנט פיל פון די חסידישע רביים פון יענער צייט, ספּעציעל דעם שפּאָליער זיידן, וועלכער האָט ר׳ נחמנ׳ען אָנגעהויבן רודפ׳ן.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ר׳ נחמן האָט צוליב דעם געמאַכט אַ נסיעה צו דעם צדיק ר׳ לוי יצחק און געבעטן זיין הילף. פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט ר׳ נחמן גראַד געהאַלטן.

שפּעטער זיינען זיך אין בערדיטשעוו צוזאַמענגעקומען אייניגע פון די חסידישע גדולים, צווישן זיי אויך ר׳ גדליה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ידיד פון ר׳ נחמנ׳ען, און האָבן געוואָלט אַריינלייגן דעם שפּאָליער זיידן אין חרם.

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט זיך אָבער אַריינגעמישט און דערצו ניט דערלאָזט.

עס איז אַ סברה, אַז די טשערנאָבילער רביצין, חיה שרה׳לע, איז לכתחילה געווען געגן דעם שידוך מיט ר׳ גדליה׳ן. עס זאָל הייסן, אַז זי האָט געהאַט אויסצוזעצן געגן ר׳ גדליה׳ס אָרימקייט. ר׳ מאָטעלע האָט אָבער זיך צו איר ניט צוגעהערט. ביי אים איז אָרימקייט קיין חסרון ניט געווען, באַזונדער ווען דאָס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזאַ גדול און מיוחס ווי ר׳ גדליה.

די חתונה, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן אין טשערנאָבּילער הויף, איז געווען זייער אַ פּאַראַדנע. דער טשערנאָבּילער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט. די מחותנים זיינען געווען פון די גרעסטע און באַרימטסטע, שוין ניט ריידנדיג פון די טויזענטער חסידים וואָס זיינען זיך אָנגעפאָרן צו דער חתונה.

ר׳ גדליה, פאַרשטייט זיך, האָט ניט געקענט זיין אַזוי ברייט ווי ר׳ מאָטעלע. איז עס חיה שרה׳לען ניט געפעלן, און זי האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין ברוגז׳ן.

געקומען צו דרשה־געשאַנק, האָבן אָנגעהויבן פאַלן טייערע חפצים און גרויסע סומען געלט. ר׳ מאָטעלע אַליין האָט געגעבן אַ דרשה־געשאַנק, וואָס האָט באַטראָפן אַ גרויסע אַפּיתיקא. ווען עס איז געקומען צו ר׳ גדליה׳ן, האָט ער דערלאַנגט אַ גאַנג משניות׳ן. דאָס איז געווען דאָס טייערסטע און דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט געבן.

קיינעם איז, נאַטירלעך, ניט איינגעפאַלן צו מאַכן וועלכע עס איז באַמערקונג וועגן ר׳ גדליה׳ס אָרימען דרשה־געשאַנק. חיה שרה׳לע האָט עס אָבער שוין ניט געקענט אויסהאַלטן.

„ר׳ גדליה וויל אונז מאַכן פאַר מוכר־ספרים׳ניקעס“, האָט זי באַמערקט סאַרקאַסטיש.

ר׳ גדליה האָט עס געהערט און ער האָט זיך געפילט געקרענקט און באַליידיגט.

ער האָט זיך געווענדעט צו ר׳ מאָטעלע׳ן:

„פאַר וואָס זיינען מיר דען געוואָרן מחותנים? צוליב תורה אָדער צוליב געלט? דער מחותנת׳טע געפעלט אָבער ניט די תורה. זי זוכט עשירות“...

ר׳ מאָטעלע איז בלייך געוואָרן.

„אוי, ווער, איך האָב פאַרלאָרן מיין רביצין!“... האָט ער אויסגעשריען.

ער האָט געוואוסט, אַז ווען ר׳ גדליה ווערט בייז אויף אימיצן וועט יענער גוט ניט אָפּשניידן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און חיה שרה׳לע איז נפטר געוואָרן... .

ר׳ גדליה איז געקומען קיין טשערנאָביל מנחם אבל זיין ר׳ מאָטעלע׳ן.

„איר האָט פון מיר אַוועקגענומען די רביצין“, האָט ער צו אים געזאָגט. „איר מוזט מיר געבן אַ צווייטע“.

„גוט, איך וועל זיין אייער שדכן“, האָט ר׳ גדליה געזאָגט.

און ער האָט אים פאַר׳שדכנ׳ט צו אַ טאָכטער פון ר׳ דוד לאַה׳קעס, איינער פון בעל שם׳ס תלמידים.

ר׳ מאָטעלע איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן. ר׳ דוד לאַה׳קעס טאָכטער איז געווען אַ יונגע אלמנה, און זי האָט זיך פון אָנפאַנג געהאַט געברעקלט אויפן שידוך.

„איך וויל נאָך האָבן קינדער“, האָט זי געזאָגט, „אָבער ר׳ מאָטעלע איז שוין אַ זקן“...

„איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט האָבן קינדער“, האָט ר׳ מאָטעלע זי פאַרזיכערט. „איך זאָג דיר אויך צו, אַז אַלע דיינע זין וועלן פאַרשיינען די וועלט און אַז דער וואָס וועט דיין טאַטע׳ס נאָמען טראָגן וועט זיי אַלעמען איבערשטייגן אין גדולה“.

דאָס איז געווען אַ נבואה וועגן ר׳ דוד׳ל טאַלנער, וועמעס הויף עס האָט שפּעטער אין פּראַכט און גלאַנץ איבערשטיגן דעם טשערנאָבילער הויף און איז געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע רבי׳אישע הויפן אין רוסלאַנד.

חסידים שמועסן, אַז כאָטש ר׳ גדליה האָט גורם געווען אין דעם טויט פון דער טשערנאָבילער רביצין, האָט ער אָבער געבראַכט אַ גרויסן תיקון מיט דעם, וואָס ער האָט נאָכער פאַר׳שדכנ׳ט ר׳ מאָטעלע׳ן צו ר׳ דוד לאַה׳קעס אַ טאָכטער.

וואָרים אַ תיקון איז דאָ געווען זייער נויטיג, און אָט פאַר וואָס:

חסידים האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט די טשערנאָבילער „מלוכה“ קיין קיום ניט האָבן. האָט דאָך עפּעס די מלכות בית שאול אויך קיין קיום ניט געהאַט. האָט דאָך שאול המלך פאַרלאָרן זיין קרוין און דער אידישער טראָן איז פאַרנומען געוואָרן פון דוד׳ן און די מלכות בית דוד איז געוואָרן די ווירקלעכע און די איינציג־אָנערקענטע אידישע דינאַסטיע.

איז געווען אַ פראַגע אויב דער טשערנאָבילער גזע וועט שלאָגן שטאַרקע וואָרצלען אין דעם חסידישן באָדן און אויב די גראַנדיעזע חסידישע מלוכה וואָס ר׳ מאָטעלע האָט אויפגעשטעלט וועט ווייטער אָנ־האַלטן.

דער ענין האָט אָנגענומען אַ גאַנץ ערנסטן כאַראַקטער, ווען דער ריזשינער איז נתעלה געוואָרן. ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער איז געווען אינגער פון ר׳ מאָטעלע׳ן. ער איז געווען דעם לעצטנ׳ס אַ פּלימעניק. דער יונגער ר׳ ישראל׳טשע האָט זיך געקראָגן אַ ריזיגע אָנהענגערשאַפט און זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן קלינגען איבער דער גאַנצער חסידישער וועלט.

ר' ישראל'טשע האט זיך אין א געוויסן זין געפירט אין די זעלביגע דרכים פון זיין פעטער ר' מאטעלע. זיין הויף אין ריזשין, און שפעטער אין סאדיגורע, גאליציע, האט גע'שמ'ט פאר זיין פראכט און גלאנץ און פאר זיין עשירות.

דער ריזשינער איז געווארן א שטארקער קאנקורענט פון דעם טשערנאבילער. דער עיקר איז, וואס דער ריזשינער האט געשטאמט, לויט דער חסידישער אגדה, פון מלכות בית דוד. האט עס געהייסן, אז ר' ישראל'טשע איז דער אמת'ער יורש פון דוד המלך'ס קרוין און אויב עס איז געקומען צו אנערקענען אימיצן פארן אמת'ן „מלך" פון דער חסידישער וועלט, האבן דעם ריזשינער'ס חסידים גע'טענה'ט, דארף די אנערקענונג קריגן ר' ישראל'טשע.

דער טשערנאבילער הויף האט איצט געדארפט האבן פרישע כחות, פארשטארקן זיינע פאזיציעס, מעגלעך מאכן, אז די „מלכות בית שאול" זאל אויך האבן א קיום.

דאס איז ניט געווען אזא לייכטע עובדא. עס זיינען אפילו ניט געווען גענוג די ברכות וואס ר' נחום האט נאך געקראגן פאר דעם קיום פון דער חסידישער מלוכה וואס ער האט געוואלט באפעסטיגן לעולם ועד, אויף אייביג.

ניי בלוט האט געמוזט צוקומען צו דעם טשערנאבילער גזע, און דאס איז ענדלעך געשען דורך ר' מאטעלע'ס צווייטן שידוך מיט דער טאכטער פון דוד לאה'קעס, וועלכער האט געשטאמט פון דוד המלך. מלכות בית שאול און מלכות בית דוד זיינען אויף אזא אופן פאראייניגט געווארן...



ר׳ יוחנן, דער רבי פון ראַחמאַסטריווקע, דער אינגסטער זון
פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער.

כד.

# די חסידישע בת-מלכה

ר׳ דוד לאה׳קעס, דעם טשערנאָבילער מגיד׳ס שווער.— זיין יחוס-בריוו פון דוד המלך. — די דין-תורה. — שותפות מיטן רבונו של עולם.

די נייעס, אז ר׳ מאָטעלע האָט געטאָן א שידוך מיט ר׳ דוד לאה׳קעס טאָכטער, איז פון די חסידים פון יענער צייט אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד. עס איז געווען אָנגענומען, אז דאָס וועט די טשערנאָבילער „מלוכה" פאַרשטאַרקן, איר מאַכן פעסטער און זיכערער און איר געבן די נויטיגע כחות אָנצוהאַלטן איר קיום.

וואָרים די נייע טשערנאָבילער רביצין איז געווען אן אמת׳ע „בת-מלכה"...

איר טאַטע האָט געהאַט א יחוס-בריוו אַזש פון דוד המלך.

אחוץ דעם האָט ר׳ מאָטעלע דורכן שידוך זיך אויך דערנענטערט צום בעל שם הקדוש. ר׳ דוד לאה׳קעס איז געווען דעם בעל שם׳ס א תלמיד און איינער פון זיינע באַליבטסטע תלמידים.

גראָד איז די חסידישע אגדה אָרים אין מעשה׳לעך וועגן דעם דאָזיגן גרויסן צדיק. וואָרים ר׳ דוד לאה׳קעס איז געווען א צוריקגעצויגענער, שטילער מענטש, ממש א נסתר.

דער סקווירער רבי, ר׳ איציק׳ל, איינער פון די אַכט זין פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער און אן אייניקל פון ר׳ דוד לאה׳קעס (זיין מאַמע איז געווען ר׳ מאָטעלע׳ס צווייט ווייב), פלעגט דערציילן וועגן זיין זיידן אַזאַ מעשה.

ר׳ דוד לאה׳קעס איז געווען דער ראש פון די דיינים אין באָר, פּאָדאָליע.

ער איז שוין געווען א זקן פון דריי און זיבעציק יאָר, ווען אן אומגליק האָט אים געטראָפן: זיין ווייב און אַלע זיינע קינדער זיינען אויסגע-שטאָרבן אין משך פון א קורצער צייט.

דער אַלטער צדיק האָט זיך אָבער געשטאַרקט, טרייסטנדיג זיך מיטן

אַלטן „ה׳ נתן וה׳ לקח״ (גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט אוועקגענומען).

ווען די טרויעריגע נייעס פון זיין אומגליק האָט זיך צעטראָגן איבער דער חסידישער וועלט, האָבן פון אַלע זייטן אָנגעהויבן שטראָמען טרייסט־בריוו.

עס זיינען אויך אָרונטערגעקומען קיין באַר באַרימטע צדיקים, דעם אַלטן ר׳ דוד׳ן מנחם אבל צו זיין.

ווען ר׳ דוד לאָה׳קעס האָט זיי דערזען, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויינט.

„מיינט עס דען ניט, אַז מיט אייער וויינען זייט איר, רחמנא לצלן, מתרעם (באַקלאָגט זיך) אויף דעם אייבערשטן און זיינע מעשים?״

„חס וחלילה״, האָט ר׳ דוד לאָה׳קעס געענטפערט, „מיר וויינט זיך נאָר דערפאַר, וואָס איך וועל שוין נאָך מיר קיין דור ניט איבערלאָזן. זאָגט דאָך עפּעס די גמרא, אַז דער, וואָס האָט ניט קיין קינדער, איז געגליכן צו אַ טויטן״...

ער האָט זיי אויך דערמאָנט אַן מדרש, וואָס לויטעט: „פאַרוואָס שטייט, אַז דוד המלך איז געלייגט געוואָרן מיט זיינע עלטערן און יואב, זיין פעלדמאַרשאַל, איז געשטאָרבן? איז די פראַגע, פאַרוואָס ווערט ביי דוד׳ן באַנוצט דער אויסדרוק „געלייגט געוואָרן״ און ביי יואב׳ן „געשטאָרבן״? איז דער ענטפער, אַז דוד, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ זון צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, איז ניט געשטאָרבן, אָבער יואב, וואָס האָט קיין זון ניט איבערגעלאָזט, איז טאַקע טויט״...

„דער אייבערשטער וועט העלפן״, האָבן אים די צדיקים געטרייסט, „און איר וועט נאָך האָבן קינדער.״

זייערע ווערטער זיינען אים אַריין אין קאָפּ, און דער אַלטער צדיק האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ צווייטן זיווג.

ניט ווייט פון בית מדרש, וואו ר׳ דוד לאָה׳קעס פלעגט דאַווענען און לערנען, איז געווען אַ שענק, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון אַ יונגער, שיינער אַלמנה. ר׳ דוד האָט זיך נוהג געווען יעדן מאָל נאָכן דאַווענען אַריינצוגיין אין שענק מאַכן אַ „לחיים„...

דאָס האָט דער צדיק ניט געטאָן מחמת ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, נאָר וויל ער האָט, ווי פיל אַנדערע חסידים, שטאַרק געהאַלטן פון „תיקון״, און מאַכן „לחיים״ מיינט „תיקון״.

איז ר׳ דוד׳ן איינגעפאַלן, אַז די יונגע, שיינע שענקעריז, וועמעס נאָמען איז געווען שיינדעלע, וואָלט פּאַר אים געווען אַ פּאַסיגער זיווג. האָט ער לאַנג ניט געוואַרט און גלייך אויף מאָרגן נאָכן דאַווענען, ווען ער

איז געקומען אין שענק פאר זיין טעגלעכן „לחיים", געלאזט רופן צו זיך שיינדעלע'ן און איר מודיע געווען, אז ער וויל מיט איר חתונה האבן.

שיינדעלע איז געווארן א פארציטערטע. ר' דוד איז געווען אזוי אלט און זי נאך גאר יונג. ווי קען זי ביי זיך פועל'ן מיט אים חתונה צו האבן? אבער ווי אנטזאגט מען עס אזא גרויסן צדיק?

איז איר געווען שווער צו זאגן „יא" און נאך שווערער צו זאגן „ניין". האט זי געבעטן א פאר טעג זיך צו איבערלייגן און האט ביי זיך אפגעמאכט צו לאזן דעם צדיק וויסן דורך א שליח, אז זי קען עס ניט טאן.

געהערט, אז זי אנטזאגט זיך מיט אים חתונה צו האבן, האט ר' דוד מער וועגן דעם ניט גערעדט.

פאסירט אבער, אז שיינדעלע ווערט מיטאמאל קראנק, אבער ווי קראנק — זי איז ממש פארביי. און די, וואס גייען ארום איר אום, זאגן איר ממש אפ דאס לעבן.

לויפט מען צו ר' דוד לאה'קעס בעטן, ער זאל פאר איר מתפלל זיין. זאגט ער, אז ער וויים ניט, אויב זיין תפילה וועט העלפן. פרעגט מען אים: „סטייטש, מיט וואס האט זיך עס שיינדעלע אזוי פארזינדיגט, אז מען זאל איר שוין ניט קענען העלפן?" ענטפערט דער צדיק, אז דאס איז אן ענין, וואס איז שוין ניט אין זיינע הענט.

ווערט שיינדעלע ערגער פון טאג, און מען מיינט, אז אט־אט, און די נשמה פארלאזט איר קערפער.

אין די גאר לעצטע שעה'ן פון איר גסיסה קומט איר טאטע זי צו חלום און זאגט צו איר בזה הלשון:

„הער זיך איין, מיין טאכטער. עס איז אויף דיר נגזר געווארן דער טויט דערפאר, וואס דו האסט זיך אנטזאגט חתונה צו האבן מיט אזא צדיק ווי ר' דוד לאה'קעס. דו קענסט נאך אבער דעם גזר בטל מאכן. זאג צו, אז דו וועסט מיטן צדיק גיין צו דער חופה".

האט די גוסס'ע שיינדעלע צוגעזאגט, אז זי וועט מיט ר' דוד'ן חתונה האבן און זי האט זיך טאקע גלייך אנגעהויבן בעסערן. עס האט ניט לאנג גענומען און שיינדעלע איז ארונטער פון בעט און האט צוריק געקענט אנגיין מיט איר ארבעט אין שענק.

ווען אויף מארגן איז ר' דוד לאה'קעס, ווי זיין שטייגער, געקומען אין שענק פאר „תיקון", האט זי אים געלאזט וויסן, אז זי האט חרטה אויף איר פריערדיגער אנטזאגונג און איז גרייט צו ווערן זיין ווייב.

ר' דוד האט די בשורה אויפגענומען מיט פרייד, און טאקע אין דער זעלביגער וואך איז געשטעלט געווארן די חופה.

דער נייער זיווג איז געווען אַ מזל'דיגער. שיינדעלע האָט איר מאַן געבראַכט דריי קינדער אויף דער וועלט — צוויי זין און אַ טאָכטער. די טאָכטער איז עס שפּעטער געוואָרן ר' מאָטעלע טשערנאָבילער'ס צווייט ווייב.

ר' דוד לאַה'קעס האָט דערגרייכט צו אַ הויכן עלטער און האָט נאָך דערלעבט צו זען זיינע קינדער גרויס און פאַרהייראַט.

דער צדיק האָט געלעבט איבער הונדערט יאָר, און ביז דעם לעצטן טאָג האָט ער גע'פּסק'נט שאלות און פאַרבראַכט זיין צייט אין תורה און עבודה.

אפילו ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט אַ קראַנקער, האָט ער נאָך געהאַלטן אין לערנען און געזאָגט תורה פאַר זיינע תלמידים. ער האָט אויך געהאַט אָנגעזאָגט, אַז אַלע שווערע שאלות זאָל מען צו אים ברענגען ווי תמיד, ניט קוקנדיג אויף זיין קראַנקייט, וועלכע איז געוואָרן ערגער פון טאָג.

עס איז געווען אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן. די בני בית האָבן געקענט זען, אַז עס איז בלויז אַ פראַגע פון עטלעכע שעה, און דער צדיק וועט אויסהויכן זיין נשמה.

ר' דוד איז געוואָרן שוואַכער פון מינוט, אָבער זיין מח איז נאָך געווען קלאָר און ער האָט נאָך געהאַלטן איןריידן וועגן תורה.

האָט זיך געמאַכט אין שטאָט זייער אַ שווערע שאלה. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַרפּלאָנטערטער דין תורה, וואָס די דיינים און די אַנדערע לומדים האָבן ניט געוואוסט ווי צו פּסק'ענען. בלויז אויף ר' דוד'ן וואָלט מען זיך געקענט פאַרלאָזן אין אַזאַ אָנגעלעגנהייט. די דיינים האָבן געוואוסט פון ר' דוד'ס אָנזאָג צו קומען צו זיין קראַנקן בעט מיט אַלע שווערע שאלות, און זיי זיינען דאַריבער אַוועק צו אים. די בני בית האָבן אָבער ניט געוואָלט די דיינים צולאָזן צום קראַנקן צדיק.

„ווי קען מען איצט קומען צו אים מיט אַזוינע זאַכן? ער האַלט ממש ביי יציאת נשמה", האָבן די בני בית גע'טענה'ט.

דער געשפּרעך צווישן די דיינים און די בני בית איז פאָרגעקומען אין אַ צווייטן חדר, און ס'איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז דער מסוכנ'דיגער חולה הערט וואָס מען רעדט. עס וואָלט אויך קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז אויב מען וואָלט אפילו גערעדט לעבן זיין בעט, זאָל זיין מח זיין אַזוי קלאָר, אַז ער זאָל וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ר' דוד האָט אָבער אַלץ געהערט, און אין דער צייט, וואָס די דיינים און די בני בית זיינען נאָך געווען אין צווייטן חדר, האָט זיך די טיר פון

קראנקנ'ס חדר געעפנט, און דער אלטער צדיק איז אריינגעקומען, וואקלענ־דיג זיך און זיך קוים האלטנדיג אויף די פיס.

א פחד איז אנגעפאלן אויף אלעמען.

„רבי, וואס איז געשען?" — האבן זיי אויסגעשריען און אונטערגע־כאפט דעם קראנקן צדיק אונטער די ארעמס.

„ברענגט אהער מיין שטול", האט ער באפוילן, און זיינע אויגן האבן געברענט.

מען האט געבראכט זיין שטול און אים אנידערגעזעצט.

„איצט זאגט מיר, וועגן וואס עס האנדלט זיך", האט ר' דוד לאה'קעס אויפגעפאדערט די דיינים.

„רבי, איר זייט אזוי שוואך", האבן זיי אנגעפאנגען זיך פארענטפערן. „ווי קענען מיר אייך איצט דולן א קאפ מיט אזוינע זאכן?"

ר' דוד איז שטארק אויפגעבראכט געווארן און האט אנגעהויבן קלאפן מיטן פויסט אויפן טיש מיט גרויס קראפט.

„איך בין נאך ניט טויט און האב נאך גענוג כח", האט ער געשריען אין גרויס אויפרעגונג.

און ווען ער האט זיך אביסל בארואיגט, האט ער די דיינים געזאגט בזה הלשון:

„ווייסט איר דען ניט די גמרא, אז „כל דיין שדן דין אמת לאמתו, נעשה שותף להקדוש ברוך הוא" (אז דער, וואס פסק'נט א שאלה ווי גע־העריג, ווערט גאט'ס א שותף)? ווי איר זעט, איז עס גאר א הויכער ענין און גאר א גרויסע זאך צו קענען פסק'ענען א שאלה, און צום סוף ווילט איר מיך גאר בארויבן פון דער געלעגנהייט צו קענען ווערן א שותף מיטן רבונו של עולם"...

די דיינים האבן זיך געמוזט אנטשולדיגן און האבן פאר ר' דוד'ן פארגעלייגט די דין תורה.

און ווי תמיד האט ר' דוד מיט זיין שארפן מח גלייך דורכגענומען דעם ענין און ארויסגעגעבן זיין פסק דין, פון וועלכן די דיינים זיינען נתפעל געווארן פאר זיין שארפזיניגקייט, בקיאות און חריפות.

„און איצט קענט איר מיך צוריקנעמען אין בעט", האט ר' דוד געזאגט. „איך האב שוין מיט וואס אויפן עולם האמת צו קומען. א קלייניגקייט, א שותף מיטן רבונו של עולם געווארן!"...

מען האט ר' דוד'ן אין בעט אריינגעלייגט, און עס האט בלויז גענומען איינציגע סעקונדן און ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה...

ר' מאטעלע טשערנאבילער פלעגט זיך שטארק יחוס'ן מיט זיין שווער,

ר׳ דוד לאה׳קעס, און פלעגט תמיד דערציילן גרויסע עובדות פון אים.

דאָס, וואָס ר׳ מאָטעלע האָט חתונה געהאַט אויף דער עלטער, פונקט ווי ר׳ דוד לאה׳קעס, איז ביי חסידים אָנגענומען געוואָרן אַלס נייער באַווייז, אַז דער טשערנאָבילער האָט מיטן צווייטן שדוך שטאַרק געטראָפן, און אַז ר׳ דוד׳ס זכות איז פיל בייגעשטאַנען דעם טשערנאָבילער גזע.

חסידים זאָגן אויך, אַז דאָס, וואָס ר׳ מאָטעלע האָט אַרויסגעצייגט אַ באַזונדערע ליבע צו זיין זון ר׳ דוד׳ל, שפּעטער דער טאַלנער רבי, וועלכער איז געווען אַ נאָמען נאָך ר׳ דוד לאה׳קעס, איז עס געווען הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס ער האָט אין אים געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין שווער׳ס גרויסן גייסט...

## כח.

# די יאַרמולקע.

ווי ר׳ דוד לאה׳קעס איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה צוליב אַ
פאַרביטענער יאַרמולקע. — דער זינדיגער בעל דרשן. — דעם
בעל שם׳ס קמיעה. — ר׳ מאָטעלע׳ס נדן.

ווען ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ דוד לאה׳קעס טאָכטער, די שיינע און יונגע אלמנה, האָט ער, נאַטירלעך, ניט געזוכט קיין נדן. איר יחוס איז געווען איר נדן.

די יונגע רבי׳צין האָט אָבער מיטגעבראַכט זעלטענע אַנטיקן, וועלכע זי האָט געהאַט בירושה פון איר גרויסן טאַטן, און די דאָזיגע אַנטיקן זיינען פאַר ר׳ מאָטעלע׳ן ווערט געווען כל הון דעלמא. יעדער חפץ האָט געהאַט אַ באַזונדערע מעשה׳לע, און דער טשערנאָבילער האָט ניט נאָר ליב געהאַט דעם חפץ, נאָר אויך די מעשה׳לע, וואָס איז אין פאַרבינדונג מיטן חפץ, דערציילט געוואָרן.

ר׳ מאָטעלע פלעגט גאַנץ אָפט איבערדערציילן די מעשה׳לעך, און עס איז געווען צו זען, אַז ער האָט גרויס נחת פון זיי. אוודאי האָט ער אין זיי געזען גרויסע סודות, וואָרים אַ חסידישע מעשה׳לע, פאַרשטייט איר, איז עפּעס מער פון אַ פּשוט׳ן ספּור. דער פּשוט׳ער בשר ודם זעט אפשר אין דעם נאָר מעשה, אָבער דער, וואָס קען זיך פאַרטיפן, געפינט אין דעם עפּעס מער...

אָבער דאָס איז בלויז בדרך אגב. דער עיקר איז, וואָס ר׳ מאָטעלע פלעגט הנאה האָבן צו דערציילן אַזוינע מעשה׳לעך, און איינע פון די דאָזיגע מעשה׳לעך איז געווען וועגן ר׳ דוד לאה׳קעס אַ יאַרמולקע.

די יאַרמולקע איז געווען איינער פון די אַנטיקן, וואָס די רבי׳צין האָט ר׳ מאָטעלע׳ן געבראַכט אַלס „נדן“, און דאָס איז שוין געווען גאָר אַ טייערע יאַרמולקע. עס איז אין איר אונטערשלאָג געווען איינגענייט אַ קמיעה, און די קמיעה איז געקומען ניט פון קיין אַנדערן, ווי פון בעל שם הקדוש אַליין, וועמעס אַ תלמיד ר׳ דוד לאה׳קעס איז געווען.

די קמיעה האָט דער בעל שם אַליין געגעבן ר׳ דוד׳ן און אַליין אים געהייסן זי איינניייען אין זיין יאַרמולקע.

פאַר ר׳ דוד לאה׳קעס איז עס געווען אַ שטיקל פּלא. צו וואָס גיט אים דער בעל שם אַ קמיעה און פאַרוואָס הייסט ער אים עפּעס איינגייען דוקא אין יאַרמולקע?

געוויס האָט דער בעל שם דערביי געהאַט אַ טעם. אודאי האָט ער מיט דעם זיין תלמיד געוואָלט פאַרהיטן פון אַ סכנה. אָבער דעם בעל שם פרעגט מען קיין שאלות. אויב מען קען ניט משיג זיין זיינע כוונות, מוז מען וואַרטן אויפן שעת הכושר, ווען מען געפינט אויס, וואָס דער בעל שם האָט שוין לאַנג געהאַט פאַראויסגעזען און וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרהיטן.

און אַזאַ שעת הכושר איז טאַקע געקומען. ר׳ דוד לאה׳קעס האָט ערשט אין פיל יאָרן אַרום אויסגעפונען ווי נוצלעך עס איז אים געווען די קמיעה, און דער עיקר, פאַרוואָס דער בעל שם האָט אים געהייסן די קמיעה איינגייען אין דער יאַרמולקע.

און אָט ווי די מעשה האָט פּאַסירט:

ר׳ דוד לאה׳קעס האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם דרך אין חסידות. ער איז ניט געווען קיין רבי און האָט זיך אויך ניט פאַרנומען מיט באַקערן אַנדערע צום חסידיזם. ער האָט געלעבט זיין אייגנאַרטיגן לעבן און זיך געהאַט זיין אייגענע הנהגה.

געווען איז ער תמיד פאַרנומען אין תורה און עבודה. אָבער דאָס איז אים נאָך ווייניג געווען. ער האָט אויך געהאַלטן פון סגופים (פייניגן זיך) און האָט זיין קערפּער געפּייניגט, געפאַסט תעניתים, געשלאָפן אויף דער האַרטער באַנק, זיך געקייקלט ווינטער אין שניי און זיך געברענט זומער אין דער זון.

מען זאָגט, אַז ווינטער פלעגט ער גיין טבילה ניט אין קיין וואַרימער מקוה, נאָר דוקא אין פאַרפראָרענעם טייך, וואו אַ לאָך פלעגט אויסגעהאַקט ווערן אין אייז. און ר׳ דוד לאה׳קעס פלעגט זיך אפילו אַ קרים ניט טאָן. זיין התלהבות איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען ער פלעגט פון דעם אייז־קאַלטן וואַסער אַרויס, פלעגט פון זיין קערפּער אַ פּאַרע שלאָגן... אַזאַ הייליגער פייער האָט אין אים געברענט...

אָבער ר׳ דוד לאה׳קעס איז נאָך ניט געווען צופרידן. ניט גענוג אָפּגעקומען אויף דער וועלט.

האָט ער באַשלאָסן צו גיין אָפּריכטן גלות, זיך לאָזן אין וועג אַריין פאַרשטעלטערהייט, ווי פיל אַנדערע נסתרים האָבן עס אָפט געטאָן.

אין דער חסידישער וועלט האָט עס אַנגעמאַכט אַ רושם. פיל פון די חסידישע פירער פון יענער צייט האָבן אויף דעם ענין געקוקט קרום. גלות

אַפריכטן איז עפּעס ניט מעשה חסיד. די חסידישע וועלט איז צו אַזוינס ניט געווען געוואוינט.

אַ חסידישער נסתר (פאַרבאָרגענער צדיק) זאָל נתגלה (אַנטפּלעקט) ווערן, איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער אַ באַוואוסטער חסידישער צדיק זאָל אָנהויבן שפּילן די ראָל פון אַ נסתר, האָט זיך עפּעס ניט געשיקט.

ר׳ מאָטעלע פלעגט דערציילן, אַז זיין אייגענער טאַטע, ר׳ נחום, האָט וועגן ר׳ דוד׳ס גלות־אַפּריכטן גערעדט מיט אַ טאָן פון בטול.

„דאָס איז גאָר מעשה מתנגד״, פלעגט ר׳ נחום זאָגן.

אָבער קיינער האָט ניט געצווייפלט אין ר׳ דוד׳ס חסידיזם, און אויב ביי אים איז געבליבן, אַז ער דאַרף אָפּריכטן גלות, האָט מען עס אים פאַרגעבן.

האָט זיך ר׳ דוד אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט מיט אַ זאַק איבערן פּלייצע און געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט: געטאָגט דאָרט, וואו ער האָט ניט גענעכטיגט, און גענעכטיגט דאָרט, וואו ער האָט ניט געטאָגט.

די, וואָס האָבן געהאַט אַ תביעת עין פון אַ תלמיד חכם (און אויג פון אַ געלערטן), האָבן געקענט דערקענען אין ר׳ דוד לאַה׳קעס, אַז ער איז אַן „אורח הגון״ (אַ בכבוד׳ער מענטש), אָבער קיינעם איז, נאַטירלעך, ניט איינגעפאַלן, אַז ער איז דער גרויסער צדיק, דעם בעל־שם׳ס תלמיד.

אַזוי זיינען חדשים פאַרגאַנגען, און ר׳ דוד לאַה׳קעס איז פון קיינעם ניט דערקענט געוואָרן, און ער אַליין האָט זיך פאַר קיינעם ניט אַרויס־געגעבן.

אונטערוועגנס האָט ער, נאַטירלעך, געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות, הונגער און קעלט און אַמאָל אויך באַליידיגונגען פון גראָבע און שלעכטע מענטשן. אָבער דאָס איז דאָך, וואָס ר׳ דוד לאַה׳קעס האָט געוואָלט. וואָס שווערער דער גלות, אַלץ גרעסער דער שכר: וואָס מער אָפּגעקומען, אַלץ מער אָנגעלייגט איז עס פאַרן רבונו של עולם...

האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַזאַ געשיכטע:

ר׳ דוד לאַה׳קעס איז מיט זיין פּעקל אויפן פּלייצע אָנגעקומען אין אַ שטעטל, וואו ער איז פאַרבליבן ביז איבער שבת. אַ בכבוד׳ער בעל־הבית, אַ ייד אַ מכניס אורח, האָט ר׳ דוד׳ן גענומען צו זיך, דערקענענדיג אין אים, אַז ער איז אַ ייד ניט קיין פּראָסטער.

אויפן זעלביגן שבת איז אין שטעטל אויך אָנגעקומען אַ בעל דרשן און דער בעל דרשן איז איינגעשטאַנען ביים זעלביגן בעל־הבית, וואָס ר׳ דוד לאַה׳קעס.

צוויי בכבוד'ע אורחים אין הויז, האָט דער בעל־הבית זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאַכן זיי אַזוי באַקוועם ווי נאָר מעגלעך.

פרייטאָג־צו־נאַכט צו דער סעודה, האָט דער בעל דרשן געזאָגט תורה ביים טיש, און דער בעל־הבית האָט אָנגעקוואָלן. ר' דוד לאה'קעס איז געזעסן און געשוויגן. האָט ניט געוואָלט אַרויסווייזן קיין לומדות.

אויף מאָרגן פאַר מנחה האָט דער בעל דרשן געהאַלטן זיין דרשה און האָט מעורר געווען דעם עולם צו תשובה. אַ גרויסער מוסר'ניק איז דער בעל דרשן געווען, און דער עולם האָט פון אים געלעקט די פינגער.

שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה האָט דער בעל־הבית געדאַרפט אַוועקפאָרן און האָט איבערגעלאָזט אין הויז די צוויי אורחים, אָנזאָגנדיק זיין פלונית'־טע, אַ שיין יונג ווייבל, אַז זי זאָל אַכטונג געבן, אַז זיי זאָל גאָרניט פעלן.

שפעט ביינאַכט, ווען אַלע אין הויז האָבן שוין געשלאָפן, און אין אַלע חדרים זיינען די לאָמפן געווען אויסגעלאָשן, האָט זיך דער בעל דרשן אויפ־געהויבן פון זיין געלעגער און איז, שטיל אויף די שפיץ פינגער, אַריין אין חדר, וואו די יונגע בעל־הבית'טע איז געשלאָפן. דער יצר הרע האָט דעם בעל דרשן, רחמנא לצלן, געהאַט אָנגענומען און אים גובר געווען. ער איז געווען גרייט אָן עבירה צו טאָן...

און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט פאַסירט, ווען די בעל־הבית'טע וואָלט זיך ניט אויפגעכאַפט אין צייט, דערהערנדיק דעם בעל דרשן'ס פוס־טריט, און געפרעגט ווער דאָס איז.

געמיינט האָט זי בעת מעשה, אַז דאָס איז איר מאַן. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער זיך פון וועג צוריקגעקערט.

אָבער ווען קיין ענטפער איז ניט געקומען, איז איר עפּעס געוואָרן קשה און זי האָט זיך מכין געווען פאַר אַ ביטערן קאַמף צו פאַרטיידיגן איר ערע...

דער בעל דרשן האָט אודאי געמיינט, אַז זי וועט מרוצה ווערן צו טאָן די עבירה, האָט ער אויף איר פראַגע גאָרניט געענטפערט און איז צו צום בעט, וואו זי איז געלעגן...

די בעל־הבית'טע האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ראַנגלען און פון זיין קאָפּ אַרונטערגעכאַפּט די יאַרמולקע.

„אַרויס פון דאַנען ווי גאָט איז אייך ליב", האָט זי אים געוואָרנט אין אַ טאָן, וואָס האָט אין דער פינסטערניש געקלונגען ווי אַ דראָאונג, „ווען ניט, וועל איך באַלד מאַכן אַ געוואַלט, און איר וועט האָבן אויסצו־שטיין די גרעסטע חרפות און בושות"...

האָט דער בעל דרשן איינגעזען, אַז ער וועט דאָ גאָרניט מאַכן און האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן פון חדר.

שוין זייענדיק אויפן צווייטן זייט טיר, האָט ער ערשט באַגריפן איז וואָס פאַר אַן אומאַנגענעמע לאַגע ער איז געשטעלט געוואָרן.

די בעל־הבית'טע ווייס טאַקע ניט ווער דאָס איז געווען. אין דער פינסטערניש האָט זי אים ניט דערקענט. אָבער די יאַרמולקע איז ביי איר געבליבן, און מאָרגן פרי וועט זיך אַרויסווייזן ווער עס איז דער אייגנ־טימער פון דער יאַרמולקע...

איז אים געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ פּלאַן, ווי ניצול צו ווערן פון דעם, וואָס עס האָט אים דערוואַרט מאָרגן.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען צו מאַכן פּליטה פון שטעטל גלייך אויפן שטעל. אָבער ווי לאָזט מען זיך אין וועג אינמיטן דער נאַכט? דאָס אַליין וועט דאָך זיין דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז דער יעניגער, וואָס איז געקראָכן צו דער בעל־הבית'טע.

דער בעל דרשן האָט זיך דערמאָנט אַן צווייטן אורח, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז, ר' דוד לאַה'קעס. האָט ער זיך אַריינגע'גנב'עט אין חדר, וואו דער צדיק איז געשלאָפן, און האָט פון זיין קאָפּ אַרונטערגע־נומען די יאַרמולקע...

דער בעל דרשן האָט זיך געפרעגלט פון נחת פון דעם גליקלעכן איינ־פאַל. איצט איז ער געראַטעוועט. ער האָט אַ יאַרמולקע. דער צווייטער אורח וועט איצט אָנגענומען ווערן אַלס דער שולדיגער...

דער בעל דרשן האָט זיך אַ צופרידענער צוריקגעקערט צו זיין געלעגער און איז באַלד אַ באַרואיגטער איינגעשלאָפן.

ר' דוד לאַה'קעס האָט געשלאָפן און ניט געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט. אויף מאָרגן פרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויסגעפּו־נען, אַז די יאַרמולקע איז פון זיין קאָפּ פאַרשוואונדן, האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס עס איז געשען. ערשט שפּעטער האָט ער דערהערט אַ טרעוואָגע אין הויז.

די בעל־הבית'טע האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל. אימיצער איז צו איר ביינאַכט געקראָכן, און זי האָט די יאַרמולקע צו ציינגן אַלס באַווייז. איצט מוז דער שולדיגער געפונען ווערן, און דעם שולדיגן איז לייכט געווען צו געפינען — ער איז דער דאָזיגער, וועמען עס פעלט די יאַרמולקע...

דערהערט אַזאַ געשיכטע, איז ר' דוד לאַה'קעס געוואָרן אַ פּאַרצי־

טערטער, אָבער גיי שריי חי וקים. זיין יאַרמולקע איז פאַרשוואונדן, און די בעל־הבית'טע האַלט אַ יאַרמולקע אין האַנט און טייטלט אויף אים מיט'ן פינגער. . .

דער בעל דרשן גיט איר געדעכט און לייגט נאָך צו פון זיין זייט, אַז פאַר אַזאַ שאַנד־טאַט דאַרף מען דעם זינדיגן ממש עוקר מין השורש זיין.

די נייעס האָט זיך דערוויילן שנעל צעטראָגן איבערן שטעטל, און באַלד איז דאָס הויז געווען אָנגעפילט מיט מענטשן.

„נעמט אים אין בית־דין־שטיבל", האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַלע זייטן.

„שמיץ מוז מען אים געבן ! "

„אַזאַ נבלה טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן ! "

און איידער ר' דוד לאַה'קעס האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקן האָט מען אים אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס און אָנגעהויבן פירן אין בית־דין־שטיבל.

די גאַס איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן. קינד און קייט זיינען געקומען אָנקוקן דעם „זינדיגן" אורח, און אַלע האָבן געלאַכט, אים גע־זידלט און אפילו געשאָלטן.

באַלד איז ר' דוד לאַה'קעס שוין געווען אין בית־דין־שטיבל, און דעם רב'ס פסק־דין איז געווען, אַז מען זאָל אים געבן מלקות.

„זאָל עס זיין אַ וואָרנונג פאַר אַלע, וואָס באַגייען אָדער וואָס ווילן באַגיין עבירות", האָט ער געזאָגט.

ר' דוד לאַה'קעס האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, זיך פאַרטיידיגן, אָבער קיינער האָט אים ניט געוואָלט הערן.

מען האָט אים אַ נעם געטאָן, אויסגעצויגן אויפן בענקל, און דער שמש איז שוין געווען גרייט אָנצוהויבן אויסציילן זיינע „ארבעים חסר אחת" (די ניין־און־דרייסיג שמיץ, וואָס מען גיט אַלס מלקות).

אָבער איידער דער שמש האָט נאָך אַרונטערגעלאָזט זיין רימען איבער ר' דוד לאַה'קעס פּלייצעס, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין די פענסטער.

דערהערנדיג, אַז מען קלאַפּט אין די פענסטער, האָט זיך דער עולם אומגעקוקט. דער שמש האָט זיך אויך אומגעקוקט.

אימיצער מוז דאָרט זיין. אָבער מען האָט קיינעם ניט געזען. . .

האָט מען זיך ווידער גענומען צו די מלקות, אָבער ווידער הערט זיך אַ קלאַפּן אין די פענסטער. דער עולם קוקט זיך אויף־דאָס־ניי אום, מען

שיקט ארויס אימיצן א קוק טאן אין דרויסן ווער עס קלאפט, אבער קיינער זעט זיך ניט.

וויל מען אויף־דאס־ניי זיך נעמען צו די מלקות, אבער מען קלאפט נאכאמאל. אזוי ווערט דאס קלאפן אין די פענסטער איבערגע׳חזר׳ט, און דער עולם הויבט אן פילן, אז עפעס איז דאס ניט קיין געוויינלעכע זאך, אז עפעס איז דאס קלאפן א ווארנונג, אז מען וויל געבן שמיץ דעם ניט־ריכטיגן מענטשן — אן אומשולדיגן אידן.

מען איז שוין גרייט צוצוהערן זיך צו דעם אורח, וואס ער האט צו זאגן, און צום ערשטן מאל הערט מען פון אים די טענה, אז די יארמולקע, וואס די בעל־הבית׳טע האלט אין האנט, איז ניט זיינע.

„מיט וואס קענט איר עס באווייזן?“ — פרעגט מען אים.

„אין מיין יארמולקע איז איינגענייט א קמיעה“, דערקלערט ר׳ דוד לאה׳קעס.

נעמט מען די יארמולקע, וואס די בעל־הבית׳טע האט געהאט ביי זיך, און מען זוכט דארט א קמיעה, אבער מען געפינט ניט. שטויסט מען זיך אן, אז מען דארף בודק זיין די יארמולקע, וואס דער בעל דרשן האט, און מען געפינט דארט טאקע די קמיעה, ווי ר׳ דוד לאה׳קעס האט געזאגט.

טענה׳ט אבער דער בעל דרשן, אז דער אורח איז א ליגנער, און אז ער האט געוואוסט, אז אין זיין, דעם בעל דרשן׳ס, יארמולקע געפינט זיך א קמיעה.

הייסט ר׳ דוד לאה׳קעס ארויסנעמען די קמיעה און איר לייענען.

לייענט מען אין דער קמיעה: „דאס איז מיין תלמיד, דער צדיק הדור ר׳ דוד לאה׳קעס“. אונטערגעשריבן פון בעל שם הקדוש.

פאלט אויפן עולם א פחד, און מען בלייבט שטיין פארן צדיק מיט גרויס יראת הכבוד.

דער עולם בעט ביי אים מחילה.

„איך בין אייך מוחל במחילה גמורה“, זאגט ר׳ דוד לאה׳קעס. „איך בעט אייך נאר, אז איר זאלט דעם בעל דרשן גאר ניט טאן. ער איז בלויז א שליח — א שליח, דורך וועמען איך בין אויף דער וועלט אפגעקומען“...

און מיט דעם האט ר׳ דוד לאה׳קעס פארענדיגט זיין גלות אפריכטן און זיך צוריקגעקערט אהיים...

## כו.

# די חסידישע מלחמה.

דער קאמף צווישן טשערנאביל און ריזשין. — די רביים לעבן בשלום.—די חסידים שלאגן זיך ארום.—חסידישע „פאליטיק" און די אידישע גאולה.

חסידות איז א הויכער ענין, וואס ניט יעדער קען משיג זיין און וואס ניט יעדער קען פארנעמען זיין גרוים און טיפקייט. חסידות איז אבער אזוי אל־זייטיג, אזוי פיל־פארביג, דאס וויפיל אימיצנ'ס אויג זאל ניט פארנעמען און וואס אימיצנ'ס השגה זאל ניט זיין, איז עס גענוג אנצור־זעטיגן זיין נשמה און אנצופילן זיין הארץ. אפילו א „ניצוץ" (פונק) איז גענוג צו באלייכטן אימיצנ'ס וועלט...

פארן חסיד איז גענוג בלויז אנצוקוקן דעם פנים פון זיין רבי'ן, און ער זאל האבן דעם גרעסטן „עונג רוחני" (גייסטיגן פארגעניגן). דער רבי איז פאר אים די „אספקלריא המאירה" (דאס גרויסע ליכט), וואס פילט אן אלע ווינקעלעך פון זיין לעבן.

דער חסיד איז צוגעבונדן צו זיין רבי'ן „בלב ונפש", מיט לייב און זעל. ער לאזט אים ממש ניט ארויס פון זיינע געדאנקען און רעדט פון אים, דערציילט וועגן אים מעשה'לעך און זאגט אויף אים שבחים, ווען נאר ער האט די געלעגנהייט. ווארים, דער חסיד האלט פון „כל המרבה לספר" אז וואס מער מען רעדט וועגן רבי'ן, „הרי זה משובח", אלץ מער צייכנט מען זיך אויס.

אבער דער חסיד באנוגנט זיך ניט בלויז מיט שבחים, מיט שיינע מעשה'לעך. ביי אים איז זיין רבי דער איינציגער צדיק הדור, דער איינ־ציגער, וואס איז ראוי צו טראגן דעם „כתר של מלכות" (די קרוין פון הערשאפט).

וויל ער דעריבער קיין צווייטן ניט אנערקענען און קען זיך גאר ניט משער זיין, אז א צווייטער רבי זאל עפעס אויך האבן א באטרעף...

איז דער חסיד דערפאר להוט ניט נאר צו מאכן צו קליין אנדערע רביים, זיי מבטל זיין, נאר ממש — מלחמה האלטן פאר דער אלגעמיינער

אנערקענונג פון זיין רבי'ן. אנערקענונג פון זיין רבי'ן מיינט ביי אים די אויסשפרייטונג פון חסידיזם, פון אמת'ן און עכט־ריינעם חסידיזם, וועלכער איז אין זיינע, גאר ערשטע טעג, געשטאנען אונטער איין פירער, צוערשט דער בעל שם און נאכער דער רבי ר' בער פון מעזעריטש, אדער דער מעזע־ריטשער מגיד.

שפעטער, ווען די חסידישע „מלוכה" איז צעטיילט געווארן אין פיל מלוכה'לעך, האבן צווישן די חסידים אויסגעבראכן מחלוקת'ן און טאקע אמת'ע מלחמות. יעדער האט געהאלטן נאר פון זיין אייגענעם רבי'ן, באשטאנען, אז נאר זיין רבי איז דער ריכטיגער מנהיג, דער אמת'ער יורש פון חסידישן „טראן".

מיט דעם אין זינען וועלן מיר בעסער פארשטיין דעם היסטאריש־לעגענדארישן הינטערגרונט פון דער גרויסער מלחמה, וואס האט זיך גע־האט צעפלאקערט צווישן די נאכפאלגער פון דעם טשערנאבילער מגיד, ר' מאטעלע, און די נאכפאלגער פון דעם ריזשינער און שפעטער סאדיגורער רבי'ן, ר' ישראל'טשע.

געוויינלעכע בשר־ודם'ניקעס, וואס זעען ניט ווייטער פון זייער נאז און קוקן אויף אלץ מיט די פשטות'דיגע אויגן פון מתנגדים, האבן די מלחמה, רחמנא לצלן, געהאלטן פאר א פשוט'ע רייסערייי צווישן צוויי קלייזלעך, וואס האבן קאנקורירט איינס מיטן אנדערן, און זיך ניט פארגונען איינע די אנדערע די גדלות פון דעם רבי'ן פון צווייטן צד.

חסידים, אמת'ע חסידים, האלטן אבער דעם קאמף פאר א „מלחמת אלקים" (הייליגן קריג), אלענפאלס א מחלוקה לשם שמים, וואס איז ארויס־געוואקסן פון דער עצם זאך — פון דעם, ווי דער חסידיזם איז אין יענער צייט אויפגעפאסט געווארן פון זיינע נאכפאלגער.

טשערנאביל איז געווען אין דער בחינה פון א חסידישער מלוכה, און די טשערנאבילער חסידים האבן אויף איר געקוקט, ווי אויף דער איינציגער חסידישער מלוכה, וואס דארף און מוז עקזיסטירן. פון קיין צווייטער מלוכה האט קיין רייד ניט געקענט זיין. דאס אליין וואלט דאך „מעכב" (פארהאלטן) די גאולה געווען. אידן מוזן זיין אונטער איין מנהיג, אונטער איין מלך... איז דאך אן אלטער כלל, אז „אי אפשר לשני מלכים להשתמש בכתר אחד" (עס איז אוממעגלעך פאר צוויי מלכים צו האבן איין קרוין)...

איז אבער אינמיטן פון ר' מאטעלע'ס הערשאפט אויפגעשטאנען א נייע חסידישע מלוכה. ר' ישראל'טשע ריזשינער האט אנגעהויבן שיינען און גלאנצן אויפן חסידישן הימל, און עס האט אויסגעזען, ווי ער וואלט ממש געהאלטן ביים פארדונקלען דעם טשערנאבילער צדיק.

דערצו האָבן די ריזשינער חסידים אָנגעהויבן ריידן פון זייער אייגע־נער „מלוכה“ און פון זייער אייגענעם „מלך“, ווי דער ריזשינער וואָלט געווען דער איינציגער, וואָס איז ראוי צו טראָגן די חסידישע קרוין.

דאָס האָט די טשערנאָבילער חסידים שטאַרק דערצאָרנט, און זיי האָבן זיך באַלד אָנגעגורט זייערע לענדן גרייט־פאַר אַ הייליגן קריג צו פאַרטיידיגן זייער „מלוכה“ און זייער „מלך“ — דעם טשערנאָבילער.

ר׳ מאָטעלע האָט פאַרנומען דעם „טראָן“ אין יאָר תקנ״ח נאָך דער פּטירה פון זיין טאַטע, ר׳ נחום. ר׳ מאָטעלע איז דאַמאָלט אַלט געווען אַ יאָר אַכט־און־צוואַנציג.

אין דעם זעלביגן יאָר, וואָס ר׳ מאָטעלע האָט איבערגענומען די רבי׳־אישע פירערשאַפט, איז ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער געבוירן געוואָרן, וואָס מיינט, אַז ר׳ ישראל׳טשע איז געווען מיט אַכט־און־צוואַנציג יאָר אינגער פאַר ר׳ מאָטעלע׳ן.

ר׳ ישראל׳טשע׳ס אויפשיינען אויפן חסידישן הימל איז געווען אַ מעטעאָרישע, אַן אויגן־פאַרבלענדנדיגע, און דער פאַקט, וואָס ער איז געווען ר׳ מאָטעלע׳ס אַ פּלימעניק, איז פאַר די טשערנאָבילער חסידים געווען גענוג, אַז זיי זאָלן אין דעם זען אַ פּשוט׳ע „מרידה“ געגן זייער רבי׳ן, ספּעציעל ווען די ריזשינער חסידים האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן זייער רבי׳ן אַלס דער אמת׳ער מלך בן דוד, דערפאַר, וואָס לויט זייער באַהויפּ־טונג, האָט דער ריזשינער געזאָלט האָבן אַ יחוס־בריוו פון דוד המלך׳ן.

זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז דער ריזשינער האָט געהאַט אויפן קאָפּ אַ ציכן, וואָס לויט דער באַהויפּטונג פון תלמוד, זאָל עס זיין אַ „סימן מובהק“ (ריכטיגער באַווייז), אַז מען שטאַמט פון דער קעניגלעכער פאַ־מיליע . . .

הייסט עס, אַז דער ריזשינער איז געווען אַן אמת׳ער „בן מלך“ און דערפאַר פול־באַרעכטיגט צו דער קרוין פון דער חסידישער מלוכה.

און אויב דאָס איז זיי נאָך ניט געווען גענוג, האָבן זיי אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס דער טשערנאָבילער האָט, לויט דער טראַדיציע פון די טשער־נאָבילער חסידים אַליין, אָפּגעשטאַמט פון מלכות בית שאול. שאול׳ס קעניגרייך האָט דאָך אָבער קיין קיום ניט געהאַט — די קרוין איז איבער־געגאַנגען צו דוד׳ן. האָבן די ריזשינער געזאָגט, אַז איצט דאַרף אויך זיין אַזוי. די טשערנאָבילער „מלוכה“ איז די „מלכות בית שאול“, וואָס מוז אָפּגעבן איר פּלאַץ צו דער אויפגייענדיגער מלכות בית דוד פון דעם ריזשינער.

דאָס האָט די טשערנאָבילער געברענט ווי אַ פייער. סטייטש, מען

זויל גאר לייקענען אין דעם קיום פון זייער חסידישער מלוכה און אוועק־נעמען די „קרוין" פון זייער רבי׳ן!

האט זיך צעפלאקערט א ביטערע מלחמה — א מלחמה ניט נאר פון ווערטער, פון זלזולים, פון מבזה זיין זיך איינער דעם צווייטן, נאר טאקע אויך פון קלעפ.

חסידים פון ביידע מחנות פלעגן באפאלן איינע די אנדערע און זיך שלאגן מכות רצח.

איין צד פלעגט באפאלן די שטיבלעך פון צווייטן צד און ניט נאר שלאגן די חסידים, נאר אויך אנמאכן א חורבן אין די שטיבלעך. אפילו קיין ספר־תורה׳ס זיינען ניט געשאנעוועט געווארן. עס האט פיל מאל פאר־סירט, אז אין אזוינע איבערפאלן זיינען ספר־תורה׳ס און ספרים צעריסן און צעטראטן געווארן אונטער די פיס.

ריזשינער און טשערנאבילער חסידים פלעגן זיך אויסמיידן איינע די אנדערע אין גאס, ניט ריידן איינע צו די אנדערע און ניט זיצן צוזאמען ביי איין טיש. זיי האבן זיך אויך אנטזאגט איינע מיט די אנדערע צו טאן שידוכים.

אויף אזא אופן איז צווישן די חסידים פון די צוויי מלוכות איבער־געטראגן געווארן די אלטע מלחמה פון די חסידים און מתנגדים. אבער אין דער צייט, וואס דער קריג צווישן די מתנגדים און חסידים איז געווען צווישן צוויי פיינטלעכע לאגערן, איז עס אין דעם פאל געווען א ברודער־קריג — א קאמף פאר דער אויבערהערשאפט פון איין חסידישן הויף איבערן צווייטן.

די ריזשינער חסידים פלעגן שרייען צו די טשערנאבילער: „ווער א שטייגער איז אייער רבי? וואס איז זיין גרויסקייט? א מלמד׳ס א זון, ניט מער! ווי קען ער זיך דען פארגלייכן צו אונזער רבי׳ן, וועלכער איז אן אייניקל פון דעם „מלאך", דער זון פון מעזעריטשער מגיד, וועלכער איז געווען דער אמת׳ער יורש פון בעל שם?"

די טשערנאבילער חסידים פלעגן אויף דעם ענטפערן מיט ניט ווייניגער שארפקייט:

„און ווער איז דען אייער רבי? ווי קען ער זיך פארגלייכן מיט אונזער גרויסן ר׳ מאטעלע׳ן, דער זון פון ר׳ נחום׳ען, דער אמת׳ער ממלא מקום פון דעם רבי ר׳ בער פון מעזעריטש?"

און די מלחמה איז אנגעגאנגען אומ׳ברחמנות׳דיג פאר יארן לאנג. אבער ווי עס זעט אויס, האט עס ביידע „מלוכות" גאר ניט געשאדט.

ביידע „מלוכות" האָבן געהאַלטן אין וואַקסן, ביידע רביים האָבן געהאַלטן אין געווינען חסידים, און ביידנ'ס הויפן זיינען געוואָרן רייכער און שטאַרקער פון טאָג.

די אָנגרייפער זיינען געווען די ריזשינער חסידים. האָבן זיי זיך דאָך עפּעס אַריינגעריסן אין דעם גבול פון די טשערנאָבילער, געקומען נאָכדעם ווי די טשערנאָבילער קעניגרייך איז שוין געווען אויפגעריכט.

די טשערנאָבילער, דאַגעגן, זיינן געווען, אַזוי צו זאָגן, אויף דער דעפענסיווע.

די טשערנאָבילער זיינען געווען דערצאָרנט ניט בלויז פון דעם, וואָס די ריזשינער האָבן געוואָלט צעשטערן זייער מלוכה, אַוועקנעמען די קרוין פון זייער „מלך", נאָר אויך פון דעם, וואָס די ריזשינער פלעגן ריידן פון ר' ישראל'טשען, ווי פון דעם אידישן גואל, דער משיח. עס איז ביי די ריזשינער געווען אָנגענומען, אַז דער גואל וועט זיין ניט קיין אַנדערער, ווי דער ריזשינער אָדער אַמווייניגסטנס איינער פון זיינע קינדער אָדער אייניקלעך.

דער פאַקט איז, אַז די חסידים האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מלך און אַ משיח און זיי האָבן געשפּאַנט געוואַרט אויף דעם שופר של משיח, וואָס דאַרף באַלד געהערט ווערן.

אַלנפאַלס האָט מען שפּעטער אָנגעהויבן אָפּטראָגן דער רוסישער רעגירונג, אַז ר' ישראל'טשע פירט זיך ווי אַ קעניג, און חסידים באַטראַכטן אים פאַר זייער „משיח".

דאָס, זאָגן חסידים, האָט גורם געווען, אַז מען זאָל דעם ריזשינער אַרעסטירן און אים האַלטן אין תפיסה. אָבער גראָד די רדיפות האָבן פאַרשטאַרקט די אמונה אין אים, און זיינע חסידים האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז זיי זעען אין דעם ריזשינער'ס צרות די „חבלי של משיח" (די ווייטאָגן פון משיח'ס צייטן)...

דער ריזשינער האָט שפּעטער געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצן אין סאַדיגורע, בוקאָווינע.

געשמועסט האָט מען, אַז די מלחמה צווישן די צוויי „מלוכות" איז אייגנטלעך אָנגעפירט געוואָרן פון די הויפן גופא. אויב די רביים אַליין זיינען ניט געווען די פעלד־מאַרשאַלן פון די חסידישע לעגיאָנען, זיינען עס געווען די קינדער און די גבאים און די אַנדערע מקורבים.

דעם טשערנאָבילער'ס קינדער זיינען שוין געווען דערוואַקסענע, מאַנכע עלטער און מאַנכע אינגער פון ר' ישראל'טשען. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר זיין גלייכן, אויב ניט פאַר גרעסערע מיוחסים פון אים. זיי האָבן

בשום אופן ניט געקענט זיין גלייכגילטיג, ווען ר' ישראל'טשע האט אנגע־הויבן אויסשפרייטן זיין חסידישע מלוכה און געדראט אוועקצונעמען זייער גדולה.

אבער וואס דער אמת זאל ניט זיין, און ווי און פון וועמען די „פאלי־טיק" פון די צוויי הויפן זאל ניט געווען זיין געפירט, דער פאקט בלייבט, אז די צוויי רביים, ר' מאטעלע און ר' ישראל'טשע, האבן צווישן זיך געלעבט בשלום.

גאנץ אפט האבן זיי זיך געטראפן אונטערוועגנס און זיינען געווען אין די פריינטלעכסטע באציאונגען, געפראוועט טישן צוזאמען און געזאגט תורה און זיך איינער דעם צווייטן אפגעגעבן כבוד.

חסידים האבן עס געזען און געוואוסט פון די פריינטלעכע באציאונגען צווישן די צוויי רביים, אבער דאס האט זיי ניט צוריקגעהאלטן פון אנפירן די מלחמה ווייטער.

פלעגן חסידים זאגן, אז דאס, וואס די רביים לעבן צווישן זיך בשלום, איז גאר קיין באוויז ניט· פירט זיך דאך אזוי צווישן אלע „מלכים": זייערע ארמייען זיינען אין שלאכטפעלד, האלטן מלחמה צווישן זיך, און זיי, די מלכים, זיצן זיך און פארברענגען צוזאמען, ווי עס וואלט גאר קיין מלחמה ניט אנגעגאנגען... דאס איז „פאליטיק"... אזוי פירן זיך די גע־זאלבטע . . .

אבער ווי די באציאונגען זאלן צווישן די רביים ניט האבן געווען, ווען זיי זיינען זיך צוזאמענגעקומען און געווען אונטער איין דאך, אונטער די אויגן, זעט עס אויס, האבן זיי איינער פון אנדערן ניט שטארק געהאלטן, אפשר פאר די זעלביגע טעמים, וואס זייערע חסידים.

אלנפאלס וויס מען, אז דער ריזשינער פלעגט וועגן דעם טשערנאבי־לער מגיד ריידן אלס „דער פעטער מאטל", אפילו קיין „ר' מאטל" ניט זאגן. און ווי עס איז ידוע, איז מען אין חסידישע הויפן זייער מדקדק ניט אויסצולאזן דעם „רב" אפילו פאר קליינע קינדער.

דער טשערנאבילער פלעגט אויך ניט ריידן מיט קיין מער רעספעקט פון דעם ריזשינער. ער איז ביי אים געווען „דער פלימעניק ישראל'יק".

איז עס געווען א צייכן פון ווייניג פארערונג אדער גאר פון צו־שטארקער התקרבות? ווער קען עס וויסן?

דאס, וואס די ריזשינער האבן אין זייער רבי'ן געזען דעם אידישן גואל, משיח'ן, איז געווען א נייער שטריך אין דער אנטוויקלונג פון חסידיזם.

די טשערנאבילער האבן פעסטגעשטעלט דעם געדאנק פון א חסידישער

„מלוכה“, אָבער זיי זיינען ניט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו מאַכן זייער רבי'ן פאַרן גואל, פאַר משיח'ן.

די ריזשינער האָבן עס געטאָן. עס זעט אויס, אַז ר' ישראל'טשע אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַרן גואל. אויב ער אַליין וועט די אידן ניט אויסלייזן פון גלות, האָט ער געהאָפט, אַז זיינע קינדער וועלן עס טאָן.

„פון מיינע קינדער וועט מען זען ווער גאָט איז“... — האָט דער רי־זשינער געזאָגט, און חסידים האָבן עס אָנגענומען אַלס אַנדייטונג, אַז די גאולה מוז קומען דורך זיי.

אויב די גאולה איז ניט געקומען פאַר ר' ישראל'טשע'ס לעבן, איז עס ניט געווען זיין שולד. נאָר פשוט — דער דור איז דערצו נאָך ניט געווען ראוי...

האָבן די חסידים געוואַרט אויף ר' ישראל'טשע'ס קינדער — איינער פון זיי וועט געוויס זיין דער אידישער דערלייזער.

אָבער איינציגווייז זיינען דעם ריזשינער'ס קינדער אויסגעשטאָרבן, און עס איז בלויז געבליבן ר' דוד משה, דער טשאָרטקאָווער רבי. האָבן די חסידים אָנגעהויבן אויף אים אַרויסקוקן אַלס דער משיח.

זיין זון, ר' ישראל'טשע, האָט שפּעטער געשריבן וועגן זיין טאַטן, אַז „אַלע אידן האָבן געהאָפט און געוואַרט, אַז מיין טאַטע (דער טשאָרט־קאָווער) זאָל זיין דער משיח, און ער איז טאַקע באמת געווען דער משיח, אָבער דער דור איז נאָך ניט געווען ראוי פאַר דעם“... משיח איז גע־שטאָרבן נאָך איידער ער איז אַנטפּלעקט געוואָרן . . .

קען זיין, אַז די טשערנאָבילער האָבן אין דעם אויך געזען אַ צו גרויסע אָפּווענדונג פון דעם חסידיזם, וועלכער האָט אפילו אויפן בעל שם אַליין ניט געקוקט ווי אויפן משיח, און האָבן דערפאַר אַזוי פאַרביסן גע־קעמפט געגן די ריזשינער...

## כז.

# דער שידוך.

דער טשערנאָבילער און דער ריזשינער ווערן מחותנים. — אַ סגולה אָפּצושטעלן די מחלקה צווישן די חסידים פון ביידע הויפן. — קריג און פרידן.

מלחמות זיינען לייכט אַנצופאַנגען, אָבער שווער אָפּצושטעלן. דאָס איז אויך אמת וועגן חסידישע מלחמות. די מלחמה צווישן די טשערנאָבי־לער און ריזשינער חסידים איז, דאַכט זיך, געווען נאָר לשם שמים (פון גאָט'ס וועגן) און איז געפירט געוואָרן, ווי מאַנכע ווילן האָבן, אָן דער צושטימונג און כמעט אָן דעם וויסן פון די רביים.

מיט דער צייט זיינען אָבער די צוויי צדיקים אַליין איינער פון דעם אַנדערן דערווייטערט געוואָרן, און זייער פריינטשאַפט איז ניט אינגאַנצן באַנייט געוואָרן אפילו דאַמאָלט, ווען זיי זיינען געוואָרן מחותנים.

בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז אייגנטלעך זיינען ר' מאָטעלע און ר' ישראל'טשע גלייך פון אָנפאַנג ניט געווען קיין צו גרויסע פריינט. פאַר אַ צייט האָט אָבער די „פּאָליטיק" פון זייערע הויפן געפאָדערט, אַז די רביים אַליין זאָלן צווישן זיך לעבן בשלום און איבערלאָזן די מלחמה צו זייערע חסידים. די זעלביגע צינגער האָבן אויך גערעדט, אַז דאָס, וואָס די צוויי הויפן האָבן זיך שפּעטער מתחתן געווען, איז אויך געווען נאָר צוליב „פּאָליטיק"... מען פירט טאַקע מלחמה, מען שלאָגט זיך אַרום אָבער אַז די „אינטערעסן" פאָדערן, אַז מען זאָל זיך איינער מיטן אַנדערן מתחתן זיין, טוט מען עס...

דאַגעגן זאָגן אָבער חסידים, אַז אין דעם אַלעם זיינען געווען גרויסע און טיפע כוונות. די רביים אַליין האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט קיין מלחמה און זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט, וואָס זייערע חסידים רייסן זיך אַרום. האָבן זיי דעריבער געוואָלט ציינן אַ ביישפּיל פאַר זייערע חסידים, ווי אַזוי צו לעבן בשלום.

עס איז טאַקע אמת, אַז די מחלוקה צווישן די טשערנאָבילער און רי־זשינער חסידים האָט אָנגעהאַלטן פיל יאָרן, און אַז די צוויי הויפן האָבן

זיך דערוווייטערט. עס איז אויך אמת, אַז די באַציאונגען צווישן ריזשין און טשערנאָביל זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן נאָך ר' מאָטעלע'ס פּטירה. ר' מאָטעלע'ס זין — אַכט אין צאָל און אַלע אַכט שפּעטער זעלבסטשטענ־דיגע רביים, זעלבסטשטענדיגע „מלכים" פון גרויסע חסידישע „מלוכות" — האָבן די מלחמה פאַרטגעזעצט מיט נאָך מער ביטערקייט ווי פריער.

ר' מאָטעלע און ר' ישראל'טשע האָבן אָבער משמעות געוואָלט שלום און אויף תמיד אָפּשטעלן די מחלוקה צווישן זייערע חסידים.

דעם בעסטן ביישפּיל פון שלום, וואָס זיי האָבן געקענט צייגן, איז געווען, צו טאָן אַ שידוך צווישן זיך, און זיי האָבן געטאָן ניט איין שידוך, נאָר טאַקע צוויי.

זאָלן די חסידים זען, אַז די צוויי צדיקים ווערן מחותנים. זאָל עס זיין אַ ביישפּיל פאַר די חסידים פון ביידע צדדים, וועלכע זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, ניט צו וועלן זיך משדך זיין איינע מיט די אַנדערע.

אַ חוץ שלום זעען חסידים אויך אַן אַנדער כוונה אין די שידוכים צווישן די צוויי הויפן.

אויב דער ריזשינער איז געווען פון מלכות בית דוד און דער טשער־נאָבילער פון מלכות בית שאול, האָט דער ריזשינער געוואָלט זיך משדך זיין מיטן צווייטן, ווי דוד המלך האָט עס געטאָן מיט שאול'ן, ווען דער ערשטער האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער מיכל. וואָרים חסידים האָבן במסורה (אַן איבערגעגעבענער סוד), אַז נאָר פון אַזאַ שידוך קען אַרויס דער אמת'ער גואל, און דער ריזשינער און טאַקע אויך דער טשערנאָבילער האָבן געוואָלט, אַז פון זיי זאָל אַרויס דער אידישער דערלייזער...

אין דער חסידישער וועלט האָבן די שידוכים צווישן די צוויי באַרימטע צדיקים געמאַכט אַ גרויסן רושם, כאָטש די מחלוקה האָט עס ניט אָפּגע־שטעלט. די „מלכים" מעגן טאַקע לעבן בשלום צווישן זיך, אָבער זייערע „אַרמייען" שלאָגן זיך...

ביידע שידוכים זיינען אָבער ניט געווען קיין מזל'דיגע. אין ביידע פאַלן האָט עס זיך געענדיגט מיט טראַגעדיעס.

די שידוכים זיינען געווען צווישן ר' מאָטעלע'ס טאָכטער שיינדעלע מיטן ריזשינער'ס זון ר' בערעניו, שפּעטער דער לאַיעווער רבי, און צווישן דעם ריזשינער'ס טאָכטער און דעם טשערנאָבילער'ס זון ר' איציקל, שפּע־טער דער סקווירער רבי.

אין דעם פאַל פון דעם ריזשינער'ס זון ר' בערעניו און דעם טשער־נאָבילער'ס טאָכטער, איז ר' בערעניו אַרונטער פון דרך הישר — אַ פּאָסי־

רונג, וואס האט אנגעמאכט א רושם אין דער חסידישער און אַלגעמיינער וועלט — און שיינדעלע האט זיך שפעטער צוריקגעקערט אהיים און פאר־בראכט אלע אירע יארן ביי אירע ברידער, ספעציעל אין טאלנע, ביי איר ברודער ר' דוד'ל.

אין דעם צווייטן פאל איז ר' איציקל'ס רבי'צין, דעם ריזשינער'ס טאכטער, געשטארבן, איבערלאזנדיג איר מאן אן אלמן און קינדער.

די אומגליקן איןביידע פאלן האבן שטארק געטראפן די צוויי רבי'אישע פאמיליעס. עס איז אבער צו זען, אז די הויפט־קלעפ זיינען דא געפאלן אויף דער ריזשינער משפחה. ר' בערעניו איז ארויס „לתרבות רעה" (ארונטער פון גלייכן וועג) און ר' איציקל'ס רבי'צין אזוי געשטארבן.

ווערן וועגן דעם דערציילט פארשידענע מעשיות.

איין מעשה לויטעט, אז דער פארשלאג וועגן די צוויי שידוכים איז געקומען מצד דעם ריזשינער. דער טשערנאבילער האט גארניט געהאט געגן איין שידוך, אבער צוויי שידוכים צווישן די צוויי פאמיליעס איז אים ניט געווען צום הארצן.

„דאס איז דאך געגן ר' יהודה החסיד'ס צוואה", האט דער טשער־נאבילער מגיד זיך געקווענקלט. לויט ר' יהודא החסיד, טאר מען ניט שליסן קיין צוויי שידוכים צווישן צוויי פאמיליעס.

„פלגא עלי ופלגא עליך" (א העלפט אויף מיר און א העלפט אויף אייך), האט דער ריזשינער געזאגט, און מיט דעם האט ער געמיינט, אז זיי זאלן ביידע נעמען אויף זיך די „עבירה" אדער די פאראנטווארטליכ־קייט.

„ניין, איך בין שוין אלט, איך קען אויף זיך גאר ניט נעמען", האט דער טשערנאבילער באמערקט.

„אויב אזוי, נעם איך אלץ אויף זיך", האט ר' ישראל'טשע געזאגט.

און אזוי איז עס געווען: אלץ איז געפאלן אויפן ריזשינער. עס איז געווען זיין זון ר' בערעניו, וואס האט צעשטערט דאס גליק פון זיין פאמיליע־לעבן, און עס איז געווען זיין טאכטער, ר' איציקל'ס רבי'צין, וואס איז פאר דער צייט פון דער וועלט אוועק...

טשערנאבילער חסידים זאגן אויך, אז נאך עפעס האט אין דעם געשטעקט. די ריזשינער האבן זיך אין טשערנאבילער'ס גבול (גרענעץ) אריינגעריסן, באהויפטנדיג, אז דער ריזשינער איז דער אמת'ער און איינ־ציגער צדיק הדור. זיי זיינען בעצם געווען די יעניגע, וואס האבן פאראור־זאכט די מלחמה אין דער חסידישער וועלט. זיי האבן מבזה געווען ר'

מאַטעלע׳ן, אין אים „געפּעלשט“ און אין אים „ווידערגעשפּעניגט“. פאַר דעם האָט זיי ניט געקענט פאַרגעבן ווערן.

די טשערנאָבילער חסידים גייען נאָך ווייטער און זאָגן, אַז מיט די שידוכים האָבן די ריזשינער הויפסלייט געוואָלט ממש אַרויסנאַרן די חסידישע „קרוין“ פון טשערנאָבילער הויף.

עס האָט ביי זיי געהייסן פאַרשטאַרקן די ריזשינער הערשאַפט, פאַרזיכערן זיך מיטן אמת׳ן „גואל“, וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָל קומען דורך אַזאַ פאַראייניגונג צווישן די צוויי משפחות...

דער פאַקט איז, אַז ר׳ בערעניו איז פאַר אַ לאַנגער צייט באַטראַכט געוואָרן פאַר איינעם פון די הייליגסטע און אויסדערוויילטע זין פון ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער. חסידים האָבן אויף אים געקוקט ווי אויפן אידישן דערלייזער, און מען האָט בלויז געוואַרט, אַז דער דור זאָל זיין ראוי דערצו.

חסידים האָבן דערוואַרט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט ווערן דעם טשערנאָבילער׳ס איידעם, וועט ער זיין אין דער בחינה פון דוד׳ן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט שאול׳ס טאָכטער. אויף אַזאַ אופן וואָלט עס אויסגעקומען, אַז דער נייער „דוד“, אין דער פּערזאָן פון ר׳ בערעניו, וואָלט צוגענומען די „קרוין“ פון דעם טשערנאָבילער מגיד.

האָט אָבער פּאַסירט דאָס אומדערוואַרטעטע. ר׳ בערעניו איז אַרונטער פון וועג און האָט זיך אינגאַנצן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט פון דאָס גוט־אידישקייט.

זיינע חסידים זיינען אים אפילו געבליבן טריי די גאַנצע צייט און האָבן קיינמאָל ניט פאַרלאָרן די אמונה אין אים. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו באַהויפּטן, אַז ר׳ בערעניו איז אַוועק צו די אפּיקורסים בלויז זיי צו ווייזן דעם אמת׳ן וועג פון תורה און אידישקייט . . .

אַ געשיכטעלע איז דערביי דערציילט געוואָרן, ווי אַזוי ר׳ בערעניו, זייענדיג אין טשערנאָוויץ צווישן די משכילים, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן לאַיעוו און איז אַנטלאָפן פון זיינע ברידער אין סאַדיגורע, וואו ער איז פאַר אַ צייט געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ שמירה, האָט געענטפערט אַן אפּיקורס אויף אַ שאלה, וואָס ער האָט אים געשטעלט.

„פלעגט איר אַרויסטרייבן דיבוקים, פאַרטרייבן שדים און ניט־גוטע?“ —האָט אים דער אפּיקורס געפרעגט, מיינענדיג, אַז דער לאַיעווער וועט אים לצנות׳דיג איבערגעבן, ווי אַזוי ער האָט געפירט זיין רבי׳סטווא.

„יאָ“, האָט דער לאַיעווער געענטפערט. „צו מיר איז אַמאָל געקומען אַ איד און מיך געבעטן, אַז איך זאָל אַרויסטרייבן פון זיין הויז די ניט־גוטע, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרקליבן און געמאַכט מיאוס׳ע שטיק.

„ניין, איך וועל די ניט־גוטע ניט פארטרייבן, — האָב איך דעם אידן געזאָגט, — און דאָס איז די אורזאַך: אין אייער שטאָט זיינען דאָ אַ סך אפיקורסים, וואָס גלויבן ניט אין קיין שדים און ניט־גוטע. לאָכן זיי פון דיר און וועלן לאָכן פון מיר, אויב איך וועל זאָגן, אַז איך האָב זיי פאַר־טריבן. זאָלן די ניט־גוטע דעריבער בלייבן ביי דיר אין הויז, ווייטער פראַ־ווען זייערע שטוקעס, און זאָלן די אפיקורסים זען, אַז עס זיינען פאַראַן שדים אויף דער וועלט"...

ר' בערעניו האָט מיט דעם געוואָלט, האָבן זיינע חסידים געזאָגט, בלויז ציינגן די אפיקורסים ווי אַזוי מען קען באַזיגן די „סטרא אחרא" אפילו זייענדיג צווישן זיי...

בדרך כלל האָט מען אין דער חסידישער וועלט געהאַלטן ר' בערעניו'ס האַנדלונג פאַר אַ גרויסן אומגליק, און די טשערנאָבילער חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער אומגליק איז אויף די ריזשינער געקומען אַלס שטראָף פון גאָט פאַר וועלן אונטערגראָבן די יסודות פון דער טשערנאָבילער חסידישער מלוכה...

אַז ר' מאָטעלע טשערנאָבילער האָט נאָך פאַר דער חתונה פאָראויס־געזען, אַז די שידוכים וועלן זיך ניט ענדיגן גוט, צייגט וואָס חסידים דער־ציילן אויף אַזאַ שטייגער:

די חתונה צווישן ר' בערעניו און שיינדעלע'ן האָט, ווי די מערסטע חתונות אין די חסידישע הויפן, געזאָלט פאָרקומען ערב שבת. עס הייסט, אַז די חופה האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן פרייטאָג פאַר ליכט־בענטשן, וואָס דאַמאָלט איז דער חתן אין דער בחינה פון דעם כלל ישראל און די כלה — פון דער מלכה שבת...

אַלץ איז שוין געווען געגרייט פאַר דער חתונה. דער ריזשינער מיטן חתן און זיין גאַנצע משפחה זיינען שוין געווען אין טשערנאָביל. עס זיינען זיך געוואָען אָנגעפאָרן צו דער חתונה חסידים פון דער גאַנצער וועלט — חסידים פוןביידע מלוכות — טשערנאָבילער און ריזשינער.

אַ קלייניגקייט, אַ חתונה צווישן אַזוינע צוויי צדיקים! אַ וועלט־פאַסירונג...

מען האָט שוין געהאַט געפּראַוועט דעם חתן־מאָל און די פאַרשידענע סעודות, וואָס ווערן געגעבן פאַר אַ רבי'אישער חתונה. אָבער פּלוצים לאָזט ר' מאָטעלע טשערנאָבילער וויסן, אַז די חופה וועט ניט זיין ערב שבת, וועט ניט זיין אין דעם טאָג, אויף וועלכן זי איז געווען באַשטימט. דערהערט עס דער ריזשינער, ווערט ער אויסער זיך.

„וואָס הייסט, אָפּלייגן די חופה, נאָכדעם ווען אַלץ איז שוין באַשטימט און אַלע הכנות געמאַכט?"

„דער ענין פון שבת איז צו הויד", האָט דער טשערנאָבילער געזאָגט. „די כוונה פון שבת טאָר ניט פאַרמישט ווערן מיט דער כוונה פון „קדושין"...

דער ריזשינער איז געוואָרן ברוגז.

„וואָס בין איך דען אַ דאַרפסמענטש? וויים איך דען ניט דאָס אייגענע, וואָס דער פעטער מאָטל?" — האָט ער גערעדט מיט צאָרדרוס פאַר זיינע מענטשן.

דער טשערנאָבילער האָט אָבער אויסגעפירט זיינס. די חופה איז ניט געשטעלט געוואָרן ערב שבת. זי איז געשטעלט געוואָרן אין אַ וואָכנדיגן טאָג. און דער ריזשינער האָט געמוזט פאַרבלייבן עטלעכע איבריגע טעג אין טשערנאָביל.

זאָגן חסידים. אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער טשערנאָבילער האָט ברוח הקודש (מיטן הייליגן גייסט) געזען, וואָס עס וועט פּאַסירן. אַז ר' בערעניו וועט אַרונטער פון גלייכן וועג...

פאַר די טשערנאָבילער חסידים איז עס געווען אַ נייער באַווייז, אַז די טשערנאָבילער „מלוכה" קען ניט אונטערגעגראָבן ווערן, אַז די טשערנאָבילער קרוין קען ניט אַוועקגענומען ווערן. זאָל עס זיין „מלכות בית שאול" אָדער „מלכות בית דוד". די יסודות פון דעם טשערנאָבילער הויף זיינען פעלזן־שטאַרק און קענען ניט פאַרניכטעט ווערן...

כח.

# דער אלף בית.

אַ וואונדער־מעשה׳לע, וואָס ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער האָט דערציילט פון דעם בעל שם טוב. — אַ סגולה און אַן ענטפער פאַר אַ ליטווישן מתנגד.

ר׳ חיים איז געווען אַ באַוואוסטער ווילנער סוחר, וואָס האָט גע׳שם׳ט מיט זיין לומדות פונקט ווי מיט זיין עשירות. ר׳ חיים איז אויך געווען באַוואוסט אַלס פאַרברענטער מתנגד. געווען אש להבה אויף די חסידים און זייערע רביים.

אים האָט ניט געאַרט אַזוי זייער פירעכץ ווי דאָס, וואָס זיי גיבן זיך ווייניג אָפּ מיט לערנען תורה.

„די חסידישע רביים קענען ניט לערנען, און דאָס איז פאַר מיר גענוג״, פלעגט ער טענה׳ן. „תורה כנגד כולם״ (לערנען שטייט העכער פון אַלץ).

„עס שטייט דאָך אָבער „לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה״ (ניט דאָס לערנען איז דער עיקר, נאָר דער טאָן), און די רביים, אויב זיי זיינען אפילו ניט קיין גרויסע לומדים, זיינען זיי אָבער גרויסע צדיקים״, האָט מען אים פּרובירט אויפקלערן.

אָבער ר׳ חיים האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן. מיט קיין „עם הארצים״ וויל ער ניט האָבן צו טאָן, האָט ער געזאָגט.

איז ר׳ חיים אַמאָל דורכגעפאָרן טשערנאָביל, און חסידים האָבן אים אַנגעהויבן איינריידן, אַז ער זאָל באַזוכן ר׳ מאָטעלע׳ן.

„איר וועט אַליין זען, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם און צדיק ער איז״, האָבן זיי אים געזאָגט. „אגב וועט איר שוין טאַקע אויך קריגן זיין ברכה צו האָבן קינדער, און ר׳ מאָטעלע׳ס ברכה וועט זיכער ברענגען אַ ישועה״. וואָרים ר׳ חיים איז געווען אַן עקר און האָט שטאַרק געגאַרט צו האָבן אַ קינד.

„דאָס וועלן מיר זען״, האָט דער ווילנער סוחר געזאָגט פאַרטראַכט און איז אַוועק צו ר׳ מאָטעלע׳ן.

נאָך איידער ר׳ חיים איז אַנגעקומען אין רבין׳ס הויף, האָט ר׳ מאָטעלע אַריינגערופן זיין גבאי און צו אים געזאָגט בזה הלשון:

„דאָ וועט באַלד זיין אַ ווילנער סוחר מיטן נאָמען חיים. פרעג אים ניט קיין שאלות און פיר אים גלייך אריין צו מיר אין חדר“...

דער גבאי האָט, נאַטירלעך, אויסגעפאָלגט דעם צדיק'ס אָנזאָג, און ר' חיים, אַזוי שנעל ווי ער איז אָנגעקומען, איז אריינגעפירט געוואָרן צום טשערנאָבילער מגיד.

ר' מאָטעלע האָט דעם ווילנער סוחר געבעטן זיך זעצן, אָבער האָט אים קיין פראַגעס געשטעלט.

„איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה“, האָט ר' מאָטעלע גלייך אָנגעהויבן.

און אָט איז די מעשה, וואָס דער טשערנאָבילער האָט דערציילט דעם ווילנער מתנגד:

דער בעל שם הקדוש האָט אַמאָל באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מעזשעבוזש און פאָרן קיין ארץ ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן — אַ חלום, וואָס ער האָט כל ימיו געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן.

האָט ער גענומען האָק און פּאַק און זיין טאָכטער אדעל מיט זיך און האָט זיך ארויסגעלאָזט אין וועג. זיין סופר ר' הירש איז אויך מיטגעפאָרן.

עס איז געווען אינמיטן ווינטער, ווען ער האָט פאַרלאָזן מעזשעבוזש. קיין געלט האָט דער בעל שם ניט געהאַט. האָט ער מיט זיינע באַגלייטער זיך געשלעפּט פון שטעטל צו שטעטל און פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער איז אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די טערקישע הויפּט־שטאָט, פון וואַנען ער האָט געהאָפט צו נעמען אַ שיף נאָך ארץ ישראל.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז שוין געווען ניט ווייט פון פסח, און קיין געלט ווייטער צו פאָרן איז ניט געווען. האָט זיך דער בעל שם דאָרט אָפּגעשטעלט.

„מיר וועלן שוין דאָ מוזן האַלטן פסח“, האָט ער געזאָגט.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אים קיינער ניט געקענט, און דער בעל שם אַליין האָט זיך פאַר קיינעם ניט געוואָלט מגלה זיין. האָט ער דאָרט געלעבט אין גרוים דחקות און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט ווען ער וועט קענען פאָרטזעצן זיין נסיעה נאָכן הייליקן לאַנד.

דער פסח רוקט זיך אָן, און ביים בעל שם אין דירה איז ניטאָ קיין סימן פון מצות, ווייַן און אַנדערע באַדערפענישן.

„וואָס וועלן מיר טאָן, טאַטע?“ — באַקלאָגט זיך אדעל. „עס איז שוין ערב פסח, און אין הויז איז נאָך גאָר ניטאָ.“

„נישט געזאָרגט, מיין קינד. גאָט וועט העלפן“, ענטפערט דער בעל שם.

גאט וועט העלפן! אבער עס איז שוין סאמע ערב פסח. עס איז שוין באלד צייט ליכט צו בענטשן, און דאס הויז איז פוסט.

אדעל זיצט א פארטראכטע. דער בעל שם און, אויף אים קוקנדיג, ר' הירש, מאכט זיך גרייט צו גיין אין שול, ווי אלע וואלט געווען ווי גע־וואונטשן.

דער בעל שם איז שוין געווען אין שול, די זון האט שוין געהאלטן אין פארגיין, ווען צום הויז איז צוגעפארן א אידישער סוחר פון פוילן, וואס איז צוליב מסחר געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל.

„וואוינט דא ר' ישראל, וועלכער איז באקאנט אלס דער בעל שם טוב?" — האט ער געפרעגט.

„יא", האט דעם בעל שם'ס טאכטער געענטפערט.

„קען איך דא האלטן יום טוב?"

„אבער מיר האבן אליין גאר ניט", זאגט אדעל מיט אן ארונטערגע־לאזטן קאפ.

„איך האב מיטגעבראכט אלץ, וואס מען דארף אויף יום טוב", דער־קלערט דער סוחר.

אדעל האט צוגעשטימט.

דער סוחר האט דאן געהייסן זיינע משרתים אריינטראגן אין הויז אלץ, וואס ער האט געהאט מיט זיך אין וואגן, און דאס הויז איז באלד פול געווארן מיט אלדאס־גוטס, ווי ביי אן אמת'ן גביר.

ווען דער בעל שם איז געקומען פון שול, האט ער געפונען א געגרייטן טיש כיד המלך. ער האט געמאכט קידוש און אנגעהויבן פראווען דעם סדר. אויפן אורח האט ער זיך גאר ניט אומגעקוקט.

ערשט ווען עס איז געקומען צו דער סעודה, האט ער דעם אורח געגעבן א פריינטלעכן שלום עליכם און זיך מיט אים פאנאנדערגערעדט.

„איך וויים נאך וואס איר זייט צו מיר געקומען — איר ווילט האבן קינדער. אזוי ווי איר האט מיך מחיה געווען, שווער איך אייך, אז נאך איידער דאס יאר וועט פאריבער, וועט אייער ווייב אייך געבוירן א בן זכר."

דער איד איז געווארן מלא שמחה.

„איך גיב אייך אפ א העלפט פון מיין פארמעגן פאר דער גוטער בשורה", האט ער אויסגערופן.

„דאס וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו פארענדיגן די נסיעה קיין ארץ ישראל און זיך דארט איינארדנען". האט דער בעל שם געזאגט מיט פרייד.

אין הימל איז אָבער געוואָרן אַ טומל. דער סוחר איז געווען אַן עקר (קינדערלאָז) בטבע, און דאָ שווערט גאָר דער בעל שם, אַז ער וועט האָבן אַ קינד. הייסט עס, אַז מען מוז צוליב אים משנה זיין (ענדערן) די טבע. און פאַר אַזוינס האָט מען אפילו דעם בעל שם ניט געקענט מוחל זיין.

איז אַרויס אַ „כרוז" (רוף) פון הימל, אַז דער בעל שם האָט צוליב זיין געוואַגטער האַנדלונג פאַרלאָרן זיין חלק עולם הבא...

ווען דער בעל שם האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט.

„ערשט איצט וועל איך קענען דינען גאָט אָן שום פניות, טאַקע מיט אמת'ער אהבה (ליבע). וואָרים נאָר איצט וועל איך קענען מקיים זיין וואָס די חכמים זאָגן: „הוי כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס" (זייט ווי די קנעכט, וואָס דינען דעם האַר ניט דערפאַר, וואָס זיי ווילן פאַר דעם קריגן אַ באַלוינונג)"...

דעם בעל שם'ס ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַן אמת האַרץ און מיט גרויס התדבקות, האָבן אין הימל געמאַכט אַ נייעם רושם, און ווידער איז אַרויס אַ „כרוז", אַז איינער, וואָס קען בלייבן טריי דעם אייבערשטן, ווען מען נעמט פון אים אַוועק זיין חלק עולם הבא, פאַרדינט, אַז זיין עולם הבא זאָל אים צוריקגעגעבן ווערן...

דער סוחר איז פאַרבליבן ביים בעל שם די ערשטע צוויי טעג פסח און איז אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיג, ווי ער האָט צוגעזאָגט, אַ גרויסע סומע געלט.

„איצט, אַז מיר האָבן שוין געלט אויך, וועלן מיר מער אַ טאָג ניט וואַרטן און גלייך נעמען אַ שיף קיין ארץ ישראל", האָט דער בעל שם געזאָגט.

און ער, זיין טאָכטער און ר' הירש זיינען אַוועק צום האַפן זוכן אַ שיף.

עס איז אָבער דאָרט קיין שיף ניט געווען. איז דער בעל שם געוואָרן אומגעדולדיג — אַזוי גרויס איז געווען זיין בענקעניש צום הייליגן לאַנד.

האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן צו ר' הירש'ן:

„איך וועל אויסשפּרייטן מיין פאַטשיילע אויפן וואַסער, און מיר וועלן אַריבערגעטראָגן ווערן איבערן ים קיין ארץ ישראל. דו מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דו וועסט אויף קיין רגע אין דער צייט פון דער נסיעה ניט אַרויסלאָזן פון געדאַנק דעם „שם" (גאָט'ס נאָמען, מיט וועלכן בעלי מקובל צייגן מופתים), וואָס איך וועל דיר און אַדעל'ן געבן"...

ר' הירש האָט זיך פאַרטראַכט.

„רבי", האָט ער ענדלעך געזאָגט, „איך וועל פּרובירן אָנשטרענגען אַלע

מיינע כחות דעם שם ניט ארויסצולאָזן פון געדאַנק. אָבער וואָס איז מיט אדעל׳ן? זי איז דאָך ניט מער ווי אַן אשה! זי קען זיך נאָך טועה זיין, און מיר וועלן אַלע זיין אין סכנה!״

„אויב אַזוי, וועלן מיר מוזן דינגען אַ שיף פאַר אונז אַליין, כדי מיר זאָלן גלייך קענען ארויספאָרן״, האָט דער בעל שם דערקלערט.

פאַר אַזאַ נסיעה האָט דער קאַפּיטאַן געבעטן אַ פּרייז, וואָס האָט באַטראָפן די גאַנצע סומע, וואָס דער סוחר האָט דעם בעל שם איבערגעלאָזט. דער בעל שם איז געווען צופרידן אוועקצוגעבן דאָס גאַנצע געלט, אַבי צו קענען גלייך ארויספאָרן.

ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט פון ברעג, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם, און די שיף האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. האָבן דער בעל שם און ר׳ הירש תפילה געטאָן. איז די שיף געראַטעוועט געוואָרן פון אונטער־גאַנג, אָבער איז פאַרטראָגן געוואָרן צו די ברעגעס פון אַ ווייטן און אומ־באַקאַנטן אינזל.

דער בעל שם און ר׳ הירש זיינען אַרונטער אויפן ברעג און גענומען אַ שפּאַציר. זיינען זיי פאַרגאַנגען ווייט פון ברעג און פאַרלאָרן דעם וועג און ניט געקענט צוריקקומען צום שיף.

זיי זיינען פאַרקראָכן אין אַ געדיכטן וואַלד און זיינען איבערגענומען געוואָרן פון אַ באַנדע גזלנים.

די גזלנים האָבן זיי געבונדן און אוועקגענומען מיט זיך.

דער בעל שם און ר׳ הירש זיינען געווען אין גרויס סכנה. זיי האָבן דערוואַרט יעדע מינוט געטויט צו ווערן.

„רבי, איצט איז נאָך צייט זיך צו ראַטעווען״, האָט ר׳ הירש געזאָגט.

„אָבער ווי אַזוי?״ — האָט דער בעל שם געפרעגט.

„וואָס הייסט ווי אַזוי? אייך דאַרף מען זאָגן ווי אַזוי? זאָגט עפּעס אַ הייליג וואָרט, און מיר וועלן ניצול ווערן פון סכנה!״

„אָבער איך האָב פון שרעק אַלץ פאַרגעסן. מיינע חושים זיינען מיר פאַרטעמפּט געוואָרן, און איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין שום דבר תורה״, האָט דער בעל שם געזאָגט. „געדענקסטו עפּעס?״

„איך האָב אויך אַלץ פאַרגעסן״, האָט ר׳ הירש געענטפערט. „איך געדענק נאָר דעם אלף בית.״

„גוט!״ — האָט דער בעל שם אויסגערופן מיט פרייד. „איך האָב אפילו דעם אלף בית פאַרגעסן״...

„אָבער וואָס קען דער אלף בית העלפן?״ — האָט ר׳ הירש געפרעגט.

„זאָג דעם אלף בית און איך וועל דיר נאָכזאָגן“, האָט דער בעל שם באַפוילן.

ר׳ הירש האָט אָנגעהויבן זאָגן: „אלף, בית, גימל.“

דער בעל שם האָט נאָכגעזאָגט אות נאָך אות מיט גרויס התלהבות.

„דלת, הא, ויו“, האָט ר׳ הירש ווייטער געזאָגט, און דער בעל שם האָט איבערגע׳חזר׳ט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון צווישן די בוימער, און דער קאַפּיטאַן פון שיף, באַגלייט פון די מאַטראָזן, איז אָנגעקומען אויף דער סצענע.

די גזלנים, דערזעענדיג, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָבן גלייך געמאַכט פּליטה, איבערלאָזנדיג די צוויי געפאַנגענע הינטער זיך.

דער בעל שם און ר׳ הירש זיינען באַלד געווען פריי און צוריק אויפן וועג צום שיף.

„מיר האָבן אייך אַרומגעזוכט אַ גאַנצן טאָג און שוין געוואָלט אייך אויפגעבן אַלס פאַרלאָרענע, ווען מיר איז פּלוצים אַריין אַ געדאַנק צו נעמען אַ נייעם וועג, און ענדלעך האָבן מיר אייך טאַקע געפונען“, האָט דער קאַפּיטאַן זיי דערציילט.

דער בעל שם האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז מין השמים (פון הימל) איז מען נעגן, אַז ער זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל, און ער האָט אָנגעזאָגט דעם קאַפּיטאַן, אים צוריקצוברענגען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זיי זיינען אָנגעקומען שביעי של פּסח. פון דאָרט האָט ער צוריקגעקערט קיין מעזשעבוזש.

„און איצט זעט איר שוין, אַז אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, דאַרף מען ניט קיין גרויסע לומדות, קיין „סתרי תורה“ (פאַרבאָרגענע לערעס). דער אלף בית איז גענוג“, האָט ר׳ מאָטעלע פאַרענדיגט ר׳ חיים׳ען די מעשה.

ר׳ חיים איז געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צום בענקל. ר׳ מאָטעלע האָט אים מיט דער מעשה׳לע איבערצייגט, אַז דער עיקר איז דאָס הארץ, די כוונה, און ניט די לומדות.

ר׳ חיים איז אַוועק פון ר׳ מאָטעלע׳ן ווי איינער, איבער וועמען אַ גרויסער נצחון איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

אין אַ יאָר אַרום האָט ר׳ חיים׳ס פרוי געבאָרן אַ אינגל. דער ווילנער מתנגד האָט זיך ערשט דאַן געכאַפּט, אַז ר׳ מאָטעלע׳ס כוונה אין דערציילן די מעשה׳לע איז געווען נאָך טיפער און נאָך ווייטער, ווי בלויז אים צייגן, אַז מען דאַרף צו צדקות ניט האָבן קיין לומדות, נאָר אַז ער האָט שוין

פאראיינס אים געבענטשט מיט א קינד, ווי דער בעל שם האט עס געטאן מיטן פוילישן סוחר.

ר' חיים האט זיך בלויז געוואונדערט, צי ר' מאטעלע האט אויך איינגעשטעלט אזוי פיל, ווי דער בעל שם.

„אזא צדיק איז באמת א זעלטנהייט און שטייט העכער פון די גרעסטע גאונים", פלעגט ר' חיים נאכער זאגן, ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגן טשערנאבילער מגיד...

## כט.

# „רות“.

א מעשה׳לע פון טשערנאָבילער הויף. — דעם ריזשינער׳ס קללה און דעם טשערנאָבילער׳ס ברכה.—ווי אַ אידישע טאָכטער ווערט געראַטעוועט פון גוי׳שע הענט.

די מחלוקה צווישן די טשערנאָבילער און די ריזשינער חסידים, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געפירט צו אַ גרויסן פירוד אין דער חסידישער וועלט.

דער פירוד און די רייסערייען האָבן געפירט צו פיל אומאנגענעמע געשעענישן.

די שנאה צווישן די טשערנאָבילער און ריזשינער חסידים איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך פאַר אַ צייט אַנטזאָגט משדך צו זיין איינע מיט די אַנדערע. אַ טשערנאָבילער אָדער ריזשינער חסיד וואָלט בעסער געלאָזט זיין טאָכטער פאַרזעסן ווערן ביזן גרויען צאָפּ, איידער צו לאָזן זי חתונה האָבן מיט אַ זון פון צווייטן צד.

פּאַסירט, אַז אַ ריזשינער חסיד׳ס אַ זון פאַרליבט זיך אין אַ טשערנאָבילער חסיד׳ס אַ טאָכטער.

דאָס, וואָס אַ חסידישער יונגערמאַן האָט זיך פאַרליבט, איז שוין אַליין געווען אַן אומגעהערטע און אומגעוויינלעכע פּאַסירונג. ווי קומען דען אידישע יונגעלייט צו ליבע, און ווי קען בכלל געמאָלט זיין, אַז מען זאָל זיך פאַרליבן אין אַ צייט, ווען שידוכים ווערן געשלאָסן צווישן די עלטערן, און חתן־כלה זעען זיך ממש ניט ביז פאַר דער חופה, און דאָס נאָר מקיים צו זיין וואָס די גמרא זאָגט, אַז מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט אַ פרוי, ביז וואַנען מען זעט זי?...

דאָ איז אָבער געווען אַ מאָדנער פאַל.

די צוויי טאַטעס, ר׳ איצע, דער טאַטע פון דער כלה, און ר׳ שלמה, דער טאַטע פון דעם חתן, זיינען געווען צוויי אַלטע גוטע פריינט. ביידע פאַרברענטע טשערנאָבילער חסידים. געפירט מסחר צוזאַמען, געוואוינט איינער לעבן אַנדערן און געפאָרן קיין טשערנאָביל צום רבי׳ן צוזאַמען.

די כלה, שרה׳לע, און דער חתן, חיים׳ל, האָבן זיך ממש אויפגעהאָדע־

וועט צוזאמען. אלס קינדער האבן זיי זיך געשפּילט צוזאמען, ווי א ברו־דער מיט א שוועסטער, און נאך אלס קינדער האבן זיי שוין געוואוסט, אז זייערע טאטעס האבן זיך איינער דעם אנדערן געגעבן א׳ תקיעת כף, אז עס זאל צווישן זיי זיין א שידוך.

ווען זיי זיינען עלטער געווארן, האבן זיי זיך אביסל אנגעהויבן שעמען איינער פארן אנדערן און זיך געהאלטן פון דערווייטן. טאטע־מאמע האבן זיי געזאגט, אז איידער זיי ווערן געפירט צו דער חופה, פאסט ניט, אז זיי זאלן זיין צו־נאענט איינער מיטן צווייטן.

אבער אז קיינער האט ניט געזען, פלעגן זיי פארברענגען צוזאמען און ניט איינמאל האבן זיי צווישן זיך גערעדט וועגן זייער קינפטיגן לעבן אלס מאן און ווייב.

און זיי וואלטן אודאי געפירט געווארן צו דער חופה, ווען עס וואלט מיטאמאל ניט פארגעקומען א גרויסע איבערקערעניש. ר׳ שלמה, דער מחותן פון חתן׳ס צד, האט זיך פלוצלונג אפגעזאגט פון טשערנאבילער מגיד און איז געווארן א געטרייער חסיד פון ריזשינער.

ווי אזוי דאס איז געשען? ווער קען עס דען זאגן? פיל חסידים האבן זיך אפגעזאגט פון זייערע פריערדיגע רביים און זיינען געווארן נאכ־פאלגער פון נייע. עס איז ניט געווען קיין נייעס, אז א חסיד זאל מיט־אמאל אנהויבן פארן צו אן אנדער רבי׳ן. אזוי האט עס פאסירט מיט טשערנאבילער חסידים און אזוי אויך מיט ריזשינער.

באזונדערס האט מען עס אפט געזען אין יענער מחלוקה־צייט, ווען צווישן די צוויי מחנות האט געהערשט היים בלוט, און וועןביידע צדדים האבן געהאלטן, אז זיי קעמפן פאר דער איינינקייט פון חסידות, פאר דער אויפהאלטונג און אנערקענונג פון זייער חסידישער „מלוכה״.

עס פארשטייט זיך, אז ר׳ שלמה׳ס איבערגיין צום ריזשינער האט געבראכט א צעטיילונג אין די וועגן פון די צוויי פריינט, שותפים און מחותנים.

מען האט זיך אנגעהויבן ארומקריגן, און די קריגעריי האט געבראכט צו א ביטערער שנאה, אזוי, אז מען איז געווארן אויס שותפים. און איינ־מאל, אין א שארפער קריגעריי, האבן די צוויי מחותנים דערקלערט איינער דעם צווייטן, אז דער שידוך צווישן חיים׳לען און שרה׳לען איז אפגעלאזט.

„מיין חיים׳ל וועט קיינמאל ניט חתונה האבן מיט א טאכטער פון א טשערנאבילער חסיד״, האט ר׳ שלמה דערקלערט.

„און מיין שרה׳לע וועט קיינמאל ניט זיין די שנור פון א ריזשינער חסיד״, האט ר׳ איצע אפגעענטפערט מיט ניט־וויניגער תקיפות.

אָבער דער תקיעת כף? דאָס איז טאַקע געווען אַ שווערע שאלה.
ר׳ איצע האָט געזאָגט, אַז ער מוז זיך אָנפרעגן וועגן דעם ביים רבי׳ן. און ער האָט געמאַכט אַ ספּעציעלע נסיעה קיין טשערנאָביל.
ר׳ מאָטעלע האָט אים אויסגעהערט, און אויף זיין פּנים האָט זיך פאַר־צויגן אַ שאָטן.
„ניין, איצע", האָט ער געזאָגט צום חסיד, „ניט נאָר מוז אַ תקיעת כף געהאַלטן ווערן — עס איז בכלל ניט שיין, אַז אַ שידוך זאָל אָפּגעלאָזט ווערן איבער אַזאַ קלייניגקייט."
„אַזאַ קלייניגקייט, זאָגט איר, רבי?" — האָט ר׳ איצע ניט געקענט פאַרשטיין. „ער איז דאָך אַ מורד במלכות, ער האָט דאָך אייך מבזה געווען, אייך פאַרביטן, רחמנא לצלן, אויף אַ—"...
ר׳ מאָטעלע האָט אים ניט געלאָזט ענדיגן.
„יעדער חסיד האָט דאָס רעכט נאָכצופאָלגן וועלכן רבי׳ן ער וויל."
ר׳ איצע איז אַוועק אַז אַנטוישטער. ער וואָלט זייער ניט געוואָלט זיך גיין איבערבעטן מיט ר׳ שלמה׳ן, נאָך ווייניגער — זיך אונטערגעבן אין שידוך. אָבער דער רבי האָט זיין וואָרט געזאָגט, און דעם רבי׳ן מוז מען פאָלגן.
איז ער הכנעה׳דיג געקומען צו ר׳ שלמה׳ן אין הויז און אים דערקלערט בזה הלשון:
„אונזער מחלוקה האָט אונז געשטעלט אין צוויי באַזונדערע מחנות, און עס קען קיינמאָל צווישן אונז קיין שלום ניט זיין. אָבער דער תקיעת כף מוז געהאַלטן ווערן, און דער שידוך צווישן חיים׳לען און שרה׳לען טאָר ניט פאַנאַנדערגעלאָזט ווערן. אַזוי איז דער אָנזאָג פון דעם הייליגן טשער־נאָבילער מגיד, זכותו יגן עלינו."
„אַזוי האָט געהייסן דיין רבי?" — האָט ר׳ שלמה אויסגעשריען, און זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון אויפרעגונג. „אַזוי בין איך נאָך געווען אין ספק וועגן תקיעת כף און האָב געהאַט בדעה צו פרעגן מיין רבי׳ן. איצט, אָבער, וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן. איך פרעג מער קיינעם ניט. תקיעת כף, צי ניט תקיעת כף. מיין חיים׳ל וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבן מיט שרה׳לען."
עס איז געוואָרן אַ קריגעריי, און ר׳ שלמה האָט ר׳ איצע׳ן ממש פון שטוב אַרויסגעטריבן.
די צוויי קריגערישע טאַטעס האָבן בעת מעשה פאַרגעסן, אָדער זיי איז גאָר אויפן געדאַנק ניט אַרויף, אַז די בעלי דבר, חיים׳ל און שרה׳לע, האָבן אויך עפּעס צו זאָגן אין דעם ענין.

גלייך ווי זיי האבן דערהערט פון דער רייסעריי צווישן זייערע טאטעס און פון זייער גזר, אז דער שידוך ווערט אפגעלאזט, האבן זיי זיך געשוואוירן צו בלייבן טריי איינער דעם צווייטן און קיינמאל זיך ניט לאזן פאנאנדערטיילן.

און איינמאל איז חיים'ל געקומען צו זיין טאטן און שרה'לע צו איר טאטן און דערקלערט, אז וואס זיי, די טאטעס, זאלן ניט האבן באשלאסן, זיי, חתן־כלה, וועלן אויף קיין זאך ניט קוקן און חתונה האבן.

אזוינע דבורים זיינען געווען א גרויסע איבערראשונג פאר די צוויי טאטעס, און דער ענטפער אויף דעם איז געווען—פעטש. סטייטש, ווי רעדט דאס א קינד אזוי צו א טאטן! איז דען א וועלט הפקר?!

האבן ביידע טאטעס, ווי אויף להכעיס, אנגעהויבן זוכן שידוכים פאר זייערע קינדער. אבער ניט חיים'ל און ניט שרה'לע האבן געוואלט הערן.

זייערע טאטעס האבן איצט זיי אנגעהויבן נאכהיטן, אז זיי זאלן זיך ניט טרעפן. און אז דאס האט ניט געהאלפן, האט מען זיי פשוט געהאלטן איינגעשלאסן אין הויז.

ר' שלמה האט שוין געהאט אפגעזוכט א כלה פאר זיין זון, און ר' איצע—א חתן פאר זיין טאכטער. אין ביידע פאלן האט מען זיך געהאלטן אין צוגרייטן צו דער חתונה.

שרה'לעס חתונה האט געזאלט פארקומען פריער. שרה'לע האט פראטעסטירט, געוויינט, זיך געבעטן, אבער קיינער האט זיך צו איר ניט צוגעהערט.

„איך וועל זיך א מעשה אנטאן", האט זי אנגעהויבן סטראשען. „איך וועל פון הויז אנטלויפן." אבער מען האט זיך געמאכט ניט ווויסנדיג.

עס איז שוין געווען עטלעכע טעג פאר דער חתונה — די טעג, ווען מען לאזט א כלה ניט ארויס פון אויג, כדי „ניט־גוטע" זאלן איר, רחמנא לצלן, ניט פארשלעפן — ווען אין א פרימארגן האט מען זיך פלוצים ארומגעזען, אז שרה'לע איז אין הויז ניטא.

וואו איז שרה'לע? וואס איז מיט איר געשען? קיינער האט ניט געוואוסט. מען האט זי ניט געזען און ניט געהערט, ווי זי וואלט פלוצים פארזונקען געווארן אין דער ערד.

די נייעס האט באלד דערגרייכט אין ר' שלמה'ס הויז, און מען האט זיך צום ערשטן מאל ארומגעזען, אז אויך חיים'ל פעלט. וואו איז חיים'ל? וואס איז מיט אים געשען?

עס איז אבער געווען לייכט צו זען, אז דאס פארשווינדן פון די צוויי

האָט אַ פאַרבינדונג. אָבער וואָס איז געשען? קיינער האָט עס ניט גע־קענט זאָגן.

סברות זיינען געווען אַ סך:

זיי זיינען אַנטלאָפן ערגעץ חתונה האָבן: שדים האָבן זיי פאַרטראָגן; זיי האָבן זיך אין טייך אַריינגעוואָרפן.

מ'האָט זיי אַרומגעזוכט און אין ערגעץ ניט געפונען. ניט אין די דערבייאיגע שטעטלעך האָט מען פון זיי געהערט, ניט אין די זומפּן און אין די חורבות אַרום שטעטל האָט מען פון זיי אַ גערעכעניש געפונען, און ניט אין טייך איז פון זיי אַ שפּור געווען.

„איך וועל פאָרן צום רבי'ן", האָט ר' שלמה געזאָגט. „דער ריזשינער וועט מיר שוין געפינען מיין חיים'לען."

איז ר' שלמה אַוועקגעפאָרן צום ריזשינער.

דער צדיק האָט אים אויפגענומען מיט אַן ערנסטן פּנים.

„שלמה, דיין בקשה איז זייער אַ שווערע", האָט אים דער רבי גע־זאָגט. „דו ביסט אַ זינד באַגאַנגען, האָסט דעם תקיעת כּף געבראָכן. פאָר אַהיים, רייס קריעה און זיץ שבעה ווי נאָך אַ מת. קענסט אויך נאָך אים קדיש זאָגן, אפשר וועט נאָך זיין נשמה געליימערט ווערן. ער איז דאָך ניט אינגאַנצן שולדיג פאַר דער זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען"...

מער האָט דער ריזשינער ניט געוואָלט ריידן.

אויף אַלע ר' שלמה'ס בקשות ער זאָל אים זאָגן, וואָס מיט זיין זון איז געשען, האָט דער ריזשינער געענטפערט:

„אַ בפירוש'ער פּסוק „וימחה שמו מישראל" (זאָל זיין נאָמען אויס־געמעקט ווערן פון צווישן אידן). דו מוזט אַן אים פאַרגעסן."

איז ר' שלמה צוריקגעפאָרן אַהיים מיט אַ צעבראָכן האַרץ און האָט געטאָן, וואָס דער רבי האָט געהייסן: האָט קריעה געריסן, איז שבעה געזעסן און האָט אבילות געפּראַוועט ווי נאָך אַ מת.

האָט ר' איצע אויך באַשלאָסן פאָרן צום רבי'ן — צו זיין רבי'ן — דעם טשערנאָבילער.

עס איז געווען ל"ג בעומר צייט, ווען ר' איצע איז אָנגעקומען אין טשערנאָביל.

ר' מאָטעלע האָט אים אויפגענומען מיט אַ שווערן זיפץ.

„ניט דיין שולד אינגאַנצן, איצע, אָבער דו מוזט ליידן. אַ שווערע זינד איז באַגאַנגען געוואָרן. פאָרן אמת'ן „מסית ומדיח" (אָפּריידער און פאַרשטויסער פון גלויבן) איז שוין קיין תחבולה ניטאָ. דער ריזשינער האָט אים שוין פאַרשאָלטן, און ער איז שוין מער אויף דער וועלט ניטאָ.

פאר דיין טאכטער איז נאך אבער פאראן א שטיקל האפנונג. מען מוז נאר ווארטן אויף אן „עת רחמים" (א מאמענט פון דערבארימונג)."

„בלייב דא איבער שבועות", האט דער טשערנאבילער געזאגט ווייטער, „אולי ירחם (אפשר וועט גאט רחמנות האבן)."

אז דער רבי הייסט בלייבן איז טשערנאביל ביז איבער שבועות, טוט מען, וואס דער רבי הייסט. איז ר' איצע געבליבן ווארטן און יעדן טאג מתפלל געווען, אז דער „עת רחמים", ווען וואס דער רבי האט גערעדט, זאל קומען.

אויפן צווייטן טאג שבועות, ווען מ'לייענט מגילת רות, האט ר' מאטעלע מודיע געווען דעם שמש, אז ער וויל אליין זיין דער בעל קורא פון דער מגילה.

אז ר' מאטעלע זאגט, אז ער וויל לייענען די מגילה, פארשטייט דער עולם, אז דערביי מוז זיין א גרויסע כוונה. אבער גיי וויים, וואס דער גרויסער צדיק איז אויסן מיט דעם! דער עולם איז געשפאנט. הערן ר' מאטעלע'ן לייענען די מגילה איז ניט קיין קלייניגקייט!

און ר' מאטעלע פאנגט אן לייענען די מגילה מיט גרויס דבקות, גאר ניט מיטן געוויינלעכן סקארבאווון ניגון. מען פילט, אז אין יעדן ווארט לייגט ער אריין באזונדערע כוונות, און אז אין יעדן אות אנטפלעקט ער נייע סודות...

און אט קומט ער צום פונקט, וואו עס דערציילט זיך, ווי נעמי הייסט אירע צוויי שניר, ערפה און רות, וועלכע ווילן איר נאכפאלגן פון מואב קיין ארץ ישראל, נאכדעם ווי איר מאן און זייערע מענער, נעמי'ס זין, זיינען געשטארבן, אז זיי זאלן זיך צוריקקערן צו זייער אייגן פאלק.

„ותשאנה קולן ותבכינה (און זיי האבן אויפגעהויבן זייערע שטימען און געוויינט)". לייענט דער טשערנאבילער מגיד און צעוויינט זיך אליין מיט הייסע, ביטערע טרערן.

„ותאמרנה לה כי אתך נשוב לעמך" (און זיי האבן איר געזאגט: מיט דיר וועלן מיר זיך צוריקקערן צו דיין פאלק). דער טשערנאבילער באטאנט שטארק דעם „לעמך" און חזר'ט דאס ווארט איבער עטלעכע מאל.

דאן קומט ער צום פסוק, אין וועלכן רות דערקלערט איר שוויגער נעמי, אז זי איז אנטשלאסן מיט איר מיטצוגיין, „כי אל אשר תלכי אלך ובאשר תליני אלין, עמך עמי ואלהיך אלהי" (ווייל וואו דו וועסט גיין, וועל איך גיין; וואו דו וועסט נעכטיגן, וועל איך נעכטיגן: דיין פאלק איז מיין פאלק און דיין גאט איז מיין גאט).

דער טשערנאבילער וויל פון פסוק ניט אוועקגיין. זיין שטימע ענ־

דערט זיך. דאָ איז עס אין אַ געבעט און דאָ אין אַ באַפעל: דאָ שטיל, זאַנפט, ווי ער וואָלט אימיצן איינגעראַמט אַ סוד, און דאָ הויבט עס זיך הויך ווי אַ דונער, אַ מעכטיגער באַפעל פון אַ „שר צבא" (קאָמאַנדיר) צו זיינע חיילות...

"כה יעשה ה' לי" (אזוי וועט גאָט טאָן צו מיר), לייענט ווייטער דער טשערנאָבילער מגיד, און ער חזר'ט איבער דעם „לי" עטלעכע מאָל, און עס איז קענטיג, אַז זיין כוונה איז דאָ צו טייטשן דעם פסוק, אַז אַזוי זאָל גאָט טאָן פון „מיינעטוועגן". עס הייסט, פון זיינט, דעם צדיק'ס, וועגן.

הייסט עס, אַז אויב עס איז קיין אַנדער זכות ניטאָ, מוז עס געשען צוליב זיין אייגענעם זכות...

און עס איז קענטיג פון דעם טאָן, אַז דער צדיק פילט זיך בטוח, אַז ענדלעך וועט זיין רצון געשען, אַז ענדלעך האָט ער שוין אַלץ גע'פועל'ט, וואָרים ער לייענט די מגילה ווייטער שנעל, מיט ווייניגער דבקות, ווי ער וואָלט זיינם אָפּגעטאָן...

מוצאי יום טוב רופט דער טשערנאָבילער מגיד צו זיך אַריין ר' איצע'ן און גיט אים אָפּ אַ פריילעכן „גוט וואָך".

„פאַר אַהיים געזונטערהייט, דיין שרה'לע וועט צוריקקערן", זאָגט ער אים, און ביי ר' איצע'ן שטראָמען טרערן פון די אויגן. הערנדיג די גרויסע בשורה.

„זי קערט צוריק פול מיט חרטה, אַ צעבראָכענע און פאַרוויינטאָגטע. חיים'ל איז טויט. און זי וויל צוריק זיין אַ אידישע טאָכטער. נעם איר אויף מיט אָפענע אָרעמס, פרעג איר קיין שאלות ניט, ווייל זי קומט מיט איר אייגענעם ווילן, אַן אמת'ע בעלת תשובה. אָבער דו טאָרסט ניט פאַרבלייבן אין שטעטל, וואו דו וואוינסט. נעם האָק און פּאַק און דיין גאַנץ הויזגעזינד און לאָז זיך אַוועק אין מרחקים, וואו קיינער קען דיך ניט און ווייס דיך ניט, און גאָט וועט דיר העלפן"...

ר' איצע איז אַהיימגעפאָרן און זיך אָנגעהויבן גרייטן פאַר דער נסיעה, וועגן וועלכער דער טשערנאָבילער האָט גערעדט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אינמיטן נאַכט האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. די טיר איז געעפנט געוואָרן, און שרה'לע איז גע־שטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, גרייט צו פאַלן פאַר איר פאָטער'ס פיס און אים בעטן מחילה.

„איך האָב שווער געזינדיגט, טאַטע", האָט זי געזאָגט כליפּענדיג. „עס איז געווען חיים'לס עצה. קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען. מיר האָבן ניט געקענט לעבן איינער אָן אַנדערן. האָבן מיר אין אַ מאָמענט

פון ווילדער משוגעת באַשלאָסן צו אַנטלויפן צום גלח און ער האָט אונז אוועקגעשיקט ווייט צו אַ צווייטן גלח, וואו מיר זיינען געהאַלטן געוואָרן פאַר שמד און דאָן חתונה צו האָבן אַלס גוים...

„חיים'ל איז אָבער קראַנק געוואָרן, פון חרטה אָדער אַלס שטראָף פון גאָט, און איז געשטאָרבן. איך האָב קיין רו ניט געהאַט. צוערשט געוואָלט אַליין אויך שטאַרבן, אָבער מיטאַמאָל באַקומען אַ שטאַרקן באַגער זיך צוריקצוקערן. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט מיך געצווינגן צוריק אַהיים, צוריק צו אידן. און אַט בין איך אַהער געקומען און שטיי גרייט בעטן דיך מחילה"...

ל.

# דעם רבי׳נס פערד

די סודות פון רבין׳ס קאַרעטע. — ר׳ מאַטעלע טשערנאָבילער בײַם פערד. — ווי ער האָט פאַרהיט אַ ווייבל פון זינד.

ר׳ מאַטעלע טשערנאָבילער׳ס קאַרעטע געשפּאַנט צו זעקס פייערדיגע סוסים „נאַשפּיץ" האָט געהאַט אַ שם אין דער חסידישער וועלט. צו זעז ר׳ מאַטעלע׳ן פאָרן אין זיין קאַרעטע, ארומגערינגלט פון זיינע באַגלייטער, די „ששים גבורים", רייטנדיג אַדער פאָרנדיג, איז געווען אַ הערלעכער ספּעקטאַקל, וואָס איז לאַנג פאַרבליבן אין זכרון. עס איז געווען די נסיעה פון אַ גרויסן „שר", אַ „מלך" — אַזוי שיין און רייך האָט ר׳ מאַטעלע׳ס קאַרעטע אויסגעקוקט, אַזוי פיל און אַזוי אימפּאַזאַנט זיינען זיינע באַגלייטער געווען.

דער טשערנאָבילער האָט אין זיין קאַרעטע געהאַט אַלע איינריכטונגען, אַ שראַנק מיט ספרים און פאַרשידענע כלי קודש: אַן ארון קודש׳ל מיט אַ ספר תורה׳לע, אַ „כיור" (האַנטפּאַס) און אַלץ וואָס איר ווילט אַליין. ווינטער איז אין דער קאַרעטע אויך אריינגעשטעלט געוואָרן אַן אויוועלע. כאָטש חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער צדיק האָט עס קוים גענייטיקט דער־פאַר, וואָס אונטערוועגנס, ווי ביי זיך אין דער היים, האָט ער תמיד גע־לערנט, און די תורה האָט אים שוין געוואַרימט...

ר׳ מאַטעלע׳ס סוסים זיינען געווען פון די שענסטע און בעסטע. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן שטאַל פערד און זיי זיינען אָפּגעהיט געוואָרן פון ספּעציעלע משרתים.

מען זאָגט, אַז ר׳ מאַטעלע האָט געהאַט דעם בעל שם׳ס מדה מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט אַ באַזונדערן איגטערעס אין פערד, פלעגט זיי שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און זיי שטאַרק אָפּהיטן.

אין דעם איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ באַזונדערע כוונה, אַ גרוי־סער סוד.

ווייל דעם צדיק׳ס קאַרעטע איז ניט סתם אַ קאַרעטע, נאָר אַזוינס, וואָס דערמאָנט אָן „מעשה מרכבה" (גאָט׳ס קאַרעטע) און וואָס ברענגט

דעם צדיק אין דער ריכטיגער שטימונג מיחד צו זיין יחודים, זיך צו פאר־טראגן אין די הימלישע וועלטן.

די פערד האבן זייער ספעציעלע עובדה. זיי מאכן פארן צדיק „קפיצת הדרך“ און ברענגען אים אהין וואו ער דארף, אפילו ווען דער קוטשער לאזט אפ די לייצעס און לאזט זיי אליין זיך אויסקלייבן דעם וועג. דעם צדיק׳ס פערד זיינען דעריבער א גאנץ וויכטיגער טייל פון דער רבי׳אישער איינריכ־טונג, און ניט די טמא באשעפענישן, וואס די פשוט׳ע בשר־ודם׳ניקעס און טרוקענע מתנגדים מיינען.

ניט איינמאל האט פאסירט, אז די פערד זאלן זיין דעם צדיק׳ס שלוחים און זאלן פיגורירן אין מופתים.

איינע פון די מעשה׳לעך, וואס די טשערנאבילער חסידים דערציילן וועגן ר׳ מאטעלע׳ן און זיינע סוסים, איז אזוי:

ניט ווייט פון טשערנאביל האט געוואוינט א רייכער אידישער ארענ־דאטאר מיטן נאמען בינוש. ער האט געהאלטן א גרויסן פריצישן הויף אין ארענדע און האט געהאט הצלחה.

א פראסטער איד איז געווען דער בינוש, אבער א ווארימער און אי־בערגעגעבענער חסיד פון דעם טשערנאבילער מגיד. פלעגט אפט קומען אין הויף אריין און ברענגען דעם רבי׳ן טייערע מתנות.

בינוש איז געווען א איד אין די פערציגער, הויך, געזונט, ברייט־פליי־צעדיג, — אז אמת׳ער דארפס־מענטש!

גאנץ אפט, ווען ער פלעגט קומען אין דער „חבריא“ (קאמפאניע) פון חסידים, פלעגן די מער לומדישע פון זיי האלט האבן צו טרייבן שפאס מיט דעם פראסטן בינוש׳ן, וועלכער האט געוואוסט מער וועגן קי און פארשטאנען מער וואס ס׳טוט זיך אויפן פעלד, אין וואלד און אין שייער, ווי אין חסידישע ספרים.

מען האט אבער געוואוסט, אז בינוש מיט זיין פראסטקייט און עם הארצות איז א גוטהארציגער און אן אפנהאנטיגער און מען האט אים פאר־געבן. נאך אלעם דעם וויסן חסידים מער ווי אנדערע, אז „רחמנא לבא בעי“, אז אלץ, וואס די תורה וויל, איז—מען זאל האבן א גוט הארץ, און חסידות איז דאך מער א הארץ־זאך ווי א קאפ־זאך...

אויף בינוש׳ס פאסעסיע האט זיך געפונען א מיל, וואס איז געווע[...] אויספארדונגען צו אן אנדער טשערנאבילער חסיד, ר׳ ברוך.

ר׳ ברוך איז שוין געווען דער היפוך פון בינוש׳ן: ער איז געווען א יודע ספר, אן אמת׳ער למדן, און האט געוואוסט פון די העכערע ענינים פון חסידות. איז טאקע ר׳ ברוך געווען א גרויסער נכבד אין טשערנאבילער

הויף, וואו ער פלעגט פאַרברענגען אַלע ימים טובים און זיך אַרונטערכאַפּן גאַנץ אָפט אויף אַ שבת אָדער אַזוי אַ „יומא דפגרא“ (שמחה׳לע).

ר׳ ברוך איז אויך געווען דער היפּוך פון בינוש׳ן אין אויסזען און אין הילוך. בינוש איז געווען גרויס און געזונט, און ר׳ ברוך קליין און שוואַך — אַ קליין ציגן־בערדל, אַ צעקנייטשט פּנים און מיט איינגעבויגענע פּלייצעס און אויסגעדאַרט קערפּערל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די קורצע, שוואַכע פיס, וואָס האָבן זיך מיט מי געשלעפּט אויף דער זינדיגער ערד.

די מערסטע צייט האָט ר׳ ברוך שווער געאַרבעט אין מיל. וואָרים ניט לייכט איז די פּרנסה פון אַ מילנער, באַזונדערס ווען ער דאַרף נאָך צאָלן אַרענדע. נאָך גוט, וואָס בינוש איז ניט געווען קיין האַרטער מענטש און האָט גאַנץ אָפט אונטערגעוואַרט מיט די צאָלונגען. זיין לוידיגע צייט האָט ר׳ ברוך פאַרבראַכט אַריינקוקנדיג אין אַ ספר.

ר׳ ברוך איז שוין געווען אַ איד אין די יאָרן, ווען ער איז, לא עליכם, געבליבן אַן אַלמן. האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל נאָך אַמאָל חתונה האָבן צי ניט. האָט ער זיך וועגן דעם מיישב געווען מיטן רבי׳ן. האָט אים ר׳ מאָטעלע געזאָגט, אַז „לא טוב היות אדם לבדו“ (עס איז ניט גוט פאַר אַ מענטשן אַליין צו זיין), באַזונדערס ווען מען האָט נאָך קלענערע קינדער, און ר׳ ברוך האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן.

ר׳ ברוך האָט געהאַט אַ קרוב, אַ איד אַ גרויסער אָרימאַן און אַ בעל מטופּל, מערסטנס טעכטער. איז זיין עלטסטע טאָכטער שוין געווען אין די יאָרן און האָט נאָך קיין חתן ניט געהאַט. אויף אַן אָרים מיידל, וועמענס טאַטע האָט קיין נדן, זיינען קיין בעלנים ניטאָ, כאָטש אַליין איז זי געווען זייער אַ וואויל קינד, ממש אַ יפת תואר.

האָט ר׳ ברוך זיך דורכגערעדט מיטן קרוב, און עס איז געבליבן, אַז ער זאָל נעמען פאַר אַ ווייב דעם קרוב׳ס עלטסטע טאָכטער — פּערעלע, ווי מען האָט זי גערופן מיט איר כשר׳ן נאָמען.

פּערעלע האָט שטאַרק ניט געוואָלט דעם שידוך, זאָגט מען. זי האָט עוויינט, זיך געבעטן, אַז מען זאָל איר בעסער לאָזן זיצן ביזן גרויען צאָפּ יין. אָבער טאַטע־מאַמע האָבן פון דעם ניט געוואָלט וויסן. טאַקע געבן, אַז ר׳ ברוך איז ניט קיין גלייכער שידוך פאַר איר וואָס איז ייך יאָרן, אָבער דאָך אַזאַ בכבוד׳יגער מענטש, אַזאַ אָנגעזעענער חסיד אין הויף.

אגב איז דאָס געווען דער איינציגער שידוך, וואָס דער חתן פאָדערט קיין נדן און נעמט די כלה ווי זי שטייט און גייט.

האט מען געפראוועט א חתונה, און ר' ברוך האט זיין יונג ווייבל געבראכט צו זיך אהיים אין דער מיל אויף בינוש'ס פאסעסיע.

האט בינוש דערזען ר' ברוך'ס שיין ווייבל און האט אויף איר אן אויג געווארפן. גיי מאך, פארט א פראסטער מענטש, וואס ווייס פון קיין חכמות און לאזט זיך באהערשן פון יצר הרע! . . .

געווינלעך האט מען בינוש'ן זעלטן געזען ביי דער מיל, אבער זינט ר' ברוך האט געבראכט זיין נײ ווייבל, איז ער דארט געווארן אן אפטער באזוכער. ר' ברוך האט, נאטירלעך, גארניט פארדעכטיגט. ווארים ווי האט דען אזא כשר'ן אידן געקענט איינפאלן, אז בינוש טראגט זיך ארום מיט זינדיגע מחשבות?

ר' ברוך איז נאך זיין צווייטער חתונה, ווי פריער, געווען אן אפטער באזוכער ביים טשערנאבילער רבי'ן. בינוש האט אבער שוין כמעט אינ־גאנצן אויפגעהערט פארן צום רבי'ן. ער פלעגט בלויז ווארטן, אז ר' ברוך זאל אוועקפארן, כדי ער זאל דורך וועלכן ס'איז תירוץ — און תירוצים האט ער געהאט א סך — קומען צו דער מיל צו זען פערעלע'ן. אז דער מאן איז אינדערהיים ניטא, האט ער געמיינט, וועט אים לייכטער אנקומען זי אנצוריידן צו אן עבירה...

פערעלע איז אבער געווען א כשר'ע אידישע טאכטער, וואס לאזט זיך ניט אזוי לייכט איבערריידן פון יצר הרע, און זי האט תמיד געפונען א וועג ווי זיך אויסצודרייען פון בינוש'ן. דא איז זי געווען פארנומען אין מיל, דא אין קיך און דא גאר ביים וואשן גרעט. בינוש פלעגט בלויז זיך קענען ארומדרייען ווי א פארבלאנדזשעטער און אוועק אהיים מיט גארנישט.

דאס האט אים אבער געמאכט נאך אנטשלאסענער פון פערעלע'ן ניט אפצוטרעטן און זי ניט אפצולאזן. אויב ניט דעם מאל, וועט עס זיין א צווייטן מאל — פלעגט ער זיך טראכטן — זי וועט זיך שוין פון זיינע הענט ניט ארויסדרייען.

דערווייל האט די „וועלט“ אנגעהויבן באמערקן זאכן און צינגער שווייגן ניט. האט מען אנגעהויבן ריידן, אז בינוש זינדיגט, רחמנא לצלן, מיט פערעלע'ן.

איז עס געקומען אזוי ווייט, ביז דאס האט זיך דערטראגן צו ר' מאטעלע'ן אליין.

„רעדט ניט קיין רכילות אויף א כשר'ער אידישער טאכטער“, האט ר' מאטעלע זיך אנגעבייזערט.

דער ענין איז אבער, משמעות, ר' מאטעלע'ן גוט אריין אין קאפ, ווארים עס איז בלויז אוועק א קורצע צייט, און דער צדיק האט געהייסן

שפּאַנען די קאַרעטע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זייענדיק אויסער טשערנאָביל, האָט ער געהייסן דעם קוטשער זיך פאַרקירעווען צו בינוש'ס פּאַסעסיע.

בינוש האָט דעם צדיק אויפגענומען מיט גרויס יראת הכבוד און מיט דער מינע פון איינעם, וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט, וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז זיין לאַנגע אָפּוועזנהייט פון רבין'ס הויף האָט געמוזט ווערן אויפּפאַלענד. ר' מאָטעלע האָט אָבער קיין וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט.

ווען דער טיש איז געגרייט געוואָרן, און אַלע באַגלייטער און בינוש האָבן זיך געזעצט אַרום ר' מאָטעלע'ן, האָט דער צדיק פאַרפירט אַ מאָדנעם שמועס — וועגן אַן ענין, וואָס חסידים האָבן גאָרניט דערוואַרט.

דער שמועס איז געווען וועגן פערד.

„וויפיל פערד האָסטו, בינוש?" — האָט ער אים געפרעגט.

„אַ סך, רבי, גאָר אַ סך."

„וועלכע זיינען דיינע בעסטע פערד?"

„איך האַלט זיי אין אַ באַזונדערן שטאַל. צוויי שטיק, פערד ווי די לייבן. איך האָב זיי ליב ווי מיין לעבן", האָט בינוש גערעדט אָפּנהאַרציג.

„איך וויל זיך מיט דיר בייטן פערד", האָט ר' מאָטעלע אַ זאָג געטאָן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן. „איך וויל האָבן אָט די צוויי פערד דיינע, און איך וועל דיר פאַר זיי געבן צוויי פון מיינע פערד, פון מיין קאַרעטע."

„ווי דו ווייסט", האָט ר' מאָטעלע באַלד צוגעלייגט, „זיינען מיינע פערד אויך ניט קיין שלעכטע."

בינוש האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד צו קריגן דעם צדיק'ס פערד, וועלכע זיינען באמת ניט געווען ערגער פון זיינע און אפשר נאָך בעסער. און ער, ווי די אַנדערע חסידים, האָבן זיך געוואונדערט צו וואָס דער צדיק מאַכט אַזאַ בייט.

מיט דעם האָט זיך דער שמועס ביים טיש געענדיגט, און נאָכדעם ווי בינוש'ס פערד זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין צדיק'ס קאַרעטע אויפן פּלאַץ פון ר' מאָטעלע'ס פערד, האָט דער צדיק געהייסן זיך גרייט מאַכן צו פאָרן ווייטער.

דער טשערנאָבילער האָט מער וועגן דעם ענין ניט גערעדט און ניט אַ וואָרט דערמאָנט וועגן בינוש'ן.

אַ לענגערע צייט איז אַוועק. ר' מאָטעלע איז שוין צוריק געווען אין טשערנאָביל. ר' ברוך איז ווידער געפאָרן צום רבי'ן, און בינוש האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פאַרפאַלגן פערעלע'ן.

פיל זיינען די וועגן פון שטן, און אַז אַזאַ פאַרשוין ווי בינוש, וואָס איז

רייך, געזונט און עזות'דיג, נעמט זיך אריין אין קאפ א זינדיגע מחשבה, ניט ער ניט אויף, ביז ער באפרידיגט זיין תאוה.

ר' ברוך איז געווען אוועק פון דער היים, האט בינוש איינגעשפאנט די צוויי פייערדיגע סוסים, וואס ר' מאטעלע האט אים געגעבן אין אויסבייט, אין זיין געצאצקעטן וועגעלע און איז אוועקגעפארן צו דער מיל.

געמאכט האט ער דעם אנשטעל ווי ער וואלט געווען אויפן וועג ערגעץ אנדערש און איז בלויז צופעליג פארבייגעפארן די מיל.

פערעלע'ן האט ער געטראפן ביי דער טיר פון דער מיל, וועלכע איז געשטאנען שטיל.

„גיטא וואס צו מאלן", האט פערעלע געזאגט.

„אויב אזוי, האט איר דאך ניט וואס צו טאן היינט. קומט מיט מיר, איך פאר אין וואלד אריין זען וואס מיינע מענטשן טוען. עס איז ניט ווייט. מיר וועלן באלד זיין צוריק. אביסל דורכפארן זיך וועט אייך ניט שאדן", האט בינוש גערעדט און ניט ארונטערגענומען קיין אויג פון דער שיינער פערעלע'ן.

פערעלע האט זיך ניט אפגעזאגט. האט דער שטן איר פארבלענדט די אויגן, אדער זי איז געווען צו תמימות'דיג צו באנעמען, אז זי קען דא געבראכט ווערן צו א שווערן נסיון?

עס איז געווען אינמיטן טאג. די זון האט געלויכטן — וואס האט דען פערעלע געקענט מורא האבן אדער פארדעכטיגן?

א שטיק וועג האבן זיי ניט גערעדט. בינוש איז געווען אביסל צע־שרויפט. אבער פערעלע איז געווען רואיג און גוטמוטיג.

אט זיינען זיי שוין לעבן וואלד, און בינוש גיט זיך א נעם אויף א זייטיגן וועג.

„איר פארט דאך ניט אויפן ריכטיגן וועג", רופט אויס פערעלע א דערשראקענע.

א מאדנער שמייכל צעגיסט זיך אויף בינוש'ס פנים. ער איז ניט אומזיסט אויף א זייטיגן וועג ארונטער. ער האט שוין אלץ אויסגערעכנט אין פאראויס. ער האט געוואלט פערעלע'ן ברענגען אין א פארווארפענעם ווינקל פון וואלד, וואו קיינער וועט זיי ניט זען און ניט הערן.

און אט זיינען זיי שוין אין וואלד. א מאדנע טונקלקייט שפרייט זיך אויס. פערעלע'ן ווערט אומהיימלעך אויפן הארצן. אבער בינוש ווערט פריילעכער, ריידעווודיגער.

מיטאמאל שטעלט ער אפ די פערד, דרייט זיך אויס צו פערעלע'ן, קוקט איר מאדנע אריין אין די אויגן און שמייכלט.

פּערעלע ווערט רויט און דרייט אָפּ דעם פּנים. עס ווערט איר מאָדנע אומאַנגענעם און פּילט אַ באַגער צוריקצופאָרן אַהיים, צו אַנטלויפן.

„איר האָט מורא פאַר מיר?" — רעדט בינוש פּריינטלעך און שטרעקט אויס אַ האַנט צו איר.

פּערעלע דערשרעקט זיך און הויבט זיך אָן רייסן פון וואָגן.

„איך וויל צוריק אַהיים גיין", זאָגט זי. „איך וועל דעם וועג שוין אַליין געפינען."

בינוש זעט, אַז פּערעלע איז אַנטשלאָסן זיך פון אים אָוועקצורייסן, און ער פּרובירט זי באַרואיקן.

„איך וועל אייך צוריקברענגען אַהיים אַ גאַנצע", רעדט ער צו איר פּאַטערלעך.

„אָבער מיר קענען ביידע צוזאַמען אין וואָגן ניט זיצן", דערקלערט פּערעלע, שוין האַבנדיג באַגריפן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

„אויב אַזוי, וועל איך אַרויס און גיין צופוס און איר בלייבט זיצן", וויל זי בינוש ניט אָפּלאָזן, טראַכטנדיג זיך, אַז זאָל ער זי נאָר טיפער אין וואַלד פאַרפירן, און ער וועט שוין וויסן וואָס ער האָט צו טאָן...

דאָס באַרואיגט פּערעלע'ן אַביסל, און זי לאָזט זיך איבעררײדן ווייטער צו פאָרן.

בינוש קלעטערט אַרויס פון וואָגן און גיט אַ שמיץ די פערד, און אַליין גייט ער נאָך דעם וואָגן צופוס.

אָבער ווי ער גיט די פערד אַ שמיץ, גיבן זיי מיטאַמאָל זיך אַ ריס, ווי עפּעס אַן אומגעזעענע קראַפט וואָלט זיי אַ טרייב געטאָן, און זיי הויבן אָן לויפן אין גאַלאָפּ.

בינוש בלייבט פון הינטן. ער פּרובירט נאָכלויפן, כאַפּן די לייצעס, אָבער ער בלייבט אָן אָטעם. די פערד זיינען ווייט אין פאָרויס און שטעלן זיך ניט אָפּ.

באַלד פאַרלירט ער זיי פון אויג און ווייס מער ניט וואו זיי זיינען...

און די פערד האַלטן אָן דעם גאַלאָפּ צו פּערעלע'ס גרויסן שרעק. זי איז הילפלאָז. זי קען די פערד ניט איינהאַלטן. זי ווייס אויך ניט וואוהין זיי טראָגן זי און וואָס עס וועט פון איר ווערן, אויב זי וועט ממש ניט צעטראָגן ווערן מיטן וואָגן...

באַלד איז זי שוין אויסערן וואַלד, צוריק אויפן ברייטן שליאַך, אָבער די פערד שטעלן זיך ניט אָפּ, ווערן גאָר ניט מיד.

פּערעלע טוט תפילה, אַז זי זאָל כאָטש אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

באלד דערזעט זי פון ווייטן טשערנאָביל, און עס איז קלאָר, אַז די פערד לאָזן זיך אַהין. און זי האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. די פערד גרייכן טשערנאָביל און פאַרקירעווען זיך גלייך צום רבין׳ס הויף און שטעלן זיך ניט אָפּ ביז וואַנען זיי גרייכן ניט די טיר פון רבין׳ס הויז...

באלד ווערט דער וואָגן אַרומגערינגלט פון חסידים. מ׳הויבט אָן שטעלן פראַגעס. יעדער וויל וויסן, וואָס האָט פּערעלע׳ן געבראַכט צום רבי׳ן אין בינוש׳ס וואָגן געשפּאַנט צום רבין׳ס פערד.

ר׳ מאָטעלע שיקט אָבער אַרויס זיינע גבאים, הייסן דעם עולם זיך צעגיין.

„פּערעלע איז געקומען צו איר מאַן ר׳ ברוד׳ן״, לאָזן די גבאים וויסן אין ר׳ מאָטעלע׳ס נאָמען. „בינוש האָט פערד און וואָגן אויסגעליען פאַר דער נסיעה״...

אָבער חסידים, וואָס האָבן אַ ידיעה אין אַזוינע זאַכן, האָבן געוואוסט, אַז דעם צדיק׳ס פערד האָבן דאָ וואונדער געטאָן... זיי האָבן דאַמאָלט אויך פאַרשטאַנען ר׳ מאָטעלע׳ס הויכע כוונה אין בייטן זיך פערד מיט בינוש׳ן. ווארים נאָר דורך דעם צדיק׳ס פערד האָט אַזאַ מופת געקענט פּאַסירן...

## לא.

# „די לודמירער מויד".

א מיידל, וואס איז געווארן א צדקת. — איר שייכות מיטן טשערנאבילער מגיד. — ווי זי איז געווארן בארימט איבער דער וועלט.

גרויס איז געווען די השפעה פון דעם טשערנאבילער מגיד אויף זיין דור. זיין ווארט איז געווען הייליג און זיין וואונטש איז געווען באפעל. אפילו מתנגדים האבן פאר אים גרויס יראת הכבוד געהאט.

דארט, וואו אנדערע צדיקים האבן גאר ניט געקענט אויפטאן, האט ר' מאטעלע געצייגט זיין גרויסן כח און גרויסע השפעה.

און זיין גרויסן כח און גרויסע השפעה האט ר' מאטעלע געצייגט אויך אין דעם פאל פון דער לודמירער מויד, וועמעס געשיכטע איז איינע פון די מערקווירדיגסטע און זעלטנסטע, וואס איז זיך ווען פארלאפן אין אידישן לעבן.

עס איז א געשיכטע, וואס האט זיך אפשר געקענט פארלויפן נאר אין יענער וואונדערלעכער צייט, אין סאמע בליאונגס־פעריאד פון חסידיזם, ווען אידישע הערצער זיינען פארכאפט געווארן פון די פלא־פלאים'דיגע מעשים פון די חסידישע צדיקים, און ווען די אידישע פאנטאזיע האט זיך געהאט צעשפילט און גזען העכער און ווייטער ווי מענטשן מיט געוויינלעכע השגות, מיט באגרענעצטע חושים קענען זען און פילן.

לודמיר איז א שטעטל אין וואלין, וואס איז ניט אנדערש פון אלע אידישע שטעטלעך פון איר מין. אידן האבן דארט אין אלע צייטן גע־האוועט און געשמאיעט צוליב פרנסה, ווי אומעטום; האבן געלעבט אין דחקות און אויסגעשטאנען אלערליי צרות, ווי דאס איז דער פאל מיט אידן אנדערשוואו.

אבער דאגת פרנסה האט די אידן אין לודמיר ניט געשטערט אין עבודת הבורא (אין דינען גאט) און דארט זיינען געווען א סך יראים ושלמים, גרויסע לומדים און אזוי גוטע און פרומע אידן.

אין דארט געווען א איד מיטן נאמען ר' מאניש, א למדן און א ירא

שמים. האט ר' מאניש געהאט א טאכטער א בת־יחידה מיטן נאמען חנה רחל'ע. איז חנה רחל'ע געווען ביי אים טייער ווי דאס אויג אין קאפ. א בת־יחידה איז עפעס ניט קיין קלייניגקייט, דערהויפט נאך ווען עס איז אים ניט אזוי לייכט אנגעקומען איידער ער האט גע'פועל'ט, אז ער זאל זוכה זיין צו האבן א קינד.

א לאנגע צייט איז ר' מאניש געווען קינדערלאז, און עס האט שוין געהאלטן דערביי, אז ער זאל אפ'גט'ן זיין ווייב, ווייל געגלויבט האט ער, אז די שולד איז אירע, אז זי איז די עקרה, און מקיים צו זיין, וואס די גמרא הייסט, האט ער זי געוואלט אפ'גט'ן און חתונה האבן מיט א צווייטער. וואס טוט ניט א איד צוליב קינדער?

האט זיך זיין פלונית'טע ביי אים אנגעהויבן בעטן.

„ווארט נאך א שטיקל צייט", האט זי מיט אים איינגע'טענה'ט, „אפשר וועט גאט רחמנות האבן."

עס איז אבער אוועק א לענגערע צייט, און ר' מאניש'ס ווייב איז נאך אלץ געווען די זעלביגע עקרה וואס פריער.

האט זי זיך געווענדעט צו איר מאן מיט אזא עצה:

„לאמיר ביידע פארן צו א צדיק און בעטן זיין ברכה צו האבן קינדער. איך האב געהערט, אז דער טשערנאבילער צדיק האט שוין פיל עקרות געהאלפן."

„איך האב צו קיינעם ניט וואס צו פארן", האט ר' מאניש געענטפערט אביסל בייזלעך און אומגעדולדיג. „די שולד איז ניט מיינע. אויב איינער פון אונז דארף א ברכה פון א צדיק, ביסטו עס."

„אויב אזוי וועל איך אליין פארן", האט זיך זיין פלונית'טע אנגעכאפט. און עס איז געבליבן, אז זי זאל פארן מיט א קוויטל צום טשערנאבילער.

דערלאנגט דאס קוויטל, האט דער טשערנאבילער איר געגעבן זיין ברכה און האט צו איר געזאגט בזה הלשון:

„איך וויים, אז דיין צער איז גרויס און האסט דערוועקט אין מיין הארצן גרויס רחמנות, ווייל די שולד איז גאר ניט דיינע, נאר דיין מאן'ס, און ער און ניט דו האט געדארפט בעטן רחמים ביים רבונו של עולם. פאר אהיים, און דו וועסט אם ירצה השם האבן א קינד. און כדי צו צייגן דיין מאן, אז דו ביסט די גערעכטע, וועסטו דיר האבן דעם סימן, וואס דו וועסט געבוירן א מיידל."

געוואלט האט זיך איר בעסער האבן א אינגל, אבער אז דער צדיק האט געזאגט א מיידל — איז א מיידל אויך גוט. און זי איז צוריקגעפארן אהיים, פול מיט האפנונג און דערווארטונג.

ווען זי האָט איבערגעגעבן איר מאַן, וואָס דער צדיק האָט געזאָגט, האָט ר׳ מאַניש זיך ממש ניט געוואָלט גלויבן. אָבער עס איז ניט אַוועק קיין יאָר, און ר׳ מאַניש איז געוואָרן אַ טאַטע און טאַקע, ווי ר׳ מאָטעלע האָט פאָרויסגעזאָגט, פון אַ טאָכטער.

אַ טאָכטער, זאָל זיין אַ טאָכטער. דערהויפּט ווען מען האָט גלייך פון געבורט געקענט זען, אַז דאָס איז אַ געראָטן קינד: שיינע לויכטנדיגע אויגן און אַ פּנים ממש ווי פון אַ מלאך. דערצו אַזוי וואויל און גוט—אַ טייבעלע.

אַ נאָמען האָט מען דעם קינד געגעבן חנה רחל׳ע. איז זיך חנה רחל׳ע געוואַקסן ווי אַ שיינע בלום, און מיט יעדן טאָג אַלץ מער סימנים געצייגט, אַז מען קען פון איר גאָר גרויסע זאַכן דערוואַרטן.

דאַכט זיך אַ מיידל, אָבער מיט אמת׳ע אינגלשע פעיאיגקייטן און כשרונות, באַנעמט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ און איז געהאַרכזאַם.

„אַ שאָד, וואָס זי איז אַ מיידל״, האָט זיך ר׳ מאַניש אָפט באַקלאָגט פאַר ווייב. „מיט אַזוינע כשרונות וואָלט פון אַ אינגל געקענט אַרויס־וואַקסן אַ גאון.״

„און אַז אַ מיידל, איז וואָס? ״ — וויל אים די פלונית׳טע ניט נאָכ־געבן. „זי וועט קענען צייגן די זעלביגע גרויסקייט ווי אַ אינגל. איך פיל עס אין מיינע ביינער.״

„אַ מיידל שיקט מען דאָך ניט לערנען קיין תורה״, זאָגט ר׳ מאַניש.

„אונזער חנה רחל׳ע וועט אָבער יאָ לערנען תורה״, דערקלערט די מאַמע.

און די מאַמע הויבט אָן שענקען חנה רחל׳ען מער אויפמערקזאַמקייט וואָס איז שייך איר דערציאונג. זי לערנט איר זאָגן ברכה, דאַווענען, און לייענט פאַר איר פון די ווייבערשע ספרים און דערציילט איר מעשה׳לעך פון גוטע אידן.

חנה רחל׳ע פאַרנעמט אַלץ און זאַפּט אַלץ איין ווי אַ דורשטיגער פאַר־שלינגט וואַסער.

נאָך גאָר אַלס עופה׳לע נעמט זי ניט קיין זאַך אין מויל אָן אַ ברכה און וויים פּאַקטיש אַלע דינים.

זי צייגט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס אין איר טאַטן׳ס לערנען. ווען ר׳ מאַניש זיצט ביי זיינע ספרים און לערנט מיט אַ ניגון, טרעט חנה רחל׳ע ניט אָפּ פון אים און שלינגט ממש יעדעס וואָרט, וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

פון אָנפאַנג מיינט ר׳ מאַניש, אַז דאָס איז בלויז אַזוי זיך: חנה רחל׳ע האָט סתם ליב צו זיצן נעבן אים. אָבער ער געפינט באַלד אויס, אַז

זי ליבט טאקע דאס לערנען, אז איינהערנדיק זיך ווי ער לערנט, לערנט זי דערוויל אליין אויך.

חנה רחל׳ע הויבט אן שטעלן פראגן, הויבט אן ארויסצייגן א טיפן אינטערעס אין אלץ, וואס ר׳ מאניש לערנט, אזוי, אז דער טאטע הויבט אן איינזען, אז מען קען מיט איר לערנען ווי מיט א אינגל. חנה רחל׳ע הויבט אן ווערן א למדנית.

ר׳ מאניש לערנט מיט איר אלץ, און זי ליבט אלץ, וואס ער לערנט איר. אבער זי ווייזט א באזונדערן אינטערעס אין מדרש, אין אגדה און אין מוסר ספרים. און וואס מער זי לערנט די מוסר ספרים, אלץ פרומער ווערט זי.

זי איז נאך א קליין קינד געווען, ווען זי האט אנגעהויבן דאווענען מיט גרויס התלהבות, מיט זעלטענע דבקות. און געדאוונט האט זי דריי מאל א טאג, ווי זי וואלט געווען ניט קיין מיידל און ניט קיין קליין קינד, נאר א דערוואקסענער מענטש.

חנה רחל׳ע דאוונט מערסטנס אינדערהיים, פארקלייבט זיך אין א ווינקל, וואו זי שטייט אפ שעה׳ן לאנג פארטאן אין תפילה.

אבער זי גייט גאנץ אפט אויך אין שול אריין. מען געפינט איר אין דער ווייבערשער שול, וואו זי דאוונט מיט גרויס פייערלעכקייט. זי דאוונט הויך אויפן קול און פארגיסט דערביי טרערן.

מענטשן פארקלייבן זיך ביים טיר, ביי די פענסטער און קוקן זיך צו ווי חנה רחל׳ע דאוונט און קענען זיך ניט אפוואונדערן. אזוינס איז נאך קיינמאל ניט געזען און ניט געהערט געווארן.

„א גרויסע נשמה איז אין מיידל", זאגן די בעלי בתים פון לודמיר, און קינד און קייט ווייס שוין וועגן דעם גרויסן וואונדער פון דער וואונדערלעכער חנה רחל׳ע.

אלע ריידן שוין איצט, אז חנה רחל׳ע וואקסט א צדיקת — א צדיקת, וואס וועט נאך אפשר צייגן גרויס וואונדער, איינע אין דור.

און חנה רחל׳ע הויבט אן שם׳ען ניט נאר איבער לודמיר, נאר אויך אויסער לודמיר — איבער די ארומיגע שטעט און שטעטלעך.

מען הויבט שוין אפילו אן צו דערציילן גרויסע זאכן פון איר. אזוי דערציילט מען, למשל, אז איינמאל האט איר מאמע א פליישיגן מאלצייט צוגעגרייט, אבער ווען טאטע־מאמע און חנה רחל׳ע האבן זיך צום טיש געזעצט, און דאס פלייש איז דערלאנגט געווארן, האט דאס מיידל אויס־געשריען:

„מאַמע, וואָס אַזוינס האָסטו געקאָכט? איך פיל דעם ריח פון נבלה!"...

„טאָכטער מיינע, וואָס פעלט דיר אויך! עס איז דאָך פריש, כשר פלייש. היינט פרי גענומען ביי בערל דעם קצב!" — רופט אויס די מאַמע.

„ניין, עס איז נבלה!" — איז חנה רחל'ע באַשטאַנען און האָט זיך אַנטזאָגט צו עסן.

געהערט אַזוינע דבורים, איז ר' מאָניש'ן עפּעס אריין אין נאָז, און ער האָט שוין אויך ניט געגעסן און ניט געלאָזט דעם ווייב עסן.

„עפּעס מוז אין דעם זיין!" — האָט ער געזאָגט און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו בערל דעם קצב.

בערל דער קצב איז געווען אַן ערלעכער איד, אויף וועמען מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן.

„וואָס איז דאָ געשען, בערל?" — האָט ר' מאָניש געפרעגט, און ער האָט אים דערציילט וועגן זיין חנה רחל'ען, וועלכע האָט זיך אַנטזאָגט צו עסן פון פלייש, טענה'נדיג, אַז זי פילט דעם ריח פון נבלה!...

אַן אויספאָרשונג איז גלייך געמאַכט געוואָרן, און וואָס מיינט איר האָט זיך אַרויסגעצייגט? עס איז טאַקע געווען נבלה!...

בערל האָט געהאַלטן אַ גוי אַלס שינדער. יענעם טאָג האָט מען ביי אים געשאָכטן עטלעכע רינדער, פון וועלכע אַ פּאָר זיינען טריף געוואָרן. האָט דער שינדער פאַרביטן אַ טריף אויף אַ כשר זייט פלייש, און ר' מאָניש'ס ווייב איז אָנגעקומען אַ חלק פון דער טריפ'ער בהמה...

זיי און אויך אַנדערע אין לודמיר וואָלטן, רחמנא לצלן, נכשל געוואָרן אין טריפות, ווען חנה רחל'ע וואָלט ניט מיט איר וואונדערלעכן חוש דער־פילט, אַז דאָס איז נבלה און דורך דעם פאַרהיט זיך און אַנדערע פון גע־שטרויכלט ווערן...

און ווי פרום זי איז געווען, אַזוי איז זי אויך גוט געווען. האָט אָרימע לייט אַוועקגעגעבן איר לעצטן ביסן. האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אימיצער פון אירע שכנים איז לאָ עליכם'דיג, האָט זי געבראַכט אַלץ, וואָס זי האָט געקענט פאַרנעמען ביי זיך אינדערהיים.

דערציילט מען, אַז איינמאָל אַן ערב יום טוב, ווען איר מאַמע האָט איר געוואָלט אָנטאָן דאָס נייע קליידל, וואָס זי האָט איר אויף יום טוב אויפגענייט, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז דאָס קליידל איז ניטאָ.

זי האָט אויסגעזוכט דאָס גאַנצע הויז און עס ניט געפונען.

„וואו איז עס אַהינגעקומען, קיינער האָט עס דאָך ניט גע'גנב'עט?" —

האט די מאמע געוואלט וויסן.

חנה רחל'ע האט זיך שפעטער מודה געווען, אז זי האט דאס קליידל אוועקגעשאנקען אן אנדער מיידעלע, אן ארים קינד, וועמעס עלטערן האבן זי ניט געקענט באזארגן מיט א ניי קליידל אויף יום טוב.

אין דער זעלביגער צייט האט חנה רחל'ע אויך, נאך אלס קינד, אנגע־הויבן ארויסצייגן א מערקווירדיגע זעלבסטשטענדיגקייט אין איר דענקען און אין איר האנדלונג. האט זי עפעס געוואלט, האט עס געמוזט געשען.

ר' מאניש איז אליין געווען איר רבי, אבער ער פלעגט מיט איר מוזן לערנען, וואס זי האט געוואלט, און ניט ער.

זי האט געקענט גוט באנעמען א בלאט גמרא און די מפרשים. איר האט אבער מער געצויגן צו מוסר און צו מדרשים. זי האט אויך געהאט א באזונדערע נייגונג צו הערן מעשה'לעך פון גוטע אידן און פלעגט כסדר מאנען ביים טאטן, אז ער זאל איר דערציילן אזוינע מעשה'לעך.

ווען נאר עס איז ערגעץ געווען א מסיבה (צוזאמענקונפט) פון אידן, וואו מען האט דערציילט מעשה'לעך, איז חנה רחל'ע גלייך געווען אויבן־אן און מיט אן אפן מויל זיך צוגעהערט צו דעם, וואס עס איז דערציילט געווארן. עס איז געווען קענטיק, אז די מעשה'לעך מאכן אויף איר א טיפן איינדרוק. זי פלעגט בלייבן זיצן א פאר'חלום'טע, א פארטראכטע, לאנג נאכדעם ווי די דערציילונגען פלעגן שוין זיין פארענדיגט, און מען פלעגט איר ממש מוזן אויפוועקן פון אירע חלומות ווי פון א שלאף.

אזוי איז חנה רחל'ע געוואקסן, און מיט אירע יארן איז אויך גע־וואקסן איר נאמען.

אבער עס איז איר נאך באשערט געווען צו שפילן גאר א גרויסע ראל צווישן די אידן אין לודמיר און די אידן פון אנדערע שטעט און שטעטלעך.

## לב.
# די ליבע.

די לודמירער מויד שטייט אין שידוכים. — שדכנים שלאָגן אָפּ די טירן. — איר באַהאַלטענע ליבע. — דער טויט פון איר מאַמען.

חנה רחל'ע איז שוין געווען אַ יאָר צוועלף־דרייצן, ווען איר נאָמען האָט אָנגעהויבן קלינגען איבער די נאָענטע און ווייטע אידישע שטעט און שטעטלעך. מען האָט ווען איר אָנגעהויבן ריידן ווי וועגן אַ צדיקת, אַ גרויסע למדנית און סתם אַ וואונדער, וואָס מען האָט נאָך אַזוינס ניט געזען.

אַ מיידל אין די דאָזיגע יאָרן איז, אין יענער צייט, שוין געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ כלה־מויד. און שדכנים האָבן אָנגעהויבן אָפּשלאָגן ר' מאַניש'ס טירן. פון נאָענט און פון ווייט האָבן אידן, לומדים, גבירים און אַזוי בכבוד'יגע מענטשן, זיך אָנגעשלאָגן משדך צו זיין מיט ר' מאַניש'ן.

מען האָט ניט געבעטן קיין נדן. מען האָט ניט גערעדט וועגן קיין אויס־שטייער. מען האָט די וואונדערלעכע חנה רחל'ען געוואָלט נעמען ווי זי שטייט און גייט.

עס האָט גאָרניט אויסגעקוקט ווי ר' מאַניש וואָלט געווען פון דער כלה'ס צד. דער יחוס־שידוך איז ער געווען, און נאָכגעיאָגט האָט מען זיך נאָך אים, און פאַר קיין אַנדער אורזאַך ווי פאַר דעם גרויסן שם, וואָס חנה'לע האָט באַקומען.

עס ווערט דערציילט, אַז איינינגע גרויסע צדיקים, חסידישע רביים פון יענער צייט, האָבן זיך מיט ר' מאַניש'ן געוואָלט מתחתן זיין, נעמען חנה רחל'ען פאַר אַ שנור אָדער גאָר פאַר אַ ווייב טאַקע פאַר זיך אַליין.

האָט געקענט גאַנץ גוט פּאַסירן, אַז ר' מאַניש זאָל שליסן אַ שידוך, אויסקלייבן אַ חתן פאַר זיין בת־יחידה, און חנה רחל'ע זאָל גאָר וועגן דעם ניט וויסן. ר' מאַניש האָט נאָך געקענט אימיצן געבן אַ תקיעת כף, און עס וואָלט שוין געווען פאַרפאַלן.

און פּאַסירן האָט עס אין דעם פאַל געקענט זייער לייכט, פשוט דער־פאַר, וואָס אַזוינע וואונדערלעכע שידוכים זיינען פאַרגעשלאָגן געוואָרן פאַר חנה רחל'ען, אַז ר' מאַניש האָט ממש קיין האַרץ ניט געהאַט אָפּצוזאָגן. ער האָט גאָר קיין בעסערס ניט געקענט דערוואַרטן.

האָט אָבער ר׳ מאַניש׳ס פּלונית׳טע, מיט וועמען ער פלעגט יעדעס מאָל איבעררײדן וועגן די שידוכים, וואָס מען שלאָגט אים פאָר, תמיד מרחה געווען.

„וואָס אײלסטו זיך אַזױ איר צו פאַרשלײערן ?״ — פלעגט זי טענה׳ן. „וואָס האָסטו מורא, זי וועט דיר פאַרזיצן אין גרויען צאָפּ ? זי עסט דיר אָפּ דעם קאָפּ ? זי איז דאָך די איין־איינציגע ביי אונז !״

„נאַרעלע״, פלעגט ר׳ מאַניש אויף דעם ענטפערן. „איך רייד דען, ווייל זי איז ביי מיר, חלילה, אַן איבעריגע ? אַ מיידל דאַרף דאָך אָבער חתונה האָבן. דאָס זעלביגע איז אויך מיט אַ אינגל. זי איז שוין אין די יאָרן. און צו וואָס וואַרטן ?״

„אָבער ווי קען איך זיך מיט איר שיידן ? ווי קען איך אַזאַ גרויסע נשמה אוועקלאָזן פון זיך ?״ — האָט זיך די מאַמע געבעטן.

„ווען מיר נעמען אַן איידים צו זיך, און חנה רחל׳ע וועט בלייבן מיט אונז״, האָט ר׳ מאַניש איר געוואָלט מפצה זיין.

דאָס איז שוין דער מאַמען געווען מער געפעלן. וואָרים פון די פיל שידוכים, וואָס מען האָט זיי געהאַט פאָרגעשלאָגן, האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז חנה רחל׳ע וועט אוועקגענומען ווערן צום חתן.

אָבער אויך דער פּלאַן צו נעמען אַן איידים צו זיך איז נאָך דער מאַמע׳ן ניט געווען אינגאַנצן צום האַרצן. אַ מאַמע, האָט זי גיכער געפילט דאָס האַרץ פון איר טאָכטער, האָט זי בעסער געוואוסט, אַז חנה רחל׳ע איז אַנדערש פון אַנדערע מיידלעך, און אַז מען קען פאַר איר ניט מאַכן די זעלביגע פּלענער ווי פאַר אַנדערע.

„זי איז דאָך גאָר פאַרטראַגן אין אַנדערע וועלטן ?״ — האָט די מאַמע גע׳טענה׳ט צו ר׳ מאַניש׳ן. „ווי רייסט מען איר אוועק פון די הייליגע ספרים און מען מאַכט זי פאַר אַ געוויינלעכע אידענע ?״

„אָבער טאַקע דערפאַר דאַרף מען איר חתונה מאַכן״, האָט שוין ר׳ מאַניש גערעדט מיט מער ערנסט. „חנה רחל׳ע איז עפּעס גאָר ניט קיין געוויינלעכע בתולה, און מיר שרעקט דאָס האַרץ פאַר איר.״

„ווייסט ניט וואָס דו רעדסט״, האָט אים די פּלונית׳טע אוועקגעמאַכט מיטן האַנט. „זי איז טאַקע אַנדערש, ריינער, הייליגער, הימלישער פון אַלע אַנדערע מיידלעך. אָבער זי האָט דאָס האַרץ פון אַ פרוי און די נשמה פון אַ פרוי. עס איז נאָר צו פרי איר צו ווען מאַכן פאַר אַ פרוי.״

צי די מאַמע האָט איר טאָכטער בעסער פאַרשטאַנען ווי דער טאַטע, צי דאָס איז געווען בלויז דערפאַר, וואָס די מאַמע האָט פשוט נאָך ניט געוואָלט אָפּלאָזן איר טאָכטער פון זיך אוים ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט,

זי האָט מיט אירע, תמיד נייע, אַרגומענטן כסדר געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרציען, אָפּהאַלטן די אַלע פאַרגעשלאָגענע שידוכים. און עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט, און חנה רחל׳ע איז נאָך אַלץ געווען די זעלביגע, ניט־פאַר׳קנס׳טע בתולה, און משמעות גאָר ניט קימערנדיג זיך אָדער גאָר ניט וויסנדיג, וואָס טאַטע־מאַמע ריידן צווישן זיך.

ר׳ מאַניש איז אָבער געווען אומגעדולדיג. אים האָט דאָס האַרץ גע־שראָקן, אַז זיין טאָכטער וועט נאָך, חס וחלילה, בלייבן זיצן אַן אַלטע מויד. האָט זיך, מעשה שטן, געמאַכט אַ נייע שטערונג: ר׳ מאַניש׳ס ווייב איז קראַנק געוואָרן.

וואָכן־לאַנג האָט געדויערט איר קראַנקייט, און עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ צייט האָט ר׳ מאַניש געמוזט אויפהערן טראַכטן פון אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. שדכנים האָבן אויפגעהערט קומען און געוואַרט, ביז די מאַמע וועט געזונט ווערן.

די מאַמע איז אָבער שוין מער ניט געזונט געוואָרן.

אַ שעה פאַר יציאת נשמה האָט די גוסס׳ע פרוי צוגערופן איר מאַן צום בעט און צו אים געזאָגט בזה הלשון:

„איך זע, אַז מיינע מינוטן זיינען געציילטע, וויל איך ביי דיר, מאַניש, בעטן איין זאַך: דו זאָלסט זיך ניט איילן צו פאַרשלייערן חנה רחל׳ען. זי גאַרניט אַז איר וויסן און אָן איר צושטימונג. איידער דו שליסט אַ שידוך, רייד זיך מיט איר אַליין דורך. איך וועל ניט זיין, זאָל זי דאָן אַליין ריידן פאַר זיך."

„אָבער אום גאָטעס ווילן, וואו האָט מען עס געהערט, אַז עלטערן זאָלן פרעגן ביי זייערע קינדער וועגן אַזוינע זאַכן?" — האָט ר׳ מאַניש זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן. „וואָס טאַטע־מאַמע באַשליסן, דאַרף זיין באַשלאָסן!"

„אָבער ניט מיט חנה רחל׳ען, זי איז אַנדערש פון אַנדערע", האָט די מאַמע געערעדט מיט אירע לעצטע כחות. „דו מוזט מיר צוזאָגן צו טאָן, וואָס איך בעט דיך. עס איז מיין לעצטער פאַרלאַנג"...

ר׳ מאַניש האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט זיין ווייב צוגעזאָגט, וואָס זי האָט געבעטן.

ר׳ מאַניש׳ס ווייב איז געשטאָרבן. מאַן און טאָכטער זיינען שבעה געזעסן, און חנה רחל׳ע האָט, ווי אַ גוטע און פרומע טאָכטער, געזאָגט קדיש נאָך דער מאַמע׳ן. פאַר אַ לאַנגער צייט איז די פראַגע פון אַ שידוך אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

ר׳ מאַניש איז אין אבילות געווען. דאַמאָלט האָט ער ניט געקענט פאַר־פעלן צו באַמערקן דעם גרויסן טרויער, אין וועלכן חנה רחל׳ע איז געווען.

דער טויט פון איר מאַמע'ן האָט אויף איר אַ גרויסן רושם געמאַכט, איר געמאַכט נאָך פרימער און נאָך איבערגעבענער צו די הייליגע ספרים, וועלכע זי האָט פון תמיד אַזוי ליב געהאַט.

אָבער טאַקע איר גרויסער טרויער און די גוט־באַמערקבאַרע ווירקונג, וואָס דער טויט פון דער מאַמע'ן האָבן אויף איר געהאַט, האָט באַוואויגן ר' מאַניש'ן, אַז ער זאָל ווידער אָנהויבן טראַכטן פון אַ שידוך פאַר איר.

„אַז זי וועט חתונה האָבן, וועט זי אין אַלץ פאַרגעסן", האָט זיך ר' מאַניש געטראַכט.

ער האָט אָבער געהאַט די צוואה פון דער פאַרשטאָרבענער, אַז ער זאָל גאָר ניט טאָן, איידער ער רעדט זיך דורך מיט חנה רחל'ען אַליין.

האָט ר' מאַניש באַשלאָסן צו האָבן אַ שמועס מיט חנה רחל'ען וועגן דעם.

„ווייסטו, טאָכטערשע, אַז עס איז שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ שידוך?" — האָט ער אָנגעפאַנגען.

חנה רחל'ע איז רויט געוואָרן און האָט שעמעוודיג אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

ר' מאַניש האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן.

„פאַרט אַ מיידל ווי אַלע מיידלעך", האָט ער זיך געטראַכט, און אין האַרצן האָט עס אים הנאה געטאָן.

„ניטאָ וואָס צו שעמען זיך, טאָכטערשע", האָט ער ווייטער גערעדט. „עס איז אַ אידישע זאַך. חתונה האָבן איז אַ גרויסער ענין, אַ גרויסע מצוה — אפשר די גרעסטע מצוה, וואָס אַ איד קען מקיים זיין."

„יאָ, איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט", האָט זי שעלמיש אַרויס־געשעפּטשעט.

„דאָס צייגט נאָר וואָס פאַר אַ טייער און כשר קינד דו ביסט, מיין טאָכטער", האָט ר' מאַניש אונטערגעכאַפּט. „וועל איך טאַקע איצט לאָזן רופן די שדכנים און זען וואָס פאַר אַ שידוך מען קען זיך אויסקלייבן."

„אויף דעם דאַרפסטו דיך ניט מטריח זיין, טאַטע", האָט חנה רחל'ע מיט אַ פּלוצים דרייסטן טאָן געענטפערט. „דאַרפסט קיין שדכנים ניט פרעגן און קיין שידוכים ניט זוכן. איך האָב זיך שוין מיין באַשערטן אַליין אויסגעקליבן"...

„וואָס רעדסטו, מיין טאָכטער?" — האָט ר' מאַניש אויסגערופן, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט גלויבן, וואָס ער האָט געהערט. „דו האָסט זיך אַליין אויסגעקליבן דיין באַשערטן?"

חנה רחל'ע האָט אים שוין פיל מאָל געהאַט איבערראַשט, אָבער אַזאַ איבערראַשונג איז געווען פאַר אים אינגאַנצן אומדערוואַרט.

„יאָ, איך האָב אים אַליין אויסגעקליבן", האָט זי געלאַסן געענטפערט. „און ער איז דער דאָזיגער, מיט וועמען איך וועל חתונה האָבן. אויב דו דערנקסט, אַז דו דאַרפסט צו אים ערשט אַ שדכן שיקן, קענסטו עס טאָן."

„אָבער ווער איז ער ? " — האָט ר' מאָניש געוואָלט וויסן, דערוואַרטנ־דיג, אַז זיין טאָכטער וועט אים באַלד אַנווייזן אויף אימיצן אַ גדול, אַן עלוי, פון וועלכן זי האָט געהערט, אָדער אפשר גאָר זיך דערוואוסט פון אים ברוח הקודש. ווארים ר' מאָניש האָט שוין איצט געגלויבט אין גרויסן כח פון זיין טאָכטער און אָנגעהויבן פילן, אַז אויב זיין ווייב האָט אים אָנגעזאָגט פאַרן טויט צוערשט מיט חנה רחל'ען אַליין זיך דורכריידן, האָט זי געוויס געוואוסט, וואָס זי האָט גערעדט.

„יאָ, ווער איז דער באַשערטער, וועמען דו האָסט אַליין אויסגע־קליבן ? " — האָט ר' מאָניש געפרעגט נאָכאַמאָל.

„דוד'ל ר' פייוועס", איז געווען חנה רחל'עס קורצער ענטפער.

ר' מאָניש איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער, ער האָט זיינע אויערן ניט געוואָלט גלויבן.

דוד'ל ר' פייוועס איז זיך געווען אַ געוויינלעכער יונגערמאַן פון לוד־מיר, אַ שיינער, געזונטער בחור, אָבער האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט און מיט גאָרניט זיך קונה שם געווען. זיין טאַטע, ר' פייווע, איז אויך געווען אַ געוויינלעכער איד פון אַ גאַנץ יאָר. קיין יחסן, קיין גרויסער למדן, קיין גביר אפילו — אַ איד, אויף וועמען מען האָט זיך ווייניג אַרומ־געקוקט און מיט וועמען מען האָט זיך ווייניג וואָס גערעכנט.

נאָך די שידוכים, וואָס מען האָט ר' מאָניש'ן געהאַט פאָרגעשלאָגן פאַר זיין וואונדערלעכער הנה רחל'ען, האָט דער שידוך מיט דוד'ל ר' פיי־וועס אויסגעזען, ווי מען פאַלט פון הימל אויף דער ערד.

„ווי פאַלט דיר עפּעס איין דוד'ל ר' פייוועס ? " — האָט ר' מאָניש געוואָלט וויסן. „ווי קומסטו צו אים ? קענסט שענערע און מער יחוס'דיגע שידוכים טאָן, מיין טאָכטער ! "

„אָבער דוד'ל איז דער, וועמען איך ליב", האָט חנה רחל'ע אַרויסגע־זאָגט מיט האַרץ און געפיל. און צום ערשטן מאָל האָט ר' מאָניש געקענט באַמערקן, אַז חנה רחל'ע רעדט מיט איבערצייגונג און אַנטשלאָסנהייט.

„וועמען דו ליבסט ? " — האָט ער אויסגעשריען אַ דערשראָקענער. „ווי קומט אַ אידישע טאָכטער צו ליבן ? וואו שטייט דען אין דער תורה, אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל ליבן ? "

„כי עזה כמות אהבה, שלהבת יה" (ווייל שטארק ווי דער טויט איז די ליבע, א געטלעכער פייער)", איז געווען איר ענטפער.

„אבער דאס רעדט זיך ניט וועגן דער ליבע פון א מאן צו א פרוי אדער פון א׳ פרוי צו א מאן", האט דער טאטע מיט איר געוואלט איינ־טענה׳ן.

„איך פיל אבער אזוי. מיין ליבע איז אזוי שטארק ווי דער טויט, און אזוי הייליג ווי א געטלעך פייער". האט זי דערקלערט.

ר׳ מאניש האט איינגעזען, אז זיין טאכטער מיינט וואס זי רעדט און טרייבט ניט קיין קאטאוועס. ער האט שוין פון פריער געוואוסט, אז זאגט זי עפעס איינמאל, וועט זי שוין איר מיינונג ניט ענדערן, מוז עס בלייבן ווי זי זאגט.

האט ער כאטש געוואלט אויסגעפינען, ווי אזוי עס איז איר אריין אין קאפ דוד׳ל ר׳ פייוועס. און חנה רחל׳ע איז מיט אים געווען אפנהארציג און האט אים אלץ אויסדערציילט.

„שוין לאנג ווי דוד׳לס געשטאלט שוועבט פאר מיינע אויגן", האט חנה רחל׳ע דערציילט. „ער האט זיך אין מיין מח איינגעקריצט און אויף מיין הארץ א רושם איבערגעלאזט. ער איז געווארן די פארקערפערונג פון מיינע חלומות, דער דאזיגער צו וועמען מיין הארץ ציט און נאך וועמען מיין נשמה דורשט.

„איך ווייס ניט ווי אזוי. איך האב גאר וועגן מענער ניט געטראכט. האב גאר כמעט ניט געוואוסט, אז מענטשן זיינען איינגעטיילט אין צוויי מינים. איך האב געהאלטן גאט פאר אונזער אלעמענס באשעפער, וועמען מיר זיינען אלע מחויב צו דינען מיט אונזער גאנצן הארצן און מיטן גאנצן פייער פון אונזער נשמה.

„איך האב פאר א צייט געהאלטן פאר צו אומווירדיג, אז א׳ מענטש זאל טאן וואס־ניט־איז וואכעדיגס. איך האב געוואלט אינגאנצן זיין אפ־געגעבן צו גאט און זיין תורה.

„עס איז געווען איינמאל אין א פרימארגן. איך בין פאר פרי שוין געווען וואך, האב זיך מכין געמאכט צום דאווענען. איך האב, ווי תמיד, א קליינעם שפאציר געמאכט צום דאווענען הינטערן הויז, איבער דער לאנקע, אנצוקוקן גאט׳ס וואונדער, דעם הימל און די ערד און די גאנצע יצירה...

„איך בין געגאנגען און געקוקט מיט גרויס אנטציקונג אויף יעדן בלימעלע, אויף יעדן גרעזעלע. יעדער בוים האט פאר מיר שירה געזונגען. יעדעס פויגעלע האט שבחים צום רבונו של עולם געטרעלט.

„מיין הארץ האט געפיבערט מיט התלהבות ; מיין נשמה האט זיך

גע'טובל'ט אין דער פּראַקטיגער וועלט, וואָס איז מיט גאָט'ס וואָרט באַשאַפן געוואָרן.

„קיין מענטש, קיינער, וואָס האָט אַ באַשטימטע פאָרמע, האָט פאַר מיר עקזיסטירט. עס איז געווען גאָט און די וועלט. האָב דאַמאָלט מער ווי תמיד געקענט פילן און פאַרשטיין דעם „מלא כל הארץ כבודו". אָבער מיטאַמאָל איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן אַ מענטשלעכער געשטאַלט. עס איז פאַר מיר געשטאַנען אַ בחור, מיט אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט מיט פרייד, מיט אַ פּנים, וואָס האָט געפלאַמט מיט לעבן.

„עס איז געווען דוד'ל. איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען. אָבער ווי הויך און ווי שטאַרק ער איז אויסגעוואַקסן! אַלע מיינע געדאַנקען זיינען מבולבל געוואָרן, האָבן זיך אויסגעמישט און פאַרפּלאָנטערט און פּלוצים באַקומען איין פּנים און איין פאָרמע — דוד'ל.

„אין דוד'לס אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער הימל, פון זיין פּנים האָט אַרונטערגעקוקט די וועלט. און ווען ער האָט זיין מויל געעפנט, און איך האָב זיין שטימע געהערט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער אין דעם די שירה פון דער גאַנצער יצירה...

„— חנה רחל'ע, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איך האָב פון דיר אַזוי פיל געהערט, האָב דיך אויך פון דערווייטן געזען, אָבער האָב קיינמאָל דיר אין פּנים ניט אַנגעקוקט פון נאָענט. דו ביסט וואונדערלעך, דו ביסט טאַקע די געטלעכע, די הייליגע חנה רחל'ע.

„מער האָט ער ניט גערעדט. ער איז באַלד פאַרשוואונדן. אָבער זיין געשטאַלט איז מער פון מיינע אויגן ניט אַוועק, און זינט דאַמאָלט זע איך דוד'לען אומעטום. וואו איך גיי און וואו איך שטיי, הער איך זיין שטימע און פיל ווי זיינע פוס-טריט פאָלגן מיר נאָך."

ר' מאַניש, אויסהערנדיג זיין טאָכטער, האָט נאָך פּרובירט איר אָפּ־ריידן פון דוד'לען, אָבער עס איז געווען אומזיסט.

חנה רחל'ע האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז זי וויל פון קיין אַנדערן ניט הערן. אויב חתונה האָבן, מוז עס זיין מיט דוד'לען און ניט מיט קיין אַנדערן.

ר' מאַניש האָט שוין געוואוסט, אַז ער האָט קיין אַנדער אויסוועג ניט, ווי צו שיקן אַ שדכן צו ר' פייוועל'ן, און ווי שווער דאָס איז אים ניט געווען צו טאָן, ווי גרויס ער האָט ניט געפילט די דערנידעריגונג פאַר אים, האָט ער עס אָבער געמוזט טאָן.

## לג.

# חתן-כלה.

די לודמירער מויד ווערט אַ כלה. — איר פאַרליבט האַרץ געפינט אָבער ניט קיין רו. — אירע געוויינען און תפילות אויף איר מאַמע׳ס קבר.

גאַנץ לודמיר האָט גערעדט און זיך געוואונדערט, ווען עס איז צעטראָגן געוואָרן די נייעס, אַז ר׳ מאָניש האָט געשיקט אַ שדכן צו ר׳ פייווע׳ן וועגן אַ שידוך צווישן חנה רחל׳ען און דוד׳לען.

קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי ר׳ מאָניש זאָל טאָן אַזאַ זאַך, זאָל אַליין שיקן דעם שדכן, ווען שדכנים האָבן אָפּגעשלאָגן זיינע טירן, ריידנדיג חנה רחל׳ען שידוכים פון פיל גרעסערן יחוס.

די אמת׳ע אורזאַך האָט קיינער ניט געוואוסט. ר׳ מאָניש האָט קיינעם ניט דערציילט, אַז זיין טאָכטער האָט דעם שידוך אַליין אויסגעקליבן און גאָר אויף אַזאַ אומגעהערטן אופן — זיך פאַרליבט אין דוד׳לען און פאַרליבט דורך אַ באַגעגעניש אויפן פרייען פעלד. ר׳ מאָניש וואָלט זיך געשעמט צו דערציילן אַזאַ זאַך. מענטשן וואָלטן מי יודע וואָס געטראַכט פון זיין טאָכטער. מען וואָלט, רחמנא לצלן, נאָך אפשר געזאָגט, אַז די פרומע און טייערע חנה רחל׳ע איז אינגאַנצן אַרונטער פון דרך הישר. ווען האָט מען עס געהערט, אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל זיך אין אימיצן פאַרליבן, און אַז אַ מיידל זאָל גאָר אַליין אויסקלייבן איר חתן?

אָבער וואָס מען ווייס ניט, דאָס שאַדט ניט. האָט דער לודמירער אידישער עולם אַליין פּרובירט טרעפן די אורזאַך, און פאַרשידענע בויד־סברות זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. איינער, למשל, האָט געזאָגט, אַז דוד׳ל איז אַ באַהאַלטענער צדיק, און אַז חנה רחל׳ע האָט זיך ברוח הקודש דערוואוסט, אַז ער איז איר אמת׳ער באַשערטער. און כאָטש קיינער האָט אין דוד׳לען ניט געהאַט באַמערקט קיין צדקות און בכלל ניט געקענט זאָגן מיט וואָס ער צייכנט זיך אויס, האָט מען אָבער אויף אים אָנגעהויבן קוקן ווי אויף אַ „נסתר“, ממש אַ למד־וואָווניק.

אַז אַנדערער, ווידער, האָט געזאָגט, אַז ר׳ מאָניש האָט נאָך לאַנג, איידער ער האָט געוואוסט וואָס פון זיין חנה רחל׳ען וועט אַרויסוואַקסן,

געהאַט געגעבן ר׳ פּיניע׳ן אַ תקיעת כף, אַז עס וועט זיין אַ שידוך צווישן זיין טאָכטער און דעם לעצטנ׳ס זון, און דער תקיעת כף האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט געבראָכן ווערן, אפילו נאָכדעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דוד׳ל איז גאָר ניט חנה רחל׳עס גלייכן.

די לעצטע סברה איז דעם עולם שטאַרק געפעלן, ווייל עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, און דער עיקר, מען האָט פאַר דעם געזען אַ „באַשטע־טיגונג" אין ר׳ מאָניש׳ס פאַרטרויערטן פּנים און אין זיין אויסמיידן צו ריידן וועגן שידוך, ווי עס וואָלט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ צו ריידן וועגן דעם ענין.

אַז ר׳ מאָניש איז געווען אומצופרידן פון שידוך און האָט, צוליב זיינע אייגענע טעמים, וועלכע מיר ווייסן שוין, געוואָלט וואָס ווייניגער ריידן וועגן דעם שידוך, איז געווען אמת, אָבער דער עולם האָט עס אויסגעטייטשט אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אגב, פלעגט מען דערציילן אין שטעטל, אַז חנה רחל׳ע אַליין גייט אויך אום אַ פאַרטרויערטע. מען האָט איר אָפטער ווי תמיד געהאַט געזען גייענדיג אויפן בית עולם, וואו זי פלעגט שעה׳ן־לאַנג פאַרבלייבן ביי איר מאַמע׳ס קבר און דאָרט מתפלל זיין און דערביי פאַרגיסן טייכן טרערן.

האָט מען עס אָנגענומען פאַר אַ באַווייז, אַז אפילו חנה רחל׳ע אַליין איז אומצופרידן פון שידוך און איז דער „קרבן" פון איר טאַטן׳ס „תכיעת כף".

אָבער ווער האָט געקענט פאַרשטיין חנה רחל׳עס האַרץ? אפילו איר אייגענע טאַטע האָט זי ניט פאַרשטאַנען.

און אין דער אמת׳ן איז איר טאַקע געווען שווער צו פאַרשטיין. שוין איר אַנטפּלעקונג, אַז זי ליבט דוד׳לען, איז געווען אַן אומגעהערטע זאַך. איז אָבער חנה רחל׳ע געגאַנגען נאָך ווייטער און באַשטאַנען, אַז זי זאָל זיך דורכריידן מיט דוד׳לען אויג אויף אויג.

פאַר חנה רחל׳ען איז איר ליבע צו דוד׳לען ניט געווען קיין געוויינ־לעכע געשעעניש. דאָס איז געווען אַ פלאַם פייער, וואָס האָט פאַרכאַפּט איהר האַרץ און נשמה. איר ליבע איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער זעל־ביגער הייליגקייט און דער זעלביגער התלהבות, מיט וועלכע זי האָט תפילה געטאָן אָדער געלערנט תורה . . .

נאָך איידער דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן און תנאים זיינען גע־שריבן געוואָרן, האָט חנה רחל׳ע דערפילט אַ ברענענדיגן פאַרלאַנג צו זיין נאָענט צו דוד׳לען, אָנקוקן זיין פּנים, הערן זיין קול, ריידן צו אים.

זי האָט דעם דאָזיגן פאַרלאַנג געהאַט גלייך נאָך דער ערשטער באַ־

געגעניש מיט דוד'לען. איר ליבע צו דוד'לען האט דורכגענומען איר גאנצן וועזן. זי האט געמוזט זיין לעבן אים.

און אפשר איז עס ניט געווען בלויז דער רעזולטאט פון בלינדער, פייערדיגער ליבע, נאר אויך דער רעזולטאט פון פראקטישער אויסרעכענונג, פון וועלן זיך איבערציינגן, אויב דוד'ל איז טאקע ווערט, אז זי זאל אים אזוי הייליג ליבן.

זי האט אים בלויז איינמאל געזען; זי האט בלויז עטלעכע ווערטער געהערט פון אים; ער האט דאמאלט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי א מלאך, ווי איינער, וואס אנטפלעקט זיך פון אן אנדער וועלט. אפשר וועט ער איר וואכעדיגער ווערן, ווען זי וועט זיך מיט אים דורכריידן, באקענען זיך מיט אים נענטער.

דאס זיינען אבער געווען זאכן, וואס איר טאטע האט ניט געקענט פארשטיין. חנה רחל'ע אליין האט ניט פרובירט פאר אים אויפדעקן אירע באהאלטנסטע געפילן און פארלאנגען.

זי האט בלויז אויסגעדריקט איר וואונטש צו קענען ריידן מיט דוד'לען, ריידן מיט אים אליין אויג אויף אויג, נאך איידער תנאים ווערן געשריבן.

ר' מאניש האט איר אנגעקוקט א דערשראקענער.

„וואס פאלט דיר איין, טאכטערשע?" — האט ער אויסגערופן און דערפילט א שטארקן ווייטאג אין הארצן. „ווער האט עס געהערט, אז א אידישע טאכטער זאל וועלן ריידן מיט איר חתן, איידער תנאים זיינען גע־שריבן? און אפילו נאך תנאים, ווער רעדט עס מיט א חתן? ווארט ביז נאך דער חתונה, און דו וועסט קענען ריידן מיט אים וויפיל דו וועסט אליין וועלן."

חנה רחל'ע איז געווען פאר'עקשן'ט, קאפריזנע. ר' מאניש האט אבער זיך ניט געלאזט ריידן. אויף דעם איז ער אליין שוין אויך געווען אן עקשן. ער איז שוין געגוג אריינגעפאלן, וואס ער האט זיין פארשטארבענער פלונית'טע צוגעזאגט פארן טויט ניט צו פארשלייערן חנה רחל'ען אן איר צושטימונג. אבער זיך לאזן אזוי אריינגנארן אין זאק און נאכגעבן איר אזא ווילדע זאך, ווי ריידן מיט דוד'לען אונטער פיר אויגן, דאס וועט קיינ־מאל ניט געשען!

אגב, האט ר' מאניש געפילט, אז דאס איז ניט בלויז זיין זאך אליין. אזא זאך קען מען ניט האלטן בשתיקה. די „וועלט" וועט זיך דערפון דערוויסן, און ווער וויים וואס פאר א שם חנה רחל'ע וועט נאך קריגן! דער חתן אליין קען צוליב דעם אפלאזן דעם שידוך, און אך און ווי וועט זיין צו אים, אז אפילו ר' פייווע זאל שוין ניט וועלן זיך מיט אים משדך זיין.

נאָכדעם ווי די גרעסטע מיוחסים האָבן צו אים געהאַט געשיקט שדכנים.

„ניין, חנה רחל'ע", האָט ר' מאָניש גערעדט ווייכער, ווי ער וואָלט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין די אוממעגלעכקייט פון איר בקשה. „דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז דאָס וועט דיר נאָך מאַכן, רחמנא לצלן, לחוכא ולטלולא (צום געלעכטער). ווער וויים פאַר וואָס מען וועט דיך נאָך האַלטן, און דו ווייסט דאָך, אַז מען טאָר ניט טאָן זאַכן, וואָס קענען אפשר פאַר זיך אַליין זיין גאַנץ אומשולדיג, אָבער וואָס קענען פון אַנדערע אָנגענומען ווערן פאַר שלעכט."

איר טאַטען'ס אַרגומענט האָט געווירקט. חנה רחל'ע האָט גוט געוואוסט וואָס עס הייסט „מפּני מראית העין", זאַכן, וועלכע מען טאָר ניט טאָן בלויז דערפאַר, וואָס אַנדערע קענען עס זען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. און זי האָט אָנגעהויבן דערשטיקן אין זיך אירע באַהאַלטענע פאַרלאַנגען און באַגערן.

זי איז געוועזן מיט דוד'לען אונטער איין דאַך, ווען תנאים זיינען געשריבן געוואָרן. דוד'ל איז געזעסן אויבן־אָן אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע. זיין פּנים האָט געשטראַלט. זיינע אויגן האָבן געלויכטן. ווי שטאַרק עס האָט זי געצויגן צו אים! ווי עס האָט זיך איר געוואָלט הערן זיין שטים, ריידן צו אים!

חנה רחל'ע האָט ממש געפיבערט מיט איר פייער־פאַרצערנדיגן פאַרלאַנג, אָבער זי האָט געמוזט שווייגן, זיך האַלטן אין אַ זייט; זיצן צווישן די ווייבער און בלויז פון דערווייטן אָנקוקן איר געליבטן.

מען האָט תנאים געשריבן, טעלער געבראָכן, זיך מזל־טוב געגעבן, אָבער זי און דוד'ל זיינען געהאַלטן געוואָרן אָפּגעזונדערט.

אויף מאָרגן נאָך תנאים זיינען זיי שוין אָפיציעל חתן־כלה געוועזן, אָבער זיי האָבן זיך ניט געזען און איינע צו די אַנדערע ניט געקומען נאָענט.

האָט חנה רחל'ע געפילט אַ שטאַרקן ווייטאָג און האָט איר פאַרביטערט האַרץ אויסגעגאָסן אין אירע תפילות.

ביינאַכט פלעגט זי ליגן אויפן געלעגער און פאַרגיסן טייכן טרערן.

ניט איינמאָל האָט זיך איר טאַטע איינמיטן דער נאַכט אויפגעכאַפּט פון חנה רחל'עס געוויינען.

„וואָס איז מיט דיר, טאָכטערשע? וואָס וויינסטו?" — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

„גאָרניט, טאַטע", איז געוועזן איר ענטפער. „אַט אַזוי זיך, סתם זיך אויסגעוויינט. קנאָפּ אידישע צרות פאַראַן! קנאָפּ רשעות ווערט אויף דער וועלט באַגאַנגען!"

ר' מאַניש פלעגט אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס און צוריקגיין אויף זיין געלעגער, און חנה רחל'ע איז געבליבן וואַך און ווידער גענעצט די קישנס מיט אירע טרערן.

אָבער מער ווי אומעטום פלעגט חנה רחל'ע וויינען אויף איר מאַמע'ס קבר.

אויפן בית עולם, וואו זי איז תמיד געווען אַן אָפטע באַזוכערין זינט איר מאַמע איז געשטאָרבן, האָט זי אָבער פון נאָך תנאים אָן, אָנגעהויבן גיין אַלע טאָג.

שכנים און אַזוי מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף דער באַרימטער חנה רחל'ען, האָבן ערנסט געוואָרנט ר' מאַניש'ן וועגן דעם.

„אַ כלה, דאַרף מען איר אַליין ניט לאָזן גיין אויפן הייליגן אָרט. מאַלע וואָס עס קען פּאַסירן!"

חנה רחל'ע האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט, אַז אימיצער אַנדערש זאָל מיט איר מיטגיין. זי האָט דוקא געוואָלט זיין אַליין, ווען זי גיסט אויס איר האַרץ פאַר דער מאַמע'ן. זי האָט בכלל אָנגעהויבן אויסמיידן מענטשן. זי האָט אפילו אויפגעהערט ריידן מיטן טאַטן.

עפּעס אַ מאָדנע ענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען. זי איז שוין גאָרניט געווען די חנה רחל'ע וואָס פריער.

פלעגט גאַנצע טעג פאַרבלייבן איינגעשלאָסן אין איר חדר און דאָרט תפילה טאָן און וויינען מיט ביטערע טרערן.

געוויזן האָט זי זיך אין דרויסן נאָר דאַמאָלט, ווען זי איז געגאַנגען אויפן בית עולם.

מיט שטילע טריט איז זי געגאַנגען. מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ פאַר'משפט'ע: ווי איינע, וואָס גייט בעטן רחמים פאַר איר לעבן.

וואָס איז פאָרגעקומען אין חנה רחל'עס האַרצן? קיינער האָט עס ניט געוואוסט.

זייטיגע מענטשן האָבן געגלויבט, אַז איר געפעלט ניט דער שידוך. שכנים האָבן שוין אפילו געהאַט גערעדט מיט ר' מאַניש'ן וועגן דעם.

„איר זעט דאָך, אַז חנה רחל'ע גייט אונטער. זי איז דאָך ממש אַ האַלבע געוואָרן. אודאי איז זי ניט צופרידן פון שידוך. און אויב יאָ אַ תקיעת כף, גייט מען צו אַ רב, און ער וועט אייך געבן אַ היתר. אַזוינע זאַכן האָבן שוין פּאַסירט."

ר' מאַניש האָט אויף דעם ניט געענטפערט. וואָס האָט ער געקענט ענטפערן? גיי דערצייל זיי זאַכן, וואָס זיי וועלן ניט פאַרשטיין!

אָבער ר' מאַניש אַליין האָט אויך ניט פאַרשטאַנען זיין טאָכטער, און

מעגלעך, אַז חנה רחל'ע האָט זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען. דער גווי־סער פאַרלאַנג, וואָס זי האָט געהאַט צו ריידן מיט דוד'לען, האָט זיך אין אירע ביינער איינגעגעסן און האָט איר מעגלעך אינגאַנצן פאַרצערט — פאַרצערט אַזוי, אַז זי האָט שוין מער די ליבע אינגאַנצן ניט געפילט, נאָר בלויז דעם גרויסן ווייטאָג, וואָס דאָס האָט איבערגעלאָזט.

און דאַמאָלט האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אַ גרויסע איבערקערעניש אין איר לעבן געבראַכט.

חנה רחל'ע איז ווי תמיד געגאַנגען אויפן בית עולם אויסצוגיסן איר האַרץ אויף איר מאַמע'ס קבר. שעה'ן־לאַנג איז זי דאָרט אָפּגעווען, לענגער ווי אַלעמאָל. אודאי האָט זי געהאַט פיל „צו ריידן", פיל איר צו „דער־ציילן". וואָרים פאַר דער מאַמע'ן האָט זי תמיד געעפנט איר גאַנץ האַרץ. אויף דעם מאַמע'ס קבר האָט זי קיין זאַך ניט באַהאַלטן.

פון גרויס אָנשטרענגונג און פון די פיל טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן, איז זי שטאַרק אויסגעמאַטערט געוואָרן און איז אַריינגעפאַלן אין אַ זיסן דרעמל. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען פינסטער. די זון איז שוין געווען לאַנג פאַרגאַנגען, און די נאַכט האָט אַלץ אַרום געהאַט איינגעהילט אין איר שוואַרצן מאַנטל.

אַ פּלוצימדיגע שרעק איז באַפאַלן חנה רחל'ען. די פינסטערניש, וואָס זי האָט ניט דערוואַרט, און די אומעטיגקייט פון דעם פאַרלאָזענעם בית עולם מיט די שרעק־אָניאָגנדיגע מצבות, האָבן איר דורכגענומען מיט אַזאַ אימה, דאָס זי איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און זיך געלאָזט לויפן, ווי געיאָגט פון טויזנט רוחות...

פאַר שרעק זיינען אירע פיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן. זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אַן אַ קבר און איז אומגעפאַלן.

עס האָט זיך איר געדוכט, ווי אימיצער פון קבר שלעפּט זי צו זיך, ווייל איר דאָרט פאַרהאַלטן און איר ניט אָוועקלאָזן... זי האָט זיך געגנוג אָנגעהערט אַזוינע מעשיות, ווי לעבעדיגע ווערן פאַרהאַלטן פון די טויטע אויפן בית החיים...

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר קערפּער. חנה רחל'ע האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און לויפן, אָבער זי האָט קיין כח ניט געהאַט. „אימי־צער" האָט זי געהאַלטן שטייף און איר ניט אָוועקגעלאָזט... זי האָט בלויז נאָך כח געהאַט אַרויסצולאָזן אַ געשריי — אַ געשריי, וואָס האָט הויך און ווייט אָפּגעקלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט...

און זי איז געבליבן ליגן אַ פאַר'חלש'טע, ניט וויסנדיג מער וואָס מיט איר איז פאַרגעקומען.

לד.

# דער חלום.

דער קברות־מאַן געפינט חנה רחל'ען אַ פאַר'חלש'טע אויפן בית עולם.—איר קראַנקייט און איר חלום.—קריגט אַ נייע נשמה.

דער געשריי, וואָס חנה רחל'ע האָט ארויסגעלאָזט אומפאַלנדיג צווישן די קברים, וואָלט אפשר אינגאַנצן געגאַנגען פאַרלאָרן, און ווער וויים, וואָס מיט איר וואָלט פאַסירט. זי וואָלט שוין מעגלעך אינגאַנצן ניט געקומען צו זיך.

יאָסע דער קברן, וועלכער האָט געוואוינט אין א קליין הייזקע האַרט ביים בית עולם, איז געוועזן אַ טויבער, און קיינע געשרייען האָבן זיינע אויערן ניט געקענט גרייכן. זיין פלונית'טע, בתיה לאה, איז אין הויז ניט געוועזן. זי איז געווען אַוועק אין שטעטל עפּעס איינקויפן.

צום גליק איז אימיצער געווען ניט ווייט פון בית עולם, און צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דאָס געשריי, וואָס האָט מורא'דיג אָפּגעקלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

דער דאָזיגער איז באַלד אַוועק צו יאָסע דעם קברן און האָט אים דער־ציילט, וואָס ער האָט געהערט.

„קיין מת", האָט דער קברן געזאָגט מיט זיין געוויינלעכער גלייכגיל־טיקייט, „האָט זיך געווים ניט אויפגעכאַפּט. אויב אימיצער שרייט, איז עס אַ לעבעדיגער. דאַרף מען גיין זען, וואָס עס איז געשען."

און יאָסע האָט גענומען אַ לאַמטערנע און זיך ארויסגעלאָזט אויפן בית עולם צווישן די קברים אויסצוגעפינען וואָס עס האָט פאַסירט.

לאַנג האָט ער ארומגעזוכט צווישן די קברים און אין די אוהלים, אָבער ער האָט גאָרניט געפונען.

„אפשר איז עס גאָר געווען חיים'קע דער שטאָט־משוגענער", האָט דער קברן געזאָגט, קראַצנדיג זיך די פּאַטילניצע, צום דאָזיגן, וואָס האָט אים דערציילט וועגן געשריי און וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אויפן בית עולם.

„חיים'קע האָט ליב צו קומען אויפן בית עולם און מיטאַמאָל זיך צע־יאָמערן". האָט דער קברן צוגעלייגט.

„די שטימע איז געווען פון א פרוי", איז יאַסע אינפאָרמירט געוואָרן, און זיי האָבן ווייטער אָנגעהויבן אַרומזוכן צווישן די קברים. ענדלעך זיינען זיי צוגעקומען דאָרט, וואו חנה רחל'ע איז געלעגן, און איר געפונען א פאַר'חלש'טע.

דער קברן האָט זי צו זיך אין הויז אריינגעבראַכט און זי אָנגעהויבן מינטערן.

חנה רחל'ע האָט די אויגן געעפנט, אָנגעקוקט דעם קברן, אָבער איר בליק איז געווען פרעמד. עס האָט אויסגעזען, ווי זי דערקענט ניט יאַסע'ן, ווי זי וואָלט ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך, און וואָס עס איז מיט איר געשען.

„דערקענסט מיך ניט, חנה רחל'ע?" — האָט דער קברן געפרעגט. חנה רחל'ע האָט ניט געענטפערט. זי האָט ממש ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איר.

יאַסע האָט איר גענומען אויף די הענט און זי צו איר טאַטן אין הויז געבראַכט און דערציילט, וואָס עס איז געשען.

חנה רחל'ע האָט אפילו איר טאַטן, ר' מאַניש'ן, ניט דערקענט. זי האָט אויך די שכנים ניט דערקענט.

עס איז געוואָרן א יללה. מען האָט גערופן דעם רופא. חנה רחל'ע איז ניט געוואָרן בעסער. וואָס א טאָג איז זי גאָר געוואָרן ערגער. זי איז אָדער געלעגן מיט אָפענע אויגן און קיינעם ניט דערקענט, אָדער געהאַלטן די אויגן אינגאַנצן צוגעמאַכט, ווי זי וואָלט אויף קיינעם ניט געוואָלט קוקן.

גערעדט האָט זי אויך ניט, און עס איז געווען קלאָר, אז זי האָט פאַר־לאָרן דעם לשון.

מען האָט שוין געהאַט געשיקט נאָך דאָקטוירים פון אַנדערע שטעט, אָבער קיינער האָט פאַר איר גאָרניט געקענט טאָן. די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען. עס איז בלויז א פראַגע פון צייט, האָבן זיי געזאָגט, און זי וועט שטאַרבן.

ר' מאַניש איז געווען אויסער זיך פון שברת הלב. אזא טייער קינד, און נאָך ערב דער חתונה, זאָל פון דער וועלט דאַרפן אַוועקגיין!

„מיר האָבן אייך געוואָרנט, אז איר זאָלט זי אַליין ניט לאָזן גיין אויפן הייליגן אָרט!" — האָבן אים שכנים געמאַכט פאַרוואורפן. אָבער עס איז געווען צו שפּעט. דער אומגליק האָט שוין געהאַט געטראָפן.

פאַרשטייט זיך, אז ר' מאַניש האָט ניט פאַרפעלט צו טאָן אַלץ, וואָס גוטע און פרומע אידן טוען אין אזא פאַל. ער האָט מיט א מנין אידן תהילים

געזאָגט און געגאַנגען אויפן בית עולם פעלד מעסטן, און האָט מתפלל געווען אויף איר מאַמע׳ס קבר.

„אויב ניט אין מיין זכות און אין חנה רחל׳עס זכות“, האָט ר׳ מאַניש אויסגעגאָסן זיין הארץ, „זאָל עס זיין אין דיין זכות. דיין נשמה איז דאָך שוין לאַנג אויסגעלייטערט. באַמי זיך, אַז די שערי רחמים זאָלן פאַר אונ־זער טאַכטער ניט פארשלאָסן ווערן“ . . .

אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. חנה רחל׳ע איז ניט בעסער געוואָרן.

איז ר׳ מאַניש׳ן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער זאָל פאָרן צום טשער־נאָבילער מגיד, ר׳ מאָטעלע׳ן.

דער טשערנאָבילער האָט זיין פארשטאָרבן ווייב געגעבן די ברכה צו האָבן אַ קינד און האָט איר אין פאָראויס געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ מיידל. וועט איצטער זיין ברכה אודאי אויך העלפן, און חנה רחל׳ע וועט געזונט ווערן.

איז ר׳ מאַניש קיין טשערנאָביל אוועק און האָט דעם צדיק אַ קוויטל דערלאַנגט.

„רבי“, האָט ר׳ מאַניש געבעטן רחמים, „איר האָט מיר דאָס קינד געגעבן און איר מוזט זיך איצט פאַר איר איינשטעלן, אַז זי זאָל פון דער וועלט ניט אַוועקגענומען ווערן.“

„פאָר צוריק אהיים“, האָט ר׳ מאָטעלע געזאָגט דעם באַטריבטן טאַטן. „דיין טאָכטער וועט געזונט ווערן. דו וועסט נאָך פון איר גרויס נחת האָבן, אָבער אויך גרויס צער.“

ר׳ מאַניש האָט געוואָלט וויסן, וואָס דער צדיק מיינט מיט דעם. ר׳ מאָטעלע האָט אָבער מער ניט געוואָלט ריידן.

„עס וועט נאָך זיין צייט צו ריידן וועגן דעם“, האָט ער געזאָגט.

ר׳ מאַניש איז צוריק אהיים געקומען, און עס איז קיין וואָך ניט אַריי־בער, און פּלוצים איז אַ גרויסע ענדערונג פאָרגעקומען מיט חנה רחל׳ען.

ווי דורך אַ נס האָט די לודמירער מויד געעפנט אירע אויגן, אַנגעקוקט ר׳ מאַניש׳ן מיט אַ ליבלעכן שמייכל און אויסגערופן: „טאַטע!“

ר׳ מאַניש האָט זיך פון פרייד פאַנאַנדערגעוויינט.

„וויין ניט, טאַטע“, האָט זי אים געזאָגט. „זעץ זיך אַנידער נעבן מיר ביים בעט. איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן.“

ר׳ מאַניש האָט זיך אַנידערגעזעצט.

„איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, וואָס עס איז מיט מיר געשען“, האָט זי אָנגעפאַנגען.

„איך בין נאָר אַט וואָס אויפֿן הימל געוועזן און בין פֿאַר דער פּמליא של מעלה געקומען געוואָרן. מען האָט איבער מיר אַ משפּט געהאַט, צי זאָל איך לעבן בלייבן, צי זאָל איך שטאַרבן.

„עס זיינען פֿאַר מיר געקומען מליצי יושר און דערציילט וועגן מיינע זכיות. זיי האָבן דערציילט וואָס פֿאַר אַ גוטע און פֿרומע אידישע טאָכטער איך בין געוועזן, ווי אַזוי איך האָב געטאָן מער ווי דער דין פֿאָדערט פֿון אַ פֿרוי, האָב געלערנט און תּפֿילה געטאָן. און ווי אַזוי איך בין געוועזן ריין אין מיינע געדאַנקען ווי אין מיינע מעשים.

„עס זיינען אָבער אויך געקומען מקטרגים, וואָס האָבן אויף מיר שלעכטס גערעדט.

„איך בין ניט קיין פֿרוי ווי אַלע פֿרויען, האָבן זיי גע'טענה'ט, און עס איז ניט כּדרך הטבע, אַז איך זאָל טאָן זאַכן, וואָס בלויז מענער דאַרפֿן טאָן. לערנען תּורה און אָפּגעבן זיך מיט עבֿודה איז ניט קיין פֿרוי'ס זאַך. מיין ליבע צו דוד'לען, האָבן זיי געזאָגט, צייגט, אַז איך בין דאָך ניט מער ווי אַ פֿרוי, מיט אַ פֿרויען־האַרץ און נשמה, און עס איז אַ פֿאַרשוועכונג פֿון גאָט'ס תּורה, דאָס עס זאָלן זיך אין מיין האַרץ כּסדר ראַנגלען די פֿרוי און דער מאַן: עס זאָלן זיך צוזאַמענשטויסן די העכערע פֿליכטן, וועלכע איך האָב אויף זיך אַליין גענומען, ווי איך וואָלט אַ מאַן געוועזן, און די פֿליכטן פֿון דער פֿרוי, וועמעס אויפֿגאַבע איז נאָר צו טאָן דעם רצון פֿון איר מאַן.

„די מליצי יושר האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל צוריק אויף דער וועלט געשיקט ווערן, ווייטער גיין אין די זעלביגע דרכים, אין וועלכע איך בין ביז אַהער געגאַנגען: חתונה האָבן און זיין אַ פֿרוי צו מיין מאַן און אַ מאַמע צו די קינדער, וואָס וועלן מיר זיין באַשערט אויף דער ערד צו ברענגען.

„די מקטרגים האָבן אָבער געזאָגט, אַז איך דאַרף שטאַרבן. פֿאַר אַזוינע ווי איך איז קיין פּלאַץ אויף דער ערד ניטאָ. איך וועל ניט זיין ניט צו גאָט און ניט צו לייט, האָבן זיי געזאָגט.

„לאַנג האָבן זיך די טענות געצויגן פֿון ביידע צדדים, און איך קען קוים איבערגעבן, וואָס עס איז וועגן מיר געזאָגט געוואָרן. איך האָב נאָר געוואוסט און געפֿילט, אַז ביידע צדדים זאָגן אמת. פֿון איין זייט ציט מיר דאָס האַרץ צו אַ העכערן לעבן — צו אַ לעבן פֿון די מענער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט תּורה און עבֿודה. אָבער פֿון דער צווייטער זייט בין איך ניט מער ווי אַ זינדיגע אשה, וועמעס האַרץ ווערט צעשפּרונגען פֿון אַ מאַן'ס

בליק, וועמעס גאנצער פארלאנג דריקט זיך אויס אין וועלן ריידן עטלעכע ווערטער מיט איר געליבטן.

„קענטיג, אז דער הימלישער בית דין איז אין א גרויסער פארלעגנהייט געווען און ניט געוואוסט ווי צו פסק׳ענען. איז איינעם פון דעם בית דין איינגעפאלן, אז מען זאל פרעגן דעם טשערנאבילער מגיד.

„אין זיין זכות איז מיין נשמה אויף דער ערד געשיקט געווארן, האט יענער געזאגט. זאל ער זאגן, וואס מען זאל מיט מיר איצט טאן.

„האט מען אין א חלום זיך אנגעפרעגט ביים טשערנאבילער וואס זיין פסק איז. דער טשערנאבילער האט אויף זיך ניט געוואלט שטעלן. ער האט אבער אן עצה געגעבן, וואס איז דער פמליא של מעלה שטארק געפעלן געווארן. זיין עצה איז געווען, אז מען זאל מיך אליין פרעגן...

„האט מען מיך גערופן פאר דער פמליא של מעלה און מען האט מיר געשטעלט די פראגע, וואס איך וויל עס זאל מיט מיר געטאן ווערן — צי זאל איך צוריק געזונט ווערן אדער זאל איך שטארבן.

„איך האב לאנג ניט געטראכט און האב באלד מיין תשובה געגעבן:

„איך האב אנגעפאנגען מיטן פסוק פון דוד המלך: „לא אמות כי אחיה ואספר מעשה יה" (איך וויל ניט שטארבן נאר לעבן און דערציילן די טועבצן פון גאט). איך האב אויך דערמאנט דעם פסוק: „לא המתים יהללו יה" (די טויטע לויבן ניט גאט). איך וויל לעבן, האב איך געזאגט, ניט צו געניסן פוסטע פארגעניגנס פון דער זינדיגער וועלט. איך וויל אפילו ניט געניסן דאס, וואס עס איז דער שטייגער פון דעם בשר ודם צו געניסן, האב איך געזאגט. אויב איך וויל לעבן, איז עס נאר צו קענען ווייטער לערנען גאט׳ס תורה, זיך מער צו פארטיפן אין די סודות פון יוצר (באשעפער) און דער יצירה (באשאף) און וויל זיך אינגאנצן אפזאגן פון אלע תענוגים אויף דער וועלט. איך בין אבער געשטראפט מיט דעם, וואס איך האב די נשמה פון א פרוי. איך קען זיך הויך ניט אויפהויבן. איך בין באגרענעצט.

„וויל איך, אז מען זאל מיר א׳ נייע נשמה געבן, א הויכע נשמה, א נשמה, וואס זאל זיך קענען אויפהויבן העכער פון איר סביבה און זאל קענען אויסרייסן פון הארצן די אלע זינדיגע און נישטיגע מחשבות. איך וויל א נשמה, וואס זאל דורשטן נאך גאט׳ס ווארט, וואס זאל נאר געפינען תענוג אין גאט׳ס תורה און זאל פארגעסן אן דער גשמיות׳דיגער וועלט און אירע קליינלעכקייטן...

„פון אנפאנג האבן מיינע ווערטער געהאט א מאדנעם אפקלאנג. עס

איז געוועזן קענטיג, אַז איך האָב די הייליגע דיינים מבלבל געווען. זיי האָבן נאָך אַזוינס אפשר קיינמאָל ניט געהערט.

„דאָס וועט זיין געגן דרך הטבע, האָבן זיי געזאָגט. עס וועט מיינען גיין געגן סדר העולם, און דאָס קען ניט און טאָר ניט דערלאָזט ווערן...

„איך האָב אָבער שוין געפילט מיין כח. דער פסק איז דאָך איבער געלאָזט געוואָרן צו מיר, קען איך פסק'ענען ווי איך וויל. האָב איך גע־טענה'ט. אָבער צו זיין יושר'דיג, האָב איך געזאָגט, וועל איך זיך נעמען אַ הויכע און גרויסע נשמה, אָבער וועל נאָך אַליין דאַרפן אויסרייסן פון מיין האַרץ די אַלע זאַכן, וואָס אַ פּרוי פילט; וועל מיט מיינע אייגענע כחות זיך דערהויבן איבער אַלעמען און אַלץ און וועל נאָר לעבן אין עולם האצילות (אין אַ גייסטיגער וועלט)...

„מיין פסק איז אָנגענומען געוואָרן. עס איז געבליבן, אַז איך זאָל קריגן נאָר אַ הויכע נשמה. און מיט דעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט"...

ר' מאָניש האָט אויסגעהערט זיין טאָכטער אין שטוינען און ניט געוואוסט, צי זאָל ער זיך פרייען אָדער טרויערן מיט דעם, וואָס חנה רחל'ע האָט אים דערציילט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן טשערנאָבּילער מגיד'ס ווערטער, אַז ער וועט נאָך האָבן פון איר אי נחת, אי צער, און ער האָט זיך געוואונדערט, צי דער נחת און צער וועלן ניט זיין אויסגעמישט אַזוי, אַז ער וועט קיינמאָל ניט האָבן קיין פולן נחת און אויך ניט קיין פולן צער.

חנה רחל'ע איז דערווייל געוואָרן בעסער פון מינוט. אַ ניי לעבן האָט אין איר אַריינגעשטראָמט. און עס איז ניט אַוועק קיין עטלעכע טעג, און זי איז אַרונטער פון בעט אַ געזונטע.

לודמיר און אַלע שטעטלעך אַרום האָבן געהערט דעם וואונדער, וואָס איז געשען מיט חנה רחל'ען, ווי אַזוי זי איז געזונט געוואָרן, און מען האָט עס אָנגענומען פאַר אַ נייעם מופת פון טשערנאָבּילער מגיד.

אין ר' מאָניש'ס האַרץ האָט אָבער אַ שרעק גענאָגט. דער טאַטע האָט געפילט, אַז דער חלום, פון וועלכן חנה רחל'ע האָט אים דערציילט, האָט אין זיין טאָכטער אַ גרויסע ענדערונג געבראַכט. און ער האָט זיך געוואונדערט, אויב דאָס וועט זיין לטובה אָדער, רחמנא לצלן, לרעה..

## לה.

# די „הייליגע בתולה“.

חנה רחל'ע שיקט דוד'לען צוריק די תנאים און אנטזאגט זיך
אינגאנצן חתונה צו האבן. — לייגט טלית און תפילין און פאר־
ברענגט גאנצע טעג און נעכט אין תורה און עבודה.

ר' מאניש האט לאנג ניט געדארפטווארטן צו זען די ענדערונג, וואס עס איז פארגעקומען אין זיין חנה רחל'ען. אזוי ווי זי איז ארונטער פון בעט, האט זי זיך לחלוטין אויפגעהערט פירן ווי א פרוי. איר דרך איז אינגאנצן געווען א מאנסבילישער...

זי האט אנגעטאן אן ארבע כנפות און האט אנגעהויבן לייגן טלית און תפילין.

„טאכטערשע, דאס איז דאך ניט דיין זאך. א פרוי איז דאך ניט מחויב אפצוהיטן די אלע מצוות“, האט דער טאטע, ר' מאניש, צו איר גע'טענה'ט.

„איך בין אבער אנדערש. דו האסט דאך געהערט וועגן מיין חלום, און דו ווייסט דאך שוין, אז איך האב א נייע נשמה באקומען. איך בין נאך אלץ פרוי, אבער איך קען גרייכן די מדרגה פון א מאן, וואס גיט זיך אפ נאר מיט תורה און עבודה“, איז געווען איר ענטפער.

און חנה רחל'ע האט זיך טאקע נאר אפגעגעבן מיט תורה און עבודה.

פון גאנץ פרי ביז האלבן טאג פלעגט זי זיצן אין טלית און אין תפילין, דאווענדיג און לערנענדיג, און דאן ווייטער געלערנט און ווייטער מתפלל געווען ביז שפעט אין דער נאכט.

ר' מאניש האט זיך פון אנפאנג געשראקן פאר זיין טאכטער. ער האט געמיינט, אז זי איז, רחמנא לצלן, גערירט געווארן. עפעס איז איר דרך געווען אזא אויסערגעוויינלעכער.

„אבער ווי וועסטו קענען זיך אפגעבן מיט אזוינע זאכן“, האט ער מיט איר גע'טענה'ט. „ווען דו וועסט חתונה האבן?“

„חתונה האבן?“ — האט חנה רחל'ע איבערגעפרעגט, ווי זי וואלט שוין געהאט פארגעסן, אז זי איז א כלה געווען. „יא, דאס דערמאנט מיך, אז איך דארף צוריקשיקן דוד'לען די תנאים.“

„צוריקשיקן די תּנאים ?" — איז ר' מאַניש געווען אויסער זיך.

אין די תנאים איז געווען איינגעשריבן אַ קנס פאַר דעם צד, וואָס לאָזט אָפּ דעם שידוך. אָבער דאָס האָט נאָך אים ניט אַזוי געאַרט, ווי דער פאַקט גופא, וואָס זיין חנה רחל'ע אַנטזאָגט זיך פון שידוך.

„וואָס וועלן מענטשן זאָגן ?" — האָט ער זיך באַקלאָגט.

אַ געדאַנק איז אים איינגעפאַלן, דאָס אפשר האָט חנה רחל'ע זיך ענדלעך אַרומגעזען, אַז דוד'ל איז ניט איר גלייכן, און וועט שוין איינוויליגן צו לאָזן זיך ריידן אַ פּיל מער געהויבענעם שידוך. דאָס איז ר' מאַניש'ן גאָר געפעלן געוואָרן.

„גוט", האָט ער געזאָגט אַ האַלב צופרידענער. „אויב דו האָסט חרטה אויפן שידוך, וועל איך פאַר דיר געפינען אַן אַנדער חתן. עס זיינען אויף דיר, ברוך השם, פאַראַן אַ סך בעלנים."

חנה רחל'ע האָט אַ טרויעריגן שמייכל געטאָן.

„טאַטע, דו פאַרשטייסט מיך נאָך ניט", האָט זי געזאָגט. „עס איז ניט קיין פראַגע פון חרטה האָבן אויפן שידוך. איך האָב דוד'לען געליבט טיף און הייליג. מיין האַרץ ווערט נאָך איצט אויך צעריסן. אָבער איך האָב באַשלאָסן, אַז איך זאָל ניט חתונה האָבן, קיינמאָל ניט חתונה האָבן. און איך רייס אַרויס פון מיין האַרץ די אַלע געפילן, וואָס זיינען מיר דאָרט אַריינגעגעבן געוואָרן. איך וויל מער ניט זיין קיין פרוי און ניט וויסן פון די פליכטן, וואָס אַ פרוי האָט. מיין אויפגאַבע איז אַ העכערע און אַ הייליגערע. איך ווידמע מיין לעבן צו גאָט און צו זיין תורה"...

חנה רחל'ע האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ פייער, דאָס ר' מאַניש האָט מער קיין מוט ניט געהאַט מיט איר איינצו'טענה'ן. ער האָט גע־וואוסט, אַז אַלע זיינע רייד וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן. חנה רחל'ע וועט ניט ענדערן איר באַשלוס.

און גלייך, אין זעלביגן טאָג, האָט חנה רחל'ע אַליין געלאָזט צוריקשיקן די תנאים צו דוד'לען.

און כדי איר האַנדלונג זאָל ניט זיין קיין רעטעניש, האָט חנה רחל'ע מיט איר אייגענער האַנט אָנגעשריבן אַ בריוול צו דוד'לען, אין וועלכן זי האָט געמאַכט אַזאַ דערקלערונג:

„איך שיק דיר אָפּ די תנאים, אָבער זאָל עס ניט הייסן, אַז איך האָב חרטה אויפן שידוך, אַז עפּעס האָב איך געפונען אין דיר אַ פּסול, אָדער וועלכן עס איז חסרון. איך טו עס נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב זיך איינ־געגעבן פאַרנומען אויף אַ נייעם דרך. פון הימל האָט מען מיר אָנגעצייגט אויף אַ נייעם דרך. איך וו· מער ניט זיין ווי אַלע פרויען, וואָס האָבן

חתונה און באַנוגענען זיך מיט די מצוות, וואָס נאָר פרויען האָבן. איך וויל מקיים זיין די גאַנצע תורה, דאָס זעלביגע ווי די מענער. פאַר דעם זאָגט מיר גאָט ברוך הוא אַ נייע נשמה געגעבן, און איך וועל די נשמה ניט פאַר שוועכן, איר ניט דערנידעריגן מיט דעם, וואָס איך זאָל ווערן ווי אַלע פרויען.“

ר׳ מאַניש האָט פון זיין זייט צוגעשיקט דעם קנס. אין האַרצן האָט ער אָבער אַ גרויסן ווייטאָג געטראָגן.

אים האָט עפּעס געשראָקן. ער איז ניט געווען זיכער, אויב זיין חנה רחל׳ע איז אויפן ריכטיגן דרך. עס איז געווען אומגעהערט, אַז אַ פרוי זאָל אַזוי האַנדלען.

ער האָט געהאַט געהערט איר דערקלערונג, אַז דאָס, וואָס זי טוט, איז מן השמים. פונדעסטוועגן האָט זיך אים אָבער געוואָלט, אַז זיין טאָכ־טער זאָל ניט זיין קיין יוצא מן הכלל און זאָל חתונה האָבן ווי אַלע אידישע טעכטער, זיין אַ ווייב צו אַ מאַן און אַ מאַמע צו קינדער, ווי זי האָט עס געזאָלט זיין.

ווייסנדיג, אַז דער טשערנאָבילער מגיד האָט אַזאַ השפעה אויף איר לעבן, האָט ר׳ מאַניש באַשלאָסן צו מאַכן אַ נייע נסיעה קיין טשערנאָביל און הערן וואָס דער גרויסער צדיק האָט וועגן דעם צו זאָגן.

„איך פאַרשטיי דיין האַרץ און ווייס דיין צער“, האָט ר׳ מאָטעלע געזאָגט צו ר׳ מאַניש׳ן. „עס איז ניט קיין געוויינלעכע פּאַסירונג. אָבער לאָמיר דיך טרייסטן דערמיט, וואָס עס איז דערוויייל קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. דיין טאָכטער איז פון די בלאַנדזשענדיגע נשמות. אַ גרויסע און טייערע נשמה האָט זי. זי זוכט איר אייגענעם דרך צו עבודת הבורא. זי אַליין האָט דעם דרך אויסגעקליבן און זי מוז אים אָנהאַלטן, ביז זי וועט באַשליסן אים צו ענדערן. דערוויייל איז זי פעסט אַנטשלאָסן צו זיין, וואָס זי איז, און זי מוז געלאָזט ווערן צורו“...

ר׳ מאַניש האָט איינגעזען, אַז עס וועט אים גאָרניט העלפן. און ער איז צוריקגעפאָרן אַהיים און מער קיין פאַרזוך ניט געמאַכט זיין טאָכטער צו שטערן אין אירע מאָנסבילשע דרכים.

חנה רחל׳ע האָט דערוויייל אָנגעהויבן נאָכמער צו שם׳ען. אַלע האָבן איצט גערעדט פון איר אַלס די „הייליגע בתולה“. אפילו דאָס הויז, וואו זי האָט געוואוינט מיט איר טאַטן, איז געוואָרן הייליג ביים עולם. פאַר ר׳ מאַניש׳ן איז עס אָבער ניט געווען קיין נחמה.

און מען האָט געקענט זען, ווי ער גייט ממש אונטער פון טאָג. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און דער אַלטער ר׳ מאַניש האָט זיך אין בעט גע־

ליגט און איז שוין מער ניט אַרונטער. ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכט.

חנה רחל׳ע האָט באַגלייט איר טאַטן צו זיין אייביגער רו, האָט אויף זיין קבר קדיש געזאָגט און איז נאָך אים שבעה געזעסן.

אין פאַרלויף פון דער שבעה האָט זי אין הויז אַ מנין געהאַט און זי האָט אפילו געוואָלט, אַז מען זאָל איר לאָזן זיין דער שליח ציבור, דאַווענען פאַרן עולם. דאָס האָבן די מענער ניט געוואָלט. זיי האָבן אויך ניט גע־וואָלט איר רעכענען צו קיין מנין, און חנה רחל׳ע האָט זיך געמוזט באַנוגע־נען מיט דעם, וואָס זי האָט געקענט מיטדאַוונען בציבור און זאָגן קדיש.

נאָך איר טאַטנ׳ס טויט האָט חנה רחל׳ע זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זי האָט זיך אויפגעהערט ציינן פאַר מענטשן, און פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין אַ באַזונדערן חדר ביי זיך אינדערהיים, וואו זי פלעגט דאַווענען און לערנען.

זייטיגע מענטשן פלעגן נאָך הערן פון הינטערן פענסטער איר קלינגענ־דיגע שטימע ביים לערנען און אירע געוויינען ביים דאַווענען.

געלערנט האָט זי הויך אויפן קול, מיט אַ זיסן ניגון, וואָס האָט זיך ווייט איבערן גאַס צעטראָגן, און מענטשן פלעגן שטיין און זיך צוהערן, פילנדיג אַ חיות אין זייערע איברים.

אירע תפילות זיינען געווען באַגלייט פון געוויין, אָפטמאָל אַ היסטע־רישן געוויין.

מאַנכע, וואָס זיינען געווען מער געוואַגט, האָבן זיך פון צייט צו צייט צוגערוקט צום פענסטער און אַריינגעקוקט אינווייניג צו זען, וואָס זי טוט דאָרט. און מען פלעגט זען, ווי זי שטייט מיטן טלית איבערן קאָפּ און דאַוונט אָדער לערנט.

איר טאַטע האָט איר איבערגעלאָזט אַ באַדייטנדיגע ירושה. חנה רחל׳ע האָט פאַרן געלט באַשלאָסן זיך צו לאָזן בויען אַן אייגענעם בית מדרש.

אין בית מדרש איז אויסגעבויט געוואָרן אַ באַזונדערער חדר, און אין דאָזיגן חדר האָט די לודמירער מויד פאַרבראַכט אין יחידות גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

אין בית מדרש פלעגט אַן עולם קומען דאַווענען און לערנען. חנה רחל׳ע פלעגט אין איר חדר מיטדאַווענען מיטן מנין, אָבער פלעגט זיך פאַרן עולם ניט ציינן.

חנה רחל׳עס נאָמען האָט איצט געקלונגען אויף צענדליגער מייל אַרום לודמיר, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען פון ווייט און נאָענט צו זען די וואונדערלעכע בתולה פון לודמיר.

חנה רחל׳ע האט זיך אבער פאר קיינעם ניט געצייגט. די טיר פון איר חדר איז תמיד געווען פארשלאסן, און קיינער איז צו איר ניט צוגע־לאזט געווארן.

מענער און ווייבער האבן אנגעהויבן קומען פארלאנגען איר ברכה. די לודמירער מויד האט זיי אבער צו זיך אין חדר ניט ארײנגעלאזט. זי האט פון צווייטן זייט טיר אויסגעהערט וואס מען וויל פון איר, און האט איר ברכה געגעבן.

די לודמירער מויד האט אויף אזא אופן אויך אנגעהויבן פירן טישן און זאגן תורה פארן עולם . . .

זיין צווישן מענער, זיך מיט זיי אויסמישן, האט זי ניט געוואלט און טאקע אויך ניט געטארט על פי דין. זי האט זיך אבער אויך אנטזאגט צו קומען אין באריטרונג מיט פרויען. פלעגט זיך דער עולם פארקלייבן אין גרויסן בית מדרש, דארט אויסשטעלן טישן, און חנה רחל׳ע האט פון דער צווייטער זייט טיר געזאגט תורה . . .

דאס האט ביסלעכווייז איר געשאפן א גרויסע נאכפאלגערשאפט פון חסידים. און די לודמירער מויד איז געווארן אווירקלעכע רבי׳צין מיט הונדערטער חסידים, קומענדיג צו איר הערן תורה, ברענגענדיג איר פדיונות און קוויטלעך . . .

מען האט פון איר אנגעהויבן דערציילן מופתים, ווי פון די גרעסטע חסידישע רביים פון איר צייט.

מען האט אפילו אנגעהויבן ברענגען צו איר דבוקים און גלאט פאר־זעעניש, און אלע זיינען זיי, האט מען דערציילט, צוריק אוועק פריש און געזונט . . .

מען דערציילט, אז אפילו דוד׳ל, איר פריערדיגער חתן, איז שפעטער אירער א הייסער חסיד געווארן. דוד׳ל האט חתונה געהאט מיט א צווייט מיידל, א פשוט מיידל פון זיין שטאנד. ער פלעגט אבער נאכער יעדן טאג גיין אין חנה רחל׳עס בית מדרש דאווענען און פלעגט יעדעס מאל בלייבן ביים טיש הערן חנה רחל׳עס תורה.

איינמאל איז ער אפילו צו איר געקומען בעטן א ברכה.

„איך בין א מטופל פון זעקס קינדער“, האט ער געזאגט. „דאס ווייב איז ניט מיט אלעמען, און קיין פרנסה איז ניטא. העלף מיר, חנה רחל׳ע!“...

„גאט וועט דיר העלפן“, איז געקומען חנה רחל׳עס ענטפער פון צווייטן זייט טיר, און איר שטימע איז דאמאלט געווען דורכגעדרונגען מיט מער צער ווי תמיד... אפשר האט דער פאקט, וואס איר אמאליגער געליבטער, דוד׳ל, איז צו איר געקומען און פון איר א ברכה פארלאנגט, אויף איר א

באַזונדערן רושם געמאַכט. אפשר האָט זי זיך דעמאָלט דערמאָנט אַז דעם, וואָס דוד׳ל איז צו איר געווען און וואָס ער האָט צו איר געקענט זיין...

חנה רחל׳עס חסידים האָבן זיך גערופן אויף איר נאָמען — „די לוד־מירער מויד׳ס חסידים“, און זיי האָבן פון איר גערעדט מיט דער זעלביגער התפעלות און מיט דער זעלביגער אמונה ווי פון אַ געוויינלעכן רבי׳ן.

גערופן האָבן זיי איר די „הייליגע בתולה“, און יעדעס וואָרט, וואָס האָט געקענט איבערגעזאָגט ווערן פון אָדער וועגן דער „הייליגער בתולה“, איז געווען הייליג.

די תורה, וואָס די לודמירער מויד האָט געזאָגט ביי די טישן פרייטאָג־צו־נאַכט און דער עיקר שבת צו שלש סעודות, פלעגט אַרויסרופן די גרעסטע באַגייסטערונג.

עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער ספּעקטאַקל, גאָר אַנדערש פון דעם, וואָס מען פלעגט זען ביי די טישן פון די געוויינלעכע רביים. די רביים זיינען אַליין געווען ביי די טישן. מען האָט געזען זייערע הייליגע פּנים׳ער, און זייער אַנוועזנהייט האָט דעם עולם געבראַכט אין גרויס עקסטאַז. דאָ האָט מען אָבער די לודמירער מויד ניט געזען. מען האָט בלויז איר שטימע געהערט פון צווייטן זייט טיר. אָבער עס איז געווען גענוג, אַז די חסידים זאָלן פילן אַ גרויסן עונג רוחני און זאָלן פאַרטראָגן ווערן אין אַנדערע וועלטן...

לז.

# די לודמירער מויד און דער טשערנאָבילער מגיד.

ר׳ מאָטעלע קומט קיין לודמיר און פועל׳ט ביי דער „הייליגער בתולה״ זי זאָל חתונה האָבן. — פאַרלירט איר גרויסן כח און ווערט אַ געוויינלעכע פרוי. — איר טויט אין ארץ ישראל.

די נאָכפאָלגערשאַפט פון דער לודמירער מויד האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן און זיך געצייילט אין די טויזנטער. פון נאָענט און פון ווייט איז מען געפאָרן קיין לודמיר, צו פאַרברענגען אין חנה רחל׳עס הויף און זיין אונטער איר השפעה.

און צווישן די, וואָס זיינען געפאָרן צו דער לודמירער מויד, זיינען געווען ניט בלויז מענטשן פון המון, פראָסטאַקעס, נאָר אויך גרויסע לומדים און באַוואוסטע רבנים.

קען זיין, אַז אַ סך זיינען בלויז געקומען ווי אויף אַ בייז־וואונדער, רחמנא לצלן. אָבער די מערסטע האָבן טאַקע אין איר געגלויבט באמונה שלמה און גערעדט פון איר מיטן זעלביגן יראת הכבוד ווי פון אַ ווירקלעכן רבי׳ן...

דער וואונדער וועגן דער לודמירער מויד האָט זיך דערוויייל צעטראָגן איבער דער גאַנצער אידישער וועלט פון יענער צייט. מען האָט אויך אָנ־געהויבן ריידן פון איר אין די רבי׳אישע הויפן.

חסידים פלעגן זיך ארומרייסן איבער דער „הייליגקייט״ פון דער לוד־מירער מויד. אַנהענגער פון געוויסע רביים האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען איר גרויסקייט און איר מבטל געמאַכט, פונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט רביים, אין וועלכע זיי האָבן ניט געגלויבט.

די חסידישע רביים פון יענער צייט האָבן געהערט פון דער לודמירער מויד און האָבן זיך פאַראינטערעסירט. אַזאַ זאַך פאַסירט ניט אָפט. קיין פרוי אַ צדיקת מיט אַזאַ גרויסער נאָכפאָלגערשאַפט איז נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען געוואָרן. האָבן די רביים געוואָלט וויסן וואָס דער אמת איז, צי איז די לודמירער מויד טאַקע דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן איר,

צו די מעשיות זיינען אויסגעטראַכטע. פיל האָבן באַשלאָסן צו מאַכן נסיעות קיין לודמיר און זען מיט זייערע אויגן, וואָס דאָרט קומט פאָר.

די רביים, וואָס זיינען דאָרט געקומען, האָבן אָבער די לודמירער מויד ניט געקענט אָנקוקן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אַריין צו איר אין חדר ריידן תורה און קבלה. זיי האָבן עס געמוזט טאָן דורך דער פאַרמאַכטער טיר ווי אַלע אַנדערע.

זיינען פאָרגעקומען לאַנגע ויכוחים וועגן הויכע ענינים צווישן די רביים און דער לודמירער מויד, מיט דער טיר אַלס מחיצה צווישן זיי. מאַנכע פון די רביים זיינען דאַן צוריקגעפאָרן איבערצייגט אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אמת הויכער נשמה, מיט אַ גרויסער צדיקת, וועלכע האָט גאָר ניט וואָס אַרונטערצופאַלן געגן די מאַנסבילשע צדיקים און רביים.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן ניט זייערע אויערן. די לודמירער מויד רעדט טאַקע תורה און זעט אויס צו זיין דאָס פאַר וואָס מען האַלט זי — אַ „הייליגע”; זיי זיינען אָבער געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס שפּילט דער שטן, רחמנא לצלן, אַ שטיקע, אַז אַ „ניט־גוטער” האָט זיך אין איר פאַרקליבן און ער מאַכט ליצנות פון גאָט׳ס תורה און פון די אַלע חסידים וואָס זיינען אירע נאָכ־פאָלגער.

דער דאָזיגער געדאַנק האָט בלויז געדאַרפט אַרויסגעזאָגט ווערן, און פיל האָבן אָנגעהויבן דענקען, אַז דאָס איז אַזוי. דאָס האָט זיך מער געלייגט אויפן שכל.

איז איר צדקות דען ניט געקומען פלוצים, נאָך דער פּאַסירונג אויפן בית־עולם? מעגלעך אַז אין איר איז אַריין אַ דיבוק — אַ דיבוק פון איינעם אַ „ליץ” אָדער גאָר פון אַ „משומד”, וואָס וויל אידן, גאָט ווייסט וואוהין, פאַרפירן.

האָבן זיך געשאַפן צוויי כתות: איינע וואָס האָט געגלויבט באמונה שלמה אין דער „הייליגקייט” פון דער לודמירער מויד, און אַ צווייטע וואָס האָט געצווייפלט אין איר הייליגקייט און געהאַלטן, אַז אַ „רוח רעה” (בייזער גייסט) איז אין איר אַריין.

עס איז געוואָרן אַ מחלקה. חסידים האָבן זיך אַרומגעריסן און אפילו אַרומגעשלאָגן. דאָס וואָס איין צד האָט געזאָגט איז געווען אַ גאָט׳ס לעס־טערונג פאַרן צווייטן צד.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז געוויסע צדיקים זאָלן אָנהויבן ריידן וועגן אַ פאַרזוך פון דער לודמירער מויד אַרויסצוטרייבן דעם שלעכטן

גייסט, דעם דיבוק אדער ווייסט דער גוטער יאר וואס פון איר רעדט דארט ארויס...

מאנכע זיינען אויף דאס ניי ארונטערגעקומען קיין לודמיר און האבן אנגעהויבן איינ'טענה'ן מיט דער לודמירער מויד, אז זי זאל מיט גוטן ענדערן אירע דרכים.

„עפעס איז מיט דיר דער מער", האבן זיי צו איר גע'טענה'ט. „דו פירסט זיך ניט ווי אלע פרויען. דו האסט ניט חתונה, און דאס איז א גרויסע זינד. א גרויסע צאל אידן גלויבן אין דיר, האלטן דיך פאר א הייליגע. עס קוקט אויס, ווי א ניט־גוטער, רחמנא לצלן, וואלט אין דיר אריין און דיך באהערשט. דו דארפסט זיך גובר זיין איבער דער קליפה און ווערן, וואס א גוטע און פרומע אידישע טאכטער דארף זיין — חתונה האבן און האבן קינדער"...

די לודמירער מויד האט פון דעם ניט געוואלט הערן און ניט זען.

„איך בין מיט א' העכערער נשמה", האט זי אפגעענטפערט. „מיין דרך איז א העכערער און קען נאר דערגרייכט ווערן פון איינער, וואס האט לאנג געלייטערט איהר נשמה, וואס האט לאנג געפייניגט איר גוף און זיך דערהויבן צו דער מדרגה, וואס נאר יחידי סגולה קענען דערגרייכן."

די צדיקים האבן אבער ניט געוואלט גלויבן. זיי איז עס געווען אומפארשטענדלעך, און זיי זיינען אוועק פון הינטער איר טיר טרויעריג שאקלענדיג מיט די קעפ, ווי זיי וואלטן דא פאר זיך געהאט א זייער ערנסטן ענין.

דאס איז געווען גענוג פאר מאנכע היץ־קעפ, אז זיי זאלן אנהויבן שרייען, אז מען מוז איינברעכן די טיר און מיט געוואלט ארויסשלעפן חנה רחל'ען פון איהר חדר מיוחד און איר פירן צו א צדיק, ער זאל פון איר ארויסטרייבן דעם דיבוק.

דאס האט נאך מער פארשארפט די קריגערייען צווישן אירע חסידים און אירע געגנער. דאס האט אזוי אנגעהאלטן, ביז עס האט זיך דערטראגן צום טשערנאבילער מגיד, ר' מאטעלע.

ר' מאטעלע האט דאמאלט געהייסן שפאנען זיין קארעטע און זיך געלאזט אין וועג קיין לודמיר.

די נייעס האט זיך אין פארויס צעטראגן איבער לודמיר, אז דער טשערנאבילער מגיד קומט אין שטאט זיך דורכריידן מיט חנה רחל'ען, און מען איז געווען געשפאנט צו זען, וואס דא וועט פארקומען

פון אנפאנג האט זיך חנה רחל'ע אפילו צום טשערנאבילער ניט געוואלט צוהערן.

„דיין דרך פירט צו גרויסע געפארן", האָט ער זי פּרובירט אויפקלערן פון צווייטן זייט טיר. „ווייניג זיינען מסוגל דיך צו פארשטיין, און דו מוזט צוריק ווערן אַ פרוי ווי אַלע פרויען."

די לודמירער מויד האָט אויף דעם געהאַט אַזאַ ענטפער:

„איך האָב דאָס רעכט זיך צו פירן ווי איך וויל און ווי איך האָב דערקלערט פאר דער פמליא של מעלה. איך וועל זיך ווייטער האלטן ביי מיין איצטיגן דרך."

„עס איז טאַקע אמת", האָט דער טשערנאָבילער ניט אָפּגעלאָזט, „אַז דו האָסט דאָס רעכט זיך צו פירן ווי דו ווילסט. די ברירה איז אָבער דיינע און דו מוזט איצט איינזען, אַז דיין איצטיגער דרך איז גראָד ניט דער העכערער און דער בעסערער. דו האָסט זיך גענומען דעם דרך פון אַ מאַן און האָסט אינגאַנצן אַרויסגעריסן די פרוי פון דיין הארצן. דאָס איז געגן גאָט'ס רצון. גאָט האָט דיך באַשאַפן אַ פרוי, מוזטו זיין אַ פרוי — חתונה האָבן און ברענגען קינדער אויף דער וועלט."

„אָבער ווי וועל איך דאַמאָלט קענען אָפּגעבן מיין צייט צו תורה?" — האָט זי געפרעגט. „זאָל איך חתונה האָבן און איך וועל האָבן די טאָג־טעגלעכע פליכטן פון אַ פרוי און ניט קענען שטייגן צו דער הויך, צו וועל־כער איך ציל."

„אָבער גרויסקייט ליגט ניט אין מאַכן זיך נייע דרכים, צו וועלכע מען איז ניט באַשאַפן געוואָרן, נאָר אין נאָכפאָלגן דעם דרך, צו וועלכן מען איז צומבעסטן צוגעפּאַסט."

און דער טשערנאָבילער האָט דאָ פאַר איר ענטוויקלט זיין געדאַנק, וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיינע ספרים, אַז דער מענטש דאַרף ניט אינגאַנצן אויסראָטן פון זיין הארץ זיינע פאַרלאַנגען, אַזוי, אַז ער זאָל גאָר ניט גאָרן און גאָר ניט וועלן. דער מענטש דאַרף וויסן, וואָס כעס איז, אָבער קיינמאָל ניט אין כעס זיין; דאַרף וויסן וואָס גאוה איז און קיינמאָל זיך ניט האַלטן גרויס; וויסן וואָס די שלעכטע וועגן אין לעבן זיינען, און אויף זיי קיינמאָל ניט גיין. דער עיקר איז שטענדיג צו האַלטן מלחמה מיטן יצר הרע און אַליין וויסן אויסצוקלייבן דעם ריכטיגן וועג.

„און דערפאַר", האָט דער טשערנאָבילער פאָרטגעזעצט, „טויג ניט, וואָס דו האָסט פאַרניכטעט די פרוי אין דיר און זיך געענדערט, דאָס דו ביסט אין געדאַנק און אין טאַט אַ מאַן. בעסער וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט געבליבן אַ פרוי, זיך געפירט ווי אַ פרוי און דאָן געציינט, אַז דו ביסט אַן אמת'ע צדיקת, געטאָן וואָס מען דאַרף, און זיך געפירט אין

גאָט׳ס דרכים. דאַמאָלט וואָלט דיין פאַרדינסט געווען גרעסער און דיין שכר גרעסער. דו וואָלסט אויך געקענט זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. אַנדערע וואָלטן זיך פון דיין דרך אָפּגעלערנט. איצט קענסטו אָבער פאַר אַנדערע קיין ביישפּיל ניט זיין. ווער קען דען נאָכפאָלגן אַזאַ דרך? עס איז ניט מעגלעך. און אויב דאָס זאָל אפילו זיין מעגלעך, וואָלט אַזאַ דרך, רחמנא לצלן, געבראַכט אַ כליה (פאַרניכטונג) אויף דער וועלט. פרויען וואָלטן אויפגעהערט חתונה צו האָבן, און עס וואָלט קיין נייער דור ניט געבראַכט געוואָרן.״

דעם טשערנאָבילער׳ס ווערטער האָבן אָנגעהויבן ווירקן אויף דער לוד־מירער מויד. זי איז נאָך אָבער ניט געווען אינגאַנצן איבערצייגט.

דער טשערנאָבילער האָט ווייטער גערעדט:

„דו זעסט דאָך אַליין, ווי שעדלעך דיין דרך איז. דו ווערסט ניט פאַרשטאַנען. אין דער צייט, וואָס אַ סך זיינען איבערצייגט אין דיין הייליגקייט און אין דיין גרויסקייט, זיינען פאַראַן אַנדערע, וואָס האַלטן, אַז אין דיר איז, רחמנא לצלן, אַ דיבוק אריין. מען רעדט שוין אפילו פון שלעפּן דיך מיט געוואַלט צו אַ גוטן אידן, פון דיר דעם דיבוק ארויסצו־טרייבן. קען עס דאָך פירן צו אַ חלול השם און גלאַט צו געוואַלט און רשעות. מענטשן ווערן איינפאַך פאַרפּירט און ווייסן ניט, וואָס דער אמת איז.״

דער טשערנאָבילער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף אַן ענטפער פון דער לודמירער מויד.

פון צווייטן זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ געוויין. די לודמירער מויד האָט זיך צעכליפּעט. די ווערטער פון טשערנאָבילער צדיק האָבן גע־האַט זייער ווירקונג.

„רבי״, האָט זי ענדלעך ארויסגעכליפּעט, „איך הויב אָן איינזען מיין טעות.״

„און עס איז נאָך ניט שפּעט דעם טעות צו פאַרריכטן״, האָט דער צדיק אונטערגעכאַפּט.

די טיר האָט זיך אין אַ ווײַלע ארום געעפנט, און צום ערשטן מאָל זייט דער בית־מדרש איז אויפגעבויט געוואָרן, איז חנה רחל׳ע געשטאַנען אַנט־פּלעקט פאַר די אויגן פון מענטשן. איר פּנים איז געווען בלאַס און די אויגן רויט פון וויינען. איר קערפּער האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער.

„איך וועל צוריק זיין אַ פרוי, ווי איר הייסט מיך, רבי״, האָט זי גע־זאָגט, „און זאָלן מענטשן זען, אַז איך בין, רחמנא לצלן, ניט געווען קיין

פאַרפירטע פון אַ שלעכטן גייסט. זאָלן אַלע זען, אַז איך האָב מיר מיין פריערדיגן דרך אויסגעקליבן, ווען איך האָב געמיינט, אַז ער איז דער אמת׳ער און דער בעסטער, און קלייב מיר איצט אַ נייעם דרך, ווען איך ווער איבערצייגט, אַז מיין פריערדיגער איז ניט דער ריכטיגער״...

די פריער מעכטיגע און דאָמינירנדיגע חנה רחל׳ע איז איצט געשטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, אַ מאַכטלאָזע, ווי אַ פאַר׳משפּט׳ע.

דער טשערנאָבילער האָט איר זיין ברכה געגעבן, און די לודמירער מויד איז צוריק געוואָרן די אַמאָליגע חנה רחל׳ע, די גוטע, די פרומע, די האַר־ציגע — אָבער אַ פרוי ווי אַלע פרויען.

קיין בעלנים מיט איר חתונה צו האָבן האָבן ניט געפעלט, און באַלד איז חנה רחל׳ע געגאַנגען צו דער חופּה און איז געוואָרן אַ ווייב פון אַ מאַן.

און אַ מערקווירדיגע ענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען. אַזוי שנעל ווי זי האָט חתונה געהאַט, האָט זיך איר גרויסקייט פון איר אָפּגעטאָן. איר השפּעה איז אַוועק, ווי מיטן האַנט אַוועקגענומען. אירע חסידים זיינען זיך צערונען. מען האָט איר נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ טייערע נשמה, אָבער זי איז מער ניט געווען די צדיקת, וואָס זאָל פירן טישן, זאָל זאָגן תורה פאַר אַן עדה אידן. זי איז געוואָרן אַ געוויינלעכע פרומע אידישע פרוי, און אויב מענטשן האָבן פון איר גערעדט, איז עס געווען אויפן סמך פון איר פאַרגאַנגענהייט.

און חנה רחל׳ע אַליין? זי איז קיינמאָל ניט געווען גליקלעך זינט זי האָט חתונה געהאַט. אפשר האָט זי זיך געפילט, ווי זי וואָלט געפאַלן פון אַ גרויסער הויך און ווי זי וואָלט פאַרלאָרן די פליגלען, מיט וועלכע זי איז פריער געפלויגן אין די הימלען אַריין. אַ פרוי ווי אַלע פרויען, איז ניט געווען די ראָל, וואָס זי האָט געוואָלט שפּילן אין לעבן. בלייבן אַ געוויינ־לעכע פרוי האָט ניט באַפרידיגט איר דורשטיגע נשמה.

יאָרן זיינען אַוועק, און חנה רחל׳ע האָט געטראָגן אַ ווייטאָג אין האַרצן. אָבער ווי אַ גוטע אידישע פרוי האָט זי געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז פון איר דערוואַרט געוואָרן.

ערשט ווען זי איז עלטער געוואָרן, און איר לעבן האָט זיך שוין גע־האַלטן ביים דערנענטערן צום סוף, האָט זי פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון דער אַלטעגלעכקייט, אין וועלכער זי איז אַריינגעשטויסן געוואָרן, און וואָס האָט איר אַזוי שווער געמאַכט אויפן האַרצן. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט פאַרענדיגט אירע יאָרן...

לז.

# דער פדיון.

די מזל ברכה פון א פדיון. — ווי חסידים האבן צוריקגעקראגן
כפל כפליים. — ר' מאטעלע מאנט גרעסערע פדיונות פאר דער
טובה פון די חסידים.

דער פדיון האט געשפילט א וויכטיגע ראל אין דער רבי'אישער וועלט. מתנגדים און סתם אפשפעטער פון חסידות מעגן זאגן, אז די סיסטעם פון געבן פדיונות איז אן אנדער פארמע פון שנארעריי. דער חסיד האט אבער א גאנץ אנדער מיינונג וועגן דעם פדיון. ער גיט דעם רבי'ן דאס געלט מיט דער גרעסטער צופרידנהייט, ווייל ער ווייסט, אז דער רבי נעמט דעם פדיון ניט דערפאר, ווייל ער איז, רחמנא לצלן, אן אוהב בצע (א ליבהאבער פון געלט), נאר דערפאר, וואס ער איז אויסן זיין, דעם חסיד'ס, טובה, כדי דורך דעם זוכה צו זיין, אז די ברכה, וואס ער גיט אים, זאל מקוים ווערן.

דער פדיון איז פארן חסיד ניט נאר צדקה פון דער העכסטער מדרגה, נאר ממש אין דער בחינה פון א קרבן. עס איז פונקט ווי מען וואלט געבראכט א קרבן אין בית המקדש...

דער חסיד רופט עס „פדיון נפש" און דאס מיינט פשוטו כמשמעו — אן אויסלייזונג פארן נפש, א פארגעבונג פאר אלע זינד...

דער פדיון איז טאקע געווען א גרויסער קוואל, אויב ניט דער הויפט־קוואל, פון פרנסה פארן רבי'ן. אבער דער חסיד האט גערן דעם פדיון געגעבן, כדי מיט דעם העלפן אויפהאלטן דעם רבי'נס הויף, וואס איז אליין איינע פון די גרעסטע זאכן, וואס א גוטער חסיד קען און דארף טאן.

דער עיקר איז אבער, וואס דער רבי פלעגט דעם פדיון נעמען ניט בתורת באלוינונג, נאר לטובה דעם חסיד. אזוי, אמווייניגסטנס, זאגן חסידים, איז געווען דער פאל מיטן טשערנאבילער מגיד.

ר' מאטעלע האט זיך ניט געפירט ווי זיין טאטע, וועלכער האט פון ארימע איינגאנצן ניט גענומען קיין פדיונות און זיי נאך אפטמאל אונטער־גערוקט א מטבע פון זיין אייגענער קעשענע, און די רייכע געהייסן דעם

פדיון אָפּגעבן אָרימעלייט. ר׳ מאָטעלע האָט גענומען פּדיונות און גענומען פון אַלעמען, פון רייכע און פון אָרימע, קיינעם ניט אויסגעלאָזט און קיינעם ניט געשענקט.

ער האָט זיך אפילו נוהג געווען אַליין צו באַשטימען די גרויס פון דעם פּדיון און ניט אָפּגעלאָזט דעם חסיד, ביז ער האָט דאָס געלט אים ניט צוגעשטעלט. אַזוי איז עס געווען ניט נאָר מיט עשירים, נאָר אויך מיט אָרימעלייט.

האָבן מאַנכע פון דעם טשערנאָבילער מגיד׳ס שונאים פּרובירט אויף אים ריידן שלעכטס און געוואָלט מיט דעם באַווייזן, אַז דער צדיק זוכט פּשוט געלט. זיינע חסידים האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג. זיי האָבן געוואוסט די אמת׳ע אורזאַך פון דעם...

ר׳ מאָטעלע אַליין האָט אַמאָל געזאָגט וועגן דעם מיט די ווערטער:

„מעג איך פאַרקרענקען דעם גראַשן, וואָס איך נעם אָוועק פון מיינע חסידים. פאַר יעדן גראַשן, וואָס איך נעם פון זיי, צאָל איך זיי צוריק כפל כפליים. און וואָס מער איך נעם פון זיי, אַלץ מער גיב איך זיי צוריק, אַלץ מער איז עס פון זייער טובה וועגן״..

און די טשערנאָבילער חסידים האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, אַז אַ פּדיון דעם טשערנאָבילער מגיד איז אַ גרויסע סגולה, ברענגט די אמת׳ע ישועה...

און אָט וואָס די טשערנאָבילער חסידים דערציילן וועגן דעם כח פון אַ פּדיון:

ר׳ מאָטעלע איז אַמאָל געווען אויף אַ נסיעה, אַרומגערינגלט פון זיין „גוואַרדיע״. אינמיטן וועג גיט דער צדיק אַ באַפעל, מען זאָל פאַרלאָזן דעם ברייטן שליאַך און זיך פאַרנעמען אויף אַ זייטיגן, קוים באַזוכטן און ווייניג באַקאַנטן, וועג.

קיינער פון די מיטפאַרנדיגע חסידים האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ וועג דאָס איז. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין דער וועג פירט. האָבן די באַגלייטער מורא געהאַט, אַז זיי וועלן נאָך, רחמנא לצלן, פאַרקריכן ווער ווייסט וואו.

אָבער דעם צדיק פרעגט מען ניט קיין שאלות, און אַז ער הייסט פאָרן, פאָרט מען, גלויבנדיג, אַז אין דעם שטעקט אַ טיפע כוונה, און אַז דער צדיק ווייסט, וואָס ער טוט.

וואַרט מען, וואָס עס וועט פּאַסירן. פאָרט מען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, דערוואַרטנדיג עפּעס נייעס יעדע סעקונדע.

דער וועג איז א שטיינערדיגער, א גריבערדיגער און א שטויביגער. באלד גרייכט מען אן אלטע־ האלב־איינגעפאלענע קרעטשמע.

נאך איידער דעם צדיק׳ס קארעטע האט זיך דארט אפגעשטעלט, האט זיך פון קרעטשמע ארויסגעלאזט דער ארענדאטאר, פייווע, מיט זיין ווייב און זעקס קינדער, איינס קלענער פון צווייטן, נאכשלעפנדיג זיך נאך דער מאמע׳ס פארטוך.

געמיינט האט פייווע, אז דאס האט אימיצער פארבלאנדזשעט צו דער קרעטשמע, וואו מען האט שוין לאנג ניט געזען קיין פארבייפארער. אבער דערזעענדיג, אז דאס איז א גוטער־איד, האט ער גלייך אנגעהויבן בעטן דעם צדיק, ער זאל אים בענטשן.

„רבי, איר מוזט מיר העלפן", האט דער קרעטשמער געזאגט. „מיר גייען דא פשוט אויס פון הונגער. שוין לאנג ווי דער וועג איז פארלאזן געווארן, און קיינער פארט דא ניט דורך. איז ניטא קיין פרנסה, און עס איז שוין טעג, אז אין הויז איז ממש קיין ברויט ניטא.

„און אויב דאס איז נאך ניט גענוג, האבן מיר גרויסע צרות פון פריץ. ער וויל די ארענדע און באשטייט, אז מיר זאלן אים צאלן די זעלביגע סומע וואס אמאל, ווען דער וועג איז געווען פול מיט דורכפארער. מיר זיינען שוין הינטערשטעליג מיט דער ארענדע א פאר יאר. איך האב דעם פריץ אלץ געהאלטן אין אפלייגן, האפנדיג, אז עפעס וועט געשען, אז אפשר וועט פארקומען אן ענדערונג.

„קיין ענדערונג איז אבער ניט פארגעקומען, און דער פריץ סטראשעט אינז אלעמען ארייינצוווארפן אין תפיסה, און מיר ווייסן שוין וואס דאס מיינט. עס מיינט פשוט דארטן פוילן ביזן טויט. ווארים דער פריץ איז א גרויסער אכזר און האט מיט קיינעם קיין איינזעעניש ניט, אודאי ניט מיט קיין אידן."

„הייסט עס, אז דו ווילסט מיין ברכה?" — האט דער טשערנאבילער געפרעגט. „אויב אזוי, גיב אהער ח״י גילדן אלס פדיון, און דו וועסט האבן מיין ברכה."

„ח״י גילדן?" — האט פייווע אויסגערופן, א דערשראקענער. "איך האב קיינמאל אזוי פיל געלט ניט געהאט."

„אויב אזוי, קען איך דיר מיין ברכה ניט געבן." און דער צדיק האט געהייסן ווייטער פארן.

„אבער, רבי, איר זעט דאך אין וואס פאר א צושטאנד מיר זיינען! עס איז דאך פשוט סכנת נפשות", האט זיך פייווע געבעטן מיט טרערן אין די אויגן.

דער טשערנאָבילער האָט אָבער ניט געוואָלט הערן און איז באַשטאַנען אויפֿן פּדיון, וואָס ער האָט פֿריער אָנגערופֿן.

„איך האָב ניט קיין געלט“, האָט דער קרעטשמער געזאָגט, זעענדיג, אַז עס האַלט שלעכט. „אָבער מיין ווייב האָט אַ פּאָר אַלטע אויררינגלעך, אַ ירושה פֿון איר באָבע׳ן. זי האָט זיך מיט דעם ניט געוואָלט שיידן, אַפֿילו ווען מיר זאָלן אויסגיין פֿון הונגער. וועל איך אייך געבן די אויררינג־לעך. זיי זיינען ווערט מער ווי דאָס, וואָס איר האָט געבעטן, רבי.“

„גוט“, האָט דער צדיק איינגעשטימט, „גיב די אויררינגלעך.“

האָט פּייווע אַרויסגעטראָגן פֿון הויז די אויררינגלעך, און דער צדיק האָט אים געבענטשט.

פֿאַרטיג געוואָרן, האָט דער טשערנאָבילער געהייסן צוריקקערן צום שליאַך און פֿאָרטגעזעצט די נסיעה.

דער צדיק האָט מער ניט גערעדט וועגן דער באַגעגעניש מיטן קרעטש־מער, ווי עס וואָלט גאָרניט געהאָט פּאַסירט. די מיטפֿאָרנדיגע חסידים האָבן זיך געוואונדערט צוליב וואָס דער צדיק האָט געהאָט געהייסן נעמען דעם זייטיגן וועג און זיך געפֿרעגט, אויב זיין כוונה איז געווען צו טרעפֿן דאָרט דעם קרעטשמער. אויב יאָ, איז עס געווען קשה פֿאַרוואָס דער רבי איז געווען אַזוי שטרענג מיט פּייווע׳ן און איז באַשטאַנען אויף זיין פּדיון, ווויסנדיג, אַז ער געפֿינט זיך ניט נאָר אין גרויס נויט, נאָר ממש אין גרויס געפֿאַר.

זאָל עס הייסן, אַז דער צדיק איז אַזוי אכזריות׳דיג און וויל תמיד צוערשט זיין אייגענע באַלוינונג?

די חסידים האָבן געטראָגן אַ באַהאַלטענעם ווייטאָג אין האַרצן. באַמש זייער אמונה אין צדיק איז ניט געמינערט געוואָרן, האָט זיי אָבער געקרענקט דאָס, וואָס זיי דאַרפֿן טראָגן אַ שטיקל חשד אויפֿן טשערנאָבילער און דאַרפֿן צווייפֿלען אין דער גערעכטיגקייט פֿון זייער רבין׳ס האַנדלונג.

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק, און דער טשערנאָבילער איז ווידער געפֿאָרן איבער דעם אַמאָליגן שליאַך און איז צוגעקומען צום אַמאָליגן וועג. דער וועג איז איצט שוין געווען אַ גאָר אַנדערער ווי פֿריער, ברייט און גלייך און פֿול מיט דורכפֿאָרער.

„מיר וועלן פֿאָרן זען, וואָס עס איז געשען מיט פּייווע׳ן דעם קרעטש־מער“, האָט דער טשערנאָבילער באַמערקט, און זיי זיינען צוגעפֿאָרן צו דער קרעטשמע.

פֿאַרוואונדערט זיינען געוואָרן די חסידים, ווען זיי האָבן פֿאַר זיך

דערזען ניט די אמאליגע איינגעפאלענע קרעטשמע, נאר א גרויסע און נייע געביידע, פול מיט מענטשן.

אריינגייענדיג אינווייניג, האבן זיי געזען דעם פריערדיגן פייווע׳ן א פריילעכן און מונטערן, איינער, אויף וועמען מען האט געקענט דערקענען, אז אים גייט גוט אויף גאט׳ס וועלט. זיין ווייב און קינדער זיינען אלע געווען שיין אנגעטאן, זאטע און צופרידענע.

דערזען דעם טשערנאבילער, איז פייווע אים געפאלן צו די פיס און געקושט דעם זוים פון זיין אטלעסענער זשופיצע.

„רבי, פריער גאט און דערנאך איר, איר האט אונז געראטעוועט פון אונטערגאנג,“ האט ער אויסגערופן. „מיר האבן די ישועה געזען גלייך ווי איר האט אונז פארלאזן. אינם זעלביגן טאג איז אונז געקומען די ידיעה, אז דער פריץ איז קראנק, און עס האט ניט גענומען קיין צוויי טעג, און ער איז געשטארבן. די פאסעסיע איז באלד איבערגענומען געווארן פון זיינעם א פלימעניק, וועלכער איז געקומען צו פארן פון אויסלאנד, א גוי א דימענט — גאר דער היפוך פון דעם אלטן פריץ.

„ארונטערגעקומען, האט ער ניט געווארט, ביז איך וועל קומען צו אים, נאר איז געקומען צו אונז אין קרעטשמע. דערזעענדיג וואס פאר א חורבן דא איז, האט ער זיך אנגעהויבן פאנאנדערפרעגן. איך האב אים דערציילט פון אלץ מיט אנאנדער, און ער האט זיך פארטראכט.

„ער האט דאן ארויסגענומען עטלעכע גאלדענע רענדלעך פון קעשענע און זיי מיר דערלאנגט.

„איך האב מיינע אויגן ניט געגלויבט.

„—דאס איז דיר פאר ברויט און אנדערע הצטרכות׳ן, — האט ער מיר געזאגט, — וועגן דער קרעטשמע וועלן מיר נאך זען. מיר וועלן צו־ערשט פארריכטן דעם וועג און אים דערפירן צו א וויכטיגן פונקט, אזוי, אז מענטשן זאלן קענען און וועלן אויף אים פארן. דאן וועלן מיר אויפ־בויען א נייע קרעטשמע, און אלץ וועט רעכט זיין.

„און אזוי איז טאקע געווען. גלייך האבן זיך הונדערטער פאראבקעס גענומען צו דער ארבעט אויפן וועג. מען האט פארשאטן גריבער, מען האט אויסגעהאקט שטיינער, דורכגעשניטן וועלדער, און עס איז געווארן אן אמת׳ער דרך המלך. דאמאלט האט מען זיך גענומען צו דער קרעטשמע.

„מען האט אנגעהויבן פירן געהילץ פון דעם בעסטן און שענסטן, און דער פריץ אליין איז עטלעכע מאל ארונטערגעקומען אכטונג געבן, אויב אלץ ווערט געטאן ווי עס באדארף צו זיין. אין דער זעלביגער צייט האט

ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיך נאָכצופרעגן וואָס מיר מאַכן און אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אונז שיקן פון זיין הויף פון כל טוב.

„און איצט זעט איר שוין, אַז אונז פעלט, ברוך השם, קיין זאַך ניט. מיר האָבן פרנסה בשפע, און דער פריץ איז צו אונז גוט."

דער טשערנאָבילער מגיד האָט אויסגעהערט דעם קרעטשמער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי עס וואָלט פאַר אים ניט געווען קיין נייעס, וואָס ער הערט, נאָר האָט געוואָלט, אַז זיינע באַגלייטער זאָלן הערן, וואָס עס איז געשען.

אַז פייווע האָט געהאַט פאַרענדיגט זיין געשיכטע, האָט זיך דער טשער־נאָבילער אָפּגערופן צו זיינע חסידים:

„זעט איר שוין ווי איך נעם קיין זאַך ניט פון קיינעם אָן אים צוריק־צוצאָלן כפל כפלים?"

די חסידים האָבן ערשט דאַן פאַרשטאַנען די כוונה פון גרויסן צדיק, און וואו נאָר טשערנאָבילער חסידים פלעגן זיך צוזאַמענקומען, פלעגט די מעשה דערציילט ווערן, צו ציינגן ווי ווייט עס ווירקט אַ פדיון, און ווי ווייט דער טשערנאָבילער איז געווען פון זוכן געלט. עס איז בלויז געווען זיין דרך ווי אַזוי צו העלפן חסידים...

„וואָרים פאַרשטייט איר", פלעגן חסידים פּרובירן מסביר זיין דעם עניין, „גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז דער, וואָס קומט צום צדיק פאַר אַ ברכה, האָט פשוט ניט קיין זכות, פאַר וועלכן די ברכה זאָל אים געגעבן ווערן. לאָזט דער צדיק יענעם אים געבן אַ פדיון. מיט דעם ווערט זיין זכות גענוג גרויס, אַז די ברכה זאָל מקוים ווערן. אויף אַזאַ אופן טוט דער צדיק דעם בעל דבר גרויס געפעליגקייט, וואָס ער נעמט צו זיין פדיון"...

## לח.

# אַ סוכה אין וואַלד.

וױ דער טשערנאָבילער האָט דורכגעפירט אַ שידוך. — דער פאַר־באָרגענער חתן. — דער ריכטיגער יאָסל. — וױ דער חתן האָט זיך געלאָזט דערקענען.

כידוע, האָט דער טשערנאָבילער געוואוסט פון אַלע למד־וואָווניקעס און אַנדערע פאַרבאָרגענע צדיקים און האָט זײ שטילערהייט געשטיצט, ווען נאָר זײ זיינען געווען אין נויט. עס פלעגט אויך פאַסירן, אַז ר׳ מאָטעלע זאָל שיקן אימיצן פון זיינע חסידים צו די דאָזיגע נסתרים און למד־וואָוו־ניקעס מיט בקשות.

ניט אַלע מאָל קען אַ צדיק מיט זיינע אייגענע כחות פועל׳ן, אַז אימיצנ׳ס אַ בקשה זאָל דערפילט ווערן. אין אַזאַ פאַל שיקט ער יענעם אָפּ צו אַן אַנדערן, אין וועמען ער גלויבט, אַז ער קען עס יאָ פועל׳ן.

פאַרבאָרגענע צדיקים האָבן אָבער אָפטמאָל זייערע קאַפּריזן, און אין אַזאַ פאַל קומט עס אָן גאָר שווער ביי אים עפּעס צו פועל׳ן.

האָט אַמאָל פאַסירט אַזאַ מעשה:

צו ר׳ מאָטעלע׳ן איז געקומען איינער פון זיינע חשוב׳סטע חסידים, אַ גרויסער מיוחס און ירא שמים, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל געפינען אַ זיווג פאַר זיין בת יחידה.

דאָס איז ניט געווען צום ערשטן מאָל, וואָס דער דאָזיגער חסיד איז געקומען צו ר׳ מאָטעלע׳ן מיט דער בקשה. ער איז געווען ביי אים לאַנג צוריק, ווען זיין בת יחידה איז נאָך געווען יונג. דער צדיק האָט אים אָבער מדחה געווען.

„אייל זיך ניט“, האָט ער אים געזאָגט, „עס איז נאָך דאָ גענוג צייט.“

און יעדעס מאָל, וואָס דער חסיד איז געקומען, האָט אים דער טשער־נאָבילער געגעבן דעם זעלביגן ענטפער.

פון אָנפאַנג איז דער חסיד געווען צופרידן. דער רבי זאָגט, עס איז נאָך צייט, האָט ער ניט וואָס איבערצוטראַכטן.

אָבער אַז עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און זיין טאָכטער איז עלטער געוואָרן, האָט דעם חסיד אָנגעהויבן ווערן ענג אין מח.

דער צדיק האָט אים נאָך אַלץ געגעבן דעם זעלביגן ענטפער.

דער חסיד האָט אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז דאָס זאָל, חלילה, ניט אַנדייטן אויף עפּעס שלעכטס. דער רבי וועט אים דאָך ניט אַזוי אָפּלייגן פון יאָר צו יאָר, לאָזן זיין טאָכטער פאַרזעסן ווערן, אַז אַ באַשטימטער אורזאַך!

איז דער חסיד איינמאָל צוגעשטאַנען צו ר׳ מאָטעלע׳ן, ער זאָל אים זאָגן וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס האָט.

האָט דער טשערנאָבילער אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

„עס איז אַ פּשוט׳ע זאַך. דיין בת יחידה׳ס באַשערטער איז דאָ און איך ווייס ווער ער איז. ער וואָלט געווען אַ צירונג פאַר דיר. אָבער וואָס טוט מען, אַז ער וויל ניט חתונה האָבן? ער איז אַ גרויסער צדיק, איינער פון די נסתרים, און זיין צדקות איז אַזוי גרויס, אַז ער וויל זיך אָפּזאָגן פון אַלע תענוגים פון דער וועלט, אויך פון פרויען. אָבער נישקשה, איך וועל אים נאָך איבערצייגן, אַז אַ איד טאָר ניט זיין קיין פּרוש און דאַרף מקיים זיין די מצוה פון פּרו ורבו, איבערהויפּט ווען זיין זיווג וואַרט אויף אים“...

דערהערט אַזוינע דבורים, איז דעם חסיד געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. אָבער ער איז נאָך אַלץ ניט געווען באַרואיגט.

איצט איז דער חסיד געוואָרן נייגעריג צו וויסן ווער עס איז דער דאָזיגער צדיק, וואָס דער טשערנאָבילער האָט אויסגעקליבן אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער.

אָבער דער צדיק האָט עס אים בשום אופן ניט געוואָלט אויסזאָגן.

„די צייט איז נאָך פאַר דעם ניט געקומען“, איז געווען זיין דער־קלערונג.

האָט דער חסיד ווידער געדולדיג געוואַרט און כאָטש דאָס וואַרטן איז אים שווער געווען, האָט ער אָבער געשוויגן און קיין וואָרט ניט געזאָגט. אַזוי טוט אַ חסיד, וואָס האָט אמונה אין זיין רבי׳ן.

נאָר איינמאָל, אין ערב ראש השנה, ווען דער חסיד איז געקומען קיין טשערנאָביל פאַר די ימים נוראים, האָט אים ר׳ מאָטעלע אַריינגערופן צו זיך און געזאָגט

„ריכט זיך אויס אין וועג אַריין און נעם אויך מיט דיין טאָכטער.“

און ער האָט אים אָנגעזאָגט וואוהין ער זאָל פאָרן. דאָס איז געווען אַ קליין שטעטל, עטלעכע מייל פון טשערנאָביל.

„פאָרפאָר אין שטעטל און פאַרבלייב דאָרט איבער סוכות. אָרדן זיך דאָרט איין ווי עס באַדאַרף צו זיין. לאָז זיך בויען אַ שיינע סוכה און לאָד

איין צו זיך אין סוכה ר' יאָסעלע'ן, אויף וועמען דו וועסט זיך אין שטעטל קענען נאָכפרעגן. דער עת רצון וועט דאַמאָלט קומען, און ר' יאָסעלע, וועלכער איז דיין בת יחידה'ס באַשערטער, וועט ווייכער ווערן. דאָס איז דער איינציגער וועג, וואָס איך ווייס, ווי אַזוי מען קען ר' יאָסעלע'ס עקשנות ברעכן."

דערביי האָט אים ר' מאָטעלע מודיע געווען, אַז ער האָט שוין ניט איינמאָל פּרובירט אַרונטערברענגען דעם דאָזיגן ר' יאָסעלע'ן צו זיך און אים געוואָלט צוזאַמענברענגען מיטן חסיד און זיין טאָכטער, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערן.

„אָבער די צייט איז שוין געקומען, ווען ער מוז נתגלה ווערן און מוז קומען צו זיין באַשערטער". האָט דער צדיק פאַרענדיקט.

דער חסיד האָט געטאָן, וואָס דער רבי האָט אים אָנגעזאָגט. ער האָט זיך באַלד אויסגעריכט אין וועג אַריין, מיטנעמענדיק זיין טאָכטער.

אַ איד אַ פאַרמעגלעכער, האָט ער זיך אָפּגעדונגען אַ שיינע דירה און זיך איינגעאָרדנט מעשה בעל־הבית.

אַ קליין שטעטל, האָט דאָס אָנקומען פון אַ פרעמדן בעל־הבת'ישן אידן מיט זיין טאָכטער אַרויסגערופן גרויס אינטערעס.

אַ איד וועט דאָך ניט קומען אַז ערב יום טוב און זיך באַזעצן אין שטעטל אָן אַ וויכטיגער אורזאַך.

איז מען נייגעריג געווען צו וויסן וואָס די אורזאַך איז. און אַז אידן ווילן עפּעס וויסן, געפינען זיי עס באַלד אויס. איז מען דערגאַנגען, אַז דער אומבאַקאַנטער איז אין שטעטל געקומען זוכן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער.

זיינען אים באַלד באַפאַלן שדכנים ווי בינען אַרום האָניג. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַנדערש אים פאָרצולייגן.

אַנשטאָט צו וועלן הערן, וואָס די שדכנים האָבן צו זאָגן, האָט דער חסיד זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף איינעם אַ ר' יאָסעלע.

„ר' יאָסעלע?" — האָבן די שטעטלשע אידן איבערגעפרעגט און גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס. „ביי אונז איז ניטאָ קיין ר' יאָסעלע. מיר ווייסן ניט פון אַזוינעם."

דער חסיד האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאָטילניצע.

זאָל דער רבי האָבן געמאַכט אַ טעות און אים אָנגעוויזן אויף אַ פאַלשן אַדרעס?

ער האָט עס ניט געקענט גלויבן.

„האָט איר דען קיינעם ניט מיט אזא נאָמען ?„ — האָט דער חסיד ווידער געפרעגט.

„קיין ר׳ יאָסעלע האָבן מיר זיכער ניט. אָבער אויב איר מיינט סתם יאָסלם און יאָסעלעך, האָבן מיר זיי עטלעכע.“

געהערט אזוינע רייד, האָט דער חסיד זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן וועגן יעדן יאָסל באַזונדער.

„מיר האָבן יאָסקע דעם בעדער, אַ איד אין די פופציגער, וואָס האָט שוין זיין דריט ווייב“, האָט מען אים דערציילט. „מיר האָבן דאָ אויך יאָסעלע בעל עגלה, דער עזות פּנים פון שטעטל, שוין אויך אַ באַווייבטער און אַ טאַטע פון קינדער. דאַן האָבן מיר יאָסל דער אונטער־שמש, אַ בחור׳עץ אין די יאָרן, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט זיין אַ באַווייבטער, אָבער אַ תם, אַ שוטה און גלאַט אַ לא יוצלח.“

דעם חסיד איז ענג געוואָרן אין מח. נאָר אָפּגעשטעלט האָט ער זיך, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אויף יאָסל דעם אונטער־שמש. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דער, וועמען דער טשערנאָבילער האָט געהאַט אין זינען.

אָבער קען דאָס זיין, האָט זיך דער חסיד געוואונדערט, אַז דער רבי זאָל אים דאַרט האָבן געשיקט נאָר צו געפינען אָט דעם דאָזיגן שוטה און לא יוצלח ?

אַזוי ווי עס איז קיין אַנדער יאָסל ניט געווען און זיכער ניט קיין ר׳ יאָסעלע, האָט דער חסיד זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו יאָסלען דעם אונטער־שמש.

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן אַ באָבערדלטער, מיט אַ הויכער גאָמבע, אַ פאַרטראַכטער און פאַרכמורעטער, וואָס האָט זיך שטיל געטאָן זיין אַר־בעט. וואָס איז באַשטאַנען אין קערן דעם בית־מדרש, אין שייערן די לייכ־טער און אין הייצן די הרובע און טאָן אַנדערע אַרבעטן אַרום בית־מדרש.

געשלאָפן האָט ער תמיד אונטער דער לעזשאַנקע. מען האָט אים זעלטן געזען עסנדיג. ווי ער האָט פאַרבראַכט זיין לײדיגע צייט, האָט קיינער ניט געוואוסט.

אַמאָל האָט מען אים אַפילו געהאַט געכאַפּט אַ פאַרטאָג זיצנדיג און שאָקלענדיג זיך איבער אַ ספר. מען האָט אויך געהאַט געהערט פון צווייטן זייט מיר אַ זיסן געזאַנג זיינעם. אָבער ווען מען איז אַריינגעקומען און מען האָט זיך פאַרוואונדערט צוגעקוקט צום ספר, וועלכער איז געלעגן פאַר

אים, האָט מען געזען, אַז דער ספר ליגט פאַרקערטערהייט, און דער עולם האָט געהאַט פון וואָס צו לאַכן . . .

קיינער האָט אפילו ניט געהאַט געזען, אַז יאָסל זאָל דאַווענען ווי געהעריג. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער קען קוים עברי, וואָרים קיינער האָט נאָך אים ניט געהערט זאָגנדיג קיין וואָרט אין דער הויך, און ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס האָבן פּרובירט זיך צוהערן ווי ער דאַוונט, האָבן איבער־געגעבן, אַז ער זאָגט עברי ווי אַ גוי, שלינגט האַלבע ווערטער און פאַרפּלאָנ־טערט איין וואָרט אין צווייטן אַזוי, אַז מען דאַרף זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

דער חסיד האָט די אַלע זאַכן אויסגעפונען, און עס איז אים געוואָרן טרויעריג אויפן האַרצן.

וואָלט עס ניט געווען ערב יום טוב און צווישן איין יום טוב און צווייטן, וואָלט ער גלייך געלאָזט שפּאַנען די פערד און צוריקגעפאָרן אַהיים.

ערב סוכות האָט דער חסיד זיך אויפגעבויט אַ שיינע סוכה און האָט גאָר פאַרגעסן אָן יאָסלען דעם אונטער־שמש. ער האָט געדענקט, וואָס דער טשערנאָבילער האָט אים געזאָגט וועגן לאַדן צו זיך „ר׳ יאָסעלע׳ן“, אָבער לאַדן יאָסלען דעם אונטער־שמש, איז אים ניט איינגעפאַלן.

ערשט ווען דער חסיד איז געקומען יום טוב ביינאַכט פון בית־מדרש, און איז שוין געווען אין סוכה גרייט אָנצופאַנגען זאָגן די אושפיזין, איז אים יאָסל דער אונטער־שמש געקומען אויפן געדאַנק.

מילא, קיין ר׳ יאָסעלע׳ן האָט ער ניט געפונען, אָבער יאָסל דער אונ־טער־שמש האָט געווים ניט וואו צו עסן יום־טוב. קיינער האָט אים ניט גערופן צו זיך אַהיים, קיינער האָט עס ניט געהאַלטן פאַר נויטיג. וועט ער אים רופן. אַ רחמנות.

און דער חסיד האָט זיך געלאָזט צוריק צום בית־מדרש רופן יאָסלען.

ווען דער חסיד איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש, איז שוין דאָרט געווען האַלב־טונקל. דער שבת־גוי האָט שוין די ליכט און די לאָמפּן לאַנג געהאַט אויסגעלאָשן. געבליבן ברענען זיינען נאָר די יאָרצייט־ליכט, וועלכע האָבן געוואָרפן לאַנגע פאַסן ליכט איבער דעם אין־שאָטן־איינגעהילטן בית־מדרש.

דער חסיד איז געבליבן שטיין ביים טיר. צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ שטילער געזאַנג. עס איז געווען דאָס געזאַנג פון איינעם, וואָס איז מתפּלל מיט גרויס כוונה.

דער חסיד האָט זיך אָנגעהויבן צוקוקן און ער האָט באַלד דערזען אין אַ ווינקל יאָסלען.

יאָסל האָט געדאַווענט, געדאַווענט ביחידות. אָבער דאָס איז גאָר ניט געווען דער זעלביגער יאָסל, וואָס ער האָט געקענט. עס איז ניט געווען דאָס דאַווענען פון אַ געוויינלעכן יונגנמאַן.

עס איז געווען אַ דאַווענען מיט התלהבות, מיט קדושה, וואָס דער חסיד האָט נאָר געזען ביי זיין רבי׳ן און ביי אַנדערע גרויסע צדיקים.

ער איז געבליבן פאַרגאַפט. און פאַררוקנדיג זיך אין אַ ווינקל, פון וואַנען ער זאָל ניט באַמערקט ווערן, איז ער געשטאַנען און געוואַרט, ביז יאָסל וועט פאַרטיג ווערן.

אַ לאַנגע צייט האָט גענומען ביז יאָסל איז פאַרטיג געוואָרן מיטן דאַווענען. ווען ער האָט געענדיגט און האָט זיך אויסגעדרייט פון וואַנט, האָט דער חסיד געזען, אַז זיין פּנים שטראַלט, אַז זיינע אויגן לויכטן. עס איז געווען גאָר אַן אַנדער יאָסל.

יאָסל איז געגאַנגען גלייך צום טיר און אַרויס. דער חסיד האָט אים נאָכגעפאָלגט.

יאָסל האָט זיך פאַרנומען איבער אַ פעלד. דער חסיד, פאַרוואונדערט, איז אים נאָכגעגאַנגען.

יאָסל איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. ער איז באַלד געווען ביי אַ וואַלד. דער חסיד איז געווען האַרט הינטער אים. יאָסל איז אַריין אין וואַלד און דער חסיד נאָך אים.

אין וואַלד איז יאָסל געגאַנגען אַ שטיקל מהלך און זיך אָפּגעשטעלט. דער חסיד איז געבליבן שטיין הינטער אַ בוים. ער איז געווען פאַרגאַפט· פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ סוכה, פון וועלכער עס האָט געשטראַלט מיט ליכט. יאָסל איז אַריין אין דער סוכה.

און באַלד האָט זיך פון דער סוכה דערהערט אַ זיסער געזאַנג. דאָס האָט יאָסל געזאָגט די אושפיזין.

דער חסיד האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דער סוכה. ער האָט דורך אַ שפּעלטל אַריינגעקוקט אינעווייניג. ער איז שיר ניט געפאַלן אין חלשות פון פחד. אין סוכה זיינען אַרום יאָסלען געזעסן אַלטע אידן מיט זילבער ווייסע בערד, אַ גאַנצער מנין פון זיי.

דער חסיד האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. ער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער ר׳ יאָסעלע, צו וועמען דער טשערנאָבילער האָט אים געשיקט.

אויף מאָרגן צו קריאת התורה האָט דער חסיד געקויפט מפטיר, און אַז עס איז געקומען צום אויפרופן, האָט ער געהייסן דעם שמש אויפרופן יאָסלען אַנשטאָט אים.

יאסל האט זיך געקווינקלט און ניט געוואלט עולה לתורה זיין.

„איך קען ניט די ברכות“, האט ער זיך געקלאגט.

דער חסיד איז צו אים צוגעגאנגען.

„ר׳ יאסעלע“, האט ער צו אים גערעדט מיט הכנעה, „איך ווייס אלץ. עס איז פארפאלן. עס איז געקומען די צייט איר זאלט נתגלה ווערן.“

יאסל איז ארויף אויף דער בימה און האט געמאכט די ברכות. צו־ערשט האט ער נאך פרובירט ארויסזאגן די ווערטער, ווי עס וואלט זיך אים געטשעפעט די צונג. אבער באלד האבן די ווערטער אנגעהויבן ארויס־קומען גלאט און געשליפן און וואס ווייטער מיט מער כוונה און מיט מער מתיקות.

מענטשן האבן זיך איינער דעם אנדערן אנגעקוקט אין שטוינען. ווי קומט עס צו יאסלען?

נאכן דאוונען איז דער חסיד ווידער צוגעקומען צו יאסלען.

„איך בעט אייך צו מיר אין סוכה, ר׳ יאסעלע.“

יאסל האט זיך געלאזט בעטן, אבער האט איינגעוויליגט.

ער איז געקומען אין סוכה, און דעם חסיד׳ס טאכטער האט דערלאנגט צום טיש.

נאכן עסן האט דער חסיד א פרעג געטאן:

„נו, ווי געפעלט אייך עפעס מיין טאכטער?“

„וואס איז שייך“, האט יאסל געענטפערט, „אז דער טשערנאבילער האט זי פאר מיר אויסגעקליבן, איז דאך פארפאלן. ער האט מיך מנצח געווען. איך האב מיך געקענט האלטן ביי מיין שיטה נאר כל זמן איך בין געווען פארהוילן פון דער וועלט. האט איר מיך אבער מגלה געווען, דאן קען איך מער ניט בלייבן וואס פריער און איך גיב זיך אונטער“ . . .

מוצאי יום טוב האט מען געשריבן תנאים, און דאס גאנצע שטעטל האט שוין געוואוסט, אז יאסל דער אונטער־שמש איז א נסתר, וואס איז נתגלה געווארן . . .

למ.

# די אָפּגעשלאָגענע הושענא.

ווי ר׳ מאָטעלע האָט גערעטעוועט צוויי פאַרבלאָנדזשעטע נשמות. — די געשיכטע פון אַ טראַגישער ליבע. — די טרייקייט פון אַ אידישער טאָכטער צו איר געליבטן.

דער טשערנאָבילער מגיד איז תמיד געווען אַ גרויסער מקפּיד אין אויסקלייבן די ערבות סיי פאַר זיין לולב און סיי פאַר זיין הושענא.

וואָס איז שייך זיין אתרוג און לולב, איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער מקפּיד אין אויסקלייבן די אַלע ארבעה מינים, וואָס מען דאַרף האָבן. האָט ער תמיד געהאַט אַן אתרוג אַן אמת׳ן מהודר און אַ לולב, וואָס פלעגט צו זיך זיין גלייכן ניט האָבן. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט די הדסות.

אָבער די אַלע מינים, חוץ די ערבות, זיינען דאָך געקומען פון עבר לים פאַרטיגע. די ערבות זיינען אָבער „היימישע“. און ר׳ מאָטעלע האָט זיך נוהג געווען אַליין צו גיין אין פעלד און מיט זיינע אייגענע הענט שניידן די ערבות.

ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אָנפאַרטרויען מיט דער מצווה, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זייער אַ וויכטיגע.

ר׳ מאָטעלע האָט בכלל ליב געהאַט ארויסלאָזן זיך אין פעלד, אין וואַלד, דאָרט דאַווענען און דאָרט פּראַווען התבודדות. ער האָט זייער ליב געהאַט גאָט׳ס באַשאַפונגען. אין יעדן טרייסל פון אַ בוים, אין יעדן בויג פון אַ גרעזל און אין יעדן מורמל פון אַ טייכל האָט ער געזען גרויסע סודות. און די דאָזיגע סודות פלעגט ער זיך עס ארויסלאָזן צו אַנטפּלעקן אין זיינע וואַנדערונגען איבער פעלדער און דורך וועלדער...

חסידים האָבן זיך גע׳סוד׳עט, אַז דער טשערנאָבילער פלעגט דערביי אויך מתקן זיין גרויסע תיקונים, דערהויפּט פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע, פאַר־זינדיגטע נשמות. וואָס, ער האָט געזאָגט, זיינען פול אויף יעדן בלעטל פון די ביימער און אויף יעדן גרעזל און טאָקע אויך אויף אַלע שטיינער און דערנער...

זיין הארץ פלעגט ממש צעגיין פון רחמנות פאר אט די פארזינדיגטע נשמות, וואס זיינען פאר׳משפט צו וואנדלען איבער פעלדער און וועלדער און קענען ניט געפינען קיין מנוחה ביז זיי קומען ניט אפ פאר די זינד, וואס זיי האבן באגאנגען, ווען זיי זיינען געווען אויפן עולם התחתון.

איז דעריבער ביי קיינעם קיין וואונדער ניט געווען, וואס ר׳ מאטעלע האט אזוי שטארק געהאלטן פון שניידן ערבות מיט זיינע אייגענע הענט. ער האט מיט דעם געוואלט העלפן די פארבלאנדזשעטע נשמות, וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אויף די בלעטלעך פון די ערבות און געווארט אויף זייער תיקון...

און וואויל איז טאקע געווען צו די דאזיגע נשמות, וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אויף די בלעטלעך פון יענע ערבות, וואס דער טשערנאבילער האט אויסגעקליבן פאר זיין לולב אדער הושענא.. אזוינע נשמות האבן באלד געקראגן זייער תיקון, און זייערע בלאנדזשענישן און וואנדלונגען זיינען געווען צו ענד...

פלעגן חסידים דערציילן, אז ווען ר׳ מאטעלע האט זיך ארויסגעלאזן אין פעלד אריין מיט זיין מעסערל אין האנט, גרייט צו שניידן ערבות, פלעגט מען צווישן די ערבות הערן א גערויש, וואס האט געקלונגען ווי א געוויין... דאס האבן געוויינט און געבעטן רחמים די נשמות, אז דער צדיק זאל נעמען די ריטלעך, אויף וועלכע זיי רוען, כדי מיט דעם זיי געבן זייער תיקון...

דער טשערנאבילער פלעגט הערן זייער געוויין און זייער געבעט און ער איז געווען שטארק גערירט. ער האט געוואלט אלעמען העלפן, אלעמען געבן א תיקון. אבער ער האט געמוזט אויסקלייבן נאר די, וואס האבן פאר־דינט געהאלפן צו ווערן; און דערפאר איז ער טאקע געווען אזוי פאר־זיכטיג אין אויסקלייבן די ערבות. עס איז געווען א צו־גרויסע פאראנט־ווארטלעכקייט. עס איז געווען ניט לייכט צו באשליסן וועלכע צו נעמען און וועלכע איבערצולאזן...

האבן דעריבער חסידים געקוקט מיט גאר אנדערע אויגן אויפן טשער־נאבילער׳ס הושענות. זיי האבן געוואוסט, אז אויף זייערע בלעטלעך האלטן זיך אויף נשמות, וואס ווארטן אויף זייער תיקון...

איינמאל האט דער טשערנאבילער געמאכט גאר באזונדערע הכנות פארן שניידן די ערבות. ער האט לאנג געהאלטן אין באטראכטן די ערבות. עס איז געווען קלאר, אז ער זוכט עפעס ארום, און אז דאס, וואס ער זוכט, איז שווער צו געפינען.

ענדלעך האט ער אויסגעקליבן די ערבות און זיי געבראכט צו זיך אין

חדר, זיי אריינגעשטעקט אין וואַסער און זיך מיט זיי געצערטלט און גע־צאַצקעט, ווי זיי וואָלטן געווען ביי אים מי יודע ווי טייער.

ער האָט די ערבות אַליין צוזאַמענגעבונדן און פון זיי געמאַכט אַ הושענא. און ווען ער איז הושענא רבה מיט איר פאַרטיג געוואָרן, האָט ער די אָפּגעשלאָגענע הושענא ניט אַוועקגעוואָרפן. ער האָט זי אַריינגעלייגט אין מחזור און דעם מחזור אַוועקגעשטעלט צווישן זיינע ספרים.

די, וואָס האָבן עס צוגעזען, האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס שטעקט אין דעם אַ גרויסער סוד. אָבער ווער האָט דען געקענט דערקלערן דעם דאָזיגן סוד?

די אָפּגעשלאָגענע הושענא איז אַזוי אָפּגעלעגן אַ קיילעכדיגן יאָר אין מחזור. ערשט אויף איבעראַיאָר צו הושענא רבה האָט דער טשערנאָבילער די אָפּגעשלאָגענע הושענא אַרויסגענומען און זי אַוועקגעוואָרפן.

„מער דאַרפן זיי שוין מיך ניט האָבן", האָט ער דערביי באַמערקט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. „זיי האָבן שוין ביידע זייער תיקון געפונען"...

די, וואָס האָבן עס געהערט, זיינען נשתומם געווען, און מען איז גע־וואָרן נייגעריג צו דערגיין וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

דער טשערנאָבילער האָט זיינע חסידים צוליב געטאָן און דערציילט אַזאַ ספּור המעשה:

„עס איז אַ האַרצרייסנדיגע געשיכטע", האָט ער אָנגעפאַנגען, „עס איז אַ געשיכטע פון אַ אידישן בחור מיט אַ אידיש מיידל, וועלכע האָבן זיך ליב געהאַט און וועמענס ליבע איינער צום אַנדערן איז געווען שטאַרקער ווי דער טויט, אַט אַזאַ ליבע ווי די, וועגן וועלכער עס שטייט אין שיר השירים: „כי עזה כמות אהבה"...

„דער בחור האָט געהייסן חיים'ל און דאָס מיידל—רחל'ע.

חיים'ל איז געווען אַ קינד פון בעלי־בתישע עלטערן, אַ וואויל־לערנער און אַזוי זיך, וואָס מען רופט, אַ געראָטן קינד.

רחל'ע, ווידער, איז געווען די טאָכטער פון אָרימע טאַטע־מאַמע, גאָר קליינע מיוחסים. דערפאַר אָבער איז זי געווען אַ גרויסע יפיפיה, ממש אַ בת־מלכה...

„געווען זיינען חיים'ל און רחל'ע שכנים און האָבן זיך תמיד באַגעגנט. איז פון זייער קינדהייט אָן געוואָרן צווישן זיי אַ צובונד. און נאָך איידער אימיצער האָט געוואוסט פון עפּעס, האָבן זיך שוין חיים'ל און רחל'ע גע־שוואָרן ליבע און טרייקייט איינער צום אַנדערן.

„זיי זיינען געווען זיכער, אז ווען זיי וועלן אויסוואקסן, וועלן זיי ווערן מאן און ווייב.

„באלד אבער האט מען חיים'לען געלאזט וויסן, אז טאטע־מאמע האבן פאר אים אויסגעקליבן א כלה לויט זייער שטאנד און יחוס. האט חיים'ל דערקלערט, אז ער וועט מיט קיין אנדערער ניט חתונה האבן און אז ער וויל נאר רחל'ען.

„ערשט דאמאלט איז דער סוד פון זייער ליבע ארויס, און ביי חיים'ל'ס עלטערן איז געבליבן, אז פון נאכגעבן זייער זון קען קיין רייד ניט זיין. זיי וועלן בשום אופן ניט דערלאזן, אז רחל'ע זאל ווערן זייער שנור. זיי וועלן זיך מיט אזא משפחה ווי אירע ניט משדך זיין.

„אבער וואס טוט מען, אז חיים'ל האלט אין איין שרייען, אז נאר מיט רחל'ען וועט ער גיין צו דער חופה און ניט מיט קיין אנדערער, זאל זיך אפילו די וועלט איבערקערן? פאלט איין טאטע־מאמע א פלאן, אז מ'זאל רחל'ען חתונה מאכן מיט אימיצן אנדערש.

רחל'עס עלטערן זיינען געווען ארים. זיי האבן פאר איר ניט געהאט קיין נדן און קיין אויסשטייער, און אז חיים'לס עלטערן האבן זיך אונטער־נומען צו באזארגן רחל'ען מיט א פיינעם נדן און אויסשטייער און אויך אלע חתונה־הוצאות, זיינען רחל'עס עלטערן געווען מלא שמחה. חיים'לס משפחה האט זיך אפילו באמיט צו געפינען דעם חתן פאר רחל'ען — אן ארימער ישיבה־בחור, וואס האט זיך צופרידנגעשטעלט מיטן נדן און דערהויפט מיט רחל'עס גרויסער שיינקייט.

„און רחל'ע? זי האט געשריען און געליארעמט, געוויינט און געקלאגט אבער איר טאטע איז געווען א איד, וואס האט געקענט געבן א קלאפ, און ווען ער האט געזען, אז רחל'ע מאכט דאס, וואס ער האט אנגערופן אויף זיין פראסטן לשון, „הינטישע שטיק", האט ער איר דערלאנגט פעטש און דער־קלערט, אז ער וועט איר פשוט דער'הרג'ענען, אויב זי וועט ווייטער פראווען אזוינע שטיק . . .

„א שטיל אידיש קינד, האט רחל'ע פארביסן די ליפן און געשוויגן. האט מען צוגעגרייט אלץ צו דער חתונה, און רחל'ע איז מיט מזל געפירט געווארן צו דער חופה.

„מענטשן, וואס האבן זי געזען אונטער דער חופה, האבן אפילו געזאגט, אז זי איז א האלבע, גאר ניט דאס, וואס זי איז געווען פריער. אבער ווער האט זיך גערעכנט מיט דעם, וואס א כלה קוקט אוים בלייך און פאראומערט צו דער חתונה?

„אין דעם זעלביגן אָוונט, וואָס רחל'ע איז געפירט געוואָרן צו דער חופּה, האָט עפּעס שרעקלעכס פּאַסירט.

„חיים'ל, וואַנדערנדיג אַ באַטריבטער און דערשלאָגענער אויסערן שטעטל, איז צוגעקומען צו אַ טייך, צו וועלכן ער איז, מעשה שטן, פאַר־שלעפּט געוואָרן, און בלייבנדיג שטיין פאַרן פליסנדיגן שטראָם, אַריינקוקנ־דיג אין די טונקעלע וואַסערן, האָט זיך אים פּלוצים אַנגעהויבן דוכטן, אַז ער זעט אַפּשפּיגלענדיג אין וואַסער דאָס געשטאַלט פון זיין רחל'ען...

„ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין וואַסער אַריין, ווי ער וואָלט געוואָלט נאָכגיין דאָס געשטאַלט, וואָס האָט זיך געטראָגן אַלץ ווייטער פון אים, גאָר ניט פילנדיג, אַז ער גייט אַלץ טיפער און טיפער אין וואַסער. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען טיפער, ער איז שוין געווען ביזן מויל און דאַן ביז די אויגן און דאַן ביז איבערן קאָפּ, ביז חיים'ל איז אַרונטערגעזונקען שוין מער ניט אַרויפצוקומען... אַרויפגעקומען איז ער, רחמנא לצלן, אַ טויטער, ווען זיין קערפּער איז אין עטלעכע טעג שפּע־טער אַרויפגעשוואומען אויפן וואַסער. אַט דאַמאָלט האָט מען זיך דער־וואוסט, וואָס עס איז מיט אים געשען.

„זיין טויט האָט אויף רחל'ען געמאַכט אַ מורא'דיגן איינדרוק. זי איז געוואָרן נאָך בלייכער און נאָך מער איינגעזונקען ווי פריער. זי האָט אויס־געבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און מיט אַ געשריי „רוצחים!" „מער־דער!" האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום טייך, וואו חיים'ל האָט זיך דער־טרונקען. זי האָט אויך געוואָלט שפּרינגען אין וואַסער. מען האָט זי אָבער דערכאַפּט. און פון דאַמאָלט אָן און ווייטער האָט מען זי געהיט מיט צען אויגן און איר ניט געלאָזט אַרויס פון הויז . . .

„מען האָט אָבער רחל'ען ניט געקענט איינהיטן. וואָרים זי האָט אָנ־געהויבן וועלקן ווי אַ בלום, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון איר שטאַם. זי איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער חלאת, און וואָס מען האָט ניט געטאָן זי צו ראַטעווען, האָט ניט געהאָלפן. אין משך פון גאָר אַ קורצער צייט איז זי אויסגעגאַנגען...

„פאַרן טויט האָט זי געהאַט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל איר לייגן נעבן חיים'לען, אָבער חיים'ל איז דאָך געווען אַ „מאבד עצמו לדעת" (אַ זעלבסט־מערדער), וועמען מען האָט באַערדיגט ביים פּאַרקן, און רחל'ען האָט מען אַזאַ אום'כבוד ניט געקענט אָנטאָן, האָט מען איר, נעגן איר אַנזאָג, געלייגט באַזונדער. און אַזוי זיינען זיי אפילו אין זייער טויט צעטיילט געוואָרן.

„און אויף יענער וועלט, וואוביידע האָבן געהאַפּט, אַז זיי וועלן קענען זיין פאַראייניגט, זיינען זיי אויך געבליבן צעטיילט.

„חיים׳ל, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען אויפן עולם האמת, איז גלייך געשטעלט געוואָרן צום משפט, און פאַר זיין זינד, וואָס ער האָט זיך געגומען דאָס לעבן, האָט מען אים פאַר׳משפט צוריקגע־שיקט צו ווערן אויפן עולם התחתון, ביז ער וועט קריגן זיין תיקון...

„זיין נשמה איז גלייך אַרונטערגעשליידערט געוואָרן פון הימל, און זי האָט אָנגעהויבן אירע וואַנדלונגען...

„רחל׳ע איז געקומען אַביסל שפּעטער און זי האָט זיך גלייך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף חיים׳לען. האָט מען איר דערציילט, וואָס פון חיים׳לען איז געוואָרן און וואָס מען האָט אים צוגע׳משפּט.

„איר אַליין האָט מען צוגע׳משפט גלייך אָפּגעפירט צו ווערן אין גן־עדן. האָט זי אָנגעהויבן בעטן, אַז אויב יאָ, זאָל מען דאָרט אויך ברענגען חיים׳לען, ווייל אָן אים, האָט זי געזאָגט, וועט דער גן־עדן פאַר איר נאָר זיין אַן אָפּקומעניש, אַ גיהנום... האָט מען איר געענטפערט, אַז דאָס איז אומ־מעגלעך, ווייל אַ פּסק איז אַ פּסק, און חיים׳ל מוז וואַנדלען אויפן עולם התחתון ביז ער וועט קריגן זיין תיקון.

„האָט רחל׳ע דאַן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל איר אויך אַרונטערוואַרפן אויפן עולם התחתון, כדי זי זאָל קענען זיין מיט חיים׳לען צוזאַמען.

„— אויב איך האָב ניט געהאַט פאַרן לעבן דעם כח דאָס אויסצופירן— האָט זי געזאָגט—וועל איך עס כאָטש טאָן איצט, נאָכן טויט.

„האָט מען איר אָבער געלאָזט וויסן, אַז אַ פּסק איז אַ פּסק, און אויב זי ווערט געשיקט אין גן־עדן, מוז זי דאָרט זיצן און קען ניט דערלויבט ווערן צו גיין דאָרטן, וואו חיים׳לס נשמה געפינט זיך.

„און עס האָבן ניט געהאָלפן רחל׳עס געוויינען און געבעטן. מען האָט איר איבערגעוואָלט אַוועקגעפירט אין גן־עדן. דער גן־עדן איז אָבער פאַר איר אַ גיהנום געווען, און זי האָט באַלד פון דאָרט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און מיט אַ מתנה זינדיגע נשמות זיך אַרונטערגעכאַפּט אויפן עולם התחתון, דאָרט צו געפינען חיים׳לס נשמה און מיט אים צוזאַמען וואַנדלען איבער דער וועלט...

„רחל׳ע איז שוין געווען אויף דער זינדיגער וועלט, זי האָט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז זי קען חיים׳לס נשמה ניט געפינען אַזוי לייכט. די וועלט איז פול מיט זינדיגע נשמות. אין אַלע לעבער, אין אַלע וויסטע פּלעצער געפינען זיי זיך, און גיי געפין אַן איינאיינציגע נשמה!

„רחל׳ע איז אָבער ניט געווען אַנטוישט. זי האָט אָנגעהויבן וואַנדערן איבער דער וועלט און געהאַלטן אין נאָכפרעגן זיך אויף חיים׳לען.

„און ענדלעך האָט זי זיך אויף אים דערפרעגט.

„חיים׳ל האָט זיך געפונען אויפן פעלד, וואו איך קום יעדעס יאָר פאַר ערבות. ער איז דאָרט געווען מיט טויזנטער און טויזנטער אַנדערע נשמות, וואַרטנדיג אויף אַ תיקון, האָפנדיג, אַז זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ אויף אַ בלעטל פון אַן ערבה, וואָס וועט דערנאָך אַריינפאַלן צו אַ פרומען אידן, וואָס וועט מיט איר שלאָגן הושענות אָדער איר אַריינשטעקן אין זיין לולב . . .

„גרויס איז געווען די שמחה, ווען זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט. חיים׳ל האָט געהאַט גרויס צער, וואָס רחל׳עס נשמה האָט צוליב אים געמוזט אַזוי פיל ליידן. רחל׳ע איז אָבער געווען גליקלעך, וואָס זי קען זיין צוזאַמען מיט חיים׳לען און צוזאַמען מיט אים וואַרטן אויף דעם תיקון, וואָס וועט זיי ביידן ברענגען צו זייער רו..׳

„און אַט פאַראיאָרן האָב איך דערזען דאָס ריטעלע, אויף וועלכן זייערע ביידנס נשמות האָבן גערוט . . .

„אַ רחמנות האָט אַרומגענומען מיין האַרץ פאַר די צוויי אומגליקלעכע און עלנדע נשמות. איך האָב באַשלאָסן זיי צו העלפן. זיי האָבן פאַרדינט געהאָלפן צו ווערן.

„און איך האָב גענומען דאָס ריטל און עס פאָרזיכטיג געבראַכט צו זיך אין חדר. איך האָב געוואוסט, אַז ביידע זיינען באַגאַנגען אַ גרויס־זינד — חיים׳ל, וואָס ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, און רחל׳ע וואָס זי האָט ניט אויסגעפאָלגט דעם פּסק פון דער פמליא של מעלה. אָבער עס איז שוין געווען צייט, אַז זיי זאָלן קריגן זייער תיקון.

„און אַ דאַנק השם יתברך, זיי האָבן זייער תיקון געקראָגן. זיי זיינען איצט צוזאַמען אין גן־עדן״ . . .

## מ.

# „שמחת תורה".

ווי אזוי דער טשערנאָבילער האָט גערעטעוועט אַ אידישע נשמה.— דער „געכאַפּטער" חסיד און זיינע קרומע וועגן.—ר' מאָטעלע'ס נסיעה הושענא רבה ביינאַכט. — זיין שמחת תורה.

אויב אַ חסיד דינט גאָט מיט שמחה אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, פאַר־שטייט זיך, אַז סוכות, דער אמת'ער „זמן שמחתינו", האָט זיין שמחה קיין גרענעץ נים. וועד רעדט נאָך שמחת תורה!

נאָר „אנשי שלומנו'ניקעס" האָבן אַ השגה, וואָס שמחת תורה מיינט פאַר אַ חסיד, בפרט ווען ער געפינט זיך ביים רבי'ן.

איז טאָקע די פרייד אין אַ רבי'אישן הויף שמחת תורה תמיד געווען אַן אומבאַגרענעצטע: מען האָט געזונגען ממש ביז די נשמה איז אויס־געגאַנגען, און געטאַנצט עד כלות הנפש.

האָבן חסידים תמיד געגאַרט זיין אין טשערנאָבילער הויף שמחת תורה. זיי האָבן דאַן געהאַט וואָס צו געדענקען זייער גאַנצן לעבן.

דער טשערנאָבילער אַליין האָט קיינמאָל נים געצייגט קיין עצבות, אפילו נים אין די ימים נוראים. ימים נוראים האָט מען אויף אים געקענט זען יראה, אָבער נים קיין עצבות.

זיינען די ימים נוראים פאַריבער, און עס איז געקומען סוכות, האָט זיין פּנים געשטראַלט פון פרייד. שמחת תורה צו די הקפות האָט מען גע־קענט זען, ווי ער באַהעפט זיך בפועל ממש צו דער תורה, און אַז צוזאַמען ציען זיי זיך צו די עולמות העליונים. אַ גאָר אַנדער שמחה איז עס געווען. ממש נים משיג צו זיין פאַרן פשוטן מענטשן.

פאַסירט אַמאָל, אַז ר' מאָטעלע ווערט אומעטיג. ראש השנה—און זיין פּנים איז פאַרוואָלקנט; יום כפור—און מען הערט פון אים טיפע קרעכצן; און אַז עס קומט צו די ערשטע טעג סוכות, איז אים ממש נים צו דערקענען. די שמחה, וואָס מען איז געווען געוואוינט צו זען ביי אים, איז אַפּגעטאָן. זיצט אין סוכה אַ פאַרטראַכטער, און עס זעט אויס, רחמנא לצלן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אריינפאַלן אין עצבות.

וואונדערן זיך חסידים איבער דעם דאָזיגן שנוי, און קיינער קען קיין דערקלערונג ניט געבן.

מען לאָזט אָבער פון צדיק קיין אויג ניט אַראָפּ. אפשר וועט מען פון אים עפּעס הערן אָדער זען, וואָס ס'וועט אַלץ אויפקלערן.

קומט די נאַכט פון הושענא רבה, בלייבט דער עולם ווי געפּלעפּט. נאָך מעריב גיט דער רבי אַ באַפעל, אַז מען זאָל גרייט מאַכן זיין קאַרעטע.

ר' מאָטעלע איז נאָך קיינמאָל חול המועד און אודאי ניט הושענא רבה ערגעץ געפאָרן.

וויל ער דען איצט ערגעץ פאָרן? וואוהין? און וואָס זאָל עס באַדייטן? געוויס איז עס ניט אומזיסט.

די קאַרעטע ווערט געמאַכט גרייט, און דער טשערנאָבילער זעצט זיך אַריין און הייסט דעם שמייסער אַנטרייבן די פערד וואָס שנעלער.

נאָר איין גבאי האָט ער מיטגענומען, און דער דאָזיגער גבאי איז געווען ניט ווייניגער פאַרוואונדערט, ווי די, וואָס זיינען געבליבן אין הויף, ניט וויסנדיג וואו דער רבי פאָרט און ווען ער וועט צוריקקומען.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז אַוועק, און ר' מאָטעלע האָט זיך ניט צוריק־געקערט. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען.

אפשר איז ער געפאָרן אויסערן שטאָט זען ווי דער הימל „שפּאַלט זיך"?

חסידים האָבן זיך געבראָכן די מוחות.

עס האָט שוין אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג, און דער רבי איז נאָך אַלץ ניט געווען צוריק.

ערשט אַ שטיק אויפן טאָג, ווען חסידים האָבן זיך שוין געקליבן אין בית מדרש דאַוונען, האָט זיך באַוויזן דעם צדיק'ס קאַרעטע.

דער טשערנאָבילער איז אַרויס פון קאַרעטע, און זיין פּנים האָט גע־שטראַלט פון פרייד. די פאַרוואונדערטע חסידים איז פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. אויב דער רבי איז אַזוי פריילעך, אודאי האָט ער גרויסעס אויפגעטאָן מיט זיין נסיעה.

איז מען אויסגעגאַנגען פון נייגעריגקייט צו הערן, וואָס אַזוינס עס האָט דאָ פּאַסירט.

וואַרט מען אויף אַ געלעגנהייט, און די געלעגנהייט קומט.

שמחת תורה האָט ר' מאָטעלע געצייגט אַזאַ שמחה, וואָס מען האָט נאָך ביי אים ניט געהאַט געזען פריער. גייענדיג די הקפות מיט דער תורה

אין זיינע הענט, האט ער זיך אוועקגעלאזט אין א רקוד'ל. עס איז געווען אמת'ע התפשטות הגשמיות.

„רבונו של עולם", האט ער אויסגערופן, „ווי גרויס איז מיין דאנק צו דיר און ווי גרויס איז מיין שמחה, וואס איך האב זוכה געווען צו ראטעווען א אידישע נשמה! "

האבן שוין חסידים געוואוסט, אז עס האט זיך געהאנדלט וועגן א אידישער נשמה, און באלד האט מען זיך דערוואוסט די גאנצע מעשה.

דער טשערנאבילער האט געהאט א רייכן און בכבוד'ן חסיד. האט ער געהאלטן א פאסעסיע עטלעכע שעה פארן פון טשערנאביל. שמעון איז געווען זיין נאמען. ער איז געווען באוואוסט פאר זיין חכמה און זיין לומדות.

שמעון איז געווען א שטענדיגער פארער צום רבי'ן. כמעט ניט געווען דער יום טוב, וואס ער זאל ניט זיין אין טשערנאביל. די ימים נוראים איז דאך אפגערעדט.

אז ער האט אויסגעפעלט א יום טוב אין טשערנאביל, האט מען ממש נאך אים געבענקט. כאפט זיך אין דעם דאזיגן שמעון'ען אריין א קליפה, רחמנא לצלן. א איד א יודע ספר, האט ער אנגעהויבן ארייננקוקן אין ספרים חצונים: און אז מען לאזט זיך אריין אין די דאזיגע טריפ'ענע זאכן, הויבט מען אן בלאנדזשען, און אז מען בלאנדזשעט, פארקריכט מען אין אלדי רוחות, זאל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין.

איז שמעון געווארן געכאפט אין דער מעשה און האט אנגעהויבן קומען אלץ זעלטענער אין טשערנאביל, ביז ער האט אינגאנצן זיך אויפגעהערט וויזן.

האט מען אין הויף אפטמאל גערעדט וועגן דעם. אבער אז יענער קומט ניט, האט מען אן אים פארגעסן.

נאר ר' מאטעלע האט אן אים ניט פארגעסן און טאקע תמיד אויף אים געהאלטן אן אויג. ווארים אפילו פון דערווייטן האט ער געוואוסט, וואס שמעון טוט . . .

שמעון איז דערווייל געזונקען אלץ טיפער און טיפער. אויב ער האט זיך פריער באנוגנט מיט זינדיגע מחשבות, האט ער שוין איצט אנגעהויבן טאן עבירות במעשה. האט אויפגעהערט דאווענען און האט אפילו שוין ניט מקפיד געווען אויף עסן ניט קיין כשר'ע זאכן. . .

דער טשערנאבילער האט נאך אבער די האפנונג ניט געהאט פארלוירן.

„ער וועט זיך נאך ארומזען און ווערן א בעל תשובה", האט ער געזאגט מיט בטחון.

עס איז געקומען אלול, ווען יעדעס אידיש הארץ פילט אַ הרהור תשובה, און שמעון האָט אַלץ קיין תשובה ניט געטאָן.

„נישקשה, עס וועט קומען צו סליחות, און זיין אידיש הארץ וועט זיך דערוואַרימען“, האָט זיך ר' מאָטעלע געטרייסט.

אָבער דער שטן האָט אים שוין געהאַט אין נעץ. עס איז געקומען צו סליחות, און שמעון—ניט ווי אים מיינט מען עס.

האָט דער צדיק געוואַרט אויף ראש השנה.

די לעצטע טעג פאַר ראש השנה, און שמעון האָט אַרויסגעקוקט אויפן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר זיין פאָסעסיע, און געזען צענדליגער חסידים, צופוס און אין פורן, אויפן וועג קיין טשערנאָביל. ער האָט דער־פילט אַ בענקעניש. ער האָט אָבער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און זיך אָוועקגעדרייט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אויף זיינע ליפּן.

דער שטן האָט גובר געווען...

און אַז עס איז געקומען ראש השנה, איז ער געבליבן זיצן אין הויז און אָנשטאָט צו דאַווענען, איז ער געזעסן אַן אַ היטל, מיט אַ ליולקע אין מויל, און געליענט אפּיקורסישע ביכלעך.

דער טשערנאָבילער מגיד איז געווען באַזאָרגט. ווי לאָזט מען עס זיי־נעם אַ חסיד פאַרלוירן גיין? און עס איז דאָך ניט נאָר אַ פראַגע וועגן שמעון'ען, דער גאַנצער כלל ליידט צוליב דעם! שטייט דאָך עפּעס, אַז „כל ישראל ערבים זה בזה“, אַז אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן.

„עס קומט יום כפור, ער וועט זיך אַרומזען און חרטה האָבן“, האָט דער צדיק ניט אויפגעגעבן די האָפנונג.

די תשובה־טעג זיינען פאַריבער, און עס איז געקומען יום כפור. צו כל נדרי איז שמעון געזעסן מיט דער זעלבינער ליולקע און געטרונקען טיי. יום כפור בייטאָג האָט ער מיט זיינע גוי'אישע אָנגעשטעלטע פאַרבראַכט אין פעלד, פאַרענדיגנדיג אַרונטערנעמען די קאַרטאָפל.

ר' מאָטעלע איז געווען אויסער זיך. אַ טיפער צער האָט אים גע־דריקט אויפן האַרצן. ער האָט קיין מנוחה ניט געהאַט. און ער האָט גע־וואוסט, אַז ער וועט ווייטער קיין מנוחה ניט האָבן, ביז וואַנען שמעון וועט ניט אַרויסגעשלעפּט ווערן פונם זומפּ, אין וועלכן ער טרינקט זיך...

געקומען סוכות, איז דעם טשערנאָבילער גאָר ניט איינגעגאַנגען. די שמחה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ער האָט, רחמנא לצלן, געהאַלטן אין אַריינפאַלן אין עצבות.

„איך וועל נאָך וואַרטן ביז הושענא רבה“, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן.

און ווען עס איז געקומען הושענא רבה ביינאכט, האט ער געהייסן שפאנען פערד און זיך געלאזט פירן צו שמעון'ס פאסעסיע.

אנגעקומען איז דער טשערנאבילער דארט אינמיטן נאכט. אלע אין הויז זיינען שוין געשלאפן. בלויז שמעון איז נאך וואך געווען, און ווי תמיד איז ער געזעסן בגלוי ראש (אן א היטל) און געלייענט זיינע טריף־פסול'דיגע ביכלעך.

ר' מאטעלע איז אריין צו אים אין חדר.

שמעון האט אויפגעהויבן דעם קאפ און דערזען פאר זיך זיין רבי'ן.

ער איז א פארציטערטער געווארן. צי דאס איז געווען פון אימה, פון בושה אדער פון איבערראשונג, איז געווען שווער צו זאגן.

ער איז אויפגעשפרונגען און מיט אמת'ער יראה איז ער צוגעלאפן צום צדיק און אויסגערופן:

„רבי'ניו, זייט איר עס טאקע, אדער דאס דאכט זיך מיר נאר אזוי?"

ער האט ממש זיינע אויגן ניט געוואלט גלויבן, אזוי אומגעריכט איז עס אלץ פאר אים געווען.

„איך בין געקומען דיך ראטעווען", האט ר' מאטעלע געזאגט און האט מיט גרויס רחמנות, אזוי ווי אויף א פארזינדיגט קינד, געקוקט אויף זיין אמאליגן חסיד.

שמעון איז געווען אין א פארלעגנהייט.

„אבער וואס איז דען געשען, אז איר דארפט מיך ראטעווען?" — האט ער אנגעהויבן אונטערשטאמלען, ווי ער וואלט עפעס געזוכט צו באהאלטן.

„איך ווייס אלץ, שמעון", האט דער טשערנאבילער דערקלערט.

שמעון האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

„אויב דיר איז עפעס קשה, דאן לאמיך עס הערן, און איך וועל דיר אלץ פארענטפערן", האט דער צדיק געזאגט, זעענדיג, אז ער האט דא צו טאן מיט א פארפירטן...

און באלד זיינען ביידע געזעסן איינער אנטקעגן אנדערן, און א פלאם־פייערדיגער ויכוח האט זיך צווישן זיי צעפלאקערט.

שמעון האט אויסגעלאדן אלץ, וואס ער האט געהאט אויפן הארצן. ר' מאטעלע האט פארענטפערט אלע זיינע שאלות און קלאר געמאכט אלע זיינע ספקות...

לאנג האט דער ויכוח געדויערט, און וואס ווייטער איז שמעון געווארן שוואכער. ר' מאטעלע האט אים אנטוואפנט. ער האט אים באוויזן זיין טעות. שמעון האט זיך אונטערגעגעבן.

אויסברעכנדיג איז א געוויין, האָט ער אנגעהויבן בעטן ביים צדיק ער זאָל אים געבן א תשובה...

„דיין תשובה איז דיין באַגער זיך צו נעמען אויף א נייעם דרך", האָט אים דער טשערנאָבילער געזאָגט. „אויב דו זאָגסט מיר צו אויף ווייטער צו גיין אויפן דרך התורה והחסידות, וועל איך אַלץ נעמען אויף זיך"...

און ר' מאָטעלע איז צוריקגעפאָרן אהיים א צופרידענער.

ער האָט געראַטעוועט א אידישע נשמה, און זיין פרייד יענעם שמחת תורה האָט דעריבער קיין גרענעץ ניט געהאַט...

מא.

# דער בלינדער מלאך.

א מעשה מיט א חנוכה־לאמפ, און ווי ר׳ מאטעלע האט מתקן געווען א נשמה.—די מצווה און איר פגם.—דער בלינדער מלאך און זיינע בלאנדזשעניש אין הימל.

דער אמת׳ער צדיק טוט אלץ מיט איבערלעגונג און מיט א באשטימטער כוונה. ער מאכט ניט קיין שריט, וואס זאל ניט האבן קיין באזונדערע באדייטונג. אפילו אין זיין שיחות חולין ליגן טיפע סודות.

מען דארף האבן דאס אויג און די געהעריגע השגה אלץ צו פארנעמען. אבער ניט יעדער איז ראוי דאס צו פארנעמען, סיידן דער צדיק אליין דערקלערט דעם מיין פון זיינער אן עובדה.

איז טאקע קיין וואונדער ניט, וואס דעם טשערנאבילער מגיד׳ס מקורבים זיינען געווען געפלעפט און ניט געקענט פארשטיין די כוונה, ווען דער צדיק האט אויף א באזוך אינם הויז פון זיינעם א נגיד׳ישן חסיד אליין געבעטן, אז דער חסיד זאל אים אוועקשענקען דעם זילבערנעם חנוכה־לאמפ, וואס ער האט געהאט צווישן זיינע חפצים אין הויז.

דער רבי זאל אליין בעטן א מתנה, און דערצו נאך אזא טייערע מתנה, איז געווען א גרויסער חידוש.

און דער חידוש איז געווען נאך גרעסער דערפאר, וואס עס איז געווען קלאר, אז דער חסיד, ר׳ אליקום, האט גאר ניט געהאט קיין חשק זיך צו שיידן מיטן חנוכה־לאמפ. ער האט בלויז ניט געקענט ענטזאגן דעם רבי׳ן.

דער דאזיגער ר׳ אליקום איז געווען באקאנט פאר זיין גרויסער ליבע צו שיינע חפצים, באזונדערס אזוינע, וואס האבן א שייכות מיט אידישקייט. זיין הויז איז געווען פול מיט טייערע הדס׳ן, מיט זעלטענע קידוש־בעכערס, מיט שיין־אויסגענייטע חלה־צודעקלעך און נאך און נאך אזוינע ספעציעל־אידישע ארטיקלען.

ער האט געהאט זיין אייגענע ספר־תורה אין הויז און זי געהאלטן אין א פראכטיג־געשניצטן ארון־קודש׳ל, באהאנגען מיט זילבערנע עץ־חיים׳ס, אנגעטאן אין א שיין־אויסגענייטער מענטעלע.

ר׳ אליקום האט אויך געהאט א סך אנדערע אנטיקן אין הויז און איז

מיט זיי געוועז שטאַלץ און זיך מיט זיי געריטמט, ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט ציינן גדלות, נאָר דערפאַר, וואָס אַזוינע זאַכן זיינען ביי אים טאַקע אמת טייער געוועז.

האָט ר׳ אליקום שוין געהאַט אַ שם פאַר דעם, און וואו נאָר איינער האָט דערשמעקט אַ פיינעם חפץ, האָט ער עם געבראַכט צו אים און פאַר דעם געקראָגן אַ פיינע מטבע.

איז עס געוועז ר׳ אליקום׳ס גרעסטער פאַרגעניגן צו קענען ציינן זיינע אַנטיקן, ווען אַזאַ בכבוד׳יגער גאַסט ווי דער טשערנאָבילער איז צו אים געקומען. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳אליקום האָט ניט פאַרפעלט ביי אַזאַ געלעגנהייט צו געבן דעם טשערנאָבילער מתנות. פאַרן רבי׳ן איז קיין זאַך ביי אים ניט געוועז צו גוט אָדער צו טייער. יענעם מאָל האָט ער צום טשערנאָבילער אַרויסגעצייגט אַ באַזונדערע ברייטקייט. ער האָט אים באַשאָנקען מיט די טייערסטע מתנות.

דער חסיד האָט געלאָזט אָנפּאַקן גאַנצע קאַסטנס מיט פאַרשידענע חפצים, וואָס ער האָט איינגעקויפט ספּעציעל פאַרן צדיק, און ר׳ מאָטעלע׳ס מקורבים האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון ר׳ אליקום׳ס ברייטהאַרציגקייט.

אָבער פאַרן פאַרלאָזן ר׳ אליקום׳ס הויז, ווען דעם רבי׳ן׳ס קאַרעטע איז שוין געשטאַנען אַ געשפּאַנטע, ווענדט זיך ר׳ מאָטעלע מיטאַמאָל צו ר׳ אליקום׳ען און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים אַוועקשענקען זיין חנוכה־לאָמפּ.

דעם רבי׳ן׳ס באַגלייטער האָבן געקענט באַמערקן, ווי ביי ר׳ אליקום׳ען האָבן אַ צוק געטאָן די ליפּן. עס איז געוועזן קלאָר, אַז ער איז געוואָרן מבולבל פון דעם צדיק׳ס אומדערוואַרטן פאַרלאַנג. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ מאָמענט, ווייל באַלד האָט ער געהייסן איינפּאַקן דעם חנוכה־לאָמפּ און עס מיטגעגעבן דעם רבי׳ן אין זיין קאַרעטע.

ווען דער צדיק איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער געהייסן אויספּאַקן דעם חנוכה־לאָמפּ און אים באַטראַכט און זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט, קענטיג, גרויס הנאה געהאַט פון דעם דאָזיגן יקר־המציאות. ער האָט דעם לאָמפּ געהייסן אַוועקשטעלן צווישן זיינע אַנדערע חפצים און יקר־המציאות׳ן און באַלד אַז אים, ווי דאָס האָט אויסגעזען, אינגאַנצן פאַרגעסן.

האָבן חסידים ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער צדיק האָט דעם חנוכה־לאָמפּ אַוועקגענומען פון ר׳ אליקום׳ען, וועלכער האָט אַזאַ שטאַרקע ליבע צום דאָזיגן חפץ אַרויסגעצייגט.

שוין־זשע איז דער צדיק געוועז אַזוי זשעדנע, אַז ער האָט אים ממש אַרויסגעריסן פון ר׳ אליקום׳ס הענט ?

יארן זיינען אוועק. ר' אליקום איז שוין געווען אויפן עולם האמת. אין הויף האט מען שוין אינגאנצן געהאט פארגעסן אן חנוכה־לאמפ.

נאר איינמאל חנוכה, צום ערשטן ליכטל, גיט דער טשערנאבילער א זאג, אז דאס מאל וועט ער בענטשן חנוכה־ליכט אין יענעם חנוכה־לאמפ, וואס ער האט געקראגן פון ר' אליקום'ען.

נעמט מען דעם חנוכה־לאמפ ארויס פון צווישן די אנדערע חפצים, מען שייערט אים אפ און מען שטעלט אים אוועק אויפן געהעריגן פלאץ, וואו דער צדיק זאל מאכן די ברכה.

און דער טשערנאבילער בענטשט חנוכה־ליכט מיט גרויס כוונה און דבקות. עס איז קלאר, אז ער צילט צו עפעס· ווער קען אבער וויסן ווענן וואס דא האנדלט זיך?

ווארט מען, אז דער צדיק אליין זאל אויפקלערן דעם ענין, און עס נעמט ניט לאנג, און מען דערוויסט זיך אזא מעשה פלא:

ר' מאטעלע האט ניט אומזיסט אוועקגענומען דעם חנוכה־לאמפ פון ר' אליקום'ען. ער האט שוין יארן אין פאראויס געזען, אז ער וועט דארפן ברענגען א תיקון פאר ר' אליקום'ס נשמה לאחר מאה שנה.

דער חנוכה־לאמפ, וועלכער איז געווען אן אמת'ער יקר־המציאות, האט ניט געהערט צו ר' אליקום'ען. ער האט גאר געהערט צו א אידן, א יורד, מיטן נאמען יאסע דוד.

דער דאזיגער יאסע דוד האט דעם חנוכה־לאמפ געהאט א ירושה, וואס איז אריבערגעגאנגען פון טאטן צו זון פאר א סך דורות אין דער משפחה.

איז דער לאמפ יאסע דוד'ן געווען זייער טייער, און ער האט זיך קיינ־מאל ניט געוואלט מיט אים שיידן, אפילו ניט דאמאלט, ווען אים איז שטארק ענג געווען, און ער האט געמוזט האבן א חפץ צום פארזעצן.

ר' אליקום האט שוין לאנג געוואוסט פון יאסע דוד'ס חנוכה־לאמפ און האט שטארק געגארט אים צו האבן. אין זיין גרויסער ליבע צו אזוינע חפצים, האט ער זיך שוין ניט איינמאל געווענדט צו יאסע דוד'ן, ער זאל אים פארקויפן דעם לאמפ, אנבאטנדיג אים א פיינע מטבע.

יאסע דוד האט אבער ניט געוואלט הערן פון דעם.

מאכט זיך, אז יאסע דוד'ן ווערט אזוי ענג, אז ער קומט צו ר' אליקום'ען פאר א גמילת חסד. נעמט אים ר' אליקום אויף זייער פריינט־לעך און דערקלערט, אז ער וועט אים דעם גמילת חסד געבן מיט כבוד, אויב ער וועט אים נאר פארקויפן דעם חנוכה־לאמפ.

זאגט יאסע דוד, אז דאס וועט ער קיינמאל ניט טאן. מאכט ר' אליקום

אַ פאַרשלאַג, אַז אויב ער וויל דעם לאָמפּ ניט פאַרקויפן, זאָל ער עס אים געבן אַלס משכון.

אויף דעם איז יאָסע דוד איינגעגאַנגען. אַ ברירה האָט ער געהאַט?

ער האָט געהאָפט, אַז ווען אים וועט לויזער ווערן אין קעשענע, וועט ער דעם חנוכה־לאָמפּ צוריק אויסלייזן פון ר' אליקום'ס הענט.

ר' אליקום האָט שוין אָבער געהאַט אַן אויג אויפן לאָמפּ און ער האָט יאָסע דוד'ן ניט געזשאַלעוועט קיין געלט. ער האָט דעם גמילת חסד געמאַכט וואָס גרעסער. זאָל יאָסע דוד האָבן אַלץ ווייניגער מעגלעכקייט דעם משכון אויסצולייזן.

האָט די דאָזיגע עובדה פון דעם פרומען, און דאַכט זיך זייער גוטן, ר' אליקום'ען אָנגעמאַכט אַ רושם אין הימל.

עפּעס אַ מאָדנע פּאַסירונג! אַ איד ליבט אַזוי שטאַרק שיינע אידישע חפצים, אַז ער באַנוצט זיך מיט אַלע וועגן און מיטלען זיי אַריינצוקריגן. אייגנטלעך האָט ער דאָך דאָ יאָסע דוד'ן אַ טובה געטאָן. ער האָט אים אפילו געליען מער געלט, ווי דער לאָמפּ איז מעגלעך ווערט געווען אין דער אמת'ן. עס איז בלי ספק געווען אַ מצווה. די מצווה האָט אָבער געהאַט אַ פּגם (פעלער), און אין הימל האָט מען ניט געוואוסט ווי זיך צו באַציען צו דער דאָזיגער מצוה . . .

בידוע, ווערט פון יעדער מצווה אין הימל געבוירן אַ מלאך. איז אויך פון ר' אליקום'ס דאָזיגן גמילת חסד געבוירן געוואָרן אַ מלאך. אָבער צוליב דעם, וואָס די מצווה האָט געהאַט אַ פּגם, האָט אויך דער מלאך געהאַט אַ פּגם — ער איז געווען בלינד . . .

האָט דער בלינדער מלאך אומגעבלאָנקעט איבערן הימל און געוואַרט, ביז וואַנען ר' אליקום וועט קומען אויפן עולם האמת.

ווען ר' אליקום איז ענדלעך געקומען אויפן עולם האמת, האָט מען אים גענומען פאַר דער פמליא של מעלה און מען האָט אָנגעהויבן וועגן און מעסטן זיינע זכיות און דאָגעגן אויך זיינע שלעכטע מעשים.

מען האָט אָנגעהויבן רופן די מלאכים, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר ר' אליקום'ס מצוות, און זיי האָבן אויף אים גערעדט גוטס. מען האָט אָבער אויך גערופן די מלאכים, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר זיינע עבירות, און זיי האָבן אויף אים גערעדט שלעכטס . . .

עס האָט געהאַלטן ממש גלייך אויף גלייך. קיין זייט פון דעם וואָגשאָל האָט ניט אַריבערגעוואויגן. עס איז נאָך אָבער געבליבן דער בלינדער מלאך, און ער האָט עס געזאָלט אַריבערוועגן דעם וואָגשאָל אויפן זייט פון די זכיות. האָט מען אָבער דערזען זיין פּגם און מען האָט זיך דערמאָנט,

אז די מצווה, צוליב וועלכער דער דאָזיגער מלאך איז באַשאַפן געוואָרן, האָט געהאַט אַ גרויסן פעלער...

האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת איז געבליבן, אַז מען זאָל ר׳ אליקום׳ען שיקן אין גן־עדן, אָבער פירן אַהין זאָל אים דער בלינדער מלאך...

ר׳ אליקום האָט צוערשט גאָר ניט באַגריפן וואָס דאָס מיינט. מילא זאָל אים פירן אַ בלינדער מלאך, אַבי מען פירט אים אין גן־עדן...

ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען וואָס דאָס באַדייט. דער בלינדער מלאך האָט ניט געקענט זען דעם וועג און האָט מיט ר׳ אליקום׳ען אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן פון איין עק הימל ביזן צווייטן, איז פאַרקראָכן אויף זייטיגע וועגן, אָבער האָט ניט געקענט געפינען דעם ריכטיגן וועג צום גן־עדן...

און ווער ווייסט ווי לאַנג ר׳ אליקום וואָלט נאָך געדאַרפט אַרומגעפירט ווערן פון בלינדן מלאך.. אויפן עולם האמת האָט מען שוין אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף דער עלנדער נשמה, וואָס דאַרף. דאַכט זיך, אַריין אין גן־עדן אָבער קען דאָך אַהין ניט גרייכן...

אודאי וואָלטן זיך געהאַט געפונען אַזוינע, וואָס וואָלטן אוים רחמנות אָנגעצייגט דעם בלינדן מלאך דעם ריכטיגן וועג. אָבער אַ פסק דין איז אַ פסק דין. און אויב דער פסק איז געווען, אַז דער בלינדער מלאך זאָל ר׳ אליקום׳ס נשמה ברענגען אין גן־עדן, האָט ער דאָס געדאַרפט טאָן מיט זיינע אייגענע כחות, און קיינער האָט זיך ניט געטאָרט אַריינמישן.

עס איז בלויז געווען איין וועג ווי צו העלפן — ברענגען אַ תיקון, כדי דער מלאך זאָל באַקומען די ראיה...

אָט דעם דאָזיגן תיקון האָט ענדלעך געבראַכט דער טשערנאָבילער, בענטשנדיג חנוכה־ליכט אין דעם לאָמפּ, וואָס ער האָט געקראָגן ביי ר׳ אליקום׳ען...

„און איצט", האָט ר׳ מאָטעלע געזאָגט צו זיינע חסידים, „וועט איר שוין פאַרשטיין, פאַרוואָס איך האָב פון ר׳ אליקום׳ען גענומען דעם לאָמפּ און פאַרוואָס איך האָב אים ניט באַנוצט ביז איצט. איך האָב געוואַרט, ביז די צייט וועט קומען אים צו העלפן...

„אַזוי שנעל ווי איך האָב געמאַכט די ברכה און אָנגעצונדן דעם חנוכה־לאָמפּ, האָט דאָס ליכט דערגרייכט די עולמות העליונים. דער פּגם פון ר׳ אליקום׳ס אַמאָליגער מצווה איז גוט־געמאַכט געוואָרן, און דער מלאך איז זעענדיג געוואָרן...

„ר׳ אליקום׳ס נשמה האָט ענדלעך איר מנוחה געפונען" . . .

היינט זעט איר שוין ווי ווייניג דער פּשוט׳ער בשר ודם קען פאַרשטיין די דרכים פון די גרויסע צדיקים?

## מב.

# די צעטיילטע מלוכה.

ר׳ מאטעלע׳ס זין און די רבי׳אישע הויפן, וואס זיי האבן געגרינדעט.—דער פארזוך צו פארכאפן די טשערנאבילער מלוכה.—די קאנקורענץ צווישן די ברידער.—ר׳ מאטעלע׳ס פטירה.

דער גרויסער צדיק איז פאר זיינע חסידים קיינמאל ניט טויט. ער איז אויף זיי משפיע אפילו נאך זיין פטירה. חסידים פארן אויף די קברים אדער „ציונים“ פון זייערע רביים, ווי זיי וואלטן גאר ניט געווען אויפן עולם האמת נאר וואלטן נאך געזעסן אין זייערע הויפן, געפירט זייערע טישן, גענומען קוויטלעך און אזוי ווייטער.

וואס גרעסער דער צדיק, אלץ גרעסער איז זיין השפעה נאכן טויט. אזוי, צום ביישפיל, ריידן חסידים, וואס פארן אויפן קבר פון בעל שם טוב אין מעזשיבוזש, ווי זיי וואלטן געפארן צו א לעבעדיגן און ווירקנדיגן צדיק.

ר׳ נחמן בראצלאווער׳ס חסידים זיינען נאכן צדיק׳ס טויט געבליבן אן א רבי׳ן. זיי האבן אבער קיין אנדער רבי׳ן ניט געדארפט און ניט געוואלט. ר׳ נחמן איז פאר זיי געווען „רבי“ אפילו נאכן טויט.

אבער אפילו רביים, וואס לאזן איבער א ממלא מקום, האבן א גרויסע השפעה אויף זייערע חסידים נאכן טויט, און חסידים אין די טויזנטער פארן אויף זייערע קברים.

אזוי איז אויך דער פאל מיטן קבר פון דעם טשערנאבילער מגיד, ר׳ נחום, און דעם קבר פון זיין זון, ר׳ מאטעלע.

ר׳ מאטעלע איז נסתלק געווארן כ׳ אייר, תקצ״ז. ער איז געבראכט געווארן צו קבורה אין אנאטאווקע, א קליין שטעטל נעבן קיעוו.

חסידים האבן פאר דעם א דערקלערונג. עס דארף הייסן, אז ר׳ מאטעלע האט פאר זיין לעבן אליין אויסגעקליבן אנאטאווקע אלס פלאץ, וואו ער זאל באערדיגט ווערן.

ניט איינמאל איז ר׳ מאטעלע׳ן אויסגעקומען דורכצופארן אנאטאווקע. איינמאל האט ער זיך דארט אויפגעהאלטן איבער שבת און איז איינגעשטאנען אין דעם הויז פון זיינעם א חסיד, א רייכן סוחר.

פארן אפפארן האט דער סוחר געפרעגט דעם רבי׳ן וואס פאר א מתנה

ער וואלט וועלן האבן פון אים, ווארים ער איז גרייט אים צו געבן וואס ער וועט נאר פארלאנגען.

„איך וויל א גוט שטיקל לייוונט", האט דער צדיק געזאגט.

„לייוונט?" — האט זיך דער סוחר געוואונדערט. „עס איז דאך אזא קלייניגקייט!"

„איך דארף עס האבן פארן וויכטיגסטן צוועק אין לעבן — פאר תכריכים..." — האט דער טשערנאבילער געזאגט.

„אבער, רבי, איר וועט נאך לאנג לעבן און דארפט ניט טראכטן וועגן טויט", האט דער סוחר מיט אים פרובירט איינ׳טענה׳ן.

„קיינער ווייסט ניט, ווען זיין לעצטע שעה וועט שלאגן", האט אים דער טשערנאבילער געזאגט. „די צייט פון טויט איז מען ניט מגלה אפילו דעם גרעסטן צדיק, ווייל עס איז דער רצון פון דעם בורא, אז דער מענטש זאל פילן, ווי ער האט נאך א וועלט צו פירן. דער מענטש דארף אבער קיינמאל ניט פארגעסן, אז דער טויט שטייט הינטער אים, און צו יעדער מינוט דארף ער זיין גרייט אפצוגעבן דעם באשעפער די נשמה."

„אבער פארוואס האט איר זיך עפעס פלוצים דערמאנט אן טויט?" — האט דער סוחר געוואלט וויסן.

„ניט פלוצים", האט דער טשערנאבילער געזאגט. „איך האב מיר אויסגעקליבן אנאטאווקע פאר מיין באערדיגונגס־פלאץ."

און דער צדיק האט באלד דערקלערט פארוואס:

„איך האב לאנג ארומגעזוכט א אידיש שטעטל, וואו עס זאל ניט זיין קיין קלויסטער. איך האב עס ניט געפונען, ביז איך בין געקומען קיין אנאטאווקע. איך וועל ניט קענען ליגן רואיג אין קבר, ווען איך וועל הערן ווי די גלאקן פון קלויסטער קלינגען"...

עס זיינען נאך פארגאנגען א פאר יאר, ביז וואנען דער צדיק איז נסתלק געווארן. זייער ווייניג האבן געוואוסט פון דעם צדיק׳ס וואונש באערדיגט צו ווערן אין אנאטאווקע; און געהאלטן האט דערביי, אז ער זאל באערדיגט ווערן ערגעץ־אנדערשוואו.

אין דעם האט געשטעקט א שטיק „פאליטיק" פון טשערנאבילער הויף — פאליטיק, וואס האט טשערנאביל געדראט מיט א שפאלטונג.

נאך פאר ר׳ מאטעלע׳ס לעבן האט מען געקענט זען, אז די טשערנאבילער מלוכה וועט זיך אויסשפרייטן, אויב ניט צעשפאלטן ווערן אין א רייע קלענערע חסידישע מלוכה׳לעך. דער טשערנאבילער האט געהאט אכט זין און בלויז איינער פון זיי האט געקענט ווערן ר׳ מאטעלע׳ס ממלא מקום. פארשטייט זיך, אז דער דאזיגער האט געמוזט זיין דער עלטסטער זון, ר׳

אהר'על'ע, וועמענס צדקות איז נאָך אָנערקענט געוואָרן לאַנג פאַר זיין טאַטנ'ס הסתלקות און וועלכער איז פון זיין טאַטן אַליין געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ קדוש.

די אַנדערע זין האָבן אויך געטראַכט וועגן אַ תכלית, אָבער זיי האָבן ווייניג וואָס געטאָן אָדער געקענט טאָן פאַר זייער טאַטנ'ס לעבן.

אַן אויסנאַם איז געווען ר' יעקב ישראל, וועלכער האָט נאָך פאַרן טאַטנ'ס לעבן פּרובירט אויפשטעלן אַן אייגענע „מלוכה'לע".

ער האָט אָבער פון אָנפאַנג געהאַט געמאַכט דעם טעות ניט צו זוכן אַן „אייגענע קעניגרייך", צו געווינען חסידים מיט זיין אייגענעם כח, נאָר האָט עס געוואָלט טאָן אויף זיין טאַטנ'ס רעכענונג, באַצייטנס פּרובירט צו קריגן אַ חלק פון דער גרויסער ירושה.

ר' יעקב ישראל'ס חסידים זאָגן, אַז אין דעם איז געלעגן גרויס עניוות פון זיין צד. ער האָט ניט געגלויבט אין זיין אייגענעם כח און האָט גע־האַלטן, אַז ער קען נאָר עקזיסטירן אין זכות פון זיין טאַטן. אין דער זעל־ביגער צייט האָט ער שוין אויך געוואָלט פאַרכאַפּן דעם וועג זיין עלטערן ברודער, ר' אהר'על'ע, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרנעמען ר' מאָטעל'ע'ס פּלאַץ.

האָט זיך ר' יעקב ישראל אַרויסגעקליבן קיין הורנאָסטאָפּאָל, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון טשערנאָביל, און דאָרט אָנגעהויבן פירן אַ גוט־אידישע מלוכה'לע.

אויסגעקליבן האָט ער הורנאָסטאָפּאָל ניט אָן אויסרעכענונג. דאָס שטעטל איז ניט נאָר געווען נאָענט צו טשערנאָביל, נאָר איז אויך געלעגן אויפן סאַמע וועג, וואָס האָט געפירט קיין טשערנאָביל. הונדערטער חסידים, וואָס פלעגן פאָרן קיין טשערנאָביל, האָבן געמוזט דורכפאָרן הורנאָסטאָפּאָל. צענדליגער פלעגן זיין געצוואונגען צו בלייבן דאָרט שבת, ניט קענענדיג גרייכן אין צייט טשערנאָביל. האָט ר' יעקב ישראל געהאָפט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער קענען פאַרהאַלטן ביי זיך אַ באַדייטנדיגע צאָל פון די דורכ־גייענדיגע און דורכפאָרנדיגע חסידים און זיי געווינען אַלס זיינע אייגענע נאָכפאָלגער.

קיין צווייפל ניט, אַז ר' מאָטעל'ע האָט געוואוסט פון ר' יעקב ישראל'ס פּלענער, אָבער האָט גאָר ניט געטאָן אים צו שטערן. מן הסתם איז עס אים געווען ניחא. אפשר האָט ער געפילט, אַז עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, און זיין גרויסע חסידישע נאָכפאָלגערשאַפט וועט מוזן צעטיילט ווערן צווישן די קינדער.

דערווייל איז ר' מאָטעל'ע קראַנק געוואָרן, און זיין קראַנקייט איז

געוואָרן ערנסטער פון טאָג. חסידים האָבן זיך געשראָקן. די בני בית זיינען געווען באַקימערט.

איז געבליבן, מען זאָל דעם צדיק פירן קיין קיעוו צו אַ פּראָפעסאָר. האָט מען געשפּאַנט די קאַרעטע און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

„פירט מיך צוערשט קיין הורנאָסטאָפּאָל", האָט דער צדיק געזאָגט. געווים האָט ער געוואָלט זיך זען מיט זיין זון. פילנדיג, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער וועט אים זען.

אָנגעקומען אין הורנאָסטאָפּאָל, איז דער קראַנקער צדיק דאָרט געבליבן נעכטיגן.

ר׳ מאָטעלע איז דערווייל געוואָרן ערגער, און די באַגלייטנדיגע חסידים האָבן אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס איז דעם צדיק׳ס לעצטע נסיעה.

„לאָמיר שנעל שפּאַנען די פערד און פאָרן ווייטער", האָט איינער פון די גבאים געזאָגט. „מיר קענען נאָך חלילה זיין צו שפּעט פאַר קיעוו."

„איר טאָרט אים פון דאַנען ניט אַוועקנעמען", האָט ר׳ יעקב ישראל גענומען דאָס וואָרט. „איר זעט דאָך, אַז דער טאַטע איז זייער שוואַך, און עס איז פּשוט סכנת נפשות אים ווייטער צו פירן. ער וועט נאָך, חס וחלילה, שטאַרבן אונטערוועגנס."

צי ר׳ יעקב ישראל האָט עס טאַקע געהאַט אין זינען אָדער ניט, די בני בית, וואָס האָבן דעם צדיק באַגלייט, און די אַנדערע הויף־לייט, וואָס זיינען דערביי געווען, האָבן אָבער חושד געווען, אַז ר׳ יעקב ישראל איז דאָ אויסן, אַז דער צדיק זאָל נסתלק ווערן אין הורנאָסטאָפּאָל, כדי ער זאָל דאָרט באַערדיגט ווערן.

דאָס וואָלט פאַר אים געמיינט זייער פיל. הורנאָסטאָפּאָל וואָלט דאַן געוואָרן אַ וויכטיגער פּונקט פאַר די טשערנאָבילער חסידים. טויזנטער וואָלטן דאָרט געקומען יערלעך אויפן צדיק׳ס קבר, און האָבנדיג דאָרטן דעם צדיק׳ס זון, וואָלטן זיי שוין געבליבן זיינע נאָכפאָלגער און אָנגעהויבן פאָרן צו אים דירעקט. אויף אַזאַ אופן וואָלט ר׳ יעקב ישראל אויפגעבויט זיין אייגענע חסידישע מלוכה.

די אַנדערע ברידער האָבן אָבער געפילט, אַז זיי טאָרן עס ניט דערלאָזן. דער קראַנקער צדיק טאָר ניט נפטר ווערן אין הורנאָסטאָפּאָל און טאָר דאָרט ניט באַערדיגט ווערן. זיינען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך בײַם צדיק׳ס קראַנקן בעט, און זעענדיג, אַז עס איז נאָך ניט צו שפּעט, האָבן זיי געלאָזט שפּאַנען די פערד און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

ווי עס זעט אויס, האָט מען שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אַז

אַנאַטאָווקע און אַז דעם צדיק׳ס אַמאָליגן וואונטש צו ליגן דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין קלויסטער. די קינדער האָבן געהאַט בלויז איין זאַך אין זינען — ברענגען דעם צדיק וואָס שנעלער קיין קיעוו, האָפנדיג, אַז דער פּראָפעסאָר וועט אים נאָך קענען ראַטעווען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אַנאַטאָווקע, איז דער צדיק געוואָרן אַזוי שוואַך, דאָס מען האָט געמוזט אויפגעבן אַלע האָפנונגען אים נאָך צו ברענגען אַ לעבעדיגן קיין קיעוו.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַנאַטאָווקע, און דער טשערנאָבילער מגיד האָט דאָרט אין אַ קורצער ווײַלע אויסגעהויכט זיין נשמה.

דער צדיק איז דאָן באַערדיגט געוואָרן אין אַנאַטאָווקע. און אַזוי איז אויסגעפירט געוואָרן דעם צדיק׳ס אַלטער וואונש צו זיין באַערדיגט אין יענעם שטעטל, וואָס איז זינט דאַמאָלט געוואָרן אַ וויכטיגער פּונקט פאַר די טויזנטער טשערנאָבילער חסידים.

מיטן טויט פון ר׳ מאָטעלע׳ן האָט זיך די גרויסע טשערנאָבילער מלוכה אָנגעהויבן פאַנאַנדערטיילן. טשערנאָביל איז נאָך אַלץ געבליבן דער צענ־טער. אפילו דער שפּעטערדיגער אָפענער קריג צווישן ר׳ יעקב ישראל׳ן און ר׳ אהר׳לען האָט ניט צעבראָכן די טשערנאָבילער מלוכה. אַלע ברידער האָבן אָנערקענט ר׳ אהר׳עלעס גרויסקייט און צדקות און אַלע פלעגן זיי קומען צו אים זיך בענטשן.

טשערנאָביל האָט שוין אָבער מער ניט געשיינט ווי אַמאָל.

פון טשערנאָביל האָבן זיך איצט אָנגעהויבן אָפּטיילן וויכטיגע צווייגן. פון איין הויף זיינען געוואָרן אַכט הויפן, יעדער מיט זיין אייגענעם פּראַכט און גלאַנץ.

ר׳ יעקב ישראל האָט שפּעטער אַליין איינגעזען, אַז ער טאָר ניט משיג גבול זיין זיין ברודער און ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין טשערקאַסע, וואו ער איז פאַרבליבן כל ימיו, און איז געוואָרן באַקאַנט אַלס דער טשער־קאַסער רבי.

די אַנדערע זין האָבן זיך אויך אָפּגעזוכט שטעט פאַר זייערע חסידישע הויפן. ר׳ משה׳לע, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין תקמ״ט, האָט זיך באַזעצט אין קאָרטשיטשעוו; ר׳ נחום, געבוירן אין תקס״ד, איז געוואָרן דער מאַקאַרעווער רבי; ר׳ אברהם, געבוירן אין תקס״ו, איז געוואָרן טריס־קער רבי; ר׳ דוד׳ל, געבוירן אין תקס״ח, איז געוואָרן רבי פריער אין וואַ־סילקאָוו און דערנאָך אין טאַלנע; ר׳ איציקל, געבוירן אין תקע״ב, האָט געעפנט זיין הויף אין סקווירע, און ר׳ יוחנן, דער איינגסטער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין תקע״ו, איז געוואָרן דער רבי פון ראַכמאַסטריווקע.

אויסער די אכט זין האט ר' מאטעלע אויך איבערגעלאזט צוויי טעכ־טער. שיינדעלע האט חתונה געהאט מיט דעם ריזשינער'ס זון, ר' בע־רעניו, וועלכער איז געווארן דער לאיעווער רבי און וועלכער איז שפעטער ארונטער פון דרך הישר און האט מיט דעם מרעיש עולם געווען. ער איז דערנאך געווארן א בעל תשובה און צוריק פארנומען זיין פלאץ אלס חסידי־שער מנהיג. די דאזיגע פאסירונג האט אבער געפירט דערצו, אז שיינדעלע זאל פארלאזן איר מאן און זיך צוריקקערן צו אירע ברידער. זי האט פאר־בראכט אירע טעג אין טאלנע, ביי איר ברודער ר' דוד'ל.

די צווייטע טאכטער, חיה'לע, איז אליין געווען א גרויסע צדיקת און א קענעריין. מען האט איר אפילו געהאלטן פאר א גרויסע למדנית. זי האט חתונה געהאט מיט א סוחר'ישן יונגנמאן.

וועגן חיה'לען פלעגן חסידים דערציילן וואונדער־מעשה'לעך, ווי פון גוטע אידן.

איינע פון די מעשה'לעך איז, אז זי איז איינמאל געווען אונטערוועגנס און איז אריינגעפארן ביי א באוואוסטן טשערנאבילער חסיד. דער חסיד האט געמאכט א גרויסן פאראד פאר איר. א טאכטער פון אזא גרויסן צדיק איז א גרויסע זכיה צו האבן ביי זיך אין הויז.

האט מען געמאכט א פאראדנע סעודה, און חיה'לע איז געזעסן אויבן־אן. מען האט דערלאנגט עוף צום טיש. חיה'לע האט זיך אבער אנטזאגט צו עסן.

„עס איז נבלה", האט זי דערקלערט.

„גאט איז מיט אייך, וואס רעדט איר?" — האט דער חסיד אויסגע־רופן א פארציטערטער.

חיה'לע איז אבער באשטאנען, אז דאס עוף איז ניט כשר.

פארשטייט זיך, אז עס האט ניט געקענט זיין קיין חשד, אז ביים חסיד אין הויז איז ניט כשר. האט מען אנגעהויבן נאכזוכן, ווי אזוי דאס עוף איז געקומען אין הויז, און מען האט אויסגעפונען, אז די בעל־הבית'טע האט אינדערפרי געהאט געשיקט דעם משרת, א גוי, מיט לעבעדיגע עופות צום שוחט. אבער אנשטאט צו גיין צום שוחט האט ער זיי אליין איבער־געשניטן די העלזער און צוריקגעבראכט אין הויז.

די וואס זיינען געווען אין הויז האבן זיך שטארק געוואונדערט איבער דעם, וואס חיה'לע האט דערפילט אז דאס איז נבלה און איז ניט נכשל געווארן אין קיין עבירה.

„דאס איז דער כח פון מיין הייליגן פאטער", האט חיה'לע דערקלערט,

„ער האָט מיר געבענטשט, אַז איך זאָל קיינמאָל ניט נכשל ווערן אין קיין עבירה, און זיין זכות איז מיר ביינעשטאַנען״ . . .

אָבער אויב טשערנאָביל האָט אויפגעהערט שיינען און גלאַנצן ווי אַמאָל, האָט דערפאַר אָנגעהויבן אויפשיינען דער שטערן פון איינעם פון דעם טשערנאָבילער׳ס זין, ר׳ דוד׳ל טאַלנער.

טאַלנע איז געוואָרן דאָס וואָס פריער איז געווען טשערנאָביל, כאָטש ר׳ דוד׳ל אַליין האָט אַרויסגעקוקט אויף טשערנאָביל אַלס זיין מקור.

טאַלנע, ווי די אַנדערע הויפן וואָס דעם טשערנאָבילער׳ס זין האָבן אויפגעשטעלט, איז געוואָרן זעלבסטשטענדיג און האָט געצויגן איר יניקה פון איר אייגענעם מקור — פון דוד׳לס אייגענער גרויסקייט און צדקות.

ס ו ף

1